ושמחתם לפני ה' אלוקיכם שבעת ימים



קונטרס

# עונג יו"ט

## מלאים זיו ומפיקים נוגה

## סוכות - א'

נתנדב ונתפרסם לכבוד שב"ק ע"י
מו"ה **חנני' יו"ט ליפא גרויס** הי"ו
לע"נ זקינו רבי ישעי' ב"ר משה זיעוכי"א

צו סובסקרייבען שיקט אן אימעיל צו:
onegshabbos+subscribe@googlegroups.com
איר וועט באקומען אן אוטאמאטישע אימעיל,
ריפלייט צוריק מיט א ליידיגען אימעיל.

בס"ד



# מיין סוכות אוצר



## מיט ווערטער שיינע, פאר גרויסע און קליינע.

פ. מאזעסזאהן - "המחנה החרדי"

## ◆ פערל ווערטער סוביה ◆

**אך כל מלאכת עבודה לא תעשו.** (ויקרא כג:לד-לו)

דער באשעפער זאגט: מאכט פאר מיר א גאנצע עבודה פאר מיין נאמען און פריידט זיך מיט מיין שמחה, און נישט אז די שמחה זאל זיין פאר שוואוילטאג, נאר דער עיקר פרייד זאל זיין מ'זאל זיך פאראייניגן און זיין צוגעבונדן צו די תורה.

*(ילקוט אוהב ישראל)*

**ולקחתם לכם ביום הראשון...** (ויקרא כג:מ)

***מדרש: וְכִי רִאשׁוֹן הוּא וַהֲלֹא ט"ו הוּא אֶלָּא רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת, דארף מען פארשטיין וואס איז די כוונה פון רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת?***

נאר, אין די עשרת ימי תשובה טוען אידן תשובה מיראה און דעמאָלט ווערן פון די עבירות אזוי ווי שְׁגָגוֹת, אבער סוכות איז מען זוכה צו טוען תשובה מאהבה, ווערן פון די עבירות, מצוות, דעריבער איז דאס א גוטע בשורה, אז דער באשעפער הייבט אָהן דעמאָלט צו רעכענען די עבירות, ווייל דער באשעפער מאכט דערפון מצוות.

*(קדושת לוי)*

**בסכות תשבו שבעת ימים...** (אמור כג:מב)

ביי יעדער מצוה, וואס דער מענטש גייט מקיים זיין, דארף ער פריער מאכן א רוחנית'דיגע הכנה, און דערנאך קען ער מקיים זיין די מצוה געהעריג. דאס זאגט דער פסוק: "בסכות תשבו", דרש'ענען חז"ל, אז דאס מיינט "תשבו כעין תדורו"—אז לויט די הכנה אין די דירת קבע, במשך פונעם יאהר, אזוי וועט זיין דאס זיצן אין די סוכה, וואס מען וועט מקיים זיין מיט די ריכטיגע הכנה פון קדושה און שמחה.

*('באר משה' - קאזשניץ)*

**ויהי בשלם סוכו ומעונתו בציון** (תהלים עו:ג)

צוויי מצוות האבן אידן באקומען, וואס מ'גייט אריין אין זיי מיט'ן גאנצן קערפער. "**מצות סוכה**" און וואוינען אין "**ארץ ישראל**".

<<<<<<<



## מיר וואונטשן אלע טייערע קינדערלעך און אלע אונזערע ליינער א פרייליכ'ן יום טוב, א גוט קוויטל און א גמר טוב.

## מיין אוצר... דברות קודש פון אונזערע רבי'ס...

**בחמשה עשר יום לחדש השביעי הזה חג הסוכות שבעת ימים לה'** (ויקרא כג:לד)

פארוואס האט דער באשעפער באפוילן דוקא צו מאכן סוכות אלס א זכר צו די ענני הכבוד, וואס האבן ארומגענומען און באשיצט די אידן ווען זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים אזוי ווי די גמרא (סוכות יא.) זאגט, אויפ'ן פסוק (ויקרא כג:מג), "**כי בסוכות הושבתי את בני ישראל**",—אז דאס זענען ענני כבוד, וואלט מען דאך געדארפט מאכן סוכות אין חודש ניסן וואס דעמאלט זענען די אידן ארויס געגאנגען פון מצרים? מ'קען דאס ערקלעהרן אזוי: די ענני הכבוד האבן באשיצט די אידן פון די ברענעדיגע זון און פון די שווערע רעגנ'ס אזוי ווי דער פסוק (ישעי' ד:ו) זאגט: "**וסוכה תהי' לצל יומם מחרב ולמחסה ולמסתור מזרם וממטר**", אבער די הויפט גוטסקייט האט זיך אנגעזעהן מיט דעם וואס די ענני הכבוד האבן באשיצט פון די שווערע רעגנ'ס, ווייל ווערנדיג באשיצט בלויז פון די זון דערקענט זיך נישט דאס גוטסקייט אזוי שטארק, און ס'איז נישט קיין פארגלייך ווי ווען מ'ווערט באשיצט מיט די ענני הכבוד פון שווערע רעגענ'ס, שנייען, און האגל, וואס דעמאלט דערקענט זיך גאר שטארק די גוטסקייט פונעם באשעפער. דעריבער האט דער באשעפער באפוילן צו פייערן דעם יום טוב סוכות אין חודש תשרי, דער אנהויב פון די רעגן טעג וואס דעמאלט וועט זיך מער אנזעהן דאס גוטסקייט וואס דער באשעפער האט געטוען מיט די אידן ווען ער האט זיי באשיצט מיט די ענני הכבוד ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים.



*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע-מדבר קדש)*

**ושמחת בחגך והיית אך שמח.** (ויקרא כג:מ)

סוכות ווערט אנגערופן "**זמן שמחתנו**", ווייל ס'איז באקאנט, די גרויסע מעלות פון די סוכה, אז יעדער טאג קומען די זיבן אושפיזין: [אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד] אין די סוכה, יעדער פון די אושפיזין קומט אין זיין באשטימטן טאג, און ווערט באגלייט דורך די אנדערע אושפיזין, און יעדער איד דארף דאס גלויבן אז די אושפיזין קומען אין די סוכה, און ווען ס'איז דא א פארזאמלונג פון צדיקים, זאגן חז"ל (סנהדרין עא:) "**כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעולם**",—און ווען די אושפיזין קומען זיצן אין די סוכה פון יעדער איד, איז נישטא קיין גרעסערע שמחה פון דעם, דעריבער איז סוכות טעג פון שמחה".

*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע - מדבר קדש)*

<<<<<<<

## ◆ פערל׳ ווערטער סוכות ◆

דאס איז אויך מרומז (תהילים עו:ג) "וַיְהִי בְשָׁלֵם סֻכּוֹ וּמְעוֹנָתוֹ בְצִיּוֹן". "וַיְהִי בְשָׁלֵם"—וועלכע מצוות ווערן געטוען מיט'ן גאנצן קערפער? "סֻכּוֹ"—די מצות "סוכה". "וּמְעוֹנָתוֹ בְצִיּוֹן"—און דאס וואוינען אין ציון, דאס איז "ארץ ישראל".

*(הגר"א מווילנא זצוק"ל)*

### וחגותם אותו חג לה' שבעת ימים בשנה... בחדש השביעי תחגו אותו (ויקרא כג:מא)

דער טור (סי' תרכ"ה) שרייבט: "כאטש מיר זענען ארויס פון מצרים חודש ניסן, האט דער באשעפער געהייסן מאכן דעם יום טוב סוכות דייקא אין חודש תשרי, כדי ס'זאל זיך דערקענען אז מ'זיצט אין די סוכה נאר דערפאר ווייל דער באשעפער האט געהייסן. דאקעגן חודש ניסן ווען ס'איז א שיינע צייט קען דאס אויסקוקן ווי מ'זיצט אין די סוכה פאר'ן אייגענעם פארגעניגן. "**וחגותם אותו**"—איר זאלט פייערן דעם יום טוב סוכות דייקא נאר אלס "**חג לה'**"—נאר כדי מקיים צו זיין דערמיט מצות ה', און נישט פאר'ן אייגענעם פארגעניגן. דעריבער "בחודש **השביעי** תחוגו אותו"—דייקא אינעם זיבעטן חודש, חודש תשרי, און נישט אין חודש הראשון, חודש ניסן.

*(קרן לדוד)*

### כי בסוכות "הושבתי" את בני ישראל... (ויקרא כג: מב)

אין מדרש שטייט: די ענני הכבוד האבן אויפגעהויבן די אידן און זיי געפיהרט אנגעלאהנט אזוי ווי איינער וואס די שיף פיהרט אים כאטש דער מענטש גייט נישט מיט זיינע פיס אין די שיף, דערפאר ווען מ'איז געגאנגען א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, זענען זיי נישט מיד געווארן. דער פסוק זאגט: כי בסוכות "הושבתי",—איך האב אייך באזעצט, און נישט דער לשון "הולכתי",—געגאנגען, ווייל די אידן זענען געזיצן אין זייערע הייזער און די וואלקענעס האבן זיי געטראגן.

*(החיד"א-חומת אנך)*

### כי בסוכות הושבתי את בני ישראל (ויקרא כג: מב)

די גמרא (סוכה יא:) ברענגט א מחלוקת, וואס זענען געווען די סוכות אין מדבר? רבי אליעזר זאגט: ס'איז געווען ענני כבוד, און רבי

<<<<<<<

## מיין אוצר... דברות קודש פון אונזערע רבי'ס...

<<<<<<

### ותזכנו לישב ימים רבים על האדמה אדמת קדש (יה"ר להסוכה)

דער זיידע ז"ל [כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע] האט ערקלעהרט דעם ענין פון סוכה אפילו אין חוץ לארץ, אז אין די סוכה נעמט אונז דער באשעפער ארום מיט די קדושה פונעם בית המקדש פון אלע פיהר זייטן, פון אויבן פון אונטן, די ווענט, די סכך, און די לופט פון די סוכה איז ממש די לופט פון קדושת ארץ ישראל. מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס מיר בעהטן, אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן אין ארץ ישראל, "ימים רבים" ווייל די סוכה איז פיהל מיט די קדושה פון ארץ ישראל אבער דאס בלייבט נישט אויף לאנג, דערפאר בעהטן מיר אז מיר זאלן שטענדיג זוכה זיין צו די קדושה פון ארץ ישראל.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

### הרחמן הוא יקום לנו את סוכת דוד הנופלת... (ברהמ"ז)

דאס ווארט "**הנופלת**" איז אויך א לשון פון תפלה—דאווענען. אזוי ווי ס'שטייט (דברים ט:יח) "**ואתנפל**"—און איך האב געדאווענט. די סוכה פון דוד המלך שטייט אויבן אין הימל און בעהט זיך ביים באשעפער ער זאל שוין רחמנות האבן אויף זיינע קינדער וואס זענען אין גלות און מיר זענען מתפלל אויף דעם בית המקדש אז עס זאל שוין אויפגעבויט ווערן במהרה. דאס זאגן מיר "**הרחמן הוא יקום לנו את סוכת דוד**"—דער באשעפער זאל אויף שטעלן דעם בית המקדש. וועלכע בית המקדש מיינט מען? זאגט מען גלייך "**הנופלת**", דער בית המקדש וואס בעהט אויבן אין הימל אויף אונז אז דער באשעפער זאל שוין רחמנות האבן.



*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע - מדבר קדש)*

### ולקחתם לכם ביום הראשון. (אמור כג:מ)

מדרש: ראשון לחשבון עוונות - פון סוכות הויבט מען אהן פריש צו ציילן די עבירות.

די כוונה פונעם מדרש קען זיין: ס'שטייט (ויקרא רבה ל:ב): ראש השנה און יום כיפור משפט דער באשעפער די אידן אנטקעגן די גוים, און מיר ווייסן נישט ווער ס'וועט זיגן. אבער ווען די אידן גייען ארויס מיט די אתרוגים און לולבים אין זייערע הענט, ווייסט מען אז די אידן האבן געזיגט. דער ענין פארוואס דער באשעפער מיט זיין גרויס חסד, משפט די אידן אנטקעגן די גוים איז, ווייל ער וויל אז די אידן זאלן זוכה זיין בדין, און כאטש דער איד טרעפט שטענדיג אין זיך א פעהלער, אבער אנטקעגן די אומות העולם—די גוים, זענען דאך די אידן זיכער בתכלית השלימות, און זיי גייען ארויס זכאי בדין. דאס זאגט דער מדרש: "**ולקחתם לכם ביום הראשון-ראשון לחשבון עוונות**", די כוונה איז אויפ'ן חשבון צווישן די אידן און דעם באשעפער. כאטש אנטקעגן די אומות העולם זענען דאך אידן בתכלית השלימות און זיי גייען ארויס מיט א זכות פון זכאי בדין, אבער די אידן פאר זיך דארפן שטענדיג טראכטן דעם "חשבונו של עולם",—אז זיי זענען נאך נישט בתכלית השלימות, און דארפן תשובה טוען אויף זייערע מעשים.

*(מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

### ולקחתם לכם ביום הראשון. (אמור כג:מ)

***מדרש (ויק"ר ל:ב): די אידן און די פעלקער קומען צו ווערן גע'משפט פאר'ן באשעפער, און די שרי אומות העולם קומען מקטרג זיין פאר'ן באשעפער אויף די אידן, און מיר ווייסן נישט ווער ס'וועט זיגן. אבער***

<<<<<<<

## פערל ווערטער סוגיה

עקיבא זאגט: ס'איז געווען בודקעס ממש. קען מען זאגן אז רבי אליעזר און רבי עקיבא גייען לשיטתו, וויבאלד רבי אליעזר האלט אז די סוכות אין די מדבר זענען געווען די ענני כבוד, וואס איז געווען איין סוכה, האלט ער דעריבער "אין יוצאין מסוכה לסוכה",—מ'טאהר נישט ארויס גיין פון איין סוכה צו די צווייטע, נאר מ'דארף בלייבן אין די זעלבע סוכה. רבי עקיבא וואס האלט אז די אידן האבן געבויעט סוכות ממש, קומט אויס אז ווען זיי האבן זיך געצויגן פון איין ארט צום צווייטן און גערוהט אויף א נייעם ארט האבן זיי זיך געמאכט נייע סוכות, דעריבער האלט רבי עקיבא, יוצאין מסוכה לסוכה.

*(פנים יפות)*

### בסכת תשבו שבעת ימים... (ויקרא כג:מב)

די גמרא (שבת קל) זאגט: אלע מצוות וואס אידן האבן אנגענומען מיט פרייד, זענען זיי היינט אויך מקיים מיט פרייד. דערפאר מאכט מען נאר א זֵכֶר צו די סוכות וואס דער באשעפער האט געמאכט פאר די אידן, און נישט פאר די אנדערע זאכן וואס זענען געווען נאך יציאת מצרים, אזויווי, **מן**, **באר**, **שליו**. ווייל ביי די אנדערע זאכן האבן די אידן געקלאגט אויף משה רבינו, אויסער ביי "**סוכות**" האבן זיי זיך געפרייד. זאגט די תורה, אז מיר זאלן מאכן די מצוה וואס איז געמאכט געווארן מיט פרייד, אין א צייט וואס מ'פריידט זיך, '**זמן שמחתנו**'—און דאס איז סוכות.

*(שפתי צדיק)*

### בסכת תשבו שבעת ימים... כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים... (ויקרא כג:מב-מג)

**רש"י: סוכה איז א זכר לענני הכבוד, וואס האט באשיצט די אידן אין מדבר.**

פרעגן די מפרשים, אידן האבן דאך באקומען דריי מתנות אין מדבר, 'מן' 'באר' און 'ענני הכבוד' (תענית ט.) איז פארוואס מאכט מען דווקא א זכר נאר פאר די ענני הכבוד און נישט פאר'ן 'מן' און די 'באר'? דער **חיד"א** ברענגט בשם גברא רבא הרב החסיד רבי חיים כפוסי', אז דער 'מן' און די 'באר' איז געקומען פאר די אידן על פי דין, ווייל דער

<<<<<<<

## מיין אוצר... דברות קודש פון אונזערע רבי'ס...

<<<<<<

***ווען די אידן גייען ארויס מיט די אתרוגים און לולבים אין זייערע הענט, ווייסט מען אז די אידן האבן געזיגט.***

אייגענטליך וואס פאר א דין און משפט האבן די אידן מיט די פעלקער אין ראש השנה? נאר מ'קען דאס פארשטיין לויט וואס דער מדרש (ויק"ר ל:ב) זאגט: ראש השנה איז דער יום הדין, און דער באשעפער מיט זיין גרויס חסד, וויל מזכה זיין די אידן, דעריבער משפט ער די אידן צוזאמען מיט די פעלקער, און אזוי ארום וועלן די אידן זיכער ארויס זכאי בדין, ווייל כאטש די אידן זענען נישט אליין בשלימות אבער אנטקעגן די פעלקער, זענען זיי דאך שטענדיג זיכער בתכלית השלימות. דאס איז פשט אין מדרש: אז די אידן מיט די פעלקער קומען צו ווערן גע'משפט פאר'ן באשעפער, און די שרי אומות העולם קומען מקטרג זיין אויף די אידן, און מיר ווייסן נישט ווער ס'וועט זיגן? אבער וויבאלד דער באשעפער משפט די אידן צוזאמען מיט די פעלקער, זענען די אידן זיכער מנצח, ווייל די אידן קעגן די פעלקער זענען שטענדיג בתכלית השלימות.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

### ולקחתם לכם ביום הראשון... (ויקרא כג:מ)

אין מדרש (תנחומא אמור כב) שטייט: דערפאר ווערט סוכות אנגערופן "ראשון" ווייל ס'איז "ראשון לחשבון עונות". - דארף מען דאך פארשטיין, דער חשבון פון די עבירות איז דאך שוין געווען ראש השנה און יום כיפור, פארוואס זאגן חז"ל אז יעצט רעכנט מען די עבירות?! דער תירוץ איז, אז סוכות טרעפן מיר זיך מיט אונזערע הייליגע אבות, ס'קומען אריין צו אונז אין סוכה די הייליגע זיבן אושפיזין, און אויך די ארבעה מינים איז קעגן די דריי אבות און יוסף הצדיק (ויקרא רבה ל, י), און ווען מיר הייבן אן צו פארגלייכן אונזערע מעשים קעגן די מעשים פון



אונזערע גרויסע עלטערן, זעהן מיר ווי ווייט אונז זענען פון זיי, און וויפיהל מיר דארפן נאך שטרעבן און ארבעטן צו צוקומען צו עפעס א משהו פון זייערע הייליגע וועגן. טאקע אמת אז ראש השנה און יום כיפור האבן מיר שוין געמאכט א חשבון פון אונזערע עבירות און געטוען תשובה, אבער דעמאלט זענען מיר נישט געשטאנען קעגן אונזערע הייליגע אבות. אבער יעצט ווען ס'קומט סוכות און מיר שטעלן זיך אוועק נעבן אונזער עלטערן, הייבט זיך אן א פרישע חשבון עוונות, ווייל יעצט זעהן מיר ווי ווייט מיר זענען נאך פון באשעפער. "**ב**'סוכות **ת**'שבו **ש**'בעת" איז ראשי תיבות: **בֹּשֶׁת**, ווייל מיר שעהמען זיך פון אונזערע גרויסע הייליגע אבות, און דער בושה העלפט אונז מיר זאלן קענען באמת תשובה טוען.

*(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מבעלזא - יום ב' סוכות תדשם)*

### בסכת תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסכת (ויקרא כג:מב)

דארף מען פארשטיין די כוונה פונעם פסוק, ס'זעהט אויס ווי ס'איז צוויי מָאהל איבערגע'חזר'ט די מצוה פון זיצן אין די סוכה? נאר דער פשט אין פסוק איז אזוי, דער ערשטער חלק רעדט פון די מצוה פון ישיבת סוכה, נאכדעם זאגט דער פסוק אן הבטחה, אז אויב מ'וועט מקיים זיין די מצוה פון סוכה וועט מען זוכה זיין, אז ווען משיח וועט קומען, וועט מען זיצן בסכת עוֹרוֹ של לויתן. דאס איז פשט, "בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים",—ס'איז א מצוה צו זיצן אין די סוכה זיבן טעג, און אויב מ'וועט אזוי טוען זאגט די

<<<<<<<

## • פערל ווערטער סוכה •

באשעפער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים און מדבר אריין, און זיי גענומען פאר זיין פאלק צו זיין זייער קעניג, איז מן הראוי אז ער זאל זיי געבן צו עסן און צו טרינקען. אבער די ענני הכבוד זענען געווען לפנים משורת הדין כדי זיי צו באשיצן פון די זון האט דער באשעפער מיט דעם געוויזן א חיבה יתירה צו די אידן דעריבער מאכט מען א זכר דווקא פאר די ענני הכבוד צו דאנקען דעם באשעפער פאר זיין ליעבשאפט צו אונז. נאך א תירוץ ברענגט דער **חיד"א** ווייל דער 'מן' און די 'באר' האבן אידן באקומען דורך תלונות, זיי זענען געקומען מיט טענות צו משה רבינו אז זיי האבן נישט וואס צו עסן און נישט וואס צו טרינקען, און אויף זאכן וואס קומט דורך טענות און קריגערייען מאכט מען נישט א זכר. אבער די ענני הכבוד האט זיי דער באשעפער אליין געגעבן מרוב חסדיו, דעריבער אויף אזא זאך מאכט מען יא א זכר.

*(ספרו "ראש דוד")*

### בסכת תשבו שבעת ימים... (ויקרא כג:מב)

הגאון רבי שלמה קלוגער זצוק"ל ברענגט א וואונדערליכער טעם פאר מצות סוכה. די גמרא (תענית כד:) דערציילט אויף רבא אז ער האט מתפלל געווען אין תקופת תמוז, ס'זאל גיין רעגן און זיי תפילה איז אנגענומע געווארן און ס'האט גע'רעג'נט. איז זיין טאטע געקומען צו אים אין חלום און געזאגט ווייל דו האסט מטריח געווען כלפי שמיא איז דא אויף דיר קטרוגים, איז ראטזאם אז דו זאלסט נישט שלאפן אויפ'ן פלאץ ווי די שלאפסט געווענליך. אינדערפרי האט ער געזעהן סימנים פון מעסערס אין זיין געוועהנליכע בעט, ווייל די מזיקים האבן אים געוואלט שעדיגן. לויט דעם קען מען זאגן אזוי: אידן דאווענען ראש השנה און יום כיפור, זיי זענען מפציר און בעהטן שטארק, מער ווי ס'קומט זיין עפ"י שורת הדין, און דער באשעפער הערט זייערע תפילות און שענקט זיי א גוט געבענטשט יאהר. איז דא א חשש אז די מזיקים וועלן מקטרג זיין און זיי וועלן שעדיגן ח"ו, דעריבער האט דער באשעפער באפוילן מ'זאל ענדערן דאס פלאץ ווי מ'שלאפט א גאנץ יאהר און

<<<<<<<

## מיין אוצר... דברות קודש פון אונזערע רבי'ס...

<<<<<<

תורה צו אן הבטחה, אז "כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת", אז מ'וועט זוכה זיין צו זיצן אין די סֻכַּת עוֹרוֹ שֶׁל לִוְיָתָן.

*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### בסכת תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסכת (ויקרא כג:מב)

די ראשי תיבות פון "**ב**'סוכת **ת**'שבו **ש**'בעת **י**'מים" איז "**תשבי**", וואס איז מרמז אויף אליהו התשבי [אליהו הנביא] וואס קומט מיט אלס גאסט, מיט די זיבן אושפיזין, וואס אין זכות פון מצות ישיבת סוכה וועט ער אונז קומען מבשר זיין די גאולה און מיר וועלן דעמאָלט זוכה זיין צו זיצן 'בסוכת עורו של לויתן'.

*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

## • הושענא רבה •

### ושני בדי ערבות שהם כנגד משה ואהרן (תפילה כשאונדין הלולב).

דער טאטע ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע] האט געזאגט דעם ענין, ווייל ערבה איז מרמז אויף ענוה און שפלות. ביי משה רבינו ע"ה שטייט (במדבר יב:ג) "**והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה**", און ביי אהרן שטייט (שמות טז:ז) "**ונחנו מה**". דעריבער זענען די צוויי בדי ערבה קעגן משה און אהרן. **אד"ק ז"ל**. מ'קען אויך זאגן ווייל ס'שטייט אין מדרש (ויק"ר ל:יד) "וערבה דומה לפה",— ערבה איז גלייך צום מויל. משה רבינו ע"ה האט שטענדיג מתפלל געווען אויף אידישע קינדער. דער תרגום יונתן (במדבר כ:כט) זאגט אויף אהרן הכהן אז ער איז געווען "עמוד צלותהון דישראל", דערפאר זענען די צוויי בדי ערבה וואס זענען מרמז אויפ'ן מויל, קעגן משה און אהרן, און תפילה דארף זיין בענוה ושפלות, דעריבער באדייט ערבה אויך שפלות.



*(כ"ק מרן מהר"א זי"ע ליל ד' דחוהמ"ס תש"ו - ע"י הגה"ק מבילגורייא זי"ע)*

### כשהיה בית המקדש קים היו מקיפין את המזבח בהושענא רבה, עכשיו כשאין בית המקדש קיים נוטל חזן הכנסת הספר תורה ומקיף את הבימה (ירושלמי)

ס'שטייט אין ירושלמי אז ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען האט מען הושענא רבה ארום גערינגלט דעם מזבח, אבער היינט אז מיר האבן ליידער נישט קיין בית המקדש, נעמט דער חזן פון די שוהל די ספר תורה און ער גייט ארום די בימה. דארף מען פארשטיין וואס פאר א שייכות האט דער מזבח, מיט די ספר תורה ארום די בימה? נאר דער זוהר הק' אין פ' ויקהל פרעגט פארוואס רופט מען דעם מזבח הפנימי 'מזבח', בשלמא אויפ'ן מזבח החיצון האט מען גע'שחט'ן קרבנות, אבער אויפ'ן מזבח הפנימי האט מען דאך נאר מקטיר געווען קטורת. ענטפערט דער זוהר הק' ווייל דורכדעם וואס די אידן זענען מקטיר קטורת טוען זיי פארשניידן די אידישע שונאים. די גמרא (שבת פט:) פרעגט: פארוואס הייסט דער הר סיני, הר חורב? ווייל דורך קבלת התורה איז אראפ געקומען א חורבה אויף די אומות העולם. זעהט מען אז דער מזבח מיט די תורה זענען ממש גלייך, ווייל דורך די קטורת וואס מ'איז מקטיר

<<<<<<<

## • פערל׳ ווערטער סוכה •

ארויסגיין און שלאפן אין די סוכה.

**בסכת תשבו שבעת ימים... (ויקרא כג:מב)**

אייגענטליך ווען מ׳טראכט אריין אין די מצוה פון סוכה קומט אויס אז יעדער איד האט דאך א פריוואטע סוכה פונדעסטוועגן ווען מ׳רעדט פון סוכות שטייט אימעטום "סוכות", ווי חג הסוכות און אזוי ווייטער, ס׳וואלט געדארפט הייסן "חג הסוכה". נאר ס׳שטייט אין ׳ילקוט שמעוני׳ אז דורכדעם וואס א איד היט אפ די מצוה פון סוכה אויף די וועלט וועט ער זוכה זיין לעתיד לבוא צו זיצן אין די סוכה פון די צדיקים און ווי ס׳ווערט געברענגט וועט דאס זיין אינעם ׳עורו של לויתן׳. קען זיין אז דעריבער שטייט ׳סוכות׳ א לשון רבים. ווייל ס׳איז מרמז אויףביידע סוכות, די סוכה אין וואס מיר זיצן יעצט, און די צווייטע סוכה פון ׳עורו של לויתן׳ לעתיד לבוא.

*(בני יששכר)*

**למען ידעו דרתיכם כי בסכות הושבתי את בני ישראל... (ויקרא כג:מג)**

ס׳איז באקאנט די קשיא פונעם חיד"א זצ"ל פארוואס דוקא אויפ׳ן נס פון די ׳ענני הכבוד׳ מאכט מען א זכר מצות סוכה, און די אנדערע נסים וואס זענען געווען אין מדבר, ווי מָן, און בְּאֵר, מאכט מען נישט קיין זכר? דער "בני יששכר" ברענגט א תירוץ: חז"ל זאגן אז אינעם מָן האט מען געקענט שפיהרן א טעם פון אלע מאכלים וואס מ׳האט נאר געוואלט, און אינעם וואסער פונעם באר האט מען געשפיהרט א טעם פון אלע משקאות וואס מ׳האט געוואלט. דעריבער ווען אידן גייען אריין אין די סוכה, און מ׳עסט און מ׳טרינקט לכבוד יו"ט, האט מען מיט דעם געמאכט דעם זכר צו אלע דריי נסים.

נאך א תירוץ ענטפערט דער ׳**בני יששכר**׳, אז ברויט און וואסער איז א זאך וואס דער באשעפער שפייזט אלע זיינע באשעפעניש, ווייל ס׳איז דאך וויכטיג צום לעבן פונעם מענטש, דעריבער איז נישט שייך צו מאכן א זכר אויף א נס פאר א זאך וואס קומט נאטורליך צו געבן. אבער די ענני הכבוד וואס דאס קומט נישט מן הדין צו געבן, מאכט מען די סוכה אלס זכר צום נס.

***

## מיין אוצר... דברות קודש פון אונזערע רבי׳ס...

<<<<<<

אויפ׳ן מזבח ווערן פארשניטן די אידישע שונאים, און דורך קבלת התורה איז אראפ געקומען א חורבה אויף די אומות העולם. דעריבער אז מיר האבן היינט ליידער נישט דעם מזבח, נעמט דער חזן פון די שוהל די ספר תורה און ער גייט ארום די בימה, וואס דאס איז דער ענין פון קבלת התורה.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

**וְנוֹהֲגִים לְכַבּוֹת אֶת הַנֵּרוֹת עִם הַהוֹשַׁעְנוֹת לְשִׂמְחָה**, (טור סי׳ תרס"ד)

דער טעם דערפון קען מען זאגן אזוי. אין הושענא רבה, איז די עיקר עבודה, צו בעהטן אויף עהרליכע קינדער, אזוי ווי מען זאגט אין דעם "יְהִי רָצוֹן" אויפ׳ן בינדן דעם לולב, אז "עֲרָבָה" בגימט׳ "זֶרַע" און אויפ׳ן פסוק (הושע יד,ז) יֵלְכוּ יוֹנְקוֹתָיו וִיהִי כַזַּיִת הוֹדוֹ, טייטשט רש"י בשם התרגום, די כוונה פונעם פסוק, זיינע זוהן און טעכטער זאָלן זיך מערהרן און זייער לויטערקייט זאָל זיין אזוי ווי די לויטערקייט פון די הייליגע מנורה, ממילא די "ערבה" וואס איז מרמז אויף קינדער, לעשט מען מיט דעם אויס, די מנורה, מרמז צו זיין, אז מיר דארפן נישט די נרות המנורה, ווייל אונזערע קינדער אליין וועלן זוכה זיין צו לייכטן אזוי ווי די מנורה.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*



### הושענא רבה - א טאג פון תשובה

מ׳פיהרט זיך צו זאגן, הושענא רבה ביי שחרית דעם קאפיטל "מזמור שיר ליום השבת", ווי דער טור (סי׳ תרס"ד) זאגט: "ביום חמישי של חול המועד שהוא הושענא רבה נוהגים שמרבין במזמורים כמו ביום טוב". מ׳קען ערקלעהרן פארוואס מ׳זאגט אין הושענא רבה "מזמור שיר ליום השבת", לויט ווי דער מדרש (ב"ר פכ"ב) זאגט: אז ווען אדם הראשון האט געהערט, ווי קין האט זיך אויסגעגליכן מיט׳ן באשעפער כביכול דורכדעם וואס ער האט תשובה געטוען, האט אדם הראשון געזאגט דעם פסוק "מזמור שיר ליום השבת". דעריבער, הושענא רבה, ווען ס׳איז א טאג פון תשובה, איז פאסיג צו זאגן דעם קאפיטל "**מזמור שיר ליום השבת**".

*(מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

## • שמחת תורה •

**נָגִיל וְנָשִׂישׂ בְּזֹאת הַתּוֹרָה כִּי הִיא לָנוּ עֹז וְאוֹרָה.** (פיוט שמחת תורה)

**כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** האט געזאגט: וואס דער באדייט פון דאס טאנצן שמחת תורה קען איך אייך נישט זאגן. אבער דאס קען איך זאגן, אז אלע תפילות וואס זענען נישט ארויפגעגאנגען אין הימעל א גאנץ יאהר, קומען אהן אויבן, דורכ׳ן טאנצן אין שמחת תורה. האט **כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע** צוגעלייגט: די גמרא (יומא ג) זאגט: "שְׁמִינִי [עֲצֶרֶת] רֶגֶל בִּפְנֵי עַצְמוֹ הוּא לְעִנְיַן פַּזֵּר קֶשֶׁב". שמיני עצרת איז א יום טוב פאר זיך פאר׳ן ענין פון "פַּזֵּר", די אלע פארשפרייטע תפילות פון א גאנץ יאהר, "קֶשֶׁב", הערט אויס דער באשעפער אין דעם טאג.

## מאוצרות הצדיקים

## בסוכות תשבו

### ♦ די נעמען פונעם יום טוב

דער יום טוב ווערט אנגערופן מיט דריי נעמען:

א) **חג הסוכות**, צוליב די מצות סוכה וואס דער באשעפער האט באפוילן פאר די אידן, אלס זכר צו די ענני כבוד.

ב) **זמן שמחתינו**, ווייל ס'שטייט אין די תורה, ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים, און ס'שטייט ושמחת בחגך, אז יו"ט סוכות איז א באזונדערע מצוה צו זיין פרייליך.

ג) **חג האסיף**, ווייל סוכות פאלט אויס אין די צייט וואס מ'ברענגט אריין די תבואה פון פעלד צום שטוב, א גאנץ זומער האט זיך די תבואה געטריקענט אינדרויסן אין די פעלדער, און סוכות ברענגט מען זיי אריין, אז ס'זאל נישט שאדן גיין פון די רעגן.

### ♦ די הייליגע לעכטיגקייט פון די אושפיזין

**בסכת תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסכת...** (ויקרא כג:מב)

ס'איז באקאנט אז די אבות פון די וועלט זענען די אושפיזין וואס קומען אין די סוכה, און זיי קומען אנגעקליידעט אין די סוכה, אזוי ווי ס'איז מבואר אין די ספרים הקדושים. און דערבער גרייט מען זיי צו א פלאץ אין די סוכה אבער דער עיקר איז זייער הייליגע ליכטיגקייט פון זייער עבודה און זייערע מדות וואס באלייכטן די סוכה, און דאס איז דער באדייט, וואס ס'שטייט אז יעדער איד דארף זאגן "מתי יגיעי למעשי אבות. *("דברי חיים" דרוש לסוכות-מובא בעלים לתרופה)*

### ♦ אווירא דארץ ישראל אין די סוכה

דער ענין פון די פיהר ווענט, סכך, און די ערד פון די סוכה איז, אז דער באשעפער נעמט אונז ארום פון אלע זייטן מיט א קדושה פון די הייליגקייט פונעם בית המקדש, און די לופט אין די סוכה איז אזוי ווי אוירא דארץ ישראל—לופט פון ארץ ישראל. *(כ"ק מרן מהר"ש זי"ע)*

### ♦ די סוכה– א דורכגאנג צו די וואכן-טעג

דער באשעפער האט געגעבן דעם יום טוב סוכות נאך די ימים נוראים, כדי מ'זאל קענען ארויסגיין פון אזא הייליגע ארבעט פון די ימי הרחמים והרצון צו די וואכעדיגע טעג, און דורכ'ן זיצן אין די סוכה שיצן מיר זיך אין איר, ביז מיר געוואוינען זיך צו די לופט פון די וועלט. *(ה"שרף" מסטרעליסק זי"ע)*

### ♦ "סוכות" מלא און חסר

דאס ווארט "**סוכה**" האט דריי טייטשן: א) "**הערן**"—פון לשון "הסכת ושמע ישראל (דברים



כז:ט). ב) "**זעהן**", פון לשון יסכה—שסוכה ברוח הקודש"—ער האט געזעהן מיט רוח הקודש. (מגילה יד.) ג) כפשוטו, "**צוגעדעקט**"—סכך. דערפאר שטייט אין די תורה צוויי מאהל סכו"ת חסר אן א וא"ו, א רמז אז די ראיה—**זעהן**, און די שמועה—**הערן**, דארף דער מענטש דערויף ארבעטן, ווייל פון זיך אליין אָן סייעתא דשמיא קען ער גארנישט טוען. אבער אויב ער טוהט זיינע פעולות, וועט אים דער באשעפער העלפן און באשיצן. דערפאר שטייט דער דריטער "סוכות" מלא, מיט א וא"ו. *(ליקוטי מהרי"ל)*

### ♦ לערנען תורה אין די סוכה

וואויל איז דעם וואס לערענט תורה אין די סוכה, ווייל דער וואס זיצט אין די סוכה לשמה און פרייט זיך מיט'ן יום טוב, דעם וועט ארום נעמען א וואלקן פון באשעפער אויף זיין סוכה, וואויל איז דער וואס זעהט דאס טאקע, כאטש מיר זעהן דאס נישט, אבער ס'איז זיכער און אמת. *(יערות דבש ח"א דרוש ו)*

### ♦ דאס איז דאך דער פשוט'ער פשט....

מי שהיה ראשו ורובו בסוכה ושלחנו בתוך הבית... (סוכה פרק ב: משנה ז)

הרה"ק רבי שמואל קאמינקער האט אמאהל געטראפן א ריזשינער חסיד און אים געבעטן אויב ער קען עפעס איבערזאגן פון זיין גרויסער רבי דער הייליגער ריזשינער. האט דער חסיד געזאגט אז דער רבי האט אמאהל געטייטשט די משנה אין סוכה "מי שהיה ראשו ורובו בסוכה ושלחנו בתוך הבית", אז א איד וואס איז ראשו רובו אין די סוכה דהיינו אז ער ליגט אין העכערקייט, ער דינט דעם באשעפער מיט א געהויבענקייט אבער, "ושולחנו", ווען ס'קומט צו עניני גשמיות ווי עסן און טרינקען, "בתוך הבית", קען ער זיך נישט מתגבר זיין נאר ער ליגט אין עסן און טרינקען און איז זיך מגשם, איז די הלכה אז אין אזא וועג קען מען נישט יוצא זיין די מצוה פון סוכה, ווייל צו ווערן אן אמת'ער עובד ה' ווערט מען נאר ווען אויך די גשמיות איז לשם שמים און מיט א געהויבענקייט. ווען דער צדיק האט געהערט דעם ווארט האט ער זיך געגעבן א רוף אהן. דאס האט דער תנא פון די משנה געמיינט... דאס איז פשוט פשט. *(עירין קדישין בשם כתבי ר' יוסף צלא ז"ל)*

### ♦ א חשובע מצוה

אלע מצוות איז מען נאר מקיים מיט איין אבר, אבער די מצוה סוכה נעמט ארום דעם מענטש מיט אלע זיינע גלידער. און ס'איז נישטא נאך אזא חשובע מצוה ווי די מצות סוכה, ווייל מ'גייט אריין אין די סוכה מיטן גאנצן קערפער, אפילו מיט די שטיוועל. *('דברי יחזקאל')*

### ♦ שכר מצות סוכה

לעתיד לבוא וועט א בת־קול ארויס קומען פון א הויכער בארג אין ארץ ישראל, און וועט אויסרופן, "די אלע צדיקים וואס האבן געהיטן די מצוה פון סוכה, זאלן קומען אין די סוכה פונעם 'עורו של לויתן' זיך דערקוויקן מיט די הייליגע זיסקייט פון די שכינה הקדושה", און דארט וועלן זיי זעהן דעם גרויסן נס וואס דער באשעפער וועט טוען פאר די וואס האבן מקיים געווען די מצוה פון סוכה. אויסער דעם גאנצן כבוד וואס צדיקים וועלן זוכה זיין לעתיד לבוא, וועט דער באשעפער פאר יעדן מאכן א באזונדערע חופה לויט זיין מדריגה, אלע חופות וועלן זיין געקניפט און געבינדן איינס העכער פון אנדערן, וואס וועט


>>>>>>>

## מַיין אוֹצָר... סוכות... מאוצרות הצדיקים... ורבוה"ק מבעלזא

>>>>>>>

דערגרייכן ביז'ן כסא כבוד, און דארט וועלן זיי זוכה זיין צו זעהן די ליכטיגע לויטערקייט פונעם באשעפער. *(מחזה אברהם', קונטרס חזון למועד)*

### • די סוכה איז א רמז אויף גלות

כל האזרח בישראל ישבו בסוכות. (ויקרא כג:מב)

דער הייליגער ריזשינער האט אמאהל געזאגט אז די מצוה פון סוכה איז מרמז אויפ'ן גלות, ווייל די סוכה איז דער דירת ארעי פון א מענטש און אויך מיר זענען אין גלות בארעי און בקרוב וועלן מיר שוין אנקומען צוריק אהיים. און דער צדיק האט צוגעלייגט אז צווישן די הלכות וואס איז דא ביי סוכה איז די הלכה אז די סכך פון די סוכה, מעג נישט זיין געמאכט פון א זאך וואס איז מחובר לקרקע ווייל א איד אין גלות איז נישט מחובר לקרקע, דער איד גייט כסדר גלות ליידן ווען ער איז אין גלות. מיט נאך א זאך איז די סוכה ווי דער גלות. די הלכה איז אז א סוכה מעג נישט זיין צו הויך, פון צעהן טפחים און העכער איז דאס כשר, אבער נאר ביז צוואנציג אמה, ווייל א איד אין גלות מעג זיך נישט דערהייבן צו הויך, ער דארף שטענדיג ארומגיין איינגעבויגן און מקבל זיין אויף זיך דער עול הגלות. *(ויקהל משה)*

### • פסח און סוכות, זכר אויף יציאת מצרים

די ספרים הק' פרעגן פארוואס זענען באשטימט געווארן צוויי באזונדערע ימים טובים פסח און סוכות, ווען ביידע ימים טובים זענען א זכר אויף יציאת מצרים? נאר ס'קען זיין אז פסח איז בלויז א זכר אויף דעם אז דער באשעפער האט אויסגעלייזט די אידן פון מצרים פון די שווערע ארבעט, און זיי זענען באפרייט געווארן. אבער וויבאלד נאכדעם וואס זיי זענען באפרייט געווארן זענען זיי דערהויבן געווארן צו גאר א הויכע מדרגה, אז דער באשעפער האט זיי ארום גענומען מיט זיבן ענני הכבוד, וואס ווייזט אויף א גאר א הויכן ליכטיגקייט, אויף דעם האט מען באשטימט א באזונדערן יום טוב. *(צבי לצדיק-בלאזוב)*

### • אזוי ווי א נייע כלי

אמאהל איז דער טריסקער מגיד זי"ע געבליבן שטיין אינדרויסן פון די סוכה און נישט געוואלט אריין גיין. ער האט געזאגט: ס'שטייט "אדם יסודו מעפר",—אז דער יסוד פונעם מענטש איז פון ערד, קומט אויס אז מיר זענען אזוי ווי א "כלי חרס"—אן ערדענע כלי, און אין שלחן ערוך הלכות סוכה איז דא אן הלכה אז מ'טאהר נישט אריין ברענגן ערדענע כלים אין די סוכה. אויב אזוי ווי אזוי קען מען אריין גיין אין די סוכה, אבער באלד האט ער ערקלעהרט, מיר האבן געלערנט

>>>>>>>

## • צוויי מהודר'דיגע אתרוגים פון ארץ ישראל

הרה"ח ר' מענדל פרידמאן ז"ל פון ירושלים עיה"ק פלעגט יעדעס יאהר שיקן אתרוגים אויף סוכות פון ארץ ישראל קיין בעלזא צו כ"ק מרן מהר"א זי"ע. עטליכע חדשים פאר יום טוב האט ער ארויסגעשיקט מיט די פאסט א קעסטל פון פשוט'ע און פסול'ע אתרוגים צו נוצן אויף 'נוי סוכה', און פאר די ימי נוראים האט ער געשיקט א קעסטל מהודר'דיגע אתרוגים פאר מרן זי"ע. מנהג רבותינו הק' איז צו קויפן אתרוגים פאר ראש השנה און בין כסא לעשור האט מען זיי איבערגעקוקט און אויסגעקליבן די אתרוגים וואס מ'וועט נוצן לברכה פאר סוכות.

ענדע שנת תרצ"ט האט ר' מענדל ווי געוועהנליך געשיקט צוויי קעסטלעך אתרוגים, ווען דאס ערשטע קעסטל פון די 'נוי סוכה' אתרוגים איז אנגעקומען פאר ראש השנה, האט מרן זי"ע ארויסגענומען פונעם קעסטל צוויי אתרוגים און זיי אוועק געלייגט, כאטש אינעם קעסטל איז נישט געווען כשר'ע אתרוגים לברכה. אבער דאס צווייטע קעסטל פון די כשר'ע אתרוגים איז נישט אנגעקומען, ווייל ס'איז פארלוירן געווארן צוליעב די אומשטענדן פון די צווייטע וועלט'ס קריג וואס האט דעמאלט אויסגעבראכן, ווען דייטשלאנד און רוסלאנד האבן אריינגעדרינגען קיין פוילין.

בין כסא לעשור ווען די גבאים האבן געמאלדן פאר מרן זי"ע אז דאס קעסטל מיט כשר'ע אתרוגים איז נישט אהנגעקומען, האט זיי מרן זי"ע געוויזן, אז ער האט שוין אויסגעקליבן צווי אתרוגים פונעם קעסטל מיט די 'נוי סוכה' אתרוגים, און ווען מ'האט זיי איבערגעקוקט האט מען טאקע געזעהן אז זיי



געווען צוויי כשר'ע אתרוגים. אין יענעם סוכות שנת ת"ש, האט מען אין בעלזא געבענטשט אתרוג אויף די צווי כשר'ע אתרוגים. דאס אליין אז מ'האט געטראפן צווי כשר'ע אתרוגים צווישן די פסול'ע 'נוי סוכה' אתרוגים איז געווען א גרויס וואונדער, און נאך מער אז מרן זי"ע האט זיך אויסגעקליבן צוויי כשר'ע אתרוגים פונעם 'נוי סוכה' קעסטל, אנדערש ווי ער פלעגט שטענדיג צו טוען.

ר' מענדל פרידמאן האט אנגעהאלטן זיין מנהג אויך אין ארץ ישראל און יעדעס יאהר, געוועהנליך ביז ראש השנה, האט ער אריין געברענגט פינף כשר'ע און מהודר'דיגע אתרוגים פאר מרן זי"ע, און מרן זי"ע האט זיך אויסגעקליבן אן אתרוג פון די פינף, וואס ער האט גענוצט לברכה. יעדעס יאהר ווען ר' מענדל פלעגט קומען מיט די אתרוגים האט מרן זי"ע איבערגע'חזר'ט און אים דערמאנט: "דו געדענקסט אז דאס לעצטע יאהר וואס מיר זענען געווען אין בעלזא האבן מיר געבענטשט אתרוג אויף די 'נוי סוכה' אתרוגים"... פאר ר' מענדל איז יעצט קלאהר געווארן א לאנגיאריגער רעטעניש. ער האט דעמאלט געהאט אוועק געלייגט צוויי מהודר'דיגע און טייערע אתרוגים אין א זייט, און זיי זענען אים פלוצלינג פארשוואונדן געווארן. יעצט אבער האט ער שוין אלעס פארשטאנען. ווארשיינדליך האט זיין ארבייטער בטעות אויך איינגעפאקט די צוויי מהודר'דיגע אתרוגים צוזאמען מיט די 'נוי סוכה' אתרוגים, ווייל פון הימל האט מען געוואלט אז דער בעלזער רב זי"ע זאל האבן צוויי כשר'ע און מהודר'דיגע אתרוגים אויף סוכות.

***

>>>>>>>

א כלי חרס ווען מען צוברעכט דאס ווערט דאס צוריק ריין, אזוי אויך מיר וועלן צוברעכן אונזער הארץ פאר'ן באשעפער, וועלן מיר ווערן ריין אזוי ווי א נייע כלי, דערפאר קענען מיר יעצט אריין גיין אין די סוכה.

## ♦ די ברכה פון "לישב בסוכה"

אין של"ה הק' שטייט, ס'פאסט זיך צו זאגן די ברכה פון "**לישב בסוכה**" מיט א הויכע און שיינע שטימע, און מיט א ניגון, און מען זאל דאס זאגן מיט'ן זעלבן נוסח ווי מען זאגט די אנדערע ברכות פון קידוש, און נאכמער די ברכה דארף מען זיין מער געווארענט צו זאגן מיט דעם נוסח, וויבאלד דאס איז א ברכת המצוה וואס דער באשעפער האט אונז באפוילן צו זיצן אין די סוכה. דאס זעלבע דארף מען שטארק זיין געווארנט צו זאגן הויך וויבאלד דער קול איז מעורר די כוונה. *(שלה"ק דף רמ"ה)*

## ♦ מסירות נפש פאר מצות סוכה

ערב סוכות האט אן ארימער הינקעדיגער שוסטער אנגעקלאפט ביים טיהר פון הרה"ק רבי מרדכי פון לעכעוויטש זי"ע, און געבעהטן: "רבי, איך האב געהערט אז איר פארבארגט ברעטער פאר א סוכה, ביטע, בארגט מיר אויך"! האט אים דער הייליגער לעכעוויטשער געזאגט: "אנטשולדיגט, ס'איז שוין זייער שפעט, איך האב שוין אלע ברעטער אוועק געטיילט", איז דער שוסטער אוועק געגאנגען מיט א פארקלעמט הארץ, און ארומגעוואנדערט אין א שטארקן גאָס רעגן צווישן



די אידישע הייזער, אפשר וועט זיך א איד אויף אים דערבארימען, און אים געבן ברעטער פאר זיין סוכה. דורכ'ן פענצטער האט דער הייליגער לעכעוויטשער געזעהן דעם הינקעדיגן ארימאן, ווי ער שלעפט זיך פון שטוב צו שטוב. האט ער אויסגערופן: "**רבונו של עולם, זעה נאר ווי גרויס און חשוב די מצוה פון סוכה איז ביי אידן, זעה ווי שטארק זיי זענען זיך מוסר נפש דערפאר, אינדרויסן רעגנט, דער שוסטער שלייכט אין וואסער און בלאטע, כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה פון זיצן אין די סוכה, קוק אראפ פון הימל און בענטש דיין פאלק מיט אלעם גוטן!**" דערנאך איז דער הייליגער לעכעוויטשער ארויף געגאנגען אויפ'ן דאך, און געזוכט, און געפונען עטליכע פארבליבענע ברעטער האט ער גערופן זיין משמש, און אים געבעהטן אריבער צופיהרן די ברעטער צום הויז פונעם ארימען שוסטער, און אים העלפן אויפשטעלן זיין סוכה.

## ♦ די סוכה ווי א שָאטן

דער פסוק (ישעיה ד:ו) זאגט: "**וסוכה תהיה לצל יומם**", די סוכה איז ווי א שאָטן. פונקט אזוי ווי דער שאָטן טוהט אלעס וואס דער מענטש טוהט און אין שאָטן קען דער מענטש זעהן זיין אייגן געשטאלט, אזוי אויך פון די סוכה קען א מענטש וויסן אויב זיינע מצוות זענען געטוען געווארן ווי ס'דארף צו זיין. *(כנסת יחזקאל)*

## ♦ סוכה און ד' מינים זענען "כלי זיין"

דער פסוק (תהלים קמ:ח) זאגט: "**סכותה לראשי ביום נשק**", וואס דאס איז מרמז אז אין דעם "יום נשק"—ווען מיר נעמען אין די הענט די ארבעה מינים, וואס ווערן אנגערופן אין זוהר הק' "מאנא קרבא" (כלי זיין), דעמאלט איז אויך די צייט פון "**סכותה**" - צו זיצן אין די סוכה. *(אור המאיר)*

## ♦ ער איז געבליבן זיצן אין זיין סוכה

הרה"ק רבי אליעזר מאזיפאלע (א זוהן פון הרה"ק רבי יודא צבי מסטרעטין זי"ע) האט יעדן סוכות פארציילט אזוי: אמאהל איז געווען א חסיד וואס האט געהאט א גרויס חיות פון די מצוה פון סוכה, און ווען ס'איז אדורך דער יו"ט סוכות האט ער נישט געוואלט ארויסגיין פון די סוכה ווייל ער האט געהאט א גרויס השתוקקות פון די מצוה, איז ער געבליבן זיצן אין זיין סוכה עטליכע וואכן ביז ס'איז געווארן ווינטער און ס'איז געפאלן א גרויסער שניי אז מען האט שוין געמוזט ארויס גיין פון די סוכה, האט ער געהאפט

>>>>>>>

## ♦ א מנורה פאר סוכות

הגה"צ רבי יונתן שטייף זצ"ל, אב"ד פעסט, איז פאר שבת מברכים אלול, געקומען צוזאמען מיט זיינע ראשי הקהלה צו מרן זי"ע, צו נעמען א ברכה צום נייעם יאהר. ביים געזעגענען זיך, זענען די 14-15 אידן וואס זענען מיט אים געקומען אדורך געגאנגען מרן זי"ע, און מרן זי"ע האט זיי אלע געוואונטשן א גוט געבענטשט יאהר. מערסטע פון די אידן זענען געווען אייניקלעך פונעם הייליג'ן 'חתם סופר'. ווען דער צעהנטער איד וואס האט געהייסן מר. פריידיגער איז אדורך געגאנגען האט אים מרן זי"ע אפגעשטעלט און געזאגט: "איך בין געקומען דא אהער אהן חפצים, און ביי אונז איז געווען דער מנהג צו האבן א מנורה אין די סוכה, אפשר בארגסטו מיר א מנורה." אלע אנוועזענדע זענען געבליבן שטיין פארוואונדערט,



פארוואס האט מרן זי"ע פונקט אפגעשטעלט מר. פריידיגער, כמעט אלע זענען די זעלבע יחסנים ווי ער, אייניקלעך פונעם הייליג'ן 'חתם סופר'? מר פריידיגער האט מסכים געווען און געזאגט אז ער גייט שוין ברענגען די מנורה. האט אים מרן זי"ע געזאגט: "ניין, ניין, איך קען נישט נעמען קיין אחריות אויף דעם, איך וועל שוין שיקן א שליח ערב סוכות צו נעמען פון אייך די מנורה." האט מר פריידיגער געענטפערט: דער רבי זאל נישט שיקן צו מיר, איך וועל אליין ברענגען די מנורה ערב סוכות, און מוצאי יום טוב וועל איך דאס קומען אפנעמען. שפעטער האט מען שוין פארשטאנען פארוואס מרן זי"ע האט פונקט אפגעשטעלט מר פריידיגער. ווייל ער האט געהאט בירושה א מנורה פונעם הייליג'ן 'חתם סופר' און דעריבער האט מרן זי"ע ביי אים געבעהטן די מנורה. *(מפי הרה"ח ר' יעקב אלי' זינגער הי"ו)*

>>>>>>>

א גאנץ יאהר ס'זאל שוין קומען דער יום טוב סוכות ער זאל שוין קענען צוריק גיין אין די סוכה. און ווען ס'איז אנגעקומען די צווייטע יאהר סוכות און דער חסיד איז אריין אין די סוכה, האט ער גענומען אויף זיך אז ער וועט נישט ארויס גיין פון די סוכה, אפילו ס'וועט זיין ביטער קאלט, און ער איז גרייט געווען אפילו אויף מסירת נפש דערויף. און אזוי איז טאקע געווען דער חסיד האט בשום אופן נישט געוואלט ארויס גיין פון די סוכה און ס'איז געווארן שטארק קאלט אז ס'איז שוין נישט געווען מעגליך אויסצוהאלטן האט דער באשעפער רחמנות געהאט אויף דעם חסיד און ס'איז געקומען א וואלקען וואס האט אים אויפגעהויבן מיט זיין סוכה אינאיינעם און אוועק געפיהרט אין אן אנדער לאנד וואו ס'איז דארט הייס א גאנץ יאהר. האט הרה"ק אליעזר מאזיפאלע ווייטער דערציילט אז דער חסיד זיצט ווייטער אין זיין סוכה און דינט דארט דעם באשעפער, ער וויל נישט ארויסגיין פון די סוכה און אריינגיין אין גן עדן ווייל דאס איז זיין גן עדן ער זאל קענען זיצן אין זיין סוכה. *(דגל מחנה יהודא)*

## ♦ עוסק געווען אין עניני סוכה א גאנץ יאהר

צדיקים האבן געזאגט אויפ'ן ראפשיצער רב זי"ע אז זיין נשמה איז פון מצות סוכה, ווייל א גאנץ יאהר האט ער עוסק געווען אין די מצוה פון סוכה, אדער עפעס געבויט פאר די סוכה, אדער עוסק געווען אין מסכת סוכה זיין גאנץ לעבן. ס'איז נישט א דורך א טאג וואס ער זאל נישט דערמאנען עפעס וועגן סוכות. *(עשר צחצחות)*

## ♦ דרייען אונטן ס'זאל זיך עפענען אויבן

אמאהל ערב סוכות האט דער משמש פונעם "חוזה" פון לובלין זי"ע אים געמאלדן אז די סוכה איז שוין גרייט, און דער רבי קען שוין אריינגיין זיצן אין די סוכה, נאר מ'דארף פריער ארויפדרייען אונטן דעם שטריק כדי דער שלאַק אויבן אויף די סוכה זאל זיך עפענען. האט דער הייליגער "חוזה" אים געענטפערט: "דאס איז טאקע מיין באגער און גלוסטונג, אז איך זאל דרייען פון אונטן און ס'זאל זיך עפענען אויבן. [השפעות פון הימל].

## ♦ מצוות סוכה ברענגט א ברכה אין שטוב

ביי מצות סוכה שטייט אין פסוק "למען ידעו דורותיכם",—"דורותיכם" איז פון לשון "דירה" א וואוינונג. דאס איז א רמז אז פון מצות סוכה בלייבט איבער א ברכה און א קדושה אויף די וואוינונג פונעם איד א גאנץ יאהר. *(שפת אמת)*

## ♦ זיצן אין די סוכה פטר'ט פון צער

חז"ל זאגן ווען איינער האט צער איז ער פטור פון זיצן אין די סוכה. טייטשט דער הייליגער רבי פון ראדאמסק זצוק"ל אזוי: אז די סגולה פון די מצוה פון סוכה איז פטור צו ווערן דורך איר פון




אלע צרות. "המצטער",— דער וואס האט ח"ו צער, "פטור",—קען ער פטור ווערן פונעם צער, "מן הסוכה",—דורך די סגולה פון די מצוה פון זיצן אין די סוכה. *("תפארת שלמה")*

## ♦ די סוכה איז נישט געמאכט פאר דיר.

דער קאצקער רבי זי"ע האט געטייטשט וואס די גמרא (סוכה כו.) זאגט: "המצטער פטור מן הסוכה",—אויב דו ביזט דיך מצטער פון די סוכה, "פטור מן הסוכה",—ביזטו טאקע פטור פון די סוכה, די סוכה איז נישט געמאכט פאר דיר.

## ♦ אלע אידן קענען געהאלפן ווערן.

כל האזרח בישראל ישבו בסכת (ויקרא כג:מב)

די גמרא (סוכות כז:) זאגט: "מלמד שכל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת". קען זיין פשט, "מלמד"—

>>>>>>>

## דאס הייסט דען גילוי אליהו?...

דעם ערשטן טאג סוכות האט זיך צווישן חסידים אין ראפשיץ פארשפרייט א קלאנג, אז דער ראפשיצער רב האט די ערשטע נאכט סוכות געהאט גילוי אליהו! דער קלאנג האט שטארק פארדראסן דעם ראפשיצער רב, ווייל ער איז געווען אן 'איש אמת', און ער האט נישט געקענט פארליידן אזעלכע נארישקייטן. האט דער ראפשיצער רב צווישן מנחה און מעריב צוגערופן עטליכע פון זיינע נאנטע מענטשן און זיי געזאגט: איר זאלט וויסן אז דער קלאנג וואס האט זיך פארשפרייט, אז איך האב געהאט




די ערשטע נאכט סוכות גילוי אליהו, איז א גרויסע ליגנט... ערשטנס, ווי קום איך זוכה צו זיין צו גילוי אליהו? צווייטנס, ווי קומט דאס צו אייך איר זאלט גלייבן אויף מיר אזעלכע פוסטע איינרעדענישן? "וואס הייסט, רבי?" האט איינער צוריק געפרעגט, "ס'איז דאך דא אן עדות וואס איז געשטאנען אונטער'ן רבינ'ס סוכה און ער האט קלאהר געהערט ווי דער רבי שמועסט מיט איינעם אין די סוכה, אין די צייט וואס דער רבי איז געווען אליין אין סוכה! מיט וועמען דען האט דער רבי געקענט שמועסן, אויב נישט מיט אליהו הנביא? "נארנים, וואס איר זענט!", ענטפערט דער ראפשיצער רב מיט א שמייכל, "די ערשטע נאכט איז געווען שרעקליך קאלט אינדרויסן, און איך האב געציטערט פון קעלט. דערפאר האב איך גערעדט צו זיך אליין די גאנצע נאכט, אז מיינע ליפן זאלן נישט פארפרוירן ווערן... און אט דאס הייסט ביי אייך גילוי אליהו?...

<<<<<<<

די תורה לערנט אונז אז פון איין יום טוב סוכות, קען מען אויף הייבן אלע אידן אז אלע זאלן געהאלפן ווערן. *(הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע)*

## ◆ פון הכנסת אורחים איז ער נישט פטור

אמאהל איז געקומען א רב צו הגאון רבי חיים עוזר גראדזענסקי זצ"ל בימי חג הסוכות האט דער גאון מכבד געווען דעם גאסט מיט א סעודה, אבער ער האט זיך פארענטפערט, אז ער קען נישט מיט עסן מיט אים דארט, ווייל ער איז פארקיהלט, און ער איז בבחינת מצטער הפטור מן הסוכה. דער גאסט האט אזוי געטוען, און געגעסן אליין אין די סוכה. פלוצים האט ער דערזעהן ווי רבי חיים עוזר איז אויך אראפגעקומען אין די סוכה. ווען רבי חיים האט געזעהן זיין וואונדער, האט ער אים ערקלעהרט: איך האב מיך מיישב געווען, אז איך בין טאקע פטור פון מצות סוכה אלס מצטער, אבער פון הכנסת אורחים בין איך נישט פטור, ווייל מ'זעהט אברהם אבינו האט געזוכט מקיים זיין מצות הכנסת אורחים אפילו ווען ער איז געווען א חולה און ס'פאסט נישט אז דער גאסט זאל זיצן אין די סוכה און דער בעל הבית זאל זיין אינדערהיים...

## ◆ "א הדיוט זאל איך זיין אבער פון סוכה וועל איך נישט ארויסגיין"

הרה"ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זצ"ל איז געזיצן אין די סוכה דעם ערשטן טאג אפילו ווען ס'האט זיך



אראפגעלאזט א גאס-רעגן. ווען די מקורבים האבן געזעהן אז ער פלאנט נישט ארויסצוגיין, האבן זיי אים געזאגט: רבי, ס'איז דאך א בפירוש'ע הלכה אז "המצטער פטור מן הסוכה", און ס'איז שוין לאנג אדורך דער שיעור פון "עד שתסרח המקפה". און אין ירושלמי שטייט, "הפטור מן הדבר ועושהו נקרא הדיוט"? האט ער זיי געענטפערט: ערשטנס, מצטער איז נאר שייך ביי איינעם וואס זיין גוף איז טייערער ווי די מצוה און איך האב תענוג פון זיצן בצילא דמהימנותא, און כ'בין גארנישט מצטער, און צווייטנס, ס'איז כדאי צו זיין א הדיוט, און בלייבן זיצן אין סוכה.

## ◆ דער טיש מיט'ן בעט צוזאמען

ס'האט דערציילט הגאון רבי שמואל גריינמאן זצ"ל (פון די מקורבים פון בעל החפץ חיים זצ"ל), אז ער האט געהאט די זכי' צו זיין מיט'ן חפץ חיים זצ"ל אין די סוכה, און ער האט געזעהן אזדער חפץ חיים איז מקפיד אז דער טיש זאל בלייבן אין די סוכה בשעת ער איז געשלאפן. און ער האט אים געזאגט דעם טעם, ווייל ס'שטייט (סימן תר"מ) אז אויב מ'איז זיך מצטער אין די סוכה מיט די שינה, דעמאלט איז מען נישט יוצא אויך מיט די אכילה, ווייל מ'דארף א סוכה וואס איז ראוי אויף אלעם, און אויב דער טיש איז נישט אין די סוכה, איז דאס נישט ראוי מקיים זיין מצות אכילה, דעריבער דארף דער טיש זיין אין די סוכה אויך ביינאכט. *(זעה אין 'מועדים וזמנים' חלק א' סימן פ"ז, אז ס'איז נאר לכתחילה, אבער בדיעבד איז מען יוצא אויך אהן דעם).*

## ◆ ער האט מער צער ווען ער דארף ארויסגיין פון די סוכה...

הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זצ"ל פלעגט קיינמאהל נישט ארויסגיין פון די סוכה, אפילו אויב ס'האט שטארק געגענט, און אלע זענען ארויס. ווען מ'האט אים געפרעגט, דער דין איז דאך 'המצטער פטור מן הסוכה', האט ער געענטפערט "איך האב אסאך מער צער ווען איך גיי ארויס פון די סוכה...

## ◆ "אתרוג איז בכלל גפן..."

אין שנת תש"ז איז הגה"ק רבי שאול ידידי' דער "אמרי שאול" פון מאדשזיץ זצ"ל ארויף געקומען קיין ארץ ישראל זיך צו באזעצן. האט ער דעמאלט אפגעשטאט א העפליכ'ן וויזיט ביי כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע וואס האט אים אויפגענומען מיט א גאר באזונדערע ליעבשאפט. שפעטער ווען מרן זי"ע האט אפגעגעבן דעם צוריק-



וויזיט אין הויז פונעם מאדזשיצער רבי'ן, האט דער מאדזשיצער רבי, געפרעגט פון מרן זי"ע פארוואס אתרוג וואס ווערט אנגערופן "פרי עץ הדר" ווערט נישט דערמאנט צווישן די שבעת המינים? האט אים מרן זי"ע געענטפערט אז דער אתרוג איז בכלל "גפן". ביי א שמועס (ד' אייר תש"ס) האט זיין אייניקל דער "נחלת דן" פון מאדזשיץ זצ"ל, געזאגט פאר יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, "איך האב אסאך געטראכט, וואס איז דער שייכות, ביז ס'איז מיר איינגעפאלן אז ס'איז דא א דעה וואס זאגט אז דער עץ הדעת איז געווען א בוים פון גפן און איין דעה זאגט אז ס'איז געווען אן אתרוג בוים, קומט אויס אז "גפן" און "אתרוג" איז איין ענין.

# מאוצרות רבוה"ק

# בסוכות תשבו

## ◆ זוכה זיין צו זיצן בסכת עוֹרוֹ של לויתן.

**בסכת תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסכת (ויקרא כג:מב)**

דארף מען פארשטיין די כוונה פונעם פסוק, ס'זעהט אויס ווי ס'איז צוויי מאָהל איבערגע'חזר'ט די מצוה פון זיצן אין די סוכה? נאר דער פשט אין פסוק איז אזוי, דער ערשטער חלק רעדט פון די מצוה פון ישיבת סוכה, נאכדעם זאגט דער פסוק אן הבטחה, אז אויב מ'וועט מקיים זיין די מצוה פון סוכה וועט מען זוכה זיין, אז ווען משיח וועט קומען, וועט מען זיצן בסכת עוֹרוֹ של לויתן. דאס איז פשט, "בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים",—ס'איז א מצוה צו זיצן אין די סוכה זיבן טעג, און אויב מ'וועט אזוי טוען זאגט די תורה צו אן הבטחה, אז "כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל

<<<<<<<

<<<<<<<

יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת", אז מ'וועט זוכה זיין צו זיצן אין די סֻכַּת עוֹרוֹ שֶׁל לִוְיָתָן. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

## ◆ אליהו הנביא קומט אין די סוכה

די ראשי תיבות פון "**ב'**סוכת **ת'**שבו **ש'**בעת **י'**מים" איז "**תשבי**", **וואס איז** מרמז אויף אליהו התשבי [אליהו הנביא] וואס קומט מיט אלס גאסט, מיט די זיבן אושפיזין, וואס אין זכות פון מצות ישיבת סוכה וועט ער אונז קומען מבשר זיין די גאולה און מיר וועלן דעמאָלט זוכה זיין צו זיצן בסוכת עורו של לויתן. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

## ◆ קדושת בית המקדש

אמאהל איז **כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע**, געזיצן אין די סוכה ווען אינדרויסן האט געהערשט א ביטערע קעלט. האבן די מקורבים געבעהטן פון מרן זי"ע ער זאל אריינקומען אין שטוב, אין נישט זיצן אין די קאלטע סוכה, וואס קען אים ח"ו שאטן צום געזונט. האט מרן זי"ע געזאגט: דער זיידע דער ערשטער בעלזער רב [כ"ק מרן מהר"ש זי"ע] האט געזאגט, אז די ווענט פון די סוכה, פארמאגן אין זיך קדושת בית המקדש, איז דאך אין די סוכה דא, "**אוירא דארץ ישראל**", און אין ארץ ישראל איז דאך יעצט הייס...

## ◆ כל ישראל ראויים לישב בסוכה אחת'

אמאהל האט כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע באגעגענט דעם חסיד ר' סענדער יערוסלב'ער ז"ל ממחרת יום הכיפורים. פרעגט אים מרן זי"ע: "סענדר, פארוואס פאהרסטו נישט אהיים אויף סוכות?!" האט ר' סענדר געענטפערט: איך האב נישט קיין אייגענע סוכה אין שטוב, און מיין סוכה איז משותף מיט עטליכע שכנים וואס אלע עסן צוזאמען מיט זייערע משפחות, און איך וויל נישט עסן אין אזא סוכה, דעריבער בלייב איך אין בעלזא אויף סוכות". האט אים כ"ק מרן זי"ע געענטפערט: "די גמרא (סוכה כז:) זאגט דאך 'כל ישראל ראויים לישב בסוכה אחת', און דו ווילסט נישט זיצן אין די סוכה מיט אנדערע?!" און מרן זי"ע האט אים געהייסן אהיים פאהרן אויף סוכות.

*(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א- אסרו חג הסוכות תשלז)*

## ◆ באדעקט די סוכה מיט גרויס דביקות

מנהג רבותינו הקדושים איז געווען עוסק צו זיין אין מצוות סוכה, און אליין דעקן די סוכה מיט

## ◆ "די דריי זאכן אין אן עפעל..."

**א**ין איינע פון די סוכות טעג אין בעלזא זענען עטליכע חסידים געזיצן אין די סוכה און געשמועסט וועגן איינע פון די חבורה וואס פלעגט קומען קיין בעלזא אסאך יאהרן אבער לעצטענס האט ער אפגענויגט אביסל פונעם גלייכן וועג רח"ל און אויפגעהערט צו קומען. ס'איז זיי געווען א וואונדער וויאזוי א איד וואס איז געפאהרן קיין בעלזא און זיך אנגעזאפט מיט אזויפיהל קדושה און חסידות, זאל קענען צוקומען צו אזא מצב... און אזוי שמועסנ'דיג איז אין יענע מינוט אראפגעפאלן אן עפעלע פון די נוי סוכה אויף די ערד.



האט זיך דער חסיד און יושב רבי יעקב בעריש ז"ל אנגערופן, "לאמיר אריינטראכטן און פארשטיין פארוואס דאס איז געשעהן: וויפיהל תפילות האט דאס עפעלע געבעהטן, אז ס'זאל וואקסן און בליהן מ'זאל דאס קענען עסן? און דערנאך זאל א איד מאכן דערויף א פאסיגע ברכה? אדער ס'זאל הענגען אין די סוכה פאר "נוי סוכה", און נאך מער ס'זאל קענען באשיינען און הענגען אלס "נוי סוכה", ביי מרן זי"ע אין די סוכה? אבער אצינד איז דאס עפעלע אראפגעפאלן אויף די ערד און ס'איז נאך מוקצה. אויב מיר זאלן אריינטראכטן האט דאס געקענט פאסירן צוליעב איינס פון די דריי: א) ווייל ס'איז נישט געווען גוט צוגעבונדן. ב) ס'איז געווען "צו שווער". ג) אדער ס'איז שוין געווען פארפוילט פון אינערווייניג. און דעם משל פארשטייט מען שוין אליין...

ביי א געלעגנהייט ווען כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז אין איינע פון די יאהרן ערב סוכות געקומען צוזאמען מיט'ן משמש זעהן די גרויסע פראכטפולע סוכה, [ווי מ'האט געפיהרט די טישן], האט מרן שליט"א באטראכט די נוי סוכה, וואס הענגט אראפ, ווי יעדער עפעל זיך ליגט אין א נעץ זעקל, האט מרן שליט"א דערציילט די אויבנדערמאנטע מעשה מיט דעם פאראפעלענעם חסיד, און אויסגעפיהרט... "אבער היינט אז די עפעל ליגן אין א נעץ, [צוזאמען] קענען זיך אזעלכע אויף

סכך כאטש זיבן טפחים כשיעור הכשר סוכה. הרה"ח רבי חיים נטע כץ ז"ל האט דערציילט, אין שנת תרפ"ו, דאס לעצטע יאהר איידער די הסתלקות פון מרן מהרי"ד זי"ע, ווען ער איז געווען זייער שוואך, האט מען געממינט אז מרן זי"ע וועט דאס



מאהל נישט אליין דעקן די סוכה מיט סכך. אבער מרן זי"ע האט נישט געוואלט מוותר זיין אויפ'ן מנהג, האבן אים דעריבער די גבאים געברענגט צו די סוכה און אים געהאלפן ארויף גיין אויפ'ן לייטער צו לייגן דעם סכך, ווען ארום אים זענען געשטאנען זיינע הייליגע קינדער, און עטליכע חסידים און שטוב מענטשן, צווישן זיי אויך הרה"ח רבי זעליג וואלף וואלדמאן ז"ל פון פראנקפורט, וואס האט געהאט א 'חזקה' צו בויען די סוכה פון מרן זי"ע פון אסאך יאהרן פריער. אינמיטן דעקן די סוכה האבן פלוצלינג די חסידים באמערקט אז מרן זי"ע איז געבליבן שטיין אהן זיך ריהרן, האלטנדיג א שטיקל סכך אין די האנט, פארטיעפט אין זיינע הייליגע געדאנקען מיט גרויס דביקות אינמיטן זיין עבודת הקודש.

בנו הגדול כ"ק מרן מהר"א זי"ע וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל פונעם צימער, אונטער אלע אנוועזנדע האט באמערקט וואס דא פאסירט וברוח קדשו געשפיהרט אז זיין הייליגער פאטער, קען אנקומען צו כלות הנפש פון רוב דביקות.

האט מרן מהר"א זי"ע שנעל געמאכט א וועג צום טאט'ן, בעהטנ'דיג פון די ארומיגע

>>>>>>>



# מַיין סוכות אוֹצָר





<<<<<<<

"לאזט מיך אדורך, לאזט מיך אדורך". ווען ער איז אנגעקומען צום טאט'ן האט ער געגעבן א כאפ אהן זיין בעקיטשע, און אויסגערופן מיט ציטער: "טאטע, טאטע!" ביז מרן מהרי"ד זי"ע האט זיך אויפגעכאפט פון זיין דביקות און געזאגט "יא, יא!". שפעטער האט מרן זי"ע שטארק מכיר טובה געווען פאר זיין זוהן מרן מהר"א זי"ע, וואס ער האט אים אויפגעוועקט פונעם דביקות.



### • "קיינעס" פאר סכך

די סוכה פון מרן מהר"א זי"ע האט מען באדעקט מיט סכך פון "קיינעס". די קיינעס האבן געשניטן א גרופע בחורים מתלמידי ישיבתנו הק', וואס זענען ספעציעל געפאהרן עשרת ימי תשובה צום מושב "יסודות", ווי זיי האבן געשניטן די סכך פאר די סוכה פון מרן זי"ע.

מרן זי"ע האט שטארק מחשיב די בחורים וואס זענען געפאהרן קיין "יסודות" שניידן סכך פאר זיין סוכה. און איידער זיי זענען געפאהרן אין וועג מיטאג צייט, זענען זיי אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה זיך געזעגענען. מרן זי"ע האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן נישט נעמען קיינעס וואס וואקסן אויף זיי "בעזעמליך"—כלשון קדשו: "נישט מיט די בעזעמלעך". (ווייל פון אזעלכע 'קיינעס' פאלן אראפ שטיקלעך בלעטלעך און ס'איז דא א חשש פון פסול, און אזוי ווי ס'ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע או"ח סי' תרכ"ט סי"ד). הרה"ח ר' בן ציון אוסטערליץ שליט"א וואס איז געווען צווישן די בחורים דערציילט אז מרן זי"ע האט יעדן בחור אנגעזאגט באזונדער "ברענג מיר כשר'ע סכך אבער נישט קיין בעזעמלעך".

דערנאך זענען די בחורים געפאהרן קיין "יסודות", ווי זיי זענען אנגעקומען פארנאכט. דארט האבן זיי געדאווענט מנחה ומעריב. און זענען געגאנגען צום שטוב פון הרה"ח ר' יוסף גליק ז"ל, ווי זיי האבן געגעסן נאכט מאהל און דארט איבערגענעכטיגט. אינדערפרי האבן זיי געדאווענט בהשכמה און נאכ'ן עסן פרישטאג זענען זיי געגאנגען שניידן די "קיינעס" וואס איז דארט געוואקסן בשפע, און א גאנצן טאג האבן זיך די בחורים געפארעט מיט די גרויסע מצוה און ערשט ביינאכט זענען זיי צוריק געפאהרן קיין ירושלים.

הרה"ח ר' יוסף גליק ז"ל האט דערציילט אן אינטערסאנטע זאך: דאס ערשטע מאהל וואס די בחורים זענען געקומען קיין יסודות שניידן סכך פאר די סוכה פון מרן זי"ע, (בערך אין יאהר תש"י) האבן די בחורים אים נאכגעזאגט בשם מרן זי"ע, אז דער טעם פארוואס ער וויל דוקא באדעקן די סוכה מיט "קיינעס" און נישט מיט בלעטער פון אנדערע ביימער. ווייל די גמרא (כתובות קיב:) זאגט: "עתידין כל אילני סרק שבארץ ישראל שיטענו פירות"— ווען משיח וועט קומען וועלן אלע ליידיגע ביימער ארויסגעבן פירות, דעריבער וויל ער נישט נעמען בלעטער פון די ביימער. *(מרשימות הרה"ח ר' ברוך ווינד שליט"א)*

ס'איז מערקווירדיג אז אין יאהר תש"ה ווען מרן זי"ע איז געווען אויף די הייליגע טעג אין די שטאט צפת, האט מען באדעקט זיין סוכה מיט הדסים, וואס זענען געוואקסן בשפע אין עיה"ק צפת.

### • מ'דארף צוגרייטן די שמחה

הרה"ק רבי מרדכי'לע טשערנאבילער זי"ע האט געזאגט אז דאס וואס מ'רופט חג הסוכות "זמן שמחתנו", איז דער פשט "זמן" איז פון לשון "זימון", צוגרייטן, (ווי ס'שטייט אין די גמרא (ביצה י:) 'זימן שחורים ומצא לבנים'), אז אין יום טוב סוכות דארף מען צוגרייטן די שמחה, און מיט די שמחה קען מען שפעטער דינען דעם אויבערשטן מתוך שמחה. ווייל אהן שמחה קען מען נישט דינען דעם באשעפער, אזוי ווי ס'שטייט (דברים כח:מז) "תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה", אז דאס איז דער שורש פון אלע צרות, אבער אז מ'וועט צוגרייטן די שמחה דעמאלט וועט מען קענען דינען דעם אויבערשטן מתוך שמחה. ווייל נאר אז מ'דינט נישט דעם באשעפער בשמחה קומט די תוכחה, אבער דורך עבודה בשמחה איז מען זוכה צו אלע השפעות.

## מאוצרות הצדיקים

# אושפיזין בסוכה

### • אזמין לסעודתא אושפיזין עילאה

ווען א איד קומט אריין אין די סוכה דארף ער איינלאדענען די הייליגע אושפיזין בפה מלא, זיי זאלן קומען צו אים אין די סוכה אריין. ווי ס'שטייט אין זוהר הק', אז די אושפיזין קומען נישט צו גיין אויב מען רופט זיי נישט, אפילו צו א צדיק גמור, און אזוי זאל מען טוען ביי די סעודה פון בייטאג און ביי די סעודה פון ביינאכט, און פריער זאל מען איינלאדענען די אושפיזא פון



יענעם טאג און דערנאך די איבריגע אושפיזין.

*(יסוד ושורש העבודה - שער יא, פרק יג)*

### • די אמהות קומען אויך אין די סוכה

ס'איז באקאנט אז אזוי ווי די אבות העולם זענען מרומז אז זיי קומען אין די סוכה אזוי אויך איז מרומז אז די הייליגע אמהות קומען אויך אין די סוכה. דעריבער דאס ווארט "אזרח" מיט'ן מילוי (אל"ף זי"ן ר"ש ח"ת) באטרעפט פונקט תתרפ"ו (1086), אזויפיהל ווי ס'באטרעפט די נעמען פון די אמהות "שר"ה רבק"ה רח"ל לא"ה" (1086) מרמז צו זיין אז די אבות און די אמהות קומען צוזאמען און זיי זענען זיך משתתף מיט

<<<<<<<

## מַיין אוֹצָר... בסוכות תשבו שבעת ימים... מאוצרות הצדיקים... ורבוה"ק מבעלזא

>>>>>>>

אונז אין די סוכה, און זענען מעורר חסדים ורחמים אויף אידיש קינדער. *(מדבר קדש - כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע מובא בעלים לתרופה)*

### • געסט אין די סוכה

דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע האט שטענדיג אריין גענומען ארימע פראסטע אידן און עמי הארצים אלס אורחים אין זיין סוכה. און ער האט ערקלעהרט פארוואס ער איז אזוי מהדר דאס צו טוען: די גמרא זאגט אז ווען משיח צדקינו וועט קומען וועלן די צדיקים זיצן אין די סוכה פונעם לויתן מיט זייערע קרוינען אויפ'ן קאפ און אויך אלע אבות פון די וועלט און די צדיקים און חסידים פון אלע דורות און איך וועל אויך וועלן אריינגיין אין די סוכה פונעם לויתן. און אויב מ'וועט מיך וועלן ארויס יאגן פון דארט, און מיר זאגן וואס טוהט דא אזא מגושם'דיגער און פראסטער מענטש צו וועלן זיצן מיט אלע צדיקים צוזאמען? וועל איך ענטפערן אז אויך אין מיין סוכה זענען געזיצן פראסטע און מגושם'דיגע מענטשן, וועט מען מיך אויך דארפן אריינלאזן. *(סוכת שלום בשם שפתי צדיקים)*

### • אושפיזין קומען אין די סוכה

א רמז פון די תורה אז די אושפיזין קומען אראפ אין די סוכה. די ווערטער "**בסכת תשבו שבעת ימים**" באטרעפן 2062 וויפיהל אברהם סוכה. יצחק סוכה. יעקב (מלא) סוכה. משה סוכה. אהרן סוכה. יוסף סוכה. דוד (מלא) סוכה". *(זוהר חי, קאמארנא)*

>>>>>>>>

# געראטעוועט דעם אתרוג מיט א פשעטל

אין די הקדמה פון ספר "עמודי אש" לבית יוסף, ווערט געברענגט א אינטערעסאנטע מעשה וואס האט פאסירט אין די תקופה פונעם הייליג'ן "חוזה" פון לובלין זי"ע. געווען איז א יאהר זייער א שווערער מצב אונטער מלחמה אומשטענדן, און די אתרוגים סוחרים האבן נישט געקענט אריינברענגען קיין פולין גענוג אתרוגים ווי געוועהנליך, ס'האט געהערשט א מאנגל, און די פרייזן פון אתרוגים זענען געשטיגן זייער הויעך, אז פאר א פשוטער אתרוג האבן די סוחרים פארלאנגט הונדערט רובל טבין ותקילין. די גדולי ישראל אין פולין האבן געמאכט אן אסיפה, און מ'האט גוזר געווען אז יעדער קהלה מעג קויפן בלויז איין אתרוג פון קהל'ס קאַסע.

די תקנה האט געשלאגן ווארצלען אין אלע קהלות, און במשך די עשרת ימי תשובה האט מען אין יעדער שטאט געקויפט נאר איין אתרוג און דאס איבערגעגעבן פאר'ן רב. ס'איז באשטימט געווארן א סדר אז פריער וועט דער רב בענטשן אויפ'ן אתרוג, דערנאך די ראשי הקהלה, און דערנאך דער גאנצער קהל. ביי הלל וועט נאר דער שליח ציבור און דער רב מאכן די נענועים, און אויסער זיי קיינער נישט, כדי דער אתרוג זאל זיך האלטן.

דער "חוזה" פון לובלין זי"ע האט אבער פארמאגט אן אייגענער אתרוג וואס א חסיד האט אים געשיקט פון דייטשלאנד, נאך איידער די תקנה פון די גדולי הדור איז ארויסגעקומען. ווי נאר דער רב פון די שטאט לובלין הגאון רבי עזריאל הורוויץ, דער אייזערנער קאפ, האט זיך ערב יום כיפור דערוואוסט דערפון, האט ער געשיקט זאגן פארן "חוזה" פון לובלין אז אלס רב פון שטאט אסר'ט ער אים, זיך צו באנוצן מיט זיין אייגענעם אתרוג, צוליעב די תקנה.

פארשטייט זיך אז דער הייליגער "חוזה" האט געהאט גרויס צער דערפון, אז ער האט זיך נישט געקענט צוזאמקלויבן, צו צו גיין צו די ערב יום כיפור סעודה צוליעב'ן עגמת נפש פונעם אתרוג.

ס'איז דעמאלט אנוועזנד געווען הגאון רבי יוסף ליכטאג פון זבארוב, באקאנט אלס "רבי יוסל'ע חריף", פון די חשוב'ע תלמידים פונעם "חוזה" פון לובלין זי"ע, און רבי יוסל'ע האט זיך אנגערופן אז דער רבי זאל זיך נישט זארגן, ער וועט ערלעדיגן די זאך מיט'ן רב פון שטאט. רבי יוסל'ע האט זיך געאיילט צום אייזערנער קאפ, און אים געזאגט אז דער רב האט פארזעהן א בפירוש'ע סוגיא אין די גמרא (חולין יז.) ווי די גמרא דערציילט אז די אידן אין מדבר האבן נישט געדארפט שחט'ן זייערע בהמות, מ'האט בלויז געמאכט 'נחירה' וואס דאס איז א וועג וויאזוי מ'שניידט אויף די בהמה. און נאר ווען מ'איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל זענען זיי געווארן מחוייב צו שחט'ן מיט א כשר'ע שחיטה ווי די תורה הייסט. האט רבי ירמיה געפרעגט אן איבעיא, וואס איז מיט די מענטשן וואס האבן נאך ביי זיך פלייש פון מדבר וואס מ'האט נישט גע'שחט'ן, און ברענגען דאס פלייש אריין קיין ארץ ישראל, צו מעגן זיי דאס עסן אין ארץ ישראל (וויבאלד די פלייש איז געמאכט מיט נחירה וואס מ'האט נאר געמעגט אין מדבר) אדער די אמאליגע פלייש ווערט אסור צו עסן איינמאהל מ'קומט אריין אין ארץ ישראל. דער רא"ש אויפן פלאץ (סימן כ"ג) פרעגט וואס איז אונז א נפקא מינא די איבעיא פון רבי ירמיה וואס האט נאר געקענט פאסירן ווען מ'איז אריין קיין ארץ ישראל, און איז היינט שוין נישט נוגע למעשה, און פארוואס ברענגט דאס די גמרא? זאגט דער רא"ש אז ס'קען זיין נוגע אויך אין די שפעטערדיגע דורות„ אויב ס'וועט אמאהל קומען א בית דין און איינפיהרן א געוויסער איסור אויף א מאכל, קען אבער זיין אז די מענטשן וואס האבן דאס שוין געהאט אין זייער באזיץ איידער די חכמים האבן מתקן געווען זייער תקנה, זיי וועלן נאך ווייטער מעגן עסן פון דאס וואס זיי האבן שוין געהאט ביי זיך בשעת ס'איז נאך געווען מותר.



און מיט די ווערטער פונעם רא"ש האט רבי יוסל'ע חריף זיך מפלפל געווען מיט'ן 'אייזערנע קאפ', ביז ער האט מודה געווען אז מ'קען טאקע נישט אסר'ן דעם רבי'ן פון נוצן זיין אתרוג וואס ער האט שוין געהאט פון פריער. ווי נאר רבי יוסל'ע האט זיך צוריק געקעהרט, האט זיך דער "חוזה" זייער געפריידט צו אים און אויסגערופן "יוסף בן לייצא, דו האסט אונז דערלייכט די אויגן"! און מ'האט זיך געזעצט צו די סעודה פון ערב יום כיפור מיט גרויס פרייד. פון דעמאלט האט רבי יוסל'ע געהאט גרויס חשיבות ביים רבי'ן פון לובלין, און פלעגט שטענדיג זיצן פון די ערשטע ביי זיין טיש.



# מַיין סוכּות אוֹצָר



מַיין אוֹצָר... בסוכות תשבו שבעת ימים... מאוצרות הצדיקים... ורבוה"ק מבעלזא

<<<<<<<

## מאוצרות הצדיקים

# סגולות מצות סוכה

### באשיצט אויפ'ן מענטש

**זוהר הק'** (**פ' תצוה**): ווער ס'זיצט אונטערן שאָטן פון די סוכה אין סוכות, באשיצט דאס אים צו יעדער צייט ווען ער דארף. אין תיקוני זוהר שטייט אז דורך מצות סוכה, באשיצט דער באשעפער דעם מענטש אויף יענער וועלט, פון אלע שלעכטע מלאכים און פון אלעם בייזן.

### ראטעוועט פון יצר הרע

"**בית אהרן**": "**כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים**", ווען א איד




איז מקיים מצות סוכה ווי ס'דארף צו זיין, ציהט אים דער באשעפער ארויס פונעם באקאנטן מצרים, דער יצר הרע, און מ'ווערט פריי פונעם יצר הרע.

"**תפארת שלמה**": דעריבער האט דער באשעפער באפוילן אז מ'זאל זיין אינגאנצן ארומגענומען מיט מצות סוכה, ווייל ס'איז א שמירה, אז א גאנץ יאהר זאל מען זיין אפגעהיטן פון עבירות און דער יצר הרע זאל נישט האבן קיין שליטה אויפ'ן מענטש אים איבערצורעדן צו טוען עבירות.

### מחילת עוונות

"**אילה שלוחה**": דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי ר' זושא זצוקל"ל, איז געקומען אין חלום צו זיין תלמיד און אים געזאגט, אז דאס ווארט סוכה, איז ראשי תיבות "**ו**'יאמר **ה**' **ס**'לחתי **כ**'דברך" דאס מיינט אז די מצות סוכה איז א סגולה אויף כפרת עוונות.

"**ברית אברם**": מצות סוכה ווערט גערעכנט ווי גלות וואס איז מכפר אויף עבירות.

### זרע של קיימא

"**תפארת שלמה**": מצות סוכה איז א סגולה, זוכה צו זיין צו האבן גוטע קינדער, זרע של קיימא.

### אריכות ימים

"**זרע קודש**": "**כל האזרח בישראל ישבו בסוכות**",— די תורה שרייבט דאס לשון "**אזרח**" וואס מיינט, אן עלטערע מענטש, מרמז צו זיין, אז דער וואס איז מקיים מצות סוכה ווי מ'דארף, וועלן ווערן "**אזרחים וזקנים**"—זיי וועלן האבן אריכות ימים ושנים. דאס ווארט "**אזרח**" באטרעפט פונקט ווי דאס ווארט, "**גבורה**", דאס איז א רמז, אז די וואס זענען מקיים מצות סוכה ווי ס'באדארף צו זיין, וועלן זוכה זיין אנצוקומען צו די גבורות, דאס מיינט ביי די אכציג יאהר, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "**ואם בגבורות שמונים שנה**".

### פרנסה

"**זרע קודש**": אין זכות פון אריינגיין אין די סוכה— דעם באשעפער'ס שאָטן, איז מען זוכה צו פרנסה, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (קהלת ז:יב) "בצל החכמה בצל הכסף"—דורכדעם וואס מ'גייט אריין אינטערן שאָטן פון חכמה דאס מיינט אינטערן שאטן פון באשעפער, איז דאס א סגולה צו זיין "בצל הכסף"—צו האבן געלט.

### רפואה שלימה

"**תפארת שלמה**": די גמרא (סוכה כה.) זאגט: "חולין ומשמשיהן פטורין מן הסוכה", קראנקע מענטשן ל"ע און זייערע באדינער, זענען פטור פון מצות סוכה, ווייל זיי זענען פארנומען מיט'ן קראנקען. דאס איז פשט אין די גמרא, "חולין ומשמשיהן",—דער קראנקער, "פטורין מן הסוכה",—ווערט פטור פון זיין קראנקהייט, דורך די מצוה פון סוכה.

### עורו של לויתן

**פסיקתא**: דער וואס איז מקיים מצות סוכה אויף די וועלט, וועט דער באשעפער אים זעצן אין די סוכה פון עורו של לויתן ווען משיח וועט קומען.

### כי לה' המלוכה

"**באר מים חיים**": דער ענין פון סוכה, אז דער מענטש זאל אריינברענגען זיין גאנצן קערפער אונטערן רשות פון באשעפער, און מאכן דעם באשעפער קעניג אויף אלע זיינע גלידער.

"**אגרא דכלה**": מצות סוכה איז מבטל די שלעכטע געדאנקען און פאלטשע אמונה פונעם מענטש.

### שלום בית

דער ראפשיצער רב זי"ע פלעגט יעדן טאג דורכ'ן יאהר, לערנען מסכת סוכה אדער הלכות סוכה. ער פלעגט זאגן אז ס'איז מסוגל אויף שלום בית. אזוי שטייט אין ספר "סגולות ישראל",—א סגולה קעגן מחלוקות איז מ'זאל לערנען מסכת סוכה א גאנץ יאהר.

## מאוצרות רבוה"ק

# ד' מינים

### געשוועבט אין די לופט מיט די ד' מינים

אמאהל איז הרה"ק רבי שלו' קאמינקער זי"ע געווען ביי זיין רבי'ן **מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** אויף סוכות, און ער האט באמערקט יום טוב אינדערפרי, ווען מרן זי"ע האט גענומען די ד' מינים אין זיינע הייליגע הענט, אז ער שוועבט



ממש אין די לופט... האט דער קאמינקא רב ביי זיך געטראכט אז ווארשיינדליך איז דאס נישט מער ווי א פאנטאזיע, אבער נישט א ווירקליכקייט. אבער נאכ'ן גוט קוקן עטליכע מאהל, האט ער געזעהן אז דאס איז טאקע יא א ווירקליכקייט! ער איז געווען שטארק איבערראשט פונעם

<<<<<<<

## מַיין אוֹצָר... בסוכות תשבו שבעת ימים... מאוצרות הצדיקים... ורבוה"ק מבעלזא

### • "תניא, פרי עץ הדר – אחד..." (סוכה לד:)

חג הסוכות שנת תש"ד, אינמיטן די צווייטע וועלט קריג, איז געווען זייער שווער צו פארשאפן אתרוגים אין אונגארין, צוליעב די שוידערליכע מלחמה וואס האט געברענט אין איירופא, אזוי אז אין גאנץ אונגארין איז געווען געציילטע אתרוגים, וואס זענען אנגעקומען בלויז צו די גרויסע אדמו"רים, וואס האבן זיך דעמאלט געפונען אונטער די ביטערע אומשטענדן אין אונגארין.



און אזוי איז באריכטעט געווען אינעם וועכענטליכע אידישע צייטונג "אורטודוקס זשידו אוישאג", וואס איז ערשינען אין בודאפעסט, דאטירט ז' בחשון תש"ד: "פינעף אתרוגים זענען אנגעקומען קיין בודאפעסט, וואס פון זיי איז געבליבן בלויז איין אתרוג, און די אנדערע זענען אנגעקומען צו די אדמו"רים פון דעעש און סאטמאר (ס'איז מערקווירדיג, אז א אתרוג איז טאקע אנגעקומען צו כ"ק האדמו"ר רבי יואל מסאטמאר זצ"ל, אבער למעשה איז דער סאטמער רב געווען אויף סוכות אין גראסווורדיין ביים "אמרי חיים" פון וויזניץ זצ"ל, צוליעב די שווערע צייט), ראצפערט און גרויסוואורדיין. אויך האבן זיך אליין פארשאפט אן אתרוג די קהלות פון נירעדהאזא יוער. (ספר "אלה אזכרה" שרייבט אז דער אתרוג וואס איז אנגעקומען קיין ניהערדאז, איז געווען דער זעלבער אתרוג וואס איז געווען אין ראצפערט, און פון דארט האט מען געשיקט דעם אתרוג אויך צו די ארומיגע שטעט און ס'איז דארט נישט געווען א באזונדערע אתרוג),סעליש, בעקעשטשאבא, און נאך א קהלה אדער צוויי. קיין בודאפעסט זענען אנגעקומען נאך דריי אתרוגים.....ערשט נאך סוכות... "דארט ווי ס'זענען אנגעקומען ד' מינים, זענען פארשטענדליך געקומען אלע סארט אידן, צו קענען בענטשן לולב און אתרוג, אזוי אויך אין בודאפעסט זענען געקומען זייער אסאך אידן במשך'ן יום טוב צו אן אדמו"ר מפורסם... (די כוונה וודאי איז צו כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע, נאר צוליעב'ן זיכערהייט מאסנאמען האט מען נישט ארויס געשריבן דעם נאמען..." ביז דא ווערט ציטירט פון די צייטונג הנ"ל. און טאקע איינע פון די אתרוגים, איז אנגעקומען צו כ"ק מרן מהר"א זי"ע, קיין בודאפעסט. אויך איז אנגעקומען אן אתרוג צו הרה"ק רבי שלום אליעזר פון ראצפערט זצ"ל הי"ד קיין ראצפערט, און נאך אן אתרוג צו כ"ק האדמו"ר בעל "אמרי חיים" מוויזניץ זצ"ל קיין גראסוואורדיין, און נאך געציילטע קהילות אין אונגארין. און טראַץ וואס ס'איז נישט געווען נאר געציילטע אתרוגים אין גאנץ אונגארין, האבן טויזנטער אידן פון אלע עקן אונגארין זוכה געווען, מקיים צו זיין מצוות נטילת לולב כהלכתה, וואס צוליעב זייער השתוקקות מקיים צו זיין די מצוה האבן זיי פארלאזט זייער שטובער און ווייט געפאהרן און זיך מצטרף געווען צו די פיהלע טויזנטער, וואס זענען געשטאנען שעות לאנג כדי זוכה צו זיין און האלטן אין די הענט די ד' מינים, און כאטש נאר אויף א רגע כדי צו קענען בענטשן דערויף ולעשות כדבר המלך ודתו, אזוי ווי די תורה האט באפוילן.

### • עני המהפך בחררה

אגב האט דערציילט הרה"ח ר' מאיר שטיין ז"ל, ווענן דאס קויפן אן אתרוג פאר הרה"ק מראצפערט זצ"ל: ווען דער אתרוג סוחר איז געקומען קיין בודאפעסט, מיט זיינע עטליכע אתרוגים, האט ער באשלאסן אז דער שענסטער אתרוג וועט ער פארקויפן פאר הרה"ק רבי שלו' אליעזר'ל פון ראצפערט. ווען הרה"ק מראצפערט, האט דאס געהערט איז ער געפאהרן קיין בודאפעסט כדי צו קויפן דעם אתרוג, אבער ווען ער איז אנגעקומען אהין, האט דער סוחר געבעהטן נישט ווייניגער ווי צוועלף טויזנט ריייניש טבין ותקילין. רופט זיך אהן הרה"ק מראצפערט צו אים: "יעך געב נישט מער ווי צעהן טויזנט ריייניש!" אבער דער סוחר האט זיך נישט דערשראקן און זיך געהאלטן פעסט מיט די פרייז. זעהענדיג דאס האט הרה"ק מראצפערד באלד פארלאזט דאס פלאץ. באלד דערנאך זענען אריינגעקומען עטליכע בעלזער חסידים צום סוחר און אים געפרעגט וויפיהל ער בעהט פאר'ן אתרוג? האט ער זיי געענטפערט צוועלף טויזנט ריייניש. האבן די חסידים גלייך באצאהלט די צוועלף טויזנט ריייניש און געקויפט דעם אתרוג פאר כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע.



ווען הרה"ק מראצפערט, האט דאס געזעהן האט ער גלייך געשיקט צוויי שליחים (איינער פון זיי החסיד ר' דוד יהושע גראס ז"ל) צו כ"ק מרן זי"ע, און זיי געהייסן זאגן פאר מרן זי"ע, אז ס'האט א דין ווי א 'עני המהפך בחררה ובא אחר ונטלו' (עי' שו"ע חו"מ סי' רלז ס"א). אזוי ווי די שליחים פון הרה"ק מראצפערט זענען נאר אריין געקומען אין צימער פון מרן זי"ע, און נאך איידער זיי האבן עפעס געקענט זאגן, האט מרן זי"ע גלייך גענומען דעם אתרוג און דאס געגעבן פאר די שליחים פון הרה"ק מראצפערט, אהן זאגן א ווארט. ויהי לפלא. *(ספר "שיח זקנים" ח"ה עמ' שג)*

אויסטערליש'ן ערשיינונג וואס ער האט געזעהן. ביז ווען ער איז געקומען צום יום טוב טיש וואס מרן זי"ע האט געפראוועט. און מרן זי"ע האט געזאגט תורה אויפ'ן פסוק (נשא ו:ב): "**לנדור נדר נזיר לה'**"—ווען א מענטש וויל זיך אפשיידן צו זיין הייליג פאר'ן באשעפער, דעמאלט איז די עצה אז ער זאל האבן התלהבות און א גוטן ווילן ביי מקיים זיין די מצוה פון: "**ולקחתם 'לכם' ביום הראשון וגו'**", אז ער זאל זיך אויפהויבן און נעמען זיין קערפער און ווערן העכער מיט א קאפ. ווייל אין די צייט פון די הייליגע מצוה פון ד' מינים, דארף מען זיך אויפהויבן

<<<<<

<<<<<<<

אין די לופט העכער און העכער..

## מאוצרות הצדיקים

## ד' מינים

### האלט דיך נישט גרויס מיט'ן אתרוג

"אתרוג" איז די ראשי תיבות: "א'ל ת'בואני ר'גל ג'אוה" (תהלים לו-יב). דער אתרוג זאגט פאר'ן איד: האלט דיך נישט גרויס מיט מיין שיינקייט און מיין טייערקייט, נאר זאלסט טועך די מצוה ווייל דער באשעפער האט אזוי באפוילן.

*(הבעש"ט הק' זי"ע)*

### געבעהטן מיט א צובראכן הארץ

איין יאהר איז דער "דברי חיים" פון צאנז זי"ע געזיצן די ערשטע נאכט סוכות זייער פארווייטאגט, ווייל יענעם יאהר איז די שיף וואס



האט געדארפט ברענגען די אתרוגים געזונקען. אבער אין די צווייטע נאכט איז ער שוין געווען שטארק בשמחה. האט דער "דברי חיים" ערקלעהרט די זאך, די ערשטע נאכט האט ער געזעהן ווי דער שטן פרייד זיך אז אידן וועלן נישט קענען מקיים זיין די מצוה. אבער אינעם ערשטן טאג סוכות ווען מען האט געהאלטן פאר הלל האבן די אידן מיט א צובראכן הארץ געבעהטן ביים באשעפער ער זאל אהנעמען זייער מחשבה טובה, למעשה, פונקט ווי זיי וואלטן טאקע מקיים געווען די מצוה בשלימות, און דער באשעפער האט אנגענומען זייער געבעהט און האט דאס זיי פארעכענט ווי זיי האבן מקיים געווען די מצוה. איז דער שטן ארומגעגאנגען צוקלאפט אז ס'איז אים נישט געלונגען אוועק צו נעמען די מצוה פון די אידן, און דעריבער איז דער "דברי חיים" געווען בשמחה.

### דורך תשובה ווערט דער אתרוג שיין

דער צדיק רבי מרדכי פון נאדווארנא זי"ע (וואס זיין יאהרצייט איז אינעם ערשט'ן טאג סוכות) האט אמאהל באקומען פאר יום כיפור אן אתרוג פוהל מיט פלעקן. האט ער דעם אתרוג אריינגעלייגט אין ארון הקודש, און געזאגט אויף זיך: "אויב מרדכי וועט גוט תשובה טוען, דעמאלט וועלן אלע פלעקן אוועק גיין און ס'וועט ווערן א שיינער אתרוג". נאך יום כיפור האט ער צוריק ארויס גענומען דעם אתרוג פונעם ארון הקודש, און אלע האבן מיט וואונדער געזעהן א זויבער'ן און שיינער אתרוג!

### אתרוג איז מרמז אויף ענוה

דער שיניאווא רב זי"ע, האט אמאהל סוכות ביינאכט ביים טיש געלויבט דעם באשעפער, אז דאס יאהר האט ער א שיינעם אתרוג. האט איינער פון די חסידים זיך אנגערופן, אז זיין אתרוג איז שענער פונעם רבי'ן'ס אתרוג, און פון אלע איינוואוינער פונעם שטאט. האט אים דער שיניאווא רב געזאגט, "דיין אתרוג איז פסול!" דער חסיד איז שנעל געגאנגען ברענגען זיין אתרוג צו ווייזן פאר יעדן. ווען דער שינאווער רב האט גענומען דעם אתרוג אין די האנט, האט ער גלייך אראפגענומען דעם פיטום און אים געוויזן אז ס'איז נישט באהאפטן, נאר דער פיטום איז אריינגעשטעקט מיט א נאדל אינעם אתרוג, דער חסיד האט זיך זייער געוואונדערט פון וואו דער רב האט דאס געוואוסט? האט דער שיניאווא רב געענטפערט, אז אתרוג איז מרומז אויף ענוה, און ווען איך האב געזעהן די שטאלצקייט צו וואס דיין אתרוג האט דיך צוגעברענגט, האב איך פארשטאנען אז ס'איז פסול.

## מאוצרות הצדיקים

>>>>>>>

## "הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים"

הרה"ח רבי חיים נטע כ"ץ ז"ל האט עטליכע יאהר נאך זיין חתונה נאכנישט געהאט קיין קינדער, און ער פלעגט זיך שטענדיג מזכיר זיין ביי כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע, פאר א ברכה. איינמאל אין די עשרת ימי תשובה ווען ער איז אריינגעגאנגען מיט א קוויטל האט ער געזאגט פאר מרן זי"ע אז ער גיט א פדיון נפש די סומע פון ב"ן וואס באטרעפט (צוויי און פופציג), און דערווייל גיט ער אן איינגאבע און ער וועט אי"ה אויסצאהלן די רעשט. האט אים מרן זי"ע געענטפערט "דו ביזט מיר באגלייבט". מרן זי"ע האט ביי אים גענומען די געלט און אים ווארעם געוואונטשן. דערנאך האט אים מרן זי"ע געזאגט: "ביי מיר ארבעט מען יעצט אין די סוכה, נעם א לאמטערנע און גיי באלייכט זיי. טרייב זיי צו מ'זאל ענדיגן. פאר א יאהר איז שוין געווען ערב סוכות אידן זענען שוין געגאנגען אין שוהל אריין דאווענען, און ביי מיר אין די סוכה האט מען נאך געארבעט איך האב מיך זייער געשעהמט."

איז רבי חיים נטע געגאנגען מיט א לאמטערנע אין די סוכה, האט ער דארט געטראפן כ"ק מרן מהר"א זי"ע, און ער האט אים אלעס פארציילט, זאגנ'דיג אז ער פארשטייט נישט דעם באדייט פון די גאנצע זאך



מיט די לאמטערנע. האט אים מרן זי"ע געהייסן ער זאל אים גענוי איבערזאגן די ווערטער פונעם טאט'ן—געהייסן זאלסט באלייכטן די סוכה מיט ליכט. איבער א יאהר ערב סוכות איז ביי אים געבוירן געווארן זיין זוהן ר' בערל ע"ה.

<<<<<<<

# שבת חול המועד

### לאכעדיגע מלוה מלכה

מוצאי שבת חול המועד האט מרן מהר"א זי"ע געפיהרט א טיש פאר סעודת מלוה מלכה, וואס מ'האט גערופן די "לאכעדיגע מלוה מלכה". דאס איז געווען דאס איינציגע מאהל במשך'ן יאהר וואס מרן זי"ע האט זיך געוואשן צו א סעודת מלוה מלכה. מ'האט געזינגען ביים טיש נאר די זמירות "אליהו הנביא", "איש חסיד" און "אמר ה' ליעקב". "אתקינו סעודתא" האט מרן זי"ע נישט געזאגט. אגב, א גאנץ יאהר ווען מרן זי"ע האט געטרינקען א 'קאווע' במוצאי שב"ק, פלעגט ער זיך אונטער זינגען שטילערהייט: "דא היא סעודתא דדוד מלכא משיחא", און נישט געזאגט "אתקינו סעודתא".

דער מנהג איז אויך געווען אז רבותינו הק' זענען געזיצן אין די סוכה, ביי די לאכעדיגע מלוה מלכה, נאענט צו די טיהר און נישט כמנהגן צו זיצן אינמיטן טיש.

דער בילגורייער רב זי"ע שרייבט בשם אחיו כ"ק מרן מהר"א זי"ע, אז מרן זי"ע האט זיך אויסגעדרוקט אז דאס זיצן אינמיטן די סוכה ביי די טיהר איז געווען "א רבי'שע זאך".

### קארטאפיל מיט בארשט

און צוגאב צו די געווענליכע סוכות מאכלים וואס מ'האט געגעסן ביים טיש, האט מען נאך די פיש אריינגעברענגט "קארטאפל מיט בארשט", וואס איז א ספעציעל מאכל אין בעלזא פאר מלוה מלכה. די "קארטאפל מיט בארשט" האט מען אריינגעברענגט אין צוויי באזונדערע טעלערס, און נישט ביידע אין איין טעלער. און ביים עסן האט מען איינגעטונקען די קארטאפל אינעם טעלער בארשט, און געגעסן צוזאמען.

הגה"ח ר' שמחה בונם בוים ז"ל האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון חסידים בנוגע דעם מנהג, ווייל בארשט איז רויט [וואס ווייזט אויף דין], און קארטאפל איז ווייס [וואס ווייזט אויף רחמים] און מיט'ן גיסן די בארשט אויף די קארטאפל איז דערביי דא א ראמז להמתקת הדינים. ומי יעמוד בסוד קדושים. *(מפי הרה"ח ר' בן ציון אסטערליץ ז"ל ששמע מפיו)*

דער טעם פארוואס מ'האט די סעודה גערופן "לאכעדיגע מלוה מלכה", האט כ"ק האדמו"ר רבי איציק'ל מפשעוואורסק זצ"ל, דערציילט וואס ער האט געהערט פון הרה"ק רבי שמחה יששכר בער מצעשינוב זצ"ל, דער איידים פון כ"ק מרן מהר"י זי"ע, אז כ"ק מרן מהר"ש זי"ע האט געזאגט אויף זיך אז ער געבוירן געווארן מיט די טבע פון כעס, און ער




האט זיך אזוי שטארק צובראכן זיין טבע פון כעס און שווער געארבעט אויף די מדה, ביז ער האט דאס איבערגעדרייט אויף פארקעהרט, אז ווען ער האט זיך געוואלט בייזערן האט ער געלאכט. און וויבאלד אין בעלזא איז געווען א קליינע סוכה, און ביי די סעודת מלוה מלכה איז געקומען א גרויסער עולם, און ס'איז געווען א גרויס ענגשאפט, איז מטבע הדברים האט ער זיך געוואלט בייזערן, אבער אנשטאט זיך בייזערן האט ער אסאך געלאכט, און פון דעם האט זיך גענומען דער נאמען "לאכעדיגע מלוה מלכה.

אן אנדערע גירסא ווערט דערציילט: כ"ק מרן מהר"ש זי"ע האט געלאדענט צו די סעודה די בעלי הבתים פון די שטאט בעלזא, און ער האט מיט זיי געשמועסט און אויך געטאנצט מיט זיי, און מרן זי"ע איז דעמאלט געווען שטארק בדיחא דעתיה, און אוודאי איז דאס נישט געווען דברים כפשוטם, נאר רבותינו הק' זי"ע האבן דערין געהאט הויכע און גרויסע ענינים. *(המשב"ק הרה"ח ר' יצחק לנדאו ז"ל "אור הצפון" קובץ מ"ו, מדור "מועדים וזמנים")*

## מאוצרות הצדיקים

# נוי סוכה

### פארוואס מ'באציהרט די סוכה

דער ענין פון באציהרן און שיין מאכן די סוכה און אויפהענגן חשובע פרוכטן, איז ווייל דאס ווייזט ווי חשוב און באליעבט ס'איז פאר אונז די מצוה, אז מען באציהרט די סוכה און מען טוט דאס באשיינען מיט וואס נאר מעגליך, דעריבער וואס מער מען פארמערט צו באציהרן די סוכה איז ער געלויבט ביים באשעפער. *(של"ה הק')*

### צו דערמאנען דעם חסד פון באשעפער

דער ענין פון די נוי סוכה איז הויפטליך ארויס צו ווייזן און דערמאנען די גרויסע גנאדע און דאס גוט'ס וואס דער באשעפער האט משפיע געווען אויף אונז ווען מיר זענען ארויס פון מצרים, ווי דער מדרש דערציילט די גרויסע



פארגעניגונג און דאס שיינקייט וואס די אידן האבן זוכה געווען צו האבן די גאנצע צייט אין מדבר. דעריבער רעכענט אויס דער תנא פארשידענע סארטן "נוי סוכה", כדי מיר זאלן זיך אנשטרענגן צו באציהרן די סוכה מיט וואס ס'איז נאר מעגליך ווייל דאס איז אויך א טייל, און אן עיקר אין די מצות סוכה, נישט נאר בלויז צוליעב הידור מצוה פון "זה קלי ואנוהו", נאר דאס ברענגט ארויס די כוונה פון די מצות סוכה, די אנערקענונג און חסד

>>>>>>>

<<<<<<<

אינעם נס וואס איז מיט אונז געווארן געטועָן, ווען מיר זענען געווען אין מדבר און געוואוינט אין סוכות, און מיר האבן געהאט אלעס מיט א שפע און מיט שיינקייט, דעריבער דער וואס פארמעהרט צו באצירן די סוכה איז ער געלויבט. *(באר יוסף, פ' אמור)*

### • מ'טאהר נישט הנאה האבן פון די נוי סוכה

די נוי סוכה וואס מ'העגנט אויף אין די סוכה איז מוקצה גאנץ סוכות, ווייל מ'האט די זאכן אפגעשיידט פאר די מצוה פון באשיינען אונזער סוכה, און מיט דעם וואס מען נעמט דאס אראפ, פארמינערט מען איר שיינקייט און מען פארשעהמט דערמיט די מצוה.

### • פארשידענע נוי סוכה

די גמרא (סוכה י.) ברענגט אז מ'פלעגט באציהרן די סוכה מיט ניס, מאנדלען, פערזשעך, מילגרוים, שטרענגלעך טרויבן, וויין, אויל, מעהל. אויך איז דער מנהג צו באציהרן די סוכה מיט עפל, ווייל די כנסת ישראל איז געגליכן צו עפל. דער רמ"א (סי' תרל"ח ס"ב) ברענגט אז מ'זאל אויף העגנען אן **אתרוג** אין די סוכה פאר א שיינקייט. **וואסער** אלס א זכר אויף ניסוך המים פון שמחת בית השואבה אין בית המקדש. און **האניג**. טייל מדקדקים פירן זיך אז יעדן יאר לייגט מען צו נאך א נייע נוי סוכה.

### • ווען ווערט די נוי סוכה אסור בהנאה

דער 'פני יהושע' איז מחדש אז נאר נאכדעם וואס מ'האט באדעקט די סכך אויף די סוכה ווי די הלכה איז, דעמאלט אויב מ'העגנט אויף נאכדעם די נוי סוכה ווערן זיי באטראכט ווי א נוי סוכה אז זיי ווערן אסור בהנאה. אויב אבער מ'האט זיי געלייגט איידער מ'האט געלייגט די סכך כשר ווערן זיי נישט אסור בהנאה. *(פני יהושע סוכה י.)*

### • איין און ניינציג לעכט

אין די סוכה פון **הרה"ק מצאנז זי"ע** האט מען געצינדן איין און ניינציג לעכט אזויפיהל ווי

>>>>>>>

## "נעם דיר א מתנה וואס יוסף הצדיק האט געברענגט..."

ווען כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע האט זיך געגרייט צו בויען די הייליגע שוהל אין די שטאט בעלזא, האט ער געוואלט אפקויפן דעם באדן פון די שוהל פונעם מושל צו וועמען דער באדן האט באלאנגט, אבער ס'איז אים נישט לייכט אנגעקומען ווייל דער מושל איז געווען א שונא ישראל און ער האט נישט געוואלט פארקויפן דעם באדן אויפצושטעלן דארט א שוהל. האט דער איידעם פונעם מושל וואס האט אים פיינט געהאט, אבער שטארק געשעצט מרן זי"ע, אפגעקויפט דעם באדן פונעם מושל, אהן ער זאל וויסן פארוועמען דער באדן גייט, און אלס באלוינונג האט מרן זי"ע אים געבענטש אז ער זאל שטייגן הויך אין זיין אמט, און ס'האט נישט לאנג געדויערט און דער איידעם איז געווארן דער מושל אנשטאט זיין שווער דער שונא ישראל. דערווייל האט מען זיך דערוואוסט אז איין טייל פונעם באדן באלאנגט פאר צוויי אנדערע שותפים, א איד מיט א גוי. האט מען פריער פארהאנדלט מיט'ן גוי, און ער האט גלייך צוגעשטומט צו פארקויפן זיין חלק. אבער דער איד האט זיך פאר'עקשנ'ט און נישט געוואלט פארקויפן זיין חלק, און הערנ'דיג אז דער גוי ווייל יא פארקויפן זיין חלק האט ער דאס גלייך אפגעקויפט פונעם גוי, און ער איז געווארן דער פוהלער אייגענטומער פון זייער חלק, און וואס מער מ'האט געבעהטן דעם איד צו פארקויפן דעם באדן, אלס מער האט ער נישט געוואלט, ביז מ'האט אים דערציילט אז מ'דארף האבן דעם באדן פאר מרן מהר"ש זי"ע, צו בויען דערויף די הייליגע שוהל, האט ער מסכים געווען אבער בתנאי, אז מרן זי"ע זאל אים צוזאגן עשירות און גוטע קינדער. אבער מרן זי"ע האט נישט געוואלט מסכים זיין צום תנאי. דער איד האט אבער נישט נאכגעגעבן, כאטש ער האט שטארק געשעצט די ברכות פון מרן זי"ע, האט ער נישט מסכים געווען צו פארקויפן דעם חלק פונעם באדן סיידן מרן זי"ע וועט אים צוזאגן.

נאך עטליכע יאהר, איז דער איד אמאהל געקומען אין די סוכה ווען מרן זי"ע האט געפיהרט טיש לכבוד די אושפיזא פון יוסף הצדיק און געטיילט פאר יעדן "פרנסה ברויט". דער איד איז אויך געשטאנען אין די שורה צו נעמען פונעם "שווארץ ברויט". אבער פריער האט אים מרן זי"ע געזאגט: ס'שטייט (מקץ מב:ו) "ויוסף הוא המשביר", —אויב מיינסטו אז דאס איז נאר געווען דעמאלט אין יענע יאהרן, זאלסטו וויסן, אז אויב די תורה דערציילט אונז אז יוסף הצדיק האט משפיע געווען פרנסה און שפע, האט זיך דאס נישט אויפגעהערט נאך יוסף'ס פטירה, נאר יעדעס יאהר, ווען די אושפיזין קומען אין די סוכה פון יעדן איד, קומען זיי נישט מיט ליידיגע הענט נאר ברענגען מיט זיך מתנות. אברהם ברענגט מתנת חסד, יצחק ברענגט מתנת גבורה און אזוי יעדער אויף זיין דרך, און יוסף הצדיק ברענגט אינעם טאג פון זיין אושפיזא פרנסה פאר כלל ישראל". מרן זי"ע האט אים געגעבן א שטיקל "שווארצע ברויט" און אויסגעפיהרט, "נעם דיר א מתנה וואס יוסף הצדיק האט געברענגט און פון דעם וועסטו האבן פרנסה".



דער איד האט פארשטאנען אז ער האט אצינד באקומען א ברכה פאר עשירות אויף'ן גאנצן לעבן. ער האט באלד מסכים געווען צו פארקויפן דעם באדן אהן צו באקומען אן הבטחה. אין די קומענ'דיגע חנוכה טעג, האט מען דערציילט אין בעלזא, האט דער איד אפגעקויפט אלע תבואה פעלדער אין די ווייטע שטעט ארום בעלזא, און די גאנצע תבואה וואס איז געוואקסן אין די פעלדער פון לעמבערג, זלאטשוב, און ארום איז געווען זיינס. אזוי ווי דער איד האט געזעהן אז ער איז רייך געווארן פון די ברכה פון מרן זי"ע, האט ער זיך שפעטער געלאזט קאסטן מיט גאר גרויסע געלטער פאר'ן אויפבוי פון די הייליגע בעלזער שוהל. *(יחיד בדורו - מועדי קדשיך)*

<<<<<<<

ס'באטרעפט דאס ווארט סוכה (91).

## ◆ נוי סוכה ביי צדיקים

די סוכה פון **הרה"ק מראפשיץ זי"ע** האט מען באצירט מיט שיינע געשטאלטן פון פייגעלעך, וואס זענען געווען גערעכנט פון די שענסטע נוי סוכה אין זיין סוכה.

## ◆ די שענסטע נוי סוכה

**כ"ק אדמו"ר בעל 'דברי שלמה' מבאבוב זצ"ל:** ווען ער האט געוואוינט אין קראון הייטס, איז געגאנגען באזוכן אין א סוכה פון א איד א שכן, צו זעהן יענעמ'ס "נוי סוכה". דער איד, האט אין די בראשית יאהרן פון אמעריקא, געהאט גרויס מסירת נפש פאר'ן הייליג'ן שבת, וואס יעדע וואך פרייטאג, ווען ער האט געזאגט פאר זיין ארבייט'ס געבער אז ער קומט נישט ארבעטן שבת האט ער באקומען א רויטע צעטל (פִּינק סְלִיפּ) אז ער איז אפגעזאגט פון די ארבעט, און יעדע וואך זונטאג האט ער געמוזט גיין זוכן אן אנדער ארבעט'ס פלאץ, צוליעב'ן נישט וועלן ארבעטן אום שבת. פון אט די אלע 'רויטע צעטלעך' וואס ער האט צונויפגעזאמלט האט ער זיך געמאכט "נוי סוכה" און דאס האט דער באבובער רב שטארק באוואונדערט. *(מפי הרה"ח ר' לייבל סטעמפל שליט"א)*

## ◆ נוי סוכה מצוה מן המבחר



וויבאלד די תורה זאגט אז מיר זאלן וואוינען אין די סוכה אזוי ווי מ'וואוינט א גאנץ יאהר אין הויז, דעריבער, וויבאלד די נוי סוכה איז בעיקר געמאכט געווארן אז ס'זאל אים זיין איינגענעהם צו זיצן אין די סוכה און אויסזעהן שיין, מעג דאס אראפהענגען פון די סכך כשר, און ס'איז אפילו א מצוה, מן המובחר צו באציהרן די סוכה. *(שו"ת הרשב"א ח"א סי' נ"ה)*

## ◆ "צדקה איז מיין נוי סוכה"

ערב סוכות האט דער הייליגער 'דברי חיים' פון צאנז זצוק"ל אוועק געטיילט אסאך געלט אויף צדקה מער ווי געוועהנליך. איינמאהל ערב סוכות האט ער זיך געניטיגט אין די סומע פון צוויי טויזענט רובל. זענען זיינע קינדער געגאנגען בארגן דאס געלט ביי די גבירים אין שטאט און דאס געברענגט פאר'ן 'דברי חיים', און ער האט דאס גלייך צוטיילט פאר די ארימעלייט. ביינאכט ווען ער איז געשטאנען ביי די טיהר, ארייגצוגיין אין די סוכה, האט דער 'דברי חיים' זיך אויסגעדריקט: די וועלט פיהרט זיך צו באשיינען און באציהרן די סוכה מיט פארשידענע סארט "נוי סוכה". אבער איך טוה נישט אזוי. די צדקה דאס איז מיין "נוי סוכה", דאס איז די שיינקייט און און פראכט פון די סוכה.

>>>>>>>

## "שומר שכר... בני חיי ומזוני..."

אין איינע פון די סוכות טעג ווען כ"ק מרן מהר"א זי"ע איז אריינגעקומען פיהרן דעם הייליג'ן טיש, איז אין די זייט געשטאנען א ירושלימ'ער בחור, וואס איז געקומען זיך באטייליגן ביים טיש. ווען מרן זי"ע איז אריבער דעם בחור, האט ער זיך



אפגעשטעלט, זיך געוואונדן צו אים און געפרעגט: אויב ער וואלט געוואלט זיין א 'שומר' אויף די דירה, (ווי באקאנט ווען מרן זי"ע פלעגט ארויס גיין פון שטוב, האט מען נישט געלאזט די אהן א שומר.) דער בחור האט באלד מסכים געווען אבער אויך גענומען די מוט און געוואגט צו זאגן: "איך וויל אבער נישט זיין א 'שומר חינם'", וואס דערמיט האט ער מרמז געווען אז ער וויל באקומען א באלוינונג פאר'ן זיין א שומר.

הערנדיג די תשובה האט זיך מרן זי"ע געוואנדן צו גבאי'ן הרה"ח ר' שלו' פויגל ז"ל, און אים געפרעגט: "שלו', וואס קען מען אים געבן?" אין אנהייב האט ר' שלו' נישט געוואלט ענטפערן, אבער ווען מרן זי"ע האט אים נאכאמאהל געפרעגט: "שלו', וואס קען מען אים געבן?" האט ר' שלו' געענטפערט: "בני חיי ומזוני..." האט זיך מרן זי"ע אנגערופן צום בחור און אים געזאגט: "בני חיי ומזוני"...דער אייבישטער זאל העלפן זאלסט האבן בני חיי ומזוני..."



מיט גרויס פרייד איז דער בחור באלד געגאנגען מקיים זיין וואס מרן זי"ע האט אים געבעהטן און געווען דער שומר אין שטוב.

אויף די עלטערע יאהרן האט דער איד דערציילט: "ברוך ה' אז די ברכה פונעם צדיק איז פולקאם מקויים געווארן. איך בין געבענטשט געווארן מיט "**בני**", קינדער תלמידי חכמים מופלגים בתורה מיט "**חיי**", מיט'ן פוהלן געזונט, וואס טראץ מיין עלטער פעהלט מיר נישט קיין איין צאהן, און איך דארף נישט גיין מיט די הילף פון א שטעקן, און מיט "**מזוני**", שטענדיג איז מיר די פרנסה אנגעקומען גרינג, און ס'האט מיר קיינמאהל נישט געפעהלט קיין געלט". *(ספר 'מועדי קדשיך' עמ' קס"ח)*

>>>>>>>

## מאוצרות רבוה"ק

## נוי סוכה

### • נוי סוכה אין בעלזא

ביי **רבותנו הק' מבעלזא** האט מען באציהרט די סוכה מיט הענגען פירות פון די שבעת המינים, און הענגען שיינע טעפיכער אויף די ווענט.

### • ובשנה השביעית...



אין שנת תשי"ג לפ"ק (מוצאי שנת השביעית), האט כ"ק מרן מהר"א זי"ע געשיקט פרעגן א שאלה פון הגה"צ רבי ישראל יצחק רייזמן זצ"ל, אויב ס'איז גלייך אויפצוהענגען אין די סוכה פירות וואס האבן דערויף א קדושת שביעית, האט הגה"צ רבי ישראל יצחק געענטפערט: מ'זאל נישט הענגען פירות וואס האבן א קדושת שבועות. פון דעמאלט איז דער מנהג מקפיד צו זיין דערויף כנ"ל. *(כתבי חסידים)*

### • נוי סוכה לשמירה

דער בילגורייא רב זי"ע שרייבט: אין בעלזא האט מען געטיילט נוי סוכה, און מ'האט דאס באהאלטן אלס א שמירה אין שטוב, אדער מ'האט דאס געגעסן און מ'האט מקפיד געווען צו פארברענען אדער באהאלטן די שאלעכצט צוליעב די קדושה פונעם אתרוג.

>>>>>>>

# "ממתיק דינים אין זכות פון מצות סוכה"

דער הייליגער 'בני יששכר' זי"ע פלעגט בויען זיין סוכה צווישן יום כיפור און סוכות. איין יאהר איז יום כיפור געפאלן מיטוואך און אויפצומארגנס דארנערשטאג און פרייטאג האט דער 'בני יששכר' צוליעב די גרויסע טרדות נישט אנגעיאגט צו ענדיגן די סוכה, און זעהענ'דיג ערב שבת אז ס'איז נאך פארבליבן אסאך ארבעט צו ענדיגן די סוכה האט ער געבעהטן אז מ'זאל מוצאי שבת רופן דעם חסיד ר' וואלף רייך וואס האט געהאט קשרים מיט די פריצים און מיט די סוחרים. מוצאי שבת האט אים דער 'בני יששכר' דערציילט איבער זיין פראבלעם, אז ס'איז נאך געבליבן אסאך ארבעט צו ענדיגן די סוכה, און די אידן זענען דאך באשעפטיגט ערב יום טוב מיט די ארבע מינים, דעריבער זאל ער רעדן מיט זיינע באקאנטע גוים ארבייטער זיי זאלן קומען זונטאג אינדערפרי העלפן מיט די ארבעט צו בויען די סוכה. ר' וואלף וואוסנדיג אז זונטאג איז זייער חגא ווען זיי גייען אין תיפלה, האט געזאגט פאר'ן 'בני יששכר' אז ער קען גארנישט העלפן ווייל זונטאג איז זייער חגא, און מ'טאהר אפילו נישט רעדן אדער דערמאנען וועגן ארבייטן זונטאג ביי די גוים, ווייל זיי גייען דעמאלט אין זייער תיפלה, און קיינער וועט נישט ווען קומען ארבייטן, אפילו פאר כל הון דעלמא. האט דער 'בני יששכר' געזאגט פאר ר' וואלף אויב דו האסט נישט אן אייגענע עצה וועל איך דיר זאגן וואס צו טוען, אבער דו מוזט אלעס אויספאלגן וואס איך וועל דיר זאגן און הייסן. ר' וואלף האט באלד מסכים געווען. האט דער 'בני יששכר' אים געהייסן צוגיין צו צוויי ארבייטער גוים, און זיי זאגן אז ער וועט זיי גוט באצאהלן פאר זייער ארבעט, און זיי וועלן דאך אוודאי נישט ווען ארבייטן מיט די טענה אז ס'איז זונטאג און זיי טאהרן נישט ארבעטן, זאלסטו זיי זאגן אז דער גלח האט צוגעשטימט און ערלויבט זיי צו ארבייטן, און זיי קענען גיין פרעגן דעם גלח און הערן זיין הסכמה, און זיי ווען דיך פאלגן און קומען ארבייטן. ר' וואלף האט אויפגעציטערט און געפרעגט "ווי אזוי קען איך זיי דאס זאגן אין נאמען פונעם גלח, אויב זיי ווען זיך דערוואוסן אז ס'איז ליגנד וועט דאך זיין זייער ביטער, און דער גלח וועט זיכער נישט שטימען אז זיי זאלן ארבייטן זונטאג, אין זייער חגא טאג. זאגט אים דער 'בני יששכר' מיר האבן דאך אפגעמאכט אז דו וועסט אלעס פאלגן. און דער 'בני יששכר' איז צוגעגאנגען צו די שאפע און ארויסגענומען צוויי גאר געשמאקע פלעשלעך בראנפין, און זאגט פאר ר' וואלף: נעם די צוויי פלעשלעך בראנפין צום גלח,



וואס דו ביזט מיט אים שוין פון לאנג באפריינדט, געב דאס אים און בעהט אים אין מיין נאמען אז איך דארף האבן עטליכע ארבייטער צו העלפן ענדיגן בויען די סוכה. ר' וואלף האט אזוי געטוען און דער גלח האט באלד צוגעשטומט און ער האט באלד געגעבן דעם געוואונטשענעם ערלויביניש אזוי ווי דער 'בני יששכר' האט געבעהטן. פון דארט איז ר' וואלף געגאנגען צו די גוי'שע ארבייטער, זיי געזאגט אז ער האט אן ערלויביניש פונעם גלח אויף זונטאג אז זיי מעגן ארבייטן, זיי האבן באלד מסכים געווען און שוין זונטאג מיטאג איז געשטאנען מיט'ן פוהלן גלאנץ א גרויסע פראכטפולע סוכה. דער 'בני יששכר' האט זיך זייער געפרייד, און געלייגט דעם סכך אויף די סוכה. יום טוב ביינאכט ווען דער 'בני יששכר'איז אריין אין די סוכה, איז ער געבליבן שטיין ביי די טיהר און געזאגט: "**רבונו של עולם זעה ווי אידישע קינדער זענען אנדערש פון די אנדערע פעלקער פון די וועלט, פאר קיין שום געלט אין די וועלט וועט א איד נישט מסכים מחלל שבת זיין, און פאר צוויי פלעשלעך בראנפין האט דער גלח ערלויבט מ'זאל פארשוועכן זייער חגא טאג און בויען די סוכה**", און אזוי האט דער הייליגער 'בני יששכר' ממתיק געווען און מליץ טוב געווען אויף די אידן און פארשטאפט דאס מויל פון די מקטרגים.

***

>>>>>>>

## ♦ פירות פון נוי סוכה פאר די קינדער

**כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** פלעגט דריי וואכן נאך סוכות, טיילן "**נוי סוכה**"—פון די עפעלעך וואס זענען געהאנגען אין די סוכה, פאר די קינדער פון די שטאט בעלזא. די קינדער פלעגן אדורכגיין פאר מרן זי"ע, און יעדער האט באקומען פון די "נוי סוכה" וואס מ'האט גערופן "סוכה עפעלעך". מרן זי"ע האט יעדעס קינד געפרעגט וואס ער לערענט און ווער ס'איז זיין מלמד? און ער פלעגט אויך מיט זיי רעדן אין לערנען וואס דאס איז געווען פאר די קינדער א גרויסער חיזוק. ס'איז געווען א וואונדער, אז מרן זי"ע האט זיי נישט געדארפט פרעגן זייערע נעמען, ווייל ער האט געקענט אלע קינדער פון די שטאט ביים נאמען. *(מפי הגה"ח רבי יוסף שטייכל ז"ל מבעלזא)*

## ♦ געגעסן די נוי סוכה מיט בגדי שבת

**כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע** פלעגט נאך סוכות, טיילן "נוי סוכה"—די פירות וואס מ'האט אויפגעהאנגען אין די סוכה. איינמאהל האט מרן זי"ע געשיקט נוי סוכה פאר'ן טארנאפולער רב זצ"ל, דורך זיינס א תלמיד. ביים טארנאפולער רב איז דאס געווען אזא גרויסע חשיבות, אז ער האט אנגעטוהן זיין שטריימל און די בעקיטשע,



און האט צוטיילט די נוי סוכה פאר זיין משפחה.

## ♦ נוי סוכה צו עסן בקדושה

הרה"ג ר' משה שיינערט שליט"א האט פארציילט: אמאהל ווען כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע האט געטיילט נוי סוכה פאר'ן עולם, האט ער באקומען אן אתרוג פון מרן זי"ע. ווען ער האט אויך געבעהטן נוי סוכה פאר הגה"צ מגדולי חסידי בעלזא, רבי צבי יאיר זצ"ל אבד"ק רייוויץ, א שטיצער פון בית מרן זי"ע, וואס האט געוואוינט אין ניו יארק, האט זיך מרן זי"ע אנגערופן מיט אן התלהבות, "דער רייוויצער רב, א היימישע איד", און גלייך גענומען אן אתרוג און דאס געגעבן פאר ר' משה און אים געבעהטן אז ער זאל דאס איבערגעבן פאר'ן רייוויצער רב, און אויב ער וויל עסן דעם אתרוג זאל ער אכטונג געבן אויף די קדושה פון די שאלעכץ, און אויב ער וויל קען ער דעם אתרוג אוועקלייגן פאר א שמירה".

## ♦ נוי סוכה א שמירה אין שטוב

הרה"ח ר' נח לאנגסאם שליט"א דערציילט: אין שנת תשי"ז ווען ער איז געווען אויף די ימים נוראים בצל כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע, האט ער נאך סוכות באקומען פון מרן זי"ע "נוי סוכה" אן אתרוג, און ער האט אויך געבעהטן 'נוי סוכה' פאר זיין פאטער הרה"ח ר' משה ז"ל און פאר זיין שווער הרה"ח ר' מתתי' פארטגאנג ז"ל, און מרן זי"ע האט אים געגעבן. ווען ער האט געפרעגט וואס צו טוען מיט'ן אתרוג האט מרן זי"ע געענטפערט: "**קענסט מאכן דערפון 'איינגעמאכט'ס' און עסן חמשה עשר בשבט, אדער דאס אוועקלייגן פאר א שמירה אין שטוב**".

## ♦ נאכגעשיקט די נוי סוכה

הרה"ח ר' אפרים קליין ז"ל פון די שטאט פעסט אין אונגארין, [שפעטער האט ער געוואוינט אין קראונהייטס]. איז געפאהרן אויף די הייליגע טעג, אינאיינעם מיט א גרופע בחורים פון פעסט קיין בעלזא, להסתופף בצל **כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע**. נאך סוכות, פאר'ן אהיים פאהרן, איז די גאנצע גרופע געגאנגען זיך געזעגענען פון מרן זי"ע. ר' אפרים האט צוליעב א אורזאך, נישט געקענט זיך דעמאלט געזעגענען צוזאמען מיט זיינע חברים, איז ער א קורצע צייט פאר די באהן האט געדארפט אפפאהרן, געלאפן צום שטוב פון מרן זי"ע כדי זיך צו געזעגענען. ער האט זיך געבעהטן ביים משמש אז ער זאל אים גלייך אריינלאזן, ווייל ער וויל נישט פארשפעהטיגן די באהן. ווען ער איז ענדליך אריין אין צימער, האט אים מרן זי"ע בארוהאיגט, "אייל זיך נישט. גיי צום וואגן, און פאר געלאסן." הערנ'דיג דאס איז ער געווארן בארוהאיגט, ער איז געווען זיכער אז ער וועט שוין נישט פארשפעהטיגן די באהן. שטייענדיג אין צימער האט ער געבעהטן פון מרן זי"ע "נוי סוכה",—אן עפל וואס איז געהאנגען אין די סוכה. וואס געוועהנליך האט מרן זי"ע דאס געטיילט שפעטער, האט אים מרן זי"ע געענטפערט: "אז מ'טיילט נאכנישט 'נוי סוכה'. ר' אפרים האט זיך געזעגנט און איז געדולדיג געפאהרן צום באהן הויף, און אהנקומענדיג אהין זעהט ער אז מרן זי"ע איז געווען גערעכט. די באהן האט צוליעב אן אורזאך געשפעטיגט, און שטייענדיג דארט, הערט ער פלוצלונג ווי מ'רופט



זיין נאמען "אפרים פעסטער" (אויפ'ן נאמען פון זיין היים שטאט). געווען איז דאס א שליח וואס מרן זי"ע האט געשיקט מיט אן עפל פון די "נוי סוכה". כאטש ר' אפרים איז דעמאלט געווען נאך א יונגער בחור, אבער מרן זי"ע זעה'ענדיג ווי דער בחור האט שטארק געגערט צו האבן אן עפעל פון די "נוי סוכה", האט מרן זי"ע ערפיהלט זיין באגער און אים געשיקט דעם עפעל פון "נוי סוכה" מיט א ספעציעלער שליח צום באהן הויף.

## מאוצרות רבוה"ק

# אושפיזא דיוסף

## ♦ פרנסה ברויט

**מנהג רבוה"ק מבעלזא ביי די אושפיזא פון יוסף הצדיק צו טיילן א ספעציעל ברויט וואס מ'רופט "פרנסה ברויט", אלס א רמז פונעם פסוק "ויוסף הוא המשביר", און ס'איז מקובל אלס א סגולה פאר פרנסה.**

## ♦ ס'ווערט נשפע א זעטיגקייט אויף די וועלט

**ס'שטייט פון אריז"ל, אז סוכות איז מרמז אויף זעט, ווייל סוכות ווערט נשפע א זעטיגקייט אויף די וועלט.**

>>>>>>>

## מַיין אוֹצָר... בסוכות תשבו שבעת ימים... מאוצרות הצדיקים... ורבוה"ק מבעלזא

<<<<<<<

**(סידור האריז"ל)** כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע האט געזאגט דערויף צוויי טעמים. איין טעם ווייל תוספות (ראש השנה יא.) זאגט, אז די מלאכים זענען געקומען צו אברהם אבינו ע"ה, אין יום טוב סוכות, און דורכדעם וואס אברהם אבינו האט זיי געגעבן צו עסן איז א גרויסע השפעה אויף די וועלט. נאך א טעם ווייל ס'שטייט אין טור (או"ח סי' תי"ז) אז די ימים טובים זענען מרומז קעגן די אבות הק' פסח איז קעגן אברהם, שבועות קעגן יצחק, און סוכות קעגן יעקב אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (בראשית לג:יז) "ויעקב נסע סכותה," און יעקב אבינו איז געווען דער ערשטער וואס האט געבעהטן אויף השפעה, אזוי ווי ס'שטייט (בראשית כח:כ) "ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש"—ער האט געבעהטן ברויט צו עסן און א קלייד אנצוטוהן, דעריבער איז סוכות מרמז אויף זעטיגקייט ווייל סוכות איז קעגן יעקב אבינו.

נאך א פשט קען מען זאגן ווייל יעקב אבינו ע"ה ווערט אנגערופן "צדיק" אזוי ווי די גמרא (סנהדרין צה:) זאגט: "צדיק זה בא לבית מלוני"— דער באשעפער האט אים אנגערופן "צדיק", און אין פסוק (משלי יג:כה) שטייט: "צדיק אוכל לשובע נפשו"—דורכדעם וואס דער צדיק עסט איז ער משפיע השפעות טובות. *(כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע)*

נאך א פשט קען מען זאגן ווייל יעקב אבינו ע"ה ווערט אנגערופן "צדיק" אזוי ווי די גמרא (סנהדרין צה:) זאגט: "צדיק זה בא לבית מלוני"— דער באשעפער האט אים אנגערופן "צדיק", און אין פסוק (משלי יג:כה) שטייט: "צדיק אוכל לשובע נפשו"—דורכדעם וואס דער צדיק עסט איז ער משפיע השפעות טובות. *(כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע)*

### • סכך פסול

א מעשה פלא האט פאסירהט אין ארץ ישראל אין איינע פון די יאהרן בליל אושפיזא דיוסף, ווען מרן מהר"א זי"ע האט זיך שוין געהאט געוואשן די הענט און זיך געזעצט אויף זיין פלאץ, האט זיך מרן זי"ע פלוצלינג אפגעשטעלט און נישט געמאכט א ברכה אויף די חלה, נאר געוויזן מיט די הענט צום סכך פון די סוכה. אין אנהייב האט מען נישט פארשטאנען וואס מרן זי"ע מיינט צו ווייזן. ביז דער משב"ק הרה"ח רבי יוסף לוי ז"ל איז ארויס פון די סוכה מיט נאך א בחור און געקוקט אויפ'ן סכך און צו זייער וואונדער האבן זיי באמערקט אז אויפ'ן פלאץ ווי מרן זי"ע זיצט אין סוכה, ליגט אויפ'ן סכך א ברעט פון א טיש. האט מען געזעהן אז מרן זי"ע האט מרגיש געווען א דארט ווי ער זיצט איז דא סכך פסול האט ער דעריבער נישט געוואלט מאכן א ברכה אויפ'ן פת. מ'האט שנעל אראפגענומען דעם ברעט פונעם סכך און דערנאך האט מרן זי"ע געמאכט א ברכה אויפ'ן פת און געפיהרט דעם הייליג'ן טיש.



## מאוצרות רבוה"ק

# הושענא רבה

### • תהלים מיט רש"י

**כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע**, איז אמאהל הושענא רבה געגאנגען מבקר חולה זיין איינער פון זיינע חסידים. דער קראנקער איד וואס איז שוין געווען נאהנט צו די גסיסה רח"ל, האט געזאגט פאר מרן זי"ע, אז אויפ'ן פסוק (תהלים סב:ג) **"לא אמוט רבה"**, זאגט רש"י אז **"רבה"** מיינט מען דעם גהינום. בעהט איך, אז דער רבי זאל מתפלל זיין פאר מיר "הושענא רבה" אז איך זאל געראטעוועט ווערן פון גיהנום. ווען מרן זי"ע איז ארויסגעגאנגען פון זיין צימער, האט ער זיך אנגערופן: **"זעהט איר, ס'איז וויכטיג צו לערנען תהילים מיט רש"י. ס'איז אים צוניץ געקומען... תהילים מיט רש"י..."**

### • הושענה רבה – א טאג פון תשובה

הושענא רבה ביי שחרית זאגט מען דעם קאפיטל **"מזמור שיר ליום השבת"**, ווי דער טור (סי' תרס"ד) זאגט: "ביום חמישי של חול המועד שהוא הושענא רבה נוהגים שמרבין במזמורים כמו ביום טוב". מ'קען ערקלערהן פארוואס מ'זאגט אין הושענא רבה "מזמור שיר ליום השבת", לויט'ן מדרש (ב"ר פכ"ב) אז ווען אדם הראשון האט געהערט, אז קין האט זיך אויסגעגליכן מיט'ן באשעפער כביכול דורכדעם וואס ער האט תשובה געטוען, האט אדם הראשון געזאגט דעם פסוק "מזמור שיר ליום השבת". דעריבער, הושענא רבה, ווען ס'איז א טאג פון תשובה, איז פאסיג צו זאגן דעם קאפיטל **"מזמור שיר ליום השבת"**. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### • שפיהרן א טעם אין יום טוב...

אין בעלזא איז געווען א גרויסע עבודה און ס'האט געהערשט א גרויס התעוררות, בשעת מ'האט געבונדן די הושענות. איינער פון די חסידים פון **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט שטארק געוואלט זעהן וויאזוי מרן זי"ע בינדט די הושענות, האט ער זיך באהאלטן אין צימער כדי צו קענען זעהן די הייליגע עבודה. מרן זי"ע האט אים אבער באמערקט, און האט צו אים געזאגט: **"נישט אזוי גרייט מען זיך צום יום טוב, דורך זעהן דעם רבי'ן בינדן הושענות. זיך צוגרייטן צום יום טוב קען מען נאר ווען מען לערנט אדורך אלע ענינים און הלכות פונעם יום טוב. די גמרא מיט רש"י, תוספות, רא"ש, טור בית יוסף, און שו"ע, דעמאלט שפיהרט מען א טעם אין יו"ט..."**

### • אונזערע קינדער אליין וועלן זוכה זיין צו לייכטן אזוי ווי די מנורה.

**"וְנוֹהֲגִים לְכַבּוֹת אֶת הַנֵּרוֹת עִם הַהוֹשַׁעְנוֹת לְשִׂמְחָה"**. (טור אורח חיים תרס"ד:א)

דער טעם דערפון קען מען זאגן אזוי. אין הושענא רבה, איז די עיקר עבודה, צו בעהטן אויף עהרליכע קינדער, אזוי ווי מ'זאגט אינעם "יְהִי רָצוֹן" אויפ'ן בינדן דעם לולב, אז "עֲרָבָה" בגימט' "זֶרַע" און אויפ'ן פסוק (הושע יד:ז) "יֵלְכוּ יוֹנְקוֹתָיו וִיהִי כַזַּיִת הוֹדוֹ", טייטשט רש"י בשם התרגום, די כוונה פונעם פסוק, זיינע זוהן און טעכטער זאלן זיך מעהרן און זייער לויטערקייט זאל זיין אזוי ווי די לויטערקייט פון די הייליגע מנורה. דעריבער די "ערבה" וואס איז מרמז אויף קינדער, לעשט מען מיט דעם אויס, די מנורה, מרמז צו זיין, אז מיר דארפן נישט די נרות המנורה, ווייל אונזערע

>>>>>>>

<<<<<<<

קינדער אליין וועלן זוכה זיין צו לייכטן אזוי ווי די מנורה. *(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

### • ג–ט ברוך הוא וויל הערן דאס געשריי פון דארט דווקא...



אין איינע פון די יאהרן אין חודש אלול, האט די רעגירונג גענומען הרה"ח ר' יעקב שמואל כ"ץ ז"ל צום מיליטער דינסט. איז זיין מאמע געפאהרן קיין בעלזא צו פועל'ן א ישועה ביי כ"ק מרן מהר"י זי"ע. ס'איז שוין אדורך רוב חודש תשרי און ער איז נאכנישט באפרייט געווארן פון מיליטער. הושענא רבה אינדערפרי ווען מרן זי"ע איז געגאנגען אין שוהל דאווענען שחרית, איז זיין מאמע געשטאנען אין די זייט אויפ'ן וועג ווי מרן זי"ע דארף אדורכגיין, און געוויינט אהן אויפהער און מיט גרויס צער זיך אנגערופן: "דער רבי גייט דאווענען מיט די חסידים, און מיין זוהן יעקב שמואל געפונט זיך אצינד צווישן הונדערטער גוים שונאי ישראל וואס צווינגען אים מחלל שבת צו זיין ר"ל און ווער ווייסט צו ער באקומט דארט כשר'ס צו עסן? הערנ'דיג די רייד פון די צעבראכענע מאמע, האט מרן זי"ע געהייסן פאר החסיד רבי אברהם אליעזר מאסטער ז"ל, וואס האט אונטערגעהאלטן די האנט פון מרן זי"ע ביים גיין, אז ער זאל איר זאגן אזוי: איך האב געדאווענט פאר יעקב שמואל אסאך תפילות וואס הונדערטער אידן וואלטן מיט די תפילות געקענט געהאלפן ווערן, אבער וואס זאל איך טוען אז ג-ט ברוך הוא וויל הערן דאס געשריי פון דארט דווקא..." און מרן זי"ע אויפסגעפיהרט אז באלד נאך יום טוב וועט ער אהיים קומען. און אזוי איז טאקע געווען ס'האט נישט גענומען לאנג און ר' יעקב שמואל איז באפרייט געווארן פון מיליטער און אהיים געקומען אומגעשעדיגט. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליטא - ליל ב' דסוכות תשמ"ז -ספר "מועדי קדשיך" על חג הסוכת הנמצאת בשלבי עריכה)*

## מאוצרות הצדיקים

# הושענא רבה

### • דער נאמען הושענא רבה...."

דערפאר רופט מען דעם טאג "הושענא רבה", ווייל פון ראש חודש אלול ביז יעצט איז פארהאנען 51 טעג, איז מען מתפלל הוֹשַׁע "**נא**", העלף ביי די ענדע פון "**נא**" וואס באטרעפט 51 "רַבָּה" א גרויסע הילף, ווייל יעצט איז דער זמן פון איבערגעבן די קוויטלעך לטובה. *(בני יששכר)*

### • פארוואס מען קלאפט די הוֹשַׁעְנוֹת

ס'שטייט אין מדרש, אז ערבוֹת, איז מרמז אויף רשעים אזוי ווי די ערבה וואס האט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח, אבער די ערבה וואס מ'נעמט מיט'ן לולב, איז דורכדעם וואס ער באהעפט זיך מיט די אנדערע מינים וואס ווייזן אויף חשוב'ע מדריגות פון אידן, איז דורכ'ן אחדות האבן זיי אויך א תִּקוּן אזוי ווי דער מדרש זאגט "**יָבוֹאוּ אֵלּוּ וִיכַפְּרוּ עַל אֵלּוּ**". אבער די עֲרָבָה פון הושענא רבא, וואס שטייט באזונדער און איז נישט באהאפטן מיט די אנדערע, האט נישט קיין תַּקָּנָה, נאר מען דארף דאס קלאפן. *(נפש טובה בשם ה"חתם סופר")*

### • "למען דעת כל עמי הארץ"...."

די סיבה פארוואס מ'קלאפט הושענות ביי דעם פסוק, איז צוליעב דעם וואס די ערבה ווערט געגליכן צו אן עם הארץ ווייל ס'האט נישט א טעם


סדר הושענות :
הושענא:
למענך אלקינו הושיענא :
למענך בוראנו הושיענא :
למענך גואלנו הושיענא :
למענך דורשנו הושיענא :

און נישט א ריח, וואלט זיך די ערבה וואס איז מרומז צו אן עם הארץ זיך געקענט גרויס האלטן ווייל הושענה רבה נעמט א איד אין די האנט נאר אן ערבה. דערפאר קלאפט מען זיי אויף די ערד, און מ'ווייזט זיי מיט דעם אז זיי זאלן זיך נישט גרויס האלטן, און מ'זאגט "**למען דעת כל עמי הארץ** ..." צו לאזן הערן די עמי הארצים אז זיי זאלן זיך נישט גרויס האלטן. *(אוסם בושם)*

## מאוצרות רבוה"ק

# שמיני עצרה

### • שמיני רגל בפני עצמו

שמיני עצרת איז א באזונדערע יו"ט, ס'איז נישט קיין המשך פונעם יום טוב סוכות, דעריבער מאכט מען א שהחיינו, אנדערש ווי שביעי של פסח, וואס ס'איז א המשך צו די פריער'דיגע טעג און מ'מאכט נישט קיין שהחיינו ביי קידוש. ס'זענען דא וואס פיהרן זיך אז שמיני עצרת עסט מען אין די סוכה, אבער מ'מאכט נישט קיין ברכה 'לישב בסוכה'. אין בעלזא האט מען נישט געגעסן שמיני עצרת אין די סוכה.

### • לענין פז"ר קש"ב

**כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** האט געזאגט: וואס דער באדייט פונעם טאנצן שמחת תורה קען איך אייך נישט זאגן. אבער דאס קען איך זאגן, אז אלע תפילות וואס זענען נישט ארויפגעגאנגען אין הימל א גאנץ יאהר, קומען אהן אויבן, דורכ'ן טאנצן אין שמחת תורה. **האט כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע** צוגעלייגט: די גמרא (יומא ג) זאגט: "שְׁמִינִי [עֲצֶרֶת] רֶגֶל בִּפְנֵי עַצְמוֹ הוּא לְעִנְיַן פַּזֵּר קָשַׁב",—שמיני עצרת איז א יום טוב פאר זיך פאר'ן ענין פון "פַּזֵּר", די אלע פארשפרייטע תפילות פון א גאנץ יאהר, "קָשַׁב", הערט אויס דער באשעפער אין דעם טאג.

### • מאכט מיר א קליינע סעודה

אין מדרש שטייט א טעם, פארוואס דער באשעפער האט אונז געגעבן דעם יום טוב שמיני עצרת. ס'איז א משל צו א קעניג וואס האט

>>>>>>>

# מַיין הוי"ך שמ"ע שמח"ת אוֹצָר

## מַיין אוֹצָר... הושענא רבה...שמיני עצרת... שמחת תורה...ב' בראשית

>>>>>>>

געמאכט א גרויסע סעודה פאר זיינע קנעכט, עטליכע טעג האט מען געגעסן און געטרינקן, און אינעם לעצטן טאג, האט דער קעניג געזאגט פאר זיין באליבסטן פריינט, אז ער וויל מאכן מיט אים אליין א קליינע סעודה, כדי ער זאל הנאה האבן נאר פון אים. דער נמשל איז, אלע זיבן טעג פון סוכות האט מען מקריב געווען זיבעציג קרבנות,—קעגן די זיבעציג פעלקער, דעם אכטן טאג בעהט דער באשעפער פון די אידן, זיין איינציגסטע און באליבטער פאלק, מאכט מיר א קליינע סעודה, מ'זאל מקריב זיין נאר איין פָּר, כדי איך זאל פון אייך הנאה האבן.

## מאוצרות הצדיקים

# שמיני עצרה

### ♦ גדולת היום

הגה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע האט געזאגט: **"ס'איז מקובל פון צדיקים, אז שמיני עצרת איז א צייט וואס דער באשעפער איז מקבל די תפלות פון אידן אזוי ווי יום כיפור".**

### ♦ ביום השמיני עצרת תהיה לכם

"עצרת" איז א לשון פון צוריק האלטן, דאס איז א רמז, אז אין הימל האלט מען צוריק די שלעכטע גזירות ביז שמיני עצרת, און מ'גיט די געלעגענהייט אז דער מענטש זאל נאך תשובה טוען. *(באר משה)*

## מאוצרות רבוה"ק

# הקפות

### ♦ די אבות הקדושים ביי די הקפות

אמאהל אינמיטן די הקפות, ביי **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** איז אנגעקומען אין בית המדרש א אידישער זעלנער מיט מיליטערישע קליידער, און ער האט זיך צוגעשטופט ביז צום פלאץ וואו מרן זי"ע האט געטאנצט. האבן אים די חסידים געוואלט אוועקשטופן פון דארט, האט זיך מרן זי"ע אנגערופן: **"אדרבא! זאל ער דא שטיין, זאלן די אבות הקדושים זעהן, וואס פאר א פנים אידישע קינדער האבן אין גלות".**

### ♦ מיט ישוב הדעת און נישט שיכור

דער מנהג ביי רבותנו הק' איז געווען, אז די נאכט פון שמחת תורה, גלייך אנהייב נאכט, פלעגן די "חברה קדישא" מאכן קידוש, און געגעסן און געטרינקען לכבוד היום. שפעטער ווען ס'איז געקומען די צייט צו דאווענען מעריב, וואס איז געווען כמעט ביי חצות לילה, זענען די "חברה קדישא" געגאנגען צום שטוב פון רבותנו הק', זיי מקבל פנים געווען , און באגלייט רבותנו הק', מיט געזאנג און מיט ברענענדיגע פאקלען, גייענדיג דעם גאנצן וועג ביז צו די שוהל, צו



דאווענען מעריב און אפרעכטן די הקפות. איין יאהר האט מרן מהרי"ד זי"ע באמערקט איינער פון די יושבים וואס איז שוין געווען בגילופין נאכ'ן מאכ'ן קידוש, און טרינקען שארפע געטראנקן לכבוד היום אזוי ווי מ'האט זיך געפיהרט אין אנדערע ערטער. פאר מרן זי"ע איז דאס נישט געפעלן אז אין אזא הייליגע נאכט זאל מען ווערן שיכור און פארליהרן דעם ישוב הדעת. פון דעמאלט אהן האט מרן מהרי"ד זי"ע מבטל געווען דאס טרינקען שארפע געטראנקן וואס מאכן שיכור. דעריבע האט מען איינגעפיהרט אז ווען חסידים קומען זיך צוזאמען בחבורה ואגודה אחת טרינקט מען דעמאלט דווקא "קאווע" אנשטאט בראנפין.

>>>>>>>

## "ווי א פרישע ניסל..."

דער גריידינגער רב הרה"ג רבי יצחק אייזיק ליעבעס ז"ל מח"ס שו"ת "בית אבי" פלעגט צו פארציילן: איין יאהר איז געפאלן מיטוואך הושענא רבא, שמיני עצרת דאנערשטאג און שמחת תורה ערב שב"ק, און באלד דערנאך שבת בראשית. איז געווען א חסיד וואס האט זיך געאיילט אהיים צופאהרן גלייך מוצאי שב"ק, ער האט אבער געוואוסט אז מוצש"ק ביז מ'וועט זיך קענען געזעגענען פון **מרן מהרי"ד זי"ע** וועט שוין זיין שפעט האט ער געטראכט אז ער וועט זיך באהאלטן אין א ווינקעל אין שטוב אוןווארטן ביז מרן זי"ע וועט צוריק קומען פון פיהרן דעם טיש און דעמאלט וועט ער פרובירן אריינצוגיין צו מרן זי"ע און זיך געזעגענען, אזוי וועט ער קענען מוצש"ק גלייך אהיים פאהרן. אבער צו זיין מזל האט אים דער גבאי באמערקט און אנגעהויבן צו שרייען אויף אים: "דו שעהמסט דיך נישט דער רב האט נישט קיין כח נאך אזא גרויסע עבודה שוין א פאר טאג אין א צו, און דו ווילסט אצינד אריין גיין?" מרן זי"ע האט אריינגעהערט אין זיין צימער די געשרייען פונעם גבאי'ן, און אים אריין גערופן און געפרעגט: "וואס האסטו געזאגט אז איך האב נישט קיין כח? ס'איז נישט ריכטיג. איך בין געזונט און איך האב כח, שוין דריי טעג האב איך נישט גענומען קיין קוויטל, און איך בין ב"ה ווי 'א פרישע ניסל'". נאר אז איך דארף נעמען קוויטלעך פון אידן און אויסהערן זייערע פראבלעמען שטעכט דאס מיך ווי א ביינדל אין גאנצן גוף".



>>>>>>>

## מאוצרות הצדיקים

# הקפות

### • "פיסעלעך פיסעלעך הייבט אייך"

**הרה"ק רבי ר' מענדעלע מרימאנוב זצוק"ל** פלעגט שמחת תורה שטענדיג זאגן: "**פיסלעך פיסלעך הייבט'ס אייך לכבוד די הייליגע תורה. ס'וועט שוין קומען די צייט ווען איר וועט רוהען און רוהען**".

### • השפעות פון הימל דורכ'ן טאנצן

דער שפאלא זיידע זי"ע האט אינמיטן טאנצן די הקפות געזאגט: "**ווען מ'הייבט פיס, ביים טאנצ'ן איז מען מעלה עולמות,—מ'דערהייבט וועלטן, און ווען מ'לייגט אראפ די פיס, ברענגט מען אראפ עולמות,— גוטע השפעות פון די הימל'ישע וועלטן**".

### • דאס טאנצן זענען תפלות.

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט געזאגט: "**דאס טאנצן מיט די תורה שמחת תורה, פאר'ן באשעפער, האט דעם זעלבן כח פון תפילה**".

### • א רמז צו די הקפות

ס'איז דא א רמז אין די תורה אז שמחת תורה מאכט מען הקפות, ווייל דאס ווארט '**עצרת**', איז ראשי תיבות, **ע**'ושים **צ**'דיקים **ר**'יקודי **ת**'ורה, צדיקים טאנצן מיט די תורה. *(מאור ושמש)*

## מאוצרות הצדיקים

# שמחת תורה

### • פרייד זיך מיט'ן ברודער'ס שמחה

דער ראפשיצער רב זי"ע פלעגט איבער דערציילן שמחת תורה דעם קלוגן ענטפער וואס א פראסטער טרעגער, האט אים אמאהל געגעבן ווען ער האט געזעהן ווי געוואלדיג ער פרייד זיך שמחת תורה מיט די תורה, און ער, דער ראפשיצער רב, האט אים געפרעגט: "וואס איז מיט דיר אזוי די שמחה? האסטו אזויפיהל תורה געלערנט דאס פארגאנגענע יאהר, וואס דו זינגסט און דו טאנצסט אזוי מיט די תורה?" קורץ און שארף, האט דער טרעגער געענטפערט: "**רבי, און אז מיין ברודער מאכט א שמחה דארף איך מיך נישט פרייען?...**

### • "כל ישראל ערבים זה לזה"

עהנליך ווערט דערציילט: א דיין האט אמאהל געפרעגט פון אן עם הארץ, "פארוואס פרייסטו זיך מיט די תורה, דו האסט דאך נישט געלערנט?" האט אים דער עם הארץ צוריק געענטפערט: "**יום כיפור זאג**



**איך ווידוי 'על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד', האב איך דען אמאהל גענומען שוחד, איך בין דאך נישט א דיין? נאר וואס דען? איר (דער דיין) נעמט שוחד און איך זאג ווידוי 'בכפת שוחד'. אבער מיר ווייסן דאך אז 'כל ישראל ערבים זה לזה', דערפאר זאג איך ווידוי פארדעם וואס איר האט גענומען שוחד. קומט דאך מיר אויך דעם זכות זיך צו פרייען מיט דעם וואס איר (די תלמידי חכמים) לערנען תורה"...**

### • גרויסקייט פונעם טאג

די גאנצע עבודה פון די הייליגע טעג, אנגעהויבן פון חמשה עשר באב, חודש אלול, ראש השנה, תקיעות שופר, עשרת ימי תשובה, יום הכפורים, די טעג פון פאר סוכות, יום טוב סוכות, מצות סוכה, לולב, ד' מינים, הושענא רבה, און הושענות, איז אלעס נאר אן הכנה, אז א איד זאל זוכה זיין און קענען זאגן "**אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו**", ווייל דאס איז דער יחוד פון די שכינה מיט כנסת ישראל. *(הרה"ק רבי משה מקאברין זי"ע)*

### • מיר דארפן באצאהלן דעם חוב

הרה"ק רבי אייזיק'ל קאלוב'ער זי"ע, האט געזאגט א משל פארוואס מיר טאנצן שמחת תורה. איינער איז אמאהל געקומען אין א גאסטהויז און געהייסן מ'זאל אים געבן די בעסטע עסן און טרונקען, און די בעסטע און שענסטע שטוב צו נעכטיגן. און ווייל ס'איז אים דארט גוט געווען איז ער געבליבן א לענגערע צייט, ביז דער בעל הבית האט אים געזאגט אז ער זאל באצאהלן ווייל דער חוב איז שוין זייער גרויס. האט דער גאסט געזאגט אז ער האט נישט קיין געלט צו באצאהלן. זאגט אים דער בעל הבית, אז אויב ער וועט נישט באצאהלן דעם חוב, וועט ער אים איבערגעבן פאר די פאליציי, און מ'וועט אים אריינזעצן אין טורמע. זאגט אים דער גאסט, וואס וועסטו פארדינען אז איך וועל זיצן אין טורמע? איך קען דיר אבער דאס טוען, איך וועל פאר דיר טאנצן אזעלכע טענץ וואס מ'זעהט נישט אין ערגעץ, און מענטשן וועלן דאס קומען זעהן וועסטו פארדינען אסאך געלט, ביז דער חוב וועט אינגאנצן אפגעצאהלט ווערן. דאס זעלבע איז מיט אונז אידן, מיר האבן געבעהטן ביים באשעפער, אין די הייליגע טעג אויף אלעס גוטס, אויף קינדער, אויף לעבן, און אויף פרנסה, און מיר האבן צוגעזאגט פאר'ן באשעפער אז מיר וועלן פארעכטן אונזערע מעשים און תשובה טוען, יעצט ווען ס'קומט שוין דער לעצטער טאג און מ'דארף שוין באצאהלן דעם חוב, און מיר האבן ליידער נישט וואס צו באצאהלן, טאנצן מיר מיט פרייד פאר'ן באשעפער אויף זיין תורה, און דורכדעם ברענגן מיר אן ערוועקונג פון תשובה אין אידישע הערצער וואס דאס מאכט אונז צו פארמעהרן צו טוען מצות ומעשים טובים.

*א פריילעכ'ן יום טוב, א גוט קוויטל וגמר טוב*

***







## מַיין אוֹצָר... "יומא דהילולא"

(ד)

# הרה"ק רבי ישראל המגיד מקאזשניץ זי"ע

## • ספר "עבודת ישראל" ועוד • י"ד תשרי תקע"ה

**ואלה תולדות:** רבי ישראל הופשטיין, דער "קאזניצער מגיד", איז געבוירן געווארן אין יאהר תצ"ג, אין די שטאט אפטא צו זיין טאטע איש תם וישר רבי שבתי, און זיין מאמע מרת פערל. זכר צדיקים לברכה.

**האיש מקדש:** מרת רויזא מפארשיסחא ע"ה.

**תולדותיו:** א) הרה"ק רבי מרדכי (נפטר בחיי אביו). ב) הרה"ק רבי משה אליקים בריעה מקאזניץ בעמח"ס "באר משה" אן איידים בזו"ר אצל רבי יהודה לייב מוכיח מאניפאלי. ג) מרת פערל אשת רבי אבי עזרי זעליג שפירא אבד"ק גראדזיסק אביו של הרה"ק ממאגלניצא. זכר צדיקים לברכה.

**רבותיו:** אין די יונגע יאהרן איז ער געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג, דער "קדושת לוי" מבארדיטשוב, און שפעטער א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי ר' אלימלך פון ליזענסק. זכר צדיקים לברכה.

**מתלמידיו:** רבי צבי הירש מזידיטשוב, רבי יששכר בער מראדאשיץ, רבי צבי אלימלך מדינוב, רבי מרדכי דוד מדאמבראווא, מרן ה"שר שלום" מבעלזא, רבי יצחק מאיר מזינקוב, החידושי הרי"ם מגור, רבי יעקב ארי' מראדזימין ועוד. זכר צדיקים לברכה.

**ספריו:** "עבודת ישראל" עה"ת. "בית ישראל" על מסכתות הש"ס. "נר ישראל", "נזר ישראל" עה"ת. "אבות ישראל" על פרקי אבות. "מגיד מישרים" על מסכת שבת. "עגונת ישראל", על תקנות עגונות.

**על כסא מלכותו:** קאזשניץ.

**פטירתו:** דער "קאזשניצער מגיד", איז נפטר געווארן, ערב סוכות י"ד תשרי תקע"ה, און איז נטמן געווארן אויפ'ן בית חיים אין קאזשניץ.

### זיין געבורט

דער נאמען "ישראל" האט דער קאזניצער מגיד באקומען פונעם הייליג'ן בעל שם טוב. ס'ווערט דערציילט, אז דער בעל שם טוב האט ממשיך געווען אויף אים א גרויסע קדושה וואס אן אנדערער צדיק דארף דערויף הארעווען אכציג יאהר, ווען ער האט אים געגעבן דעם נאמען "ישראל". דער מגיד'ס פאטער רבי שבתי איז געווען א איש תם וישר. באהאלטענערהייט איז ער געווען א בעל מדריגה, און א בעל רוח הקודש אבער א גרויסער ארימאן. זיין ארבעט פון איינבינדן ספרים האט אים נישט אריינגעברענגט גענוג ער זאל זיך קענען דערפון שפייזן, אויב איז דאס געווען אין זיין יוגנט אזוי, איז אוודאי אז אויף די עלטער ווען די כוחות זענען אים שוואכער געווארן, און די פרנסה איך ענגער געווארן. האט זיך אמאהל געמאכט א פרייטאג און ס'איז גארנישט געווען אין הויז מיט וואס שבת צו מאכן, האבן זיי באשלאסן צו פאסטן כדי נישט צו דארפן אנקומען צו מענטשן. רבי שבתי איז פרייטאג אינדערפרי געגאנגען אין בית המדרש. ווען ער איז אהיים געקומען האט ער זיך גערעכנט צו טרעפן א טונקעלע הויז אהן לעכט. דערוויל האט ער אבער געטראפן א לעכטיגע שטוב מיט חלות און וויין אנגעגרייט אויפ'ן טיש.


ספר
עבודת ישראל

געשעהן איז אזוי. זיין ווייב די צדיקת מרת פערל האט פרייטאג ביים אויפרוימען די שטוב געטראפן אן אלט קלייד מיט גאלדענע קנעפ. האט זי דאס פארקויפט און דערפון געהאט גענוג אויף אנצוגרייטן אויף שבת כיד המלך. פארשטייט זיך

אז דעם שבת איז ביי רבי שבתי געווען אויסערגעווענליך פרייליך. נאכ'ן גרייטן זיך צו פאסטן א גאנץ שבת האט ער גאר אנגעטראפן א שיינע לעכטיגע הויז און א געדעקטן טיש לכבוד שבת. נאכדעם וואס רבי שבתי האט געזונגען שלום עליכם, געמאכט קידוש מיט א גרויסע התלהבות דקדושה, און געגעסן די פיש לכבוד שבת קודש, האט ער זיך גענומען טאנצן מיט א גרויסע שמחה לכבוד דם באשעפער, און אזוי האט ער געטוען צווישן די אנדערע מאכלים. די גרויסע פרייד וואס רבי שבתי האט דערפון געהאט, האט אויך ערוועקט א גרויסע שמחה ביי די פמליא של מעלה. דער הייליגער בעל שם טוב אין זיין וואוין ארט, הונדערטער מיילן אוועק, האט דאס געפיהלט און מוצאי שבת איז ער געקומען צופאהרן קיין אפטא מיט קפיצת הדרך. ער האט געשיקט רופן רבי שבתי, און אים געפרעגט וואס ס'האט פאסירט פרייטאג צונאכט אז די גאנצע פמליא של מעלה האט זיך מיט אים מיטגעפרייט? נאכדעם וואס רבי שבתי האט אלעס דערציילט, האט אים דער הייליגער בעל שם טוב געבענטשט מיט א בן זכר. ווען ס'איז ביי רבי שבתי'ן געבוירן געווארן דער בן זכר, איז דער הייליגער בעל שם טוב געקומען צופאהרן קיין אפטא און איז געווען דער סנדק, און ער האט א נאמען געגעבן דעם רך הנימול "ישראל".

### 'במעלליו יתנכר נער...'

דער קאזניצער מגיד האט אמאהל אליין דערציילט, אז ווען ער איז געווען אלט זיבן יאהר פלעגט ער יעדער נאכט אליין לערנען אין בית המדרש. ווען ס'איז געקומען חנוכה האט אים זיין טאטע נישט געלאזט גיין אין בית המדרש, ווייל ער האט מורא געהאט ער זאל דארט נישט שפילן קיין קוויטלער. אינדערהיים האט ער נישט געקענט לערנען ווייל ס'איז נישט געווען דארט קיין ספר און נישט קיין לעכט, האט ער צוגעזאגט זיין טאטן אז ער וועט נישט לערנען מער ווי דאס קליין לעכטל וואס קאסט דריי גראשן וועט ברענען, און ווען דאס קליינע לעכטל וועט זיך אויסלעשן וועט ער אהיימקומען. אזוי ארום וועט דער טאטע קענען זיכער זיין אז ער וועט נישט שפילען דארט קיין קוויטלער. ער איז געגאנגען אין בית המדרש און ער האט זיך דארט געזעצט לערנען. די מלאכים אין הימעל האבן זייער הנאה געהאט פון זיין לערנען, ס'איז זיי געווען א שאד ס'זאל זיך אויפהערן. איז אים געשעהן א נס, און דאס לעכטל האט געברענט א גאנצע נאכט. זיין טאטע רבי שבתי האט דאך געוואוסט אז מער ווי א קליין לעכטל וואס קען נישט ברענען צו לאנג האט ער נישט, אויב אזוי פארוואס איז ער געבליבן אין בית המדרש אזוי לאנג? מוז זיין, אז דערפאר איז ער נישט אהיים געקומען ווי אפגעשמועסט ווייל ער האט יא געשפילט קוויטלעך אדער קארטן. אינדערפרי ווען ער איז אהיים געקומען, האט אים דער פאטער געשלאגן. ווען דער קאזשניצער מגיד האט דערציילט די מעשה, האט ער אויסגעפיהרט: כאטש איך האב געוואוסט אז דער טאטע ווייסט אז איך זאג קיינמאהל נישט קיין ליגנט, און אויב איך וואלט


>>>>>>>

## מַיין אוֹצָר... "יומא דהילולא"

>>>>>>>

אים געזאגט אז איך האב נישט געשפיעלט קיין קוויטלעך נאר איך בין געזיצן און געלערנט א גאנצע נאכט וואלט ער מיר געגלייבט, דאך אבער האב איך אים נישט געוואלט זאגן, ווייל איך האב נישט געוואלט נהנה זיין פון "כבוד התורה"...

ביי זיין טאטן רבי שבתי אין שטוב האט געהערשט א גרויס ארימקייט, דער קאשזניצער מגיד איז געגאנגען אנגעטוהן צוריסענע קליידער. אמאהל האט ער געזעהן א חבר מיט א נייע קלייד, האט ער אים מקנא געווען. האט ער נאכדעם תשובה געטוען פארוואס ער האט יענעם מקנא געווען. אזו ער האט געפאסט דריי טעג!

דער הייליגער קאזשניצער מגיד איז שוין אלס קינד געווען א חריף. ער האט אמאהל געפרעגט פון זיין מלמד, פארוואס איז דאס אז א קרבן נדבה עסט מען דאס פלייש אין גאנץ ירושלים, און א קרבן חובה ווי א חטאת וכדו' מעג מען נאר עסן לפנים מן הקלעים? לכאורה וואלט געדארפט זיין פארקעהרט, ווען א איד האט א ריין הארץ און ברענגט א נדבה לה', זאל מען דאס עסן לפנים מן הקלעים, און א איד וואס האט געזינדיגט און דארף ברענגען א כפרה זאל מען עסן דאס פלייש אינדרויסן. ווען דער מלמד האט אים מכבד געווען מיט'ן תירוץ, האט ער ערקלעהרט, אז דעם בעל עבירה קען מען נישט געטרויען און מ'מוז אים אריינעמען אין בית המקדש דארטן עסן, דאקעגן דער וואס פארמאגט א ריין הארץ און ברענגט נדבות, קען עסן וואו ער וויל, ער דארף נישט עסן אין בית המקדש.

אין זיינע יונגע יאהרן האט דער קאזניצער מגיד געלעבט אין אויסטערליש דחקות, קיינער האט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. אמאהל איז אים אויסגעקומען צו באזוכן דעם "קדושת לוי" הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב, וואס איז נאך דעמאלט געווען רב אין זעליחאב. ארויסגייענדיג האט דער קדושת לוי ארויסבאגלייט דעם געהויבענעם גאסט. נישט קוקנדיג אויף די גרויסע פרעסטן איז ער ארויס אויפ'ן גאס אהן זיין מאנטל. שטייענדיג א לאנגע צייט אויף די גאס, איז אים קאלט געווארן, האט ער געבעהטן פון גאסט ער זאל אים בארגן זיין מאנטל אויף אייניגע מינוטן. נאכ'ן שטיין אזוי א קורצע צייט, האט זיך דער קדושת לוי אנגערופן, **"דא האסטו דיין מאנטל, ס'איז מיר שוין ווארים, איך האב ערלעדיגט אז פאר דיר זאל אויך ווארים ווערן"**. א קורצע צייט שפעטער איז דער נאמען פון צדיק נתפרסם געווארן איבער די וועלט...

## א דין תורה מיט א נפטר

אין די צייטן פונעם הייליג'ן קאזשניצער מגיד זצוק"ל, האט אין די שטאט קאזשניץ געלעבט א איד מיט'ן נאמען אייזיק. ער איז געווען א קצב, פון וואס ער האט געהאט זייער ווייניג פרנסה צו קענען שפייזן זיין ווייב מיט קינדער און ער האט געפיהרט אן ארעם לעבן. אייזיק האט זיך היבש אנגעפלאגט און אנגעבארגט, ביז ער האט געהאט די נויטיגע סומע געלט אויף צו קויפן א בהמה, און אז דער באשעפער האט געהאלפן און די בהמה איז געווען כשר, האט ער פארקויפט דאס פלייש, און האט פארדינט עטליכע גולדן. אויב אבער איז די בהמה טריפה געווארן ביים שחט'ן אדער פון א שאלה, האט דער קצב גארנישט פארדינט, און אפט מאהל אויך געהאט גרויס שאדן. איז טאקע פאר'ן קצב אייזיק געגאנגען "מיט'ן פוטער אראפ". ס'איז אויסגעקומען אז ביי אים זענען די בהמות אפט טריפה געווארן, און ער האט גארנישט פארדינט.

אייזיק האט זיך אזוי לאנג געפלאגט ביז ער איז ל"ע געשטארבן. ער איז נאך דעמאלט געווען אין זיינע אינגע יארן, און ער האט איבערגעלאזט זיין ווייב און קינדער אין גרויס ארימקייט און מיט א פעקל פון היפשע חובות. ס'איז אדורך א שטיק צייט, און אין א געוויסע נאכט באווייזט זיך דער פארשטארבענער קצב אין חלום צום שוחט פון קאזשניץ, און רופט אים צו קומען צו א דין



תורה פאר'ן בית דין של מעלה. דער שוחט האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און דער חלום איז אים געשטאנען פאר די אויגן, ס'איז אים נישט געווען אנגענעהם, אבער ער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט טראכטנדיג, ס'איז נישט מער ווי א חלום. אבער ווען דער זעלבער חלום האט זיך איבער'גע'חזר'ט נאכאמאהל, איז דער שוחט שוין געווען גוט צורודערט. און ווען אייזיק דער קצב האט זיך באוויזן צום דריטן מאהל מיט די זעלבע פאדערונג, האט שוין דער שוחט געפיהלט אז דאס איז נישט קיין פוסטער חלום, דא האנדלט זיך שוין אין עפעס גאר ערנסט, ס'האט אים באגאסן א קאלטער שוויס, און ער האט גענומען ציטערן.

אין די שטאט האט דעמאלט געוואוינט דער הייליגער קאזשניצער מגיד וואס האט באוויזן ישועות ונפלאות פאר אידן. האט דער שוחט קיין סאך נישט געטראכט, און ער איז געגאנגען צום קאזשניצער מגיד און אים דערציילט וועגן דעם חלום, אז שוין דריי מאהל וואס דער קצב קומט און רופט אים צו א דין תורה פאר'ן הימלישן בית דין. האט אים דער קאזשניצער מגיד געענטפערט, "אויב דער קצב וועט זיך נאכאמאהל באווייזן

## "וואס וועט זיין מיט'ן ווייסיל"

איינמאהל אין א שבת בראשית ביי מנחה האט זיך דער קאזניצער מגיד אנגערופן, "מיר האבן אצינד געליינט **ע**'צי **ג**'פר **ק**'ינים **ת**'עשה, דאס איז ר"ת **תקע"ג**, א רמז אז אין דעם יאהר וועט נאך זיין א מבול", דורכ'ן יאהר האט ער מערערע מאהל דערמאנט "וואס וועט זיין מיט'ן ווייסיל" דאס איז א טייך נעבען קאזניץ, אינמיטן יאהר איז געווען א פארפלייצונג אין די דערנעבענדיגע שטעט פילוב און קאזמיר, און ס'איז נישט אנגעקומען ביז קאזניץ, דעמאלט האט מען געזעהן וואס דער צדיק האט פארשפארט מיט זיינע תפילות...

## "פון עקר"ה צו קער"ה..."

מ'האט אמאהל געזעהן ווי דער הייליגער קאזניצער מגיד עסט אין א זילבערענע טעלער [א קערה]. האבן די מענטשן זיך געוואונדערט פון ווי נעמט זיך אזא עשירות צום מגיד, דער מגיד האט מרגיש געווען זייערע געדאנקען און ערקלעהרט אז א פרוי איז פריער געקומען בעהטן פאר קינדער, דעריבער עסט ער אין א זילבערנע שיסל צו מאכען פון די אותיות **עקר"ה** צו **קער"ה...**

## "ס'האט נאך א חשיבות..."

דער הייליגער קאזניצער מגיד האט דערציילט, אז אין פשיסחא האט איינער אמאהל פארלוירן א נאדעל, ער האט דאס געזוכט א לענגערע צייט. ווען מ'האט דאס דערציילט פאר הרה"ק מפשיסחא מיט וואונדער, צוגעבענדיג אז א נאדעל איז א קלייניגקייט, האט דער צדיק ערקלעהרט, גערעכט איז ער. כאטש דער נאדעל איז ווערט בלויז עטליכע קאפיקעס אדער נאך ווייניגער, אבער וויבאלד ער האט זיך באנוצט דערמיט האט דאס ביי אים א חשיבות, אזוי ווי מיר זעהען אז נאך די פטירה פון א מענטש, וועט נאך די נשמה צוריק קומען צום גוף ביי תחיית המתים, ווייל דער גוף איז אים צונוץ געקומען זייענדיג אויף די וועלט.

## "טוה איך יעצט פאר דיר תשובה..."

ווען דער הייליגער קאזניצער מגיד האט איינגעריסן זיין לעצטן יום כיפור, האט ער געזאגט צווישען זיינע ווערטער, "רבוש"ע פארוואס קענסטו נישט זאגן די צוויי ווערטער 'סלחתי כדבריך', אויב פעהלט דיר צדיקים האסטו אין פריסטיק דעם צדיק רבי ר' מענד'לע פון רימינאוו, פעהלט דיר דער אורים ותומים האסטו אין לאנצוט דער צדיק רבי איציק'ל (דאס איז דער רבי פון לובלין) וואס שיינט אזוי ווי דער אורים ותומים. פעלט דיר בעלי תשובה, טוה איך יעצט פאר דיר תשובה...".

>>>>>>>

## מַיין אוֹצָר... "יומא דהילולא"

>>>>>>>

זאלסטו אים זאגן אז אויך אויף די וועלט איז דא א בית דין, דער בית דין פונעם קאזשניצער מגיד, און וויבאלד ער דער קצב וויל האבן א דין תורה, זאל ער קומען צום קאזשניצער מגיד, און אויב דער קצב וועט נישט איינשטימען דערויף, זאלסטו אים ווארענען אז ער וועט חרטה האבן".

אין די קומענדיגע נאכט האט דער שוחט נאכאמאהל געזעהן דעם קצב פונעם עולם האמת, וואס רופט אים צו א דין תורה ביים בית דין של מעלה. דאס מאהל האט אים דער שוחט געענטפערט אזוי ווי דער מגיד האט אים געהייסן, אז אנשטאט דער שוחט זאל קומען מיט'ן קצב פאר'ן בית דין של מעלה, זאל דער קצב זיך שטעלן מיט אים צום בית דין פון קאזשניצער מגיד, און דער קצב האט איינגעשטימט דערויף. באלד אינדערפרי האט דער שוחט דאס געלאזט וויסן פאר'ן קאזשניצער מגיד. האט דער קאזשניצער מגיד געשיקט זיין משמש אויפ'ן בית החיים, ער זאל דארט ביים קבר איבערגעבן די הזמנה אז דער נפטר ווערט גערופן צו קומען צו א דין תורה פאר'ן קאזניצער מגיד, און דער משמש האט מיט ציטער אויסגעפיהרט וואס מ'האט אים אנגעזאגט. דער מגיד האט געהייסן אז מ'זאל באשטימען א פלאץ אין בית דין שטוב פאר'ן נפטר, און פארצוימען דאס ארט מיט א מחיצה. צו די באשטימטע צייט איז אין בית דין שטוב אנגעקומען דער שוחט, וועלכער האט געציטערט פאר גרויס שרעק, און בלויז דאס געפיהל אז ער שטייט לימינו פונעם צדיק דער קאזשניצער מגיד, האט אים געשטארקט אין יענע מינוטן. ווען די לעכטיגע אויגן פונעם הייליגן מגיד, האבן געזעהן אז אויך דער נפטר איז שוין דא, האט דער מגיד א פרעג געטוען ווער פון זיי איז דער תובע. איז פון אונטער די מחיצה געקומען דער ענטפער פונעם קצב אז ער איז דער וואס מאנט, און דער מגיד האט אים געהייסן פארלייגן זיינע טענות. דער נפטר האט אנגעהויבן צו זאגן, אז זייענ'דיג דא אויף די וועלט האט דער שוחט פאר אים גע'שחט'ן זיינע בהמות, און ער האט אים געזאגט אויף זייער אסאך בהמות אז זיי זענען טריפה על פי דין. אבער קומענדיג אויף יענע וועלט, וואס קיין זאך איז נישט פארהוילן דארט, איז אים קלאהר געווארן אז צוליעב א פיינטשאפט וואס דער שוחט האט געהאט צו אים אין הארצן, האט ער אים טריפה געמאכט א סאך בהמות נישט לויט'ן דין, און דאס האט צוגעפיהרט אז ער, דער קצב, זאל זיין א ביטערער ארימאן פארזינקען אין שווערע חובות, און פון גרויס עגמת נפש איז ער אינגעהייט אוועק געגאנגען פון דער וועלט. אבער אויך אויף יענער וועלט געפינט ער נישט קיין רוה צוליעב די חובות וואס ער איז געבליבן שולדיג, און אויך צוליעב די ווייטאג פון זיין ווייב און קינדער וואס קוקן ארויס אויף א שטיקל ברויט צו קענען שטילן זייער הונגער. דאס זענען זיינע טענות וואט ער האט צום שוחט וואס איז שולדיג אין דעם אלעם.

דער שוחט האט פארשטייט זיך, נישט געקענט אפלייקענען די טענות פונעם נפטר, און ס'איז אים באפאלן א שרעק, ווארטנ'דיג צו הערן דעם פסק דין פונעם קאזשניצער מגיד. דער פסק דין פונעם מגיד איז געווען, אז דער שוחט מוז באצאהלן די חובות וואס דער נפטר איז שולדיג געבליבן, און ער מוז אויך באזארגן דעם קצב'ס פרוי מיט די קינדער מיט זייערע באדערפענישן, דער קצב, דער נפטר, איז געווען צופרידן פונעם פסק דין. ווען דעם מגיד'ס הייליגע אויגן האבן באמערקט אז דער נפטר קלויבט זיך צו פארלאזן דעם ארומגעצוימטן פלאץ, האט אים דער מגיד געפרעגט, "אייזיק'ל, ביי דיין לעבן אויף די וועלט האט מען אויף דיר אנגערעדט וועגן פארשידענע מעשים, האט מען דיר דאס שוין מוחל געווען?" האט דער נפטר געענטפערט, אז דאס וואס מ'האט גערעדט אויף אים דא אונטן איז טאקע געווען ריכטיג, ער איז דורכגעפאלן אין נישט גוטע זאכן, און דארט אויבן ווייסט מען דאך זיכער דעם אמת, נאר איין גוטע זאך וואס ער האט געטוען ביים לעבן, האט אים געהאלפן זיך ריינוואשן פון זיינע זינד



און פון ווערן באשטראפט. דער נפטר האט דערציילט דעם מגיד, אז אין זיין פריער יוגנט איז ער געווען א בעל עגלה. האט איינמאהל פאסירט אז ער האט געפיהרט אין זיין וואגן מערערע צדיקים און אינמיטן וועג פאהרנ'דיג אין וואלד, זענען זיי באפאלן א באנדע רויבער-מערדער וואס האבן געוואלט אומברענגען יעדן איינעם און בארויבן אלעס וואס זיי פארמאגן. האט ער, דער בעל עגלה, נישט געקוקט אויף דעם וואס ער איז געווען איינער קעגן א באנדע פון מערערע גזלנים, האט ער זיך אריינגעווארפן אין א געשלעג מיט די גזלנים, ער האט זיך ממש מוסר נפש געווען, און פארטריבן די רויבער, און די צדיקים זענען געראטעוועט געווארן. ווען ער איז געקומען אויפ'ן עולם העליון, און דאס בית דין של מעלה האט גענומען מעסטן זיינע מעשים, האט טאקע אויסגעזעהן אז לויט'ן דין וחשבון דארף ער באקומען  דעם שטראף פון גהינום רח"ל, אבער ס'זענען באלד געקומען אלע נשמות פון די צדיקים וועלכע ער האט געראטעוועט פון זיכערן טויט און זיי האבן גענומען ממליץ טוב זיין פאר'ן בי"ד של מעלה, "היתכן אז ער זאל ווערן פאר'משפט אין גיהנום? ער האט דאך אונז אלע געראטעוועט פון א זיכער'ן טויט, און נאר א דאנק דעם וואס ער האט אונז געראטעוועט, האבן מיר געקענט נאכדעם לערנען די הייליגע

>>>>>>>

### "וואו ס'קומט ארויס א כבוד שמים"

דער הייליגער קאזניצער מגיד האט דערציילט, אז ווען הרה"ק רבי ר' זושא מאניפאלי איז געשטאנען פאר א שייד-וועג און נישט געוואוסט אין וועלכע ריכטונג ער דארף גיין, האט ער געקוקט מיט זיינע הייליגע אויגן וואו ס'געפינט זיך דער שם הוי' און דארט איז ער געגאנגען. האט דער קאזניצער מגיד צוגעגעבן, ביי יעדער ספק וואס א מענטש האט אין זיין לעבן, דארף ער קוקן ווי אזוי ס'קומט ארויס א כבוד שמים און אזוי זאל ער טוען. דאס זאגט דער פסוק: "זה הדבר אשר צוה ה' תעשו", זאלסט וויסן וואס דו האסט צו טוען, "וירא אליכם כבוד ה'", דארט וואו ס'קומט ארויס א כבוד שמים.

### "א ווארט אויף קרח..."

אין ספר החכמה מאין (אות ס') ווערט געברענגט אז הרה"ק רבי איציק'ל סטוטשינער האט אמאהל דערציילט אז דער קאזשניצער מגיד האט זיך אמאהל אויסגעדרוקט, "כ'קען נישט זאגן א גוט ווארט אויף קרח ווייל ער האט דאך מצער געווען משה רבינו, אבער איך קען אויך נישט זאגן שלעכטס אויף אים ווייל ער איז דאך געווען דער זיידע פונעם רבי'ן פון לובלין." (ווי באקאנט האט זיך דער רבי פון לובלין זצ"ל אמאהל אויסגעדריקט, "דער הייליגער זיידע קרח") מערקווירדיג אז אין ספר "עבודת ישראל" פונעם קאזשניצער מגיד איז נישטא קיין חידושי תורה אויף פרשת קרח...

### "רעדן גוטס אויף אידישע קינדער..."

דער קאזניצער מגיד האט אמאהל גע'דרש'ענט און געזאגט א דרוש, נישט זאגנ'דיג קיין דברי מוסר, דערנאך האט ער ערקלעהרט ס'איז ליבערשט צו פרעגן אויף די תורה ווי צו פרעגן אויף אידישע קינדער...

### "ומלתם את ערלת לבבכם..."

אין ספר 'אמרי דבש' ווערט דערציילט אז דער שיניאווער רב האט דערציילט אז דער קאזניצער מגיד פלעגט זאגן גאר ווארימע מוסר דרשות אזש אז דער עולם איז געפאלען אין חלשות פון גרויס התעוררות, נאך די דרשה האט ער געפראוועט א סעודה, און גערופן די סעודה א "סעודת ברית" באזירט אויפן פסוק **"ומלתם את ערלת לבבכם"...**

## מַיין אוֹצָר... "יומא דהילולא"

>>>>>>>

תורה און טוען מצוות ומעשים טובים, האט ער דאך א טייל אין אונזער תורה, און דאס אלס דארף גערעכנט ווערן אויף זיין חשבון און צו זיין זכות". די טענות פון די נשמות הצדיקים זענען אהנגענומען געווארן. ס'האט איבערגעוואויגן דעם וואגשאל צו זכות, און מ'האט אים צוגע'פסק'נט גן עדן. מ'האט אים אבער נישט אריינגעלאזט אין גן עדן צוליעב די חובות וואס ער האט נישט באצאהלט פאר מענטשן, אבער יעצט אז דער שוחט האט אויף זיך גענומען צו באצאהלן זיינע חובות, איז אויך דער אפהאלט באזייטיגט געווארן און אלעס האט דערגרייכט דעם פוהלן תיקון. אזוי האט אייזיק דער קצב, שוין זייענדיג אויפ'ן עולם האמת, דערציילט פאר'ן קאזשניצער מגיד וועגן דעם געוואלדיג'ן גרויסן זכות וואס א איד פארדינט זיך אין הימל מיט איין גוטע פעולה פון הצלת נפשות. יש קונה עולמו בשעה אחת.

### טייער באצאהלט

דער גראף טשעארטרינסקי (צו וועמען ס'האט געהערט די שטאט פילוב) האט נישט געהאט קיין קינדער, איז ער געקומען צום קאזשניצער מגיד, האט אים דער מגיד געבענטשט מיט קינדער, דערנאך האט דער מגיד מתפלל געווען: "רבונו של עולם דו האסט דאך אזויפיהל גוים, זאל זיין נאך איין גוי!" און דער גראף האט געהאט א קינד. אמאהל האט דער גראף דערציילט די מעשה פאר זיין ברודער, דער ברודער האט אבער נישט געוואלט גלייבן און ער האט געשפעט פונעם מגיד. ער האט געזאגט, "איך וועל דיר ווייזן ווער ער איז!" איז ער געפאהרן קיין קאזשניץ און ער האט זיך געמאכט וויינען, און ער זאגט צום מגיד אז זיינ'ס א קינד איז שטארק נישט געזונט. האט אים דער מגיד געענטפערט: "פאר שנעל אהיים, אפשר וועסטו אים נאך קענען זעהן ווילאנג ער לעבט נאך, ווייל ער קען דאך שטארבן, איז גוט אז דו זאלסט אים כאטש נאך איינמאהל זעהן פאר'ן שטארבן!" אבער דער גראף האט זיין קינד שוין נישט געזעהן לעבעדיג, ווייל נאך איידער ער איז אנגעקומען אהיים איז זיין קינד געשטארבן.

### מיט'ן פוהלסט'ן בטחון

אמאהל זענען געקומען צום קאזשניצער מגיד א דארפ'ס איד מיט זיין ווייב אז ער זאל זיי בענטשן, זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט קינדער, האט דער קאזניצער מגיד געזאגט אז זיי זאלן געבן צוויי און פופציג גולדן אלס א פדיון, וויפיהל ס'באטרעפט דאס ווארט 'בן' און זיי וועלן געהאלפן ווערן מיט א בן זכר, דער איד האט נישט געוואלט געבן דער סכום און האט פראבירט צו 'האנדלען' מיט'ן מגיד און געוואלט געבן נאר צוואנציג גולדן, אבער דער מגיד האט נישט מוותר געווען [ווי באקאנט אז צדיקים האבן געהאט א גרויסע ענין מיט'ן נעמען געוויסע סכומים געלט פאר פדיונות כדי צו קענען אראפברענגען א ישועה פון הימל].



דער דארפ'ס איד וועלכער איז געווען גאר א פשוט'ער מענטש, האט זיך אויפגערעגט און געזאגט צו זיין פרוי מיט כעס "נעם צוריק דאס געלט פון טיש, און דער באשעפער וועט אונז שוין העלפן אהן דעם מגיד". ווען דער קאזשניצער מגיד האט געהערט די ווערטער פונעם איד האט ער געזאגט פאר די ארומיגע אז דער איד איז שוין א געהאלפענער, ווייל זיינע ווערטער זענען געהערט געווארן אויבן אין הימל, ווייל ווי נאר ער האט אפגעמאכט אז דער קאזניצער מגיד וועט אים נישט העלפן און ער האט זיך פארלאזט מיט'ן גאנצן הארץ און מיט'ן פוהלסטן מיט בטחון אויפ'ן הייליג'ן באשעפער, איז ער געווארן א געהאלפענער.

### "שלום בית" קוגל

צום קאזניצער מגיד איז אמאהל געקומען אן איינוואוינער פון שטעטל, און דערציילט פאר'ן מגיד, אז ער וויל גט'ן זיין פרוי. ווען דער מגיד האט אים געפרעגט, פארוואס ער וויל טוען אזא זאך, האט דער איד אים געענטפערט, אז ער ארבעט זייער שווער א גאנצע וואך מיט'ן השתוקקות אז באלד וועט קומען דער הייליגער שבת און ער וועט קענען פארזוכן פונעם שבת'דיגן קוגל וואס זיין פרוי גרייט צו. ווען ער קומט אהיים שבת אינדערפרי פון דאווענען מאכט ער קידוש, און דערנאך פארלאנגט ער פון זיין פרוי זי זאל אים געבן פונעם קוגל וואס זי האט צוגעגרייט. זיין פרוי וויל אבער נישט ערפוהלן זיין פארלאנג, און זי טענה'ט אז דער קוגל וועט זי אים געבן צו עסן אינמיטן די סעודה, און צוליעב דעם וואס זי וויל אים נישט פאלגן, האט ער באשלאסן איר צו געבן א גט. האט דער קאזניצער מגיד געלאזט רופן די פרוי, און איר געפרעגט פארוואס זי פאלגט נישט איר מאן, און זי וויל אים נישט געבן צו עסן פונעם קוגל גלייך נאך קידוש? די פרוי האט זיך פארענטפערט פאר'ן מגיד, אז זי פיהרט זיך אזוי ווי זי איז געוואוינט נאך פון איר היים, ווייל ביי איר טאטע אין שטוב האט מען דעם קוגל געגעסן הערשט אינמיטן די סעודה, און נישט ביי קידוש. אבער דער מאן האט צוריק גע'טענה'ט אז אהיימקומענדיג פון דאווענען גלייך נאך קידוש, נאר דעמאלט שפיהרט ער דעם גוטע טעם פונעם קוגל, אבער אינמיטן די סעודה ווען ער איז שוין זאט פון די אנדעדע מאכלים, שפיהרט ער שוין נישט קיין ספעציעלן טעם אינעם קוגל. דער מגיד האט אויסגעהערט די טענות פוןביידע צדדים, און זיך אנגערופן צו די פרוי: "פון היינט און ווייטער זאלט איר צוגרייטן אויף שבת צוויי קוגלעך, איין קוגל זאלט איר דערלאנגן אייער מאן ביי קידוש גלייך ווען ער קומט אהיים פון דאווענען, און דעם צווייטן קוגל זאלט איר דערלאנגן אזוי ווי פריער, אינמיטן די סעודה אזוי ווי איר זענט געוואוינט פון אייער טאטנ'ס היים".

דערנאך האט דער קאזניצער מגיד געהייסן אריינרופן די רעבעצין, און איר דערציילט וועגן דעם "פסק דין", וואס ער האט ארויסגעגעבן כדי צו ברענגען א "שלום בית" צווישן דעם מאן און זיין פרוי, און ער האט איר דעמאלט אנגעזאגט אז אויך פאר אים זאל זי אנהויבן צו מאכן אויף שבת צוויי קוגלעך, איינס צו קידוש, און דעם צווייטן צו די שבת'דיגע סעודה. זייט דעמאלט איז געווארן איינגעפיהרט אין שטוב פון קאזניצער מגיד, און אזוי אויך שפעטער ביי די קינדער און די משפחה פונעם 'מגיד' צוצוגרייטן צוויי קוגלעך אויף שבת, און דער ערשטער קוגל ווערט אנגערופן דער "שלום בית קיגל". **זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.**

***(מקורות: אור הצפון. עלים לתרופה. זכרונם לברכה. תולדות וסיפורי צדיקים - "נר יהושע". מעשי אבות. הילולא קדישא. אנציקלופדיה לחכמי גאליציה. ימי זכרון. דברי תורה לפ' השבוע).***

***


גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' דוד יעקב מרדכי שפירא הי"ו
לעי"נ אביו הרה"ח ר' יצחק אייזיק ב"ר דוד ע"ה
• נפטר י"ג תשרי תשע"ג

גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' משה יודא שפירא הי"ו לעי"נ אביו
הרה"ח ר' יצחק אייזיק ב"ר דוד ע"ה
• נפטר י"ג תשרי תשע"ג

גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' אהרן פרידמאן הי"ו לעי"נ חותנו
הרה"ח ר' יצחק אייזיק ב"ר דוד ע"ה
שפירא • נפטר י"ג תשרי תשע"ג

גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' מאיר צבי פאללאק הי"ו לעי"נ חותנו
הרה"ח ר' שלמה חיים ב"ר אליהו דוב ע"ה
• נפטר כ"ה תשרי תש"ע

גליון השבוע נתנדב ע"י לעי"נ הרה"ק
רבי חנה בן הרה"ק רבי מנחם מענדל
מקאלאשיץ הי"ד זצוק"ל
• נפטר ח' תשרי תש"ג

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' נפתלי הירצקא הכהן ענגעל הי"ו לעי"נ זקנו
הרה"ח ר' יעקב הי"ד ב"ר שלמה הכהן ע"ה
• נעקה"ש הושענא רבה, כ"א תשרי תש"ה

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' אהרן הכהן ענגעל הי"ו לעי"נ זקנו
הרה"ח ר' יעקב הי"ד ב"ר שלמה הכהן ע"ה
• נעקה"ש הושענא רבה, כ"א תשרי תש"ה

גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח
ר' אהרן ברש"ה פרידמאן הי"ו
לעי"נ חותנו הרה"ח
ר' יצחק אייזיק
ב"ר דוד ע"ה שפירא
נפטר י"ג תשרי תשע"ג

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' אליעזר דוד גרינוואלד הי"ו לעי"נ אביו
הרה"ח ר' יצחק שלמה ב"ר ישראל ע"ה
• נפטר ט"ז תשרי תשע"ג • אושפיזא ד'יצחק

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' זלמן גרינוואלד הי"ו לעי"נ אביו
הרה"ח ר' יצחק שלמה ב"ר ישראל ע"ה
• נפטר ט"ז תשרי תשע"ג • אושפיזא ד'יצחק

גליון השבוע נתנדב לעי"נ הרה"ח
ר' משה אהרן ב"ר יוסף ע"ה קעמפלער
• נפטר שמחת תורה, כ"ג תשרי תשס"ח

## אין עין הרע שולטות בהם (ברכות נה:)

הגה"צ רבי משה ניישלאס ז"ל אב"ד סערדעהעלי, שפעטער אב"ד שיכון סקווירא ארה"ב. האט דערציילט אז ווען ער איז געווען אין שנת תרצ"ט, ירח האיתנים אין בעלזא בצל קדשו פון כ"ק מרן מהר"א זי"ע, האט ער נישט געהאט קיין [רעגירונג] ערלויבעניש צו בלייבן אין בעלזא נאר ביז אינמיטן די עשרת ימי תשובה. האבן אים די "יושבים" געראהטן אז אויב ער איז שוין געקומען אויף ראש השנה, איז א שאד ער זאל צוריק אהיים פאהרן פאר יום כיפור, און ער איז געבליבן אויף יום כיפור. דערנאך האבן אים די "יושבים" געראהטן ער זאלן שוין בלייבן אין בעלזא ביז נאך סוכות. נאך יום טוב, איז רבי משה צוגעגאנגען צו הרה"ק רבי משה'לע זצ"ל הי"ד, דער עלסטער זוהן פון מרן זי"ע, און אויסגעדריקט זיין זארג אז ער געפונט זיך דא אהן אן ערלויבעניש, און אז אויפ'ן וועג צוריק אהיים קען מען ארעסטירן, און אין יענע טעג, ווען די ווינטן פון מלחמה האבן שוין געבלאזן איבער אייראפע, איז דאס געווען א גאר געפעהרליכע זאך. האט אים רבי משה'לע פארגעשלאגן אז ער זאל גיין צו זיין מאמע, די צדיקת רעבעצין מלכה, וואס מ'זאגט אז זי איז "א קלוגע פרוי," און זי וועט אים געבן א גוטע עצה. האט זיך רבי משה געוואנדן צו די רעבעצין מלכה. האט זי אים געזאגט אז ער זאל קומען מארגן נאכמיטאג אין שטוב פון מרן זי"ע, ווען ער טרינקט מעד מיט זיין משפחה, ווי ער פלעגט זיך פיהרן יעדן 'אסרו חג', און דעמאלט איז א גוטע צייט זיך מזכיר צו זיין לטובה. די רעבעצין האט אים אנגעזאגט אז אין די באשטימטע צייט זאל ער שטיין ביי די טיהר, און זי וועט אים אריינלאזן אל הקודש פנימה. און אזוי איז טאקע געווען. ווען מרן זי"ע האט געזעהן רבי משה, האט ער געפרעגט: "וואס וויל משה בן לאה?" האט רבי משה דערציילט זיין זארג און געבעהטן א ברכה. מרן זי"ע האט אים איינגעגאסן א גלעזל 'מעד' און געגעבן צו טרינקען, און אים געוואונטשן: **"לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן אז א שלעכט אויג זאל נישט שולט זיין"**. און אזוי איז טאקע געווען.דעם גאנצן וועג אהיים, ווען די פאליציי האט פון אים פארלאנגט די נויטיגע ערלויבעניש, האט ער זיי געוויזן די ערלויבעניש, וואס איז שוין געהאט אפגעלאפן מער פון צוויי וואכן, און זיי האבן אים גארנישט געזאגט און געפרעגט און אזוי איז ער בשלום אהיים געקומען. *(מועדי קדשיך עמוד שפ"א)*

## די קדושה פון די סוכה ברעטער...

במשך זעקס יאהר איז מרן מהר"א זי"ע איינגעשטאנען אין די זומער חדשים, אין די דירה פון הרה"ח רבי יעקב שור ז"ל, אין די קטמון געגנט פון ירושלים. אלן יאהרן פלעגן זיי בויען א גרויסע 'שאטער' לעבן זייער וואוינונג, וואו מרן זי"ע האט געפיהרט די הייליגע טישן. און אויף סוכות האט מען גענוצט א טייל פון די 'שאטער' אלס א סוכה. נאך יום טוב האט מען צענומען די שאטע און באהאלטן די האלצענע ווענט פון די סוכה אינעם 'מחסן' פון משפחת שור ביז'ן קומענדיגן יאהר. איין יאהר, אין די ווינטער טעג, איז געקומען א טעלעפאן רוף צו די שור פאמיליע אין ירושלים, ווען איינער פון די משמשים בקודש אין שטוב פון מרן זי"ע האט גערופן אין שליחות פון מרן זי"ע און געפרעגט: "וואָס טוהט זיך מיט די סוכה?" האט משפחת שור געענטפערט: אַז גלייך נאָך די ימים הנוראים ווען מרן זי"ע איז צוריק געפאהָרן קיין תל־אביב, האבן זיי צענומען די סוכה און באהאלטן די ווענט אין א 'מחסן'. ס'גייט נישט אדורך עטליכע מינוט און דער משמש בקודש רופט ווידער און פרעגט נאכאמאהל "וואָס טוהט זיך מיט די סוכה?" האט זיך די משפחה פארבונדן מיט'ן ראש המשפחה ר' יעקב שור ז"ל, אים צו פרעגן וועגן דעם, אפשר וועט ער וויסן דער באַדייט פון די פראַגע. אבער ר' יעקב אליין האט זיך שטארק געוואונדערט הערענדיג די פראַגע. און ער האָט באלד באַפוילן אַז אויב דער משמש בקודש וועט רופן נאכאמאהל [צו דריטן מאהל], זאל מען גיין אין 'מחסן' און זעהן אויב עפעס איז געשעהן מיט די ברעטער פון די סוכה. באַלד דערנאָך האָט דער משמש בקודש גערופן צום דריטן מאהל. איז מען געגאנגען אין 'מחסן' זעהן וואָס גייט פאר מיט די ברעטער. צו זייער גרויס וואונדער האבן זיי באמערקט אַז כאָטש מ'האט צענומען דעם גאנצן 'שאטער', אבער איין ברעט פון די סוכה וואס איז געווען באהאפטן צום הויז האבן זיי איבערגעלאזט אינדרויסן, און פונקט דעמאלט האט א הונט אנגעהויבן גריבלען אויפ'ן ברעט, און מרן זי"ע ברוח קדשו האט מרגיש געווען אז א חי' טמאה ריהרט אהן א הייליג ברעט פון די סוכה. מ'האט באלד פארטריבן דעם הונט, און געמאכט זיכער אז ס'זאל מער נישט קענען געשעהן, און דער משמש האט מער נישט גערופן. *(מועדי קדשיך עמוד שפ"ב)*



גליון השבוע נתנדב

- לכבוד חג הסוכות -

לעי"נ העסקן החשוב לבית בעלזא

הרה"ח ר' ישראל צבי ב"ר

יוסף יונה ע"ה קליין

• נפטר ג' טבת תשע"ז



גליון השבוע נתנדב

- לכבוד חג הסוכות -

לעי"נ העסקן החשוב לבית בעלזא

הרה"ח ר' אברהם יודא ב"ר

ישעי' עקיבא ע"ה פיינער

• נפטר כ"ג אלול תשע"ח



גליון השבוע נדבת ידידנו היקר

ר' אברהם רייז הי"ו ומשפ'

לעי"נ חותנו ר' ארי' לייבוש

ב"ר זאב אהרן וויינרעב ע"ה

• נפטר כ"ח תשרי תשנ"ח



גליון השבוע נדבת ידידינו הרה"ח המפואר

ר' אברהם הכהן לעווענשטיין הי"ו

לרגל יומא דהילולא "סנגורן של ישראל"

הרה"ק רבי לוי יצחק

ב"ר מאיר מבארדיטשוב זי"ע

בעמח"ס "קדושת לוי"

• כ"ה תשרי תק"ע •




זכות הדפסת הגליון נתנדב לעי"נ אמנו-סבתנו היקרה והחשובה אשה יראת ה' היא תתהלל

מרת פריידא רעכיל בת הרה"ח ר' פסח ע"ה מלאנצוט • נפטרה י"ז תשרי תשע"ח

*משפ' פסח לעמבערגער, *משפ' הערשל לעמבערגער ירושת"ו, *משפ' שלו' פסח לעמבערגער ירושת"ו, *משפ' שמואל נחמן לעמבערגער אשדוד,

*משפ' משה לעמבערגער אנטווערפן, *משפ' לוי יצחק פערלמאן ב.פ., משפ' פנחס שווארץ ב.פ., *משפ' הערש לייב שווארץ ב.פ., *משפ' חיים וואסערמאן ב.פ.,

*משפ' יעקב פארגעס ב.פ., *משפ' מרדכי שווארץ ב.פ., *משפ' אהרן שווארץ ב.פ., *משפ' יחיאל מיכל שווארץ מונטריאל, *משפ' יצחק גדלי' שווארץ לאנדאן,

*משפ' נפתלי מאיר שווארץ ב.פ., *משפ' מתתי' לאנגסאם ב.פ., *משפ' יעקב אליעזר פארגעס ב.פ., *משפ' חיים יודא פארגעס ב.פ., *משפ' חיים פריש ב.פ.,

*משפ' אהרן מאשקאוויטש מונטריאל, *משפ' חיים הערמאן ב.פ., *משפ' אברהם גראסמאן לעיקוואוד, *משפ' זלמן הערמאן לעיקוואוד,

*משפ' הערשל הערמאן מונטריאל, משפ' עזריאל פסח הערמאן ב.פ.,






גליון השבוע נתנדב לזכרה ולעי"נ

הילדה התמימה מינצא לאה ע"ה

בת יבלחט"א ר' לוי יצחק הכהן הי"ו

נפטרה כ"ד טבת תשפ"ב • ת.נ.צ.ב.ה.



גליון השבוע נתנדב לזכרה ולעי"נ המחנכת

הדגולה והחשובה אשה יראת ה' מרת ברכה

ב"ר דוד מנשה ע"ה ביגעלאייזן

נפטרה ה' תמוז תשפ"ג • ת.נ.צ.ב.ה.


"קו הריבית" האטליין

שע"י בי"ד מיוחד לעניני ריבית של הרה"ג רבי פנחס ווינד שליט"א

1-845-493-8604 פון 8 אינדערפרי ביז 12 ביינאכט

email: Ribishotline@gmail.com

"מיין שבת אוצר" און נאך קענט איר געפונען יעדער וואך

אין די וועכענטליכע אויסגאבע פון "המחנה" מעגאזין

T:718-438-1263 • F:718-569-6440 • e-mail: otzar@hamachne.com

ת״ת תורה ויראה
דרב״י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

בעזהשי״ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתק״ו
חג הסוכות (א׳)
שנת תשפ״ו לפ״ק

ז׳ תקצג) עס דערציילט אונז

**הגאון הגדול משיירי כנה״ג רבי אליקים שלעזינגער שליט״א** ר״י הרמה לאנדאן

## בטל דעתו מפני דעתו

ערב סוכות איז די יארצייט פון מורי ורבי הגה״ק רבי יוסף **צבי דושינסקיא זלה״ה גאב״ד ירושלים עיה״ק.**

אין ירושלים איז געווען איינגעפירט צו לייגן אויף די סוכה ׳פלאפאנען׳ (ברייטע העלצער). אויך מיין רבי ז״ל האט זיך אזוי געפירט.

איך געדענק ווען **כ״ק מרן רביה״ק מסאטמאר זלה״ה** איז אנגעקומען קיין ירושלים, פאר די ימים נוראים תש״ו לפ״ק, און זעהנדיג די ׳פאלאפאנען׳ האט ער נישט געהאלטן דערפון, אלס חשש גזירת תקרה.

אינמיטן חול המועד איז מיין רבי ז״ל געוואויר געווארן אז דער סאטמארער רב האט א חשש דערויף, האט ער געהייסן טוישן די פאלאפאנען וואס איז געווען העכער זיין פלאץ, און לייגן אנשטאט דעם געהעריגע סכך. כאטש וואס ער איז געווען דער מרא דאתרא, און אויך עלטער אין יארן. (ויה״ר שיתחזקו כנשר נעוריו של רב האי שריד לדור דעה **רבי אליקים בן בילה שליט״א**, ויעמוד עוד על משמרת הקודש רבות בשנים, ובהרבצת תורה ויראה בקרב בית ישראל)

ז׳ תקצד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר׳ חיים בער אדלער שליט״א** מח״ס מאורי אור

## ויבן לו בית, ולמקנהו עשה סוכות

מיט יארן צוריק באזוכנדיג ביי **כ״ק אדמו״ר ממונקאטש שליט״א** איז אויסגעקומען דער שמועס איבער הרב החסיד ר׳ פינחס עסטרייכער ז״ל - א ברודער מיט הגה״ק רבי משה דוד עסטרייכער ז״ל דער טשימפער רב מח״ס תפארת אדם - וואס האט געוואוינט אין נאנאש.

רבי פינחס איז געווען א תלמיד פון **מונקאטשער רב הגה״ק רבי צבי הירש שפירא ז״ל בעל דרכי תשובה** (היארצייט ב׳ סוכות תרפ״ד), און ער איז געווארן א איידעם ביי הרה״ח ר׳ אברהם פריעד ז״ל פון נאנאש, וועלכער איז געווען א איש מכובד ובעל בעמיו, און א מונקאטשער חסיד. דער שווער האט אים געגעגעבן א שיינעם נדן כנהוג בימים ההם.

נאך עטליכע יאר זאגט אים דער שווער אז עס איז געקומען די צייט אז ער זאל אנהויבן עוסק זיין אין מסחר להביא טרף לביתו.

איז ער געפארן צו זיין רבי׳ן קיין מונקאטש, און ער האט דערציילט אז דער שווער פארלאנגט אז ער זאל אנהויבן עפעס צו טוהן פאר פרנסה. זאגט אים דער רבי ״דו האסט דאך באקומען א סכום פאר נדן, קויף דיר א הויז, און א חסיד׳ישער אינגערמאן דארף האבן א געבויטע סוכה״.

ער איז אהיים געפארן און ער דערציילט פארן שווער וואס דער רבי האט געזאגט. דער שווער האט זיך געבייזערט ׳וואס עפעס קויפן א הויז? מ׳דארף דאס געלט אינוועסטירן אין א געשעפט״. נאר אז דער רבי זאגט אזוי דארף מען פאלגן, און ער האט טאקע געקויפט א הויז.

ווען ער האט געוואלט בויען די סוכה אינעם הויז, האט דער שווער ווייטער נישט פארשטאנען פארוואס מ׳דארף האבן א געבויטע סוכה ׳אויב איז קאלט אין די סוכה דעקט מען זיך איבער מיט א דאכנע, אבער א געבויעטע סוכה אין הויז, וואס פעלט דאס אויס?!״.

איז ער ווידער געפארן צום רבי׳ן און ער האט איבערגעזאגט וואס דער שווער איז נישט צופרידן פון די געבויטע סוכה.

האט דער דרכי תשובה געזאגט ״עס שטייט אין פסוק ביי יעקב אבינו ״**ויעקב נסע סוכותה, ויבן לו בית**״, סיי אויב האט ער זיך געבויעט א הויז, אדער ״**ולמקנהו**״ אויב האט ער געקויפט דאס הויז, ״**עשה סוכות**״ א סוכה דארף מען זיך מאכן, מ׳דארף מקיים זיין בשלימות״.

וכך הוה ער האט געבויעט א סוכה אין דירה אזוי ווי דער דרכי תשובה האט געהייסן. אינצווישן האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה, און אומצאליגע אידן וואס האבן געהאט אינוועסטירט זייערע געלטער אין געשעפטן און ביזנעסער האבן אלעס דערלייגט, און נאר א דאנק דעם וואס ער האט געהאט אריינגעלייגט זיין געלט אין א הויז איז זיין נדן געבליבן אפגעהיטן אינעם הויז וואס ער האט געהאט געקויפט.

ער האט זוכה געווען צו אריכות ימים, איך געדענק אים גוט פון בארא פארק, זייענדיג א איש חשוב מפורסם. ער האט געהאט אין שטוב א זוהר הק׳, וואס איז געווען א חידוש בימים ההם.

ז׳ תקצה) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר׳ אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט״א**

## א שנת פקודה

בנוגע דאס וואס **כ״ק מרן רבינו שליט״א** האט דערמאנט (בדרשת ש״ש תשפ״ו) אז לפי דברי קדשו פון **הגה״ק משינאווא זלה״ה**, איז שנת תשפ״ו א זמן פקודה פאר די גאולה, האב איך געוואלט צולייגן וואס איך האב געהערט פון הרה״ק רבי **יענקעלע מפשעווארסק** ז״ל (בשנת תשל״ו איז רבי יענקעלע ז״ל געווען אין וויליאמסבורג א לענגערע צייט, אין די תקופה פון די מחלה און פטירה פון זיין שנור ע״ה - א״ח בזו״ר פון בנו כ״ק אדמו״ר מפשעווארסק שליט״א - אין יענע תקופה האב איך זיך אסאך מסתופף געווען בצילו און אסאך מקבל געווען פון איהם) וואס האט נאכגעזאגט בשם זיין **רבי הגה״צ רבי שמואל שמעלקא תאומים–פרענקל ז״ל דער קלאסנער רב**, וואס ער האט געהערט פונעם שינאווער רב ז״ל.

האט ער געזאגט אז דער שינאווער רב האט נאכגעזאגט פונעם טאטן דער הייליגער **דברי חיים** זלה״ה, אז תרס״ו איז א זמן פקודה. האט ער געזאגט געזאגט אזוי ״דער טאטע איז נסתלק געווארן בן ע״ט (עס איז געווען א פלוגתא צווישן די ברודער ווי אלט דער דברי חיים איז געווען ביי די הסתלקות, דער שינאווער רב האט געהאלטן אז ער איז געווען 79) דאס איז געווען בשנת תרל״ו.

עס איז אין יענע יארן געווען באקאנט דער איש חסיד הרה״צ רבי **יעקב פיש** ז״ל דער ראש קהל פון קאלוב, וואס האט געלעבט 113 יאר. האט דער שינאווער רב געזאגט ״דער טאטע האט געזאגט אויב דער אייבערשטער וועט אונז געבן יארן אזוי ווי פאר רבי יעקב פיש – וועלכער איז דעמאלטס אלט געווען 109 יאר - וועלן מיר אויך דערלעבן משיח׳ן״.

לפי החשבון קומט אויס אז דער הייליגער **דברי חיים** וואלט אלט געווען תרס״ו 109 יאר... דאס איז א סימן אז דער טאטע דער הייליגער דברי חיים האט געהאלטן תרס״ו פאר די יאר וואס עס וועט זיין די גאולה שלימה. ויה״ר שנזכה לזה במהרה בימינו.

ז׳ תקצו) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר׳ ברוך יצחק רובין שליט״א** ר״מ בישיבה״ק ב.פ.

## להשיב אבידה לבעלי׳

מיין טאטע הרה״ח ר׳ **שמואל רובין** ז״ל פון בני ברק האט געלערנט אין די ישיבה פון **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה** אין די שטאט סאטמאר. ער האט געהערט צווישן די בחורים שמועסן אז יעדן פארטאגס זאגט דער רבי תהילים ביי זיך אין שטוב מיט א גרויס התעוררות און מיט א קול נעים.

איין פארטאגס האט ער זיך ארייגעגע׳גנב׳עט ביים רבי׳ן אין שטוב פארטאגס און ער האט זיך באהאלטן אונטער א שאנק, האט ער געזעהן ווי דער רבי שפאצירט ארום אין צימער מיט א תהלים׳ל אין די הענט, און עס איז זלגו עיניו דמעות.

אינמיטן איז די רביצין ע״ה איינגעקומען מיט א קאווע, און דער רבי האט געווינקען מיט די האנט אז זי זאל עס ארפלייגן און איהם נישט מפסיק זיין אינמיטן תהלים. די רביצין האט געזאגט ״אז דו וועסט טרינקען די קאווע וועט זיך בעסער זאגן תהלים נאכדעם״...

ב. נאך די קריג איז מיין טאטע ע״ה אנגעקומען קיין ארץ ישראל, ער איז נאך דעמאלטס געווען א בחור. ווען עס איז אנגעקומען די ידיעה נאך די מלחמה אז דער רבי ז״ל איז ניצול געווארן מגי ההריגה און ער קומט ארויף קיין ארץ ישראל, איז זיין שמחה געווען עד אין לשער.

געווען איז דאס בימי הסליחות תש״ה ווען מ׳האט מפרסם געווען אז דער רבי קומט אן מיט די שיף פון שווייץ קיין חיפה, איז ער ארויס געפארן מקבל פנים זיין דעם רבי׳ן ביי די שיף.

ווי נאר ער איז צוגעקומען צום רבי׳ן און ער האט שלום געגומען ביים רבי׳ן, האט דער רבי אויסגעטוהן זיין גארטל און ער האט אים דאס איבער געגעבן אין די האנט...

דער רבי האט איהם דערציילט אז נאכן פארטריבן ווערן פון סאטמאר קיין קלויזענבורג אייר תש״ד, איז אויסגעקומען אז ער האט נישט געהאט קיין גארטל צום דאווענען מנחה, איז דארט געווען זיין פאטער, אונזער זיידע, **הרה״ח ר׳ מענדל רובין** ז״ל שו״ב ביים נאסאדער רב, און ער האט ׳געבארגט׳ זיין גארטל פארן רבי׳ן. נאך מנחה האט דער רבי נישט געטראפן דעם זיידן רבי מענדל דאס צו קענען צוריק געבן.

דער רבי איז געבליבן מיטן גארטל אין קלויזענבורגער געטא, בערגן-בעלזן, שווייץ. אנקומענדיג קיין ארץ ישראל זעהנדיג דעם זיידן האט ער אויסגעטון דעם גארטל זאגנדיג ״דאס איז דיין טאטנס גארטל, דו ביסט דער יורש דאורייתא״.

כמובן, דער זיידע האט געהאלטן דאס גארטל קודש קדשים, ער האט דאס אנגעטון מידי

שנה בשנה יום הקדוש, ער האט באפוילן אז לאחר פטירתו זאל מען מיטלייגן מיט אים א טייל פונעם גארטל.

ג. ביי די חתונה פונעם זיידן האט אים דער רבי געגעבן א מתנה א ספה"ק ראשית חכמה מיט 50 פונט פאר די הוצאות החתונה.

ז׳ תקצז) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ג ר׳ יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## זוכרי זמירות יזמרו בקול (ב׳)

מיר וועלן ממשיך זיין נאך עטליכע נקודות בענין נגינה וואס איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן ביי **כ"ק מרן רבינו הק׳** זלה"ה.

א. איך וועל מוסיף זיין נאך א חלק פונעם שמועס וואס איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן פון רבי'ן ז"ל מיטן דזשיבויער רב ז"ל אין שעראן ספרינגס בעניני נגינה. (תחילת השיחה הי׳ בגליון תתק"ד)

בתוך הדברים דער דזשיבויער רב האט געפרעגט דעם רבי'ן פון ווען מ'האט אנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון אויף **׳בני היכלא׳** ביי שלש סעודות. האט דער רבי געזאגט "מ'האט עס אנהויבן זינגען ביים טאטן ז"ל דער **קדושת יו"ט**".

האט ער ווייטער געפרעגט "פון וואו קומט דער ניגון וואס דער רבי זינגט אויף **׳בבואו מאדום׳**, האט דער רבי געענטפערט אז דאס קומט פון זיידן דער **ייטב לב** (כידוע אז דער ייטב לב האט עס געהערט אין רימנוב פון הייליגן רבי'ן ר׳ הערש זלה"ה).

דערנאך האט מען גערעדט פונעם ניגון **׳חי ה׳** וואס מ'זינגט ביי די סעודה שבת אינדערפרי, האט דער רבי דערציילט אז דער ייטב לב איז אמאל געגאנגען אויפן גאס אין באגלייטונג פון בחורים כדרכו, און זיי זענען אריבער א הויז פון וואו עס האט זיך ארויסגעהערט פון פענסטער ווי גוים זינגען א ניגון, האט זיך דער ייטב לב אפגעשטעלט א מינוט און אויסגעהערט דעם ניגון און ער האט געזאגט פאר די בחורים "**הערטס גוט אויס דעם ניגון, לערנטס ענק אויס דעם ניגון, עס איז גוט צו זינגען אויף חי ה׳**". [אינטערעסאנט צו צולייגן, אז ווי באקאנט פלעגט דער רבי נאך חי ה׳ זינגען דעם ניגון ׳גלות׳ פון הייליגן קאלובער זלה"ה, אן די ווערטער, און דיביידע ניגונים האבן צדיקים אויסגעלייזט פון א גוי, דערקענענדיג אז עס שטאמט ממקור קדוש. נאכמער, לויט ווי דער רבי האט געזינגען חי ה׳, אויף א גאר שטייטן אופן און אויסגעצויגן, האט עס געהאט גאר ענליכע תנועות צום ׳גלות ניגון׳].

ב. דערנאך האט דער רבי ווייטער דערציילט:

אמאל אויפן וועג צום דאווענען האט דער טאטע דער הייליגער **קדושת יו"ט** געהערט ווי קליינע גוי'שע קינדער זינגען א ניגון, האט ער זיך עס אויסגעלערנט און האט עס ארויפגעלייגט אויף די ווערטער פון דאווענען ימים נוראים **׳אשרי איש שלא ישכחך׳**, און דער רבי האט דאס געזינגען בשעת מעשה ווי אזוי דער טאטע האט דאס געזינגען.

ג. הרה"ח ר׳ יעקב יצחק צימענט ע"ה איז געווען א שטארקער סיגעטער חסיד, א תלמיד פון הייליגן **עצי חיים** זלה"ה, האט ער דערציילט אז אינעם ערשטן יאר, ווען דער רבי איז געווארן רב אין אורשיווע, האט דער עצי חיים אריבער געשיקט צעהן בחורים פון סיגעט - און ר׳ יעקב יצחק בתוכם - זיי זאלן גיין קיין אורשיווע - און דער עצי חיים האט געהייסן זיי זאלן מיטנעמען די נייע ניגונים פון די ימים נוראים - צו שטיין צו די האנט פון רבי'ן צו קענען פראווען די ימים נוראים און סוכות, און דארט בלייבן ביז נאך שמחת תורה.

איינס פון די ניגונים איז געווען די מארש וואס מ'זינגט אויף ׳אין קצבה׳, און דער ניגון איז זייער געפאלן פאר'ן רבי'ן, און ער האט באשטימט מ'זאל עס זינגען אויף ׳היום תאמצינו׳, און דאס איז געבליבן דעם רבי'נס ניגון אויף **׳היום תאמצינו׳** עד היום הזה.

ד. אגב, כ'האב געהערט פון הרה"ח ר׳ **ליפא שווארץ** ז"ל מנהל מוסדותינו בירושלים, אז אינדערהיים אין סאטמאר האט מען געזינגען דעם ניגון פון **׳היום תאמצינו׳** אויף **׳אחד יחיד ומיוחד׳** ווען מ'האט באווארפן א חתן, נאר דא אין אמעריקע האט זיך געטוישט דער ניגון צו וואס מיר זינגען היינט, וואס די אנהייב פון די ביידע ניגונים איז זייער ענליך.

ה. אין וויליאמסבורג איז געווען א חשוב'ער איד הרה"ח ר׳ אברהם יוסף ציק ע"ה - א שוואגער פון שארמאשער רב זלה"ה - האט ער דערציילט אז ער איז אויך געווען פון די צעהן בחורים וואס דער עצי חיים האט געשיקט צום רבי'ן. ער איז אבער געבליבן אין אורשיווע לערנען אין רבי'נס ישיבה אויף א יאר, דערנאך איז ער צוריק געקומען קיין סיגעט, און געבעטן דעם עצי חיים אז ער וויל יעצט צוריק קומען אין זיין ישיבה אין סיגעט.

דער עצי חיים האט אים אויסגעפרעגט בפרטיות איבער די התנהגות פון זיין ברודער רביה"ק דז"ע [מן הסתם האט ער אויך ערוועגט די אופן ווי אזוי רביה"ק האט געזונגען די זמירות שטאט און אויסגעצויגן מיט א שטארקע דביקות, אז ס'האט שוין כמעט אויסגעזעהן ווי אן אנדערע ניגון, ספעציעל האט מען עס געהערט ביים זינגען חי ה׳], צום סוף זאגט אים דער עצי חיים "קענסט צוריק קומען דא אין ישיבה, אבער דעם חי ה׳ זאלסטו זינגען אזוי ווי איך זינג. (דער עצי חיים האט עס געזינגען בערך אזוי ווי מיר זינגען עס).

ו. דער **טשאקעווער רבי הגה"צ רבי יעקב האלבערשטאם זלה"ה** - דער טאטע פון הגה"צ רבי משה האלבערשטאם חבר הביד"צ העדה החרדית - פלעגט קומען צום רבי'ן אויף שבתים (אגב, ער האט געהאט אין זיין באזיץ א ירושה גארטל פון הייליגן דברי חיים, און ער פלעגט דאס שיקן א יעדעס יאר אויף יום כיפור), ער איז געווען גאר א שיינער בעל תפלה און בעל מנגן, דער רבי האט אים שטארק מקרב געווען און ער האט ליב געהאט אים צו הערן.

איינמאל ביי שלש סעודות האט אים דער רבי מכבד געווען מיט ׳ידיד נפש׳ און ׳קל מסתתר׳, און ער האט עס געזינגען הויעך און שטאט גאר שיין מיט א ברייטקייט, און יעדע סוף שטיקל (ווי כתר יתנו לך ה׳ א.א.וו.) האט ער אויסגעצויגן ווי די סוף פון א ניגון, דער רבי האט א גאנצן צייט געקוקט אויף אים און נישט אראפגענומען קיין אויג ביזן סוף ניגון.

ווען ער האט געענדיגט פרעגט אים דער רבי ׳פון וואו קומט דער ניגון?׳ זאגט ער ׳עס איז א צאנזער ניגון׳.

דער רבי האט זיך שטארק גע'חידוש'ט אז "ס'איז א צאנזער ניגון און כ'האב עס נאך קיינמאל נישט געהערט?!..." [יארן שפעטער האב איך געפרעגט זיין אייניקל הגה"צ ר׳ זלמן ז"ל, ווען מ'האט עס געזינגען אין צאנז, האט ער געזאגט מ'האט עס געזינגען אין צאנז איינמאל א יאר, שמחת תורה ביי די הקפות אויף ׳קל מסתתר׳, ביי אונז טאנצט מען אויף די חרוזים פון ׳קל מסתתר׳. אין צאנז האט מען עס געזינגען מיט א שטייטע ניגון צווישן די הקפות].

האט דער רבי דעמאלט ביי שלש סעודות פארן בענטשן געמאכט א שמועס, בערך בזה הלשון ׳לעולם האט מען אין צאנז מער געזינגען ווי אין סיגעט׳, און האט אנגעהויבן אויסרעכענען:

"אין צאנז האט מען יו"ט געזינגען ביי **׳ישתבח׳**, און יעדן שבת **׳הקל הפותח׳**, און יו"ט האט מען געזינגען ביי **׳תתברך׳** און **׳את שם׳**, אבער אין סיגעט האט מען געזינגען נאר **׳תתברך׳** אום יו"ט. אזוי האט זיך דארט פארמירט א א שמועס פון עטליכע מינוט פארן בענטשן בנוגע די נוסחאות פון די ניגונים.

ז. איינמאל ווען דער טשאקעווער רבי איז דא געווען, און דער רבי האט אים מכבד געווען צו דאווענען שחרית פארן עמוד, האט ער געזינגען א ניגון אויף ׳הקל הפותח׳ כמנהג צאנז, דער רבי האט מיטגעהאלטן און מיטגעזינגען.

עטליכע וואכן שפעטער האט דער **העלמעצער רב הגה"צ רבי חנני׳ יו"ט ליפא דייטש זלה"ה** בעל טהרת יו"ט - א תלמיד חביב פון רבי'ן - געדאווענט שחרית, ער איז אויך געווען גאר א שיינער בעל תפלה כידוע, און ער האט אנגעהויבן זינגען **׳הקל הפותח׳** האט דער רבי געגעבן א קלאפ אויפן סידור "נו... נו..." און געווינקן אז ער זאל נישט זינגען נאר זאגן.

נאכן דאווענען האט ער זיך מתנצל געווען און געזאגט פארן רבי'ן "דער טשאקעווער רבי האט יא געזינגען און דער רבי האט מיטגעהאלטן".

האט דער רבי געזאגט **"ער איז דאך א צאנזער אייניקל האט ער געטוהן כמנהג אבותיו, האב איך נישט געוואלט שטערן, אבער דא ביי אונז זינגט מען נישט"...**

ז׳ תקצח) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ח ר׳ שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר קהל יט"ל

## טאנצן איז א עקסטערע היכל...

**הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק** ז"ל האט כל ימיו געליטן אויף די פיס, אבער ער האט אלס געהאט מסירות נפש ווען עס איז געקומען צו קיום מצות ומעש"ט. אפילו ווען ער איז געזעסן ביי שמונה עשרה איז ער נאך געטאנצן ׳מצוה טאנץ׳, ווייל דאס איז א מצוה, מרקדין חתן לפני כלה.

ער האט אמאל דערציילט אז בימי בחרותו ווען ער האט אמאל נישט געטאנצן ביי א שמחה, און דער **ציעשנובער רב** ז"ל האט אים געפרעגט פארוואס ער טאנצט נישט האט ער געזאגט אז די פוס טוט וויי, האט ער אים געזאגט "טאנצן איז א עקסטערע היכל"... און דאס האט מען געזעהן ביי דעם צדיק כסדר, אז זיין עבודת הריקודין איז געווען פון א עקסטערע היכל.

געווען איז דאס אינעם לעצטן יאר, שבת שירה תשל"ז, רבי איציקל איז שוין דעמאלטס געווען טיף אין די תשעים, ער איז געווען רוב יאר מחוץ לעיר, און ער האט זיך קוים געקענט רירן די פיס. האט ער געבעטן פרייטאג צונאכטס נאכן טיש אז מען זאל אים אויפהייבן ווייל מ'דארף טאנצן, די גבאים האבן געזאגט "רבי, מ'קען נישט טאנצן, עס איז נישט שייך, מ'דארף זיך גיין אראפלייגן אין בעט", אבער רבי איציקל האט זיך גע'עקשנ'ט אז מ'דארף טאנצן.

זעהנדיג אז די גבאים וועלן נישט העלפן האט ער זיך אליין אויפגעשטעלט מיט מסי"נ און זיך אנגעכאפט ארום דעם טיש, און מיט די לעצטע כוחות האט ער געטאנצן ארום דעם טיש, ער האט זיך ממש געשלעפט טריט נאך טריט אבער ער האט אזוי ארום געטאנצן דעם גאנצן טיש.

ווען ער האט געענדיגט טאנצן האט ער געזאגט פאר די גבאים "אוי, ווען איך זאל ענק פרעגן וואס צו טוהן... אין בעט זאל איך גיין?! מיין רבי דער ציעשנובער רב האט געזאגט אז מ'טאנצט ריקודין של מצוה שמייסט מען אסאך ווייניגער אויף יענע וועלט, זאל איך גיין אין בעט?!".

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**

ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתק"ז
שמיני עצרת - שמח"ת
שנת תשפ"ו לפ"ק

ז' תקצט) מען דערציילט אויף אונזער זיידע
**הגה"צ רבי ברוך מיללער זצ"ל** ראה"כ קרית יואל

## איך זיץ אויף זיין פלאץ...

עס איז אמאל געווען א איד פון קרית יואל וואס איז אריינגעגאנגען צו **כ"ק הגה"ק רבי ישראל משה דושינסקיא זלה"ה גאב"ד ירושלים** אין די תקופה וואס ער איז געווען ראב"ד. האט ער אים געזאגט אז **"קרית יואל האט נישט קיין השגה וואס פארא זכי' זיי האבן מיטן האבן אזא ראש הכולל ווי עס איז רבי ברוך מיללער, יעצט בין איך דא ראב"ד, איך זיץ יעצט אויף זיין בענקל"...**

אויף זיין וואונדער האט ער דערציילט "מיין טאטע **הגה"ק מהרי"צ דושינסקיא זצ"ל** האט געוואלט אז ער זאל אריינגיין אלס מו"צ אין די עדה החרדית, נאר רבי ברוך האט נישט געוואלט, דער סדר איז דאך דא, אז ווער עס זיצט אין בי"ד - ווען ס'פעלט זיך אויס ח"ו - ווערט מען געהויבן, פון א חבר הבד"ץ צו א ראב"ד און אזוי ווייטער, בדרך הטבע, וואלט ער ווען געדארפט זיין יעצט ראב"ד, ממילא זיץ איך אויף זיין פלאץ". (לע"נ הגה"צ רבי ברוך ב"ר אלכסנדר ז"ל – היארצייט הושענא רבה)

ז' תר) עס דערציילט אונזער זיידע
**כ"ק אדמו"ר מגארליץ שליט"א**

## א פחד פון 'קיטון על פניו'...

בשנת תשכ"ט לפ"ק האב איך חתונה געהאט קיין ארה"ק. אין יענע תקופה האב איך זוכה געווען להתקרב צום ראב"ד מקודש אונזער קרוב **הגה"ק רבי דוד יונגרייז זלה"ה ראב"ד ירושלים עיה"ק**, זייענדיג דער איינציגסטער קרוב משפחה וואס האט געוואוינט אין ארה"ק. (בן הג"ר **ברוך ראובן שלמה** ז"ל מנהלת העדה החרדית, בן הגה"ק רבי **משה** ז"ל אב"ד קאשוי, בן הגאון רבי **שרגא פייש** ז"ל, א ברודער מיט זקנינו הגה"ק בעל **מנוחת אשר** מטשענגער ז"ל).

רבי דוד איז געווען א גאון עולם, און א צדיק אמת, זיין הפלא'דיגע און צדקות חסידות ופרישות איז געווען למעלה מן ההשגה, ער איז געווען בקי בכל התורה כולה בעל פה, ער האט אלעס געדענקט אויפן לשון. במשך יענע עטליכע יאר האב איך זוכה געווען צו מקבל זיין גאר אסאך ממעיינו הבלתי נדלה. ועוד חזון למועד בע"ה איבערצוגעבן פארשידענע ענינים נפלאים.

א. ווען איך בין דאס ערשטע מאל ארויף למעון קדשו מיט מיין פאטער **הגה"צ מטשענגער** ז"ל, האט ער זיך אויפגעשטעלט בענות קדשו און נאר געוואלט אז דער טאטע זאל זיך זעצן אויפן אויבנאן, און ער האט זיך געזעצט ביי די זייט, זאגנדיג "איר זענט אן אייניקל בן אחר בן פונעם מנוחת אשר, און פון הגה"ק רבי מרדכי בנעט ז"ל".

ב. זייענדיג דא בשנת תשי"ט, האט זיך **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** נענטער באקאנט געמאכט מיט אים, און דער רבי האט געזעהן כל רז לא אניס לי', און ער האט אים מכבד געווען אויף א גאר שטארקן אופן. דער רבי האט זיך דעמאלטס אויסגעדרוקט "ווען איך האב אים ווען דא מיט מיר, וואלט מיר לייכטער געווען צו שרייבן דעם ויואל משה".

ג. אחת מהנה, וועל איך יעצט איבערגעבן ווי עס ליגט מיר אין זכרון ווען איך בין ארויפגעגאנגען צו אים אין שטוב ערב סוכות, און איך האב געזעהן ווי ער לויפט ארום איבער צימער אינגאנצן צושטורעמט. איך האב זיך דערשראקן און געפרעגט "רבי, עס איז עפעס געשעהן?!", זאגט ער מיר מיט א פחד נורא און אזא יראת שמים "זעהסט נישט, עס איז פארוואלקנט... אויב עס וועט רעגענען ביינאכט איז דאס דאך 'כאילו שפך לו קיטון על פניו'..." מ'האט געזעהן ווי ער האט ממש נישט קיין מנוחה פון פחד פון א מאמר חכמינו ז"ל. (לע"נ הגה"ק רבי דוד ב"ר ברוך ראובן שלמה ז"ל, היארצייט ביום שמחת תורה).

ז' תרא) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' חיים ארי'** (לייבעלע) **קארפען ע"ה**

## די "הושענא רבא דרשה" תשי"ב

אין המשך צו די בריוו וואס דער זיידע הרה"ח ר' לייבעלע ז"ל האט געשריבן קיין ארץ ישראל נאך די ימים נוראים תשכ"ב, זענען מיר מעתיק פון נאך א בריוו וואס ער האט געשריבן אסרו חג הסוכות תשי"ב.

"איך בין נאך יעצט אונטער די התעוררות פון די ימי החג הקדוש, חג הסוכות, און די הושענות, הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה, איך האף צו שרייבן ווייטער פון וואו איך בין געבליבן מוצאי יום כיפור, אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו, איך לויב דעם אייבערשטן בכל לשון של תודה, אויף דעם וואס ער האט מיך מזכה געווען צו זיין בין יושבי בצל מרן אדמו"ר שליט"א (זי"ע)".

"עס איז אוממעגליך צו שילדערן אויפ'ן טרוקענעם פאפיר די געוואלדיגע נעימות און מתיקות פון די יום-טוב-טעג בצלו פון רבי'ן. כמעט וואס מיר האבן נישט געזען קיין שלאף אין אונזערע אויגן, און עסן מאן דכר שמיה. יעדן טאג דורכאויס דעם יו"ט סוכות האט זיך דער רבי געפירט צו עסן צוויי סעודות, בייטאג און ביינאכט.

"הושענא רבא האט דער רבי גע'דרש'נט ביי די הושענות, ביי וועלכן דער רבי האט געזאגט אזעלכע דיבורים וואס מיר האבן נישט געהערט פון אים זייט אונזער עקזיסטענץ.

אבער מיר גייען אריבער צו טייל פון די דברי התעוררות פון 'הושענא רבה'.

איידער די הושענא 'למען גדלך ותפארתך' האט דער רבי מאריך געווען מיט דברים נפלאים. דער רבי האט געזאגט: **די שיינקייט פון אידן איז ווען מ'גייט מיט אידישע מלבושים, און ווען אידישע טעכטער גייען אויפ'ן וועג פון א אידישע טאכטער.** נאכ'ן זאגן מוסר האט דער רבי געעפנט זיין מויל מיט א געשריי עד לב השמים, און האט ביטערליך געוויינט במר נפשו: **"אידישע טעכטער! שערט ענק אינגאנצן אפ די האר! גייטס ווי א אידישע טאכטער דארף צו גיין! נישט אויסגעשניטן און קורץ, און נישט אין דורכזיכטיגע שטרימפ".**

דער רבי האט ווייטער געזאגט: **גיט אפ כבוד פאר'ן הייליגן באשעפער, און איר וועט זיך אויך א גרויסע מצוה איינקויפן, ווייל אפשר אז איך וועל זען אז איר פאנגט אן זיך צו בעסערן, וועל איך אויך נאך האפן אז איך וועל זוכה זיין צו טון תשובה שלימה פאר'ן באשעפער. ווייל אז איך זע ווי איך רעד און זאג שוין אזויפיל מאל און קיינער פאלגט מיך נישט, איז עס זיכער נאר אין מיינע גרויסע חטאים.**

**"האט אויף מיר רחמנות, פארוואס זאל איך נישט זוכה זיין מיינע דיבורים זאלן נתקבל ווערן?! פארוואס זאל איך נישט זוכה זיין איך זאל קענען עפעס אויפטון?!"**

**"לאמיר זיך אלע מקבל זיין מיר זאלן אינאיינעם תשובה טון. מיר זענען חברים, חברים כל ישראל. לאמיר קובע עתים זיין לתורה, און מקבל זיין צו גיין בבגדי צניעות אזוי ווי עס איז לתפארת, דאן וועט השי"ת העלפן. הושענא למען גדלך ותפארת'ך**.

"ווי פארשטענדליך זענען אזעלכע ווערטער אריינגעדרונגען טיף אין די הערצער אזוי ווי פיילן, און עס איז געווארן א יאמעריי עד אין לשער.

"די ווערטער זענען געזאגט געווארן אויף א פארנעם וואס איז בשום אופן נישט מעגליך צו שילדערן אפילו אחת מני אלף. איך הער דאך שוין גענוג יארן דרשות און דברי תורה פון רבי'ן, און דא כסדר ימים נוראים און שובבי"ם, אבער אזעלכע ווערטער, און מיט אזוינע קולות און בכיות ותחנונים האט נאך קיינער נישט געהערט פון כ"ק מרן שליט"א!".

"ווען מיר זענען אהיימגעגאנגען איז שוין געווען נאכן זמן פון לעכט צינדן, פארשטענדליך איז די סעודה געווען זייער שנעל און קורץ, נטילת ידים, א כזית ברויט און ברכת המזון, און מ'איז תיכף צוריק געלאפן אין ביהמ"ד צו מעריב. איך האב געדאווענט מיטן מנין פון כ"ק מרן רבינו שליט"א פאר די הקפות".

"דו האסט אוודאי געהערט אז מ'האט אפגעקויפט א שיינע גרויסע בית המדרש, און דאס איז שוין מלא על כל גדותיו. און כ"ק מרן רבינו שליט"א, כאטש וואס פארגאנגענעם זומער איז ער ל"ע קראנק געווען אויף די פיס, האט ער ב"ה געמאכט די הקפות אזוי ווי פאראיאר, און באלד ביי די ערשטע הקפה האט מען אויסגערופן אז מ'זאל נישט אזוי שטארק טאנצן ווייל צוליב דער גרויסן ציבור האט זיך דער דאך געשאקלט, און ממש דער גאנצער בנין האט געטרייסלט, די פענסטער און די טירן, און עס איז געווען א סכנה אז דער דאך זאל נישט איינפאלן ח"ו, אבער ווער האט דען צוגעהערט צו די ווערטער?!... און ב"ה עס איז אריבער בשלום.

שמיני עצרת בייטאג האט דער רבי געדאווענט אויסער שחרית אויך מוסף (גשם) ומפני חטאינו, מלך רחמן, ווען ער האט געזאגט די תפילות, יעדעס ווארט וואס איז ארויס מפה קדשו, און יעדעס ווארט האט צובראכן דאס הארץ פון דער וואס האט דאס געהערט, ער האט אזוי געוויינט און זיך אזוי געבעטן, דער גאנצער טאג איז אויך אריבער כמעט בתענית.

(נאך אויסצוגן וואס דער זיידע ז"ל שרייבט אינעם בריוו פון די דברות קודש וואס דער רבי האט געזאגט הושע"ר שמח"ת און נעילת החג בשעת'ן פארלערנען די גמרא אין מס' ברכות, איז שוין געדרוקט אין ספה"ק דברי יואל לשמח"ת).

נתנדב לעילו נשמת **הרה"ק רבי חיים זיינוויל ב"ר משה זלה"ה הרבי מריבניץ** • היארצייט ביום אסרו חג כ"ד תשרי •

ז׳ תרא) עס דערציילט אונזער זיידע

## **הרה״ג ר׳ יושע מענדלאוויטש שליט״א** משב״ק

### דער סדר פון די ניגונים ביי די הקפות בחצרות קדשינו

לתועלת הציבור וואס רישט זיך מיטצוהאלטן די ׳צווייטע טעג יו״ט בחצרות קדשינו׳ און פראווען די הייליגע הקפות בצל הקודש פון **כ״ק מרן רבינו שליט״א**, וויל איך איבערגעבן עטליכע ידיעות איבער דעם סדר פון די הקפות און די ניגונים ביי די הקפות, ווי אזוי עס איז געווען מתחילה דער סדר ביי **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה**, און ווי אזוי עס זענען נשתלשל געווארן פארשידענע שינוים עד היום הזה.

### בתקופת כ״ק מרן רבינו הק׳ הדברי יואל זלה״ה

עס איז דא זיבן הקפות און איין הקדמה, דאס מיינט אז מ׳דארף האבן אכט ניגונים, אבער ביים רבי׳ן ז״ל האט מען נאר געזינגען פיר ניגונים. יעדע ניגון האט מען געזינגען צוויי מאל:

א) ביי די ׳הקדמה׳ און ביי די פערטע הקפה, האט מען געזינגען דעם זעלבן ניגון, דאס איז געווען די נייע הקפה ניגון פון יענעם יאר.

ב) ביי די ׳ערשטע׳ און ביי די ׳פינפטע׳ הקפה, האט מען געזינגען דעם ניגון וואס מיר זינגען ביי קידוש לבנה אויף **׳טובים מאורות׳**, נתחבר געווארן דורכן גבאי הרה״ח ר׳ יוסף אשכנזי, מ׳האט עס גערופן **׳רבי יאסל׳ס ניגון׳**.

ג) ביי די ׳צווייטע׳ און ׳זעקסטע הקפה׳, האט מען געזינגען דעם ניגון פון הרה״ח ר׳ אברהם לויאש ע״ה (א ברודער פון ר׳ ליפא לויאש ע״ה וועלכער האט צוזאמען געשטעלט לכבוד דעם רבי׳ן די ניגונים אויף די ׳הנרות׳, יעדעס יאר חנוכה), דעם ניגון האט ער מחבר געווען ספעציעל פארן רבי׳ן, און עס אריבער געשיקט קיין סאטמאר צום רבי׳ן, דעם ניגון רופט מען ביי אונז **״די זעקסטע הקפה ניגון״**.

ד) ביי די ׳דריטע׳ און ׳זיבעטע׳ הקפה, האט מען געזינגען א ניגון וואס דער רבי האט געהערט אין ארץ ישראל אין יאר תרצ״ב פון די געהויבענע בני עלי׳ די באקאנטע ״סלאנימער חסידים״ (וואס מ׳רופט ביי אונז די **׳זיבעטע הקפה ניגון׳**), דער רבי האט גאר שטאק הנאה געהאט דערפון און ער האט באשטימט עס צו זינגען ביי די הקפות.

אין יאר תשכ״ז האט דער משב״ק רבי יאסל אשכנזי ז״ל געמאכט א טויש, אז מ׳זאל נישט זינגען דעם **׳טובים מאורות ניגון׳** צוויי מאל, נאר ביי ערשטן הקפה, אבער ביי די פינפטע האט מען אנגעהויבן זינגען דעם פאריעריגן הקפה ניגון, אזוי איז געבליבן אויף אלע שפעטערע יארן, אז ביי די פינפטע הקפה זינגט מען דעם **׳הקפה ניגון׳** פון פאריגעס יאר.

איין יאר אינמיטן די הקפות האט דער רבי זיך אפגעשטעלט זאגנדיג ״מ׳קען אויף דעם הקפה ניגון נישט טאנצן״, דעמאלט האט מען אנגעהויבן זינגען דעם **׳מכלכל חיים׳** ניגון פון יענעם יאר.

### בתקופת כ״ק מרן רבינו הק׳ הברך משה זלה״ה

אין די ערשטע יארן פון די הנהגה פון **רביה״ק בעל ברך משה זי״ע** האט איבער גענומען דעם שבט ההנהגה, איז אים נישט ניחא געווען צו טאנצן צוויי מאל אויפן זעלבן ניגון, און ער האט געבעטן צו טוישן די ניגונים יעדע הקפה א צווייטע ניגון, האב איך געזאגט פארן רבי׳ן אז אין יאר תשכ״ז האט ר׳ יאסל צוטיילט די ערשטע מיט די פינפטע, מ׳זאל זינגען צוויי באזונדערע ניגונים, האט זיך דער רבי אנגערופן ״נו, אויב ער האט געמעגט טוישן, מעג איך אויך טוישן״.

די ערשטע האט דער רבי מרן הברך משה געהייסן אז מ׳זאל זינגען די ׳זעקסטע הקפה ניגון׳ נאר ביי די זעקסטע הקפה, ווייל אויף דעם ניגון איז שווער צו טאנצן, איז עס גענוג איינמאל צו זינגען דארט וואו עס קומט, און ביי די צווייטע הקפה זאל מען זינגען עפעס אנדערש.

כ׳האב דעמאלט פארגעזינגען פארן רבי׳ן עטליכע אלטע הקפה ניגונים, און דער רבי האט בוחר געווען א אלטע הקפה ניגון פון די שפעטערע תש״י יארן פאר די צווייטע הקפה.

דערנאך האבן מיר מסדר געווען מ׳זאל זינגען אויף די פערטע הקפה דעם ניגון וואס מ׳זינגט יעדן פרייטאג צונאכטס אויף **׳אז ביום השביעי׳** - דאס איז די ׳הקפה ניגון׳ פון תשל״ח וואס דער רבי הברך משה האט זיך שטארק געקאכט מיט דעם ניגון - האבן מיר געהאלטן אז דער רבי טראגט דאך דעם נאמען ׳משה׳ איז כדאי צו זינגען דעם ניגון ביי זיין הקפה.

עס איז כדאי צו דערציילן דער רבי **מרן הברך משה** האט זיך זייער געפלאגט מיט די זעקסטע הקפה ניגון, ער האט נישט געקענט טאנצן דערויף, ווייל דער עולם איז געווארן שטארק נתלהב און מ׳האט עס געזינגען שנעלער און שנעלער, און דער רבי האט פשוט נישט געקענט לויפן אזוי שנעל ווי דער ריטם פונעם ניגון.

איין יאר שמיני עצרת נאכן געזעגענען פון די סוכה רופט מיר דער רבי אריין און פרעגט מיר ״וואס קען מען טוהן מיט די זעקסטע הקפה ניגון?! ווי אזוי האט דער פעטער געקענט טאנצן אויף דעם ניגון?!״

האב איך מסביר געווען פארן רבי׳ן, אז דער ניגון האט אן ערשטע פאל וואס מ׳הייבט אן שטייטער און דאס באלאנסירט די שנעלקייט פונעם ניגון, אבער היות דער עולם האט אויפגעהערט צו זינגען די ערשטע פאל, מ׳הייבט כסדר אן נאכאמאל פון די צווייטע פאל, איז דאס גורם אז דער ניגון ווערט אלס שנעלער און שנעלער.

אבער דער רבי **הדברי יואל** ז״ל פלעגט זיך אסאך מאל אפשטעלן אינמיטן טאנצן, און דאן האט דער עולם אנגעהויבן נאכאמאל דעם ניגון פון אנהויב מיט א פרישקייט, אבער דער רבי (מרן הבר״מ) שטעלט זיך כמעט נישט אפ אינמיטן טאנצן, ממילא זינגט מען איבער די הויכע פאל נאכאמאל און נאכאמאל, ממילא ווערט עס כסדר שנעלער און שנעלער.

זאגט מיר דער רבי ׳זעץ דיך אראפ דא נעבן מיר און זיי מיר מסביר, איך וויל עס פארשטיין׳, און ער האט האט מיר געהייסן זינגען דעם ניגון די ערשטע פאל און די צווייטע, דער רבי האט מיטגעזינגען, און כ׳האב אים מסביר געווען ווי אזוי דער ניגון איז געבויעט אז די ערשטע פאל מאכט עס שטאט און די הויכע פאל מאכט עס שנעל, און נאר ווען מ׳זינגט עס כסדרו איז די שנעלקייט באלאנסירט.

זאגט מיר דער רבי ״ביסט דאך גערעכט״, האט דער רבי אריינגערופן דעם זוהן הרב ר׳ ליפא שליט״א, און איבער געשמועסט דעם פראבלעם אז מ׳מוז זינגען דעם ניגון על הסדר, האט ער געזאגט אז מ׳ קען נישט טוישן די געוואוינהייט פונעם גאנצן ציבור, האט דער רבי געזאגט ׳דעמאלט טויש דעם ניגון׳.

ביז מ׳האט באשלאסן און מ׳האט אריינגערופן הרה״ח ר׳ חיים העללער הי״ו פון די חשובע ראשי הקהלה, וועלכער איז געבענטשט מיט א הויכע שטימע, און דער רבי האט אים געזאגט אז בעפאר די זעקסטע הקפה זאל ער אויסרופן אז מ׳זאל זינגען דעם ניגון כסדרו און יא אנהויבן פונעם ערשטן פאל. וכך הוה, דער ציבור וואס איז דארט געווען געדענקט עס נאך ווי פאר די זעקסטע הקפה האט מען שטיל געמאכט דעם גאנצן בית המדרש און ר׳ חיים העללער האט אויסגערופן ׳בשם רבינו׳ אז מ׳זאל זינגען דעם ניגון געהעריג אלע דריי פעלער אין די רייע, און דער עולם האט זיך טאקע אויסגעלערנט, און אין יענע יארן איז עס געווען געוואלדיג שיין ב״ה.

במשך די שפעטערע יארן האט זיך געשאפן א נייער פראבלעם, אז מ׳שטעלט זיך אפ צי שטארק ממש ווי מ׳ענדיגט דעם ניגון, און וויבאלד דער עולם קאכט מיט די הקפות און דער ניגון שטעלט זיך אפ, בהכרח הערט זיך א קול חזק אן א ניגון, און עס הערט זיך ווי א געשריי. כ׳האב אויסגעשמועסט דעם פראבלעם מיט מרן רבינו שליט״א, האט דער רבי געזאגט ״כל זמן דער עולם טאנצט און זינגט לעבעדיג האב איך הנאה און ס׳שטערט מיר נישט״.

נאך א זאך וואס האט זיך געמאכט דורכאויס די לעצטע עטליכע יאר אז צוליב דעם געוואלדיגן ריבוי עם בליעה״ר וואס איז צושפרייט אויף אזא גרויסן ברייטן שטח פונעם היכל ביהמ״ד הג׳ אין קרית יואל, איז געווען שווער אז דער קול נגינה פונעם עולם זאל זיך האלטן אינאיינעם, און אזוי אויך האט דאס געברענגט אז צווישן דעם עולם זענען געווען אזעלכע וואס האבן פארשטייטערט דעם ניגון בשעת׳ן זינגען, וואס דאס האט געשטערט דאס טאנצן. דעריבער האט מען געשטעלט א ממונה אינמיטן ביהמ״ד צו ווייזן בשעת די הקפות דעם גאנג פונעם ניגון, כדי דאס גאנצע ביהמ״ד זאל קענען זינגען אינאיינעם ברוב עם הדרת מלך.

### דער סדר ההקפות כהיום הזה

אנהייב פון די הנהגה פון **רבינו שליט״א**, האבן זיך אנ״ש געוואונדערט אויף די לאנגע הקדמה, אז די הקדמה געדויערט בערך אזוי לאנג ווי אלע זיבן הקפות צוזאמען.

אבער דער אמת איז אז פונקט אזוי איז געווען ביי **רביה״ק הדברי יואל זלה״ה** אז די הקדמה האט געדויערט אזוי לאנג כמעט ווי די גאנצע זיבן הקפות, די סיבה הפשוטה איז, ווייל מ׳טאנצט אויף די חרוזים פון קל מסתתר וואס איז מיוסד אויף די עשר ספירות הקדושות. ביי די זיבן הקפות וואס איז קעגן די זיבן מדות טאנצט מען א יעדע הקפה אויף איין חרוז, אבער ביי די ׳הקדמה׳ איז דא 3 חרוזים פון ׳קל מסתתר׳ קעגן די דריי מוחין, און בעפאר טאנצט מען נאך אויף די פיר חרוזים פון ״ידיד נפש׳, ממילא דער וואס ווייסט ווי לאנג עס געדויערט צו טאנצן איין ספירה און איין חרוז, פארשטייט אז זיבן חרוזים געדויערט זיבן מאל אזוי לאנג.

אבער, איינמאל רעדענדיג מיטן רבי׳ן שליט״א אז דער עולם רעדט זיך אפ אז מ׳ווערט שטארק אפגעמוטשעט צו זינגען דעם זעלבן ניגון אזא לאנגע צייט, האט דער רבי געזאגט אז מ׳קען צוטיילן די הקדמה אין צוויי, די פיר חרוזים פון ידיד נפש זאל מען זינגען איין ניגון, און אויף די דריי חרוזים פון ׳קל מסתתר׳ א צווייטן ניגון. אזוי טוט מען טאקע שוין אסאך יארן ב״ה.

ברבות הימים האט מען געהערט תלונות בנ״י אז דאס איז אויך צי לאנג, האט **הגה״צ וויליאמסבורגער רב שליט״א** מציע געווען, אז וויבאלד די פיר חרוזים פון ידיד נפש איז קעגן די פיר אותיות הוי״ה, וואס איז צוטיילט בבחינתם, ממילא קען מען ביי די ערשטע 2 אותיות י-ה (בחינת י׳שמחו ה׳שמים) זינגען איין ניגון, און ביי די צווייטע (בחינת ו׳תגל ה׳ארץ) מיט א צווייטן ניגון, און אזוי טוט מען טאקע ב״ה.

היות חביבותא יתירה נודע צו די הקפה ניגונים וואס רבינו שליט״א געדענקט מימי נעוריו בצ״ק פון רביה״ק זלה״ה, האט מען אויך צוגעלייגט די ניגונים ביי עטליכע הקפות, לדוגמא, די באוואוסטע הקפה ניגון פון תשט״ז וכדומה.

אזוי אויך האט מען מסדר געווען צו זינגען במשך די ימי החג ביי די דריטע, און פינפטע הקפה ניגונים מימי מרן רבינו **הברך משה** זלה״ה, און עס איז ב״ה לשם ולתפארת לכבוד היום טוב ולכבוד המעמד הקדוש בשמחת התורה. ויה״ר שנזכה לזה לאורך ימים ושנים.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**

# אז תתענג

דברי תורה וחסידות, סיפורי צדיקים ועניני מוסר,
מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי"ע

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' אברהם ב"ר משה זאב ז"ל (ראזענבערג) - נלב"ע ב' מנחם אב תשע"ה
ולע"נ מו"ח הרה"ח ר' חיים ב"ר מיכאל דוב הכהן ז"ל (הערמאן) - נלב"ע כ"ד ניסן תשפ"ה
ולע"נ אחי מו"ה יצחק ב"ר אברהם ע"ה ~ מו"ה משה זאב ע"ה ב"ר מיכאל דוב שליט"א ~ מו"ה אליעזר צבי ע"ה ב"ר יום טוב הלוי שליט"א



כל הזכיות שמורות להמו"ל


בעזהשי"ת

## סוכות תשפ"ו לפ"ק – כיתות ה' ו'

### די נעמען פונעם יום טוב

דער יום טוב ווערט אנגערופן מיט דריי נעמען א) חג הסוכות, צוליב די מצות סוכה וואס הקב"ה האט באפוילן פאר די אידן, אלס זכר צו די ענני כבוד.

ב) זמן שמחתינו, ווייל ס'שטייט אין די תורה, ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים, און ס'שטייט ושמחת בחגך, אז יו"ט סוכות איז אן עקסטער מצוה צו זיין פריילך.

ג) חג האסיף, ווייל סוכות פאלט אויס אין די צייט וואס מ'ברענגט אריין די תבואה פון פעלד צום שטוב, א גאנץ זומער האט זיך די תבואה געטריקענט אינדרויסן אין די פעלדער, און סוכות ברענגט מען זיי אריין, אז ס'זאל נישט שאדן גיין פון די רעגן.

### ערב יום טוב

פונקט ווי יעדן ערב שבת און ערב יום טוב, דארף מען ערב סוכות זיך אויך אפשערן די נעגל, (אגב, מ'זאל שטארק אויפפאסן דערויף, ווייל אויב מ'שערט נישט די נעגל פאר יום טוב, טאר מען נישט שערן אין חול המועד, און מ'מוז בלייבן מיט גרויסע נעגל ביז נאך שמחת תורה), מ'זאל זיך וואשן מיט ווארעם וואסער לכבוד יום טוב, און אנטאן יום טוב'דיגע בגדים.

מ'טאר זיך נישט וואשן צו א סעודה נאך דריי אזייגער, אבער פירות, אייער וכדומה, מעג מען יא עסן.

ס'שטייט, אז ס'איז א גרויסע ענין צו געבן אסאך צדקה אין ערב סוכות, און מ'זוכט איינצולאדענען ארעמעלייט וואס האבן נישט וואו צו עסן.

אפילו מ'האט שוין אלעס צוגעגרייט אין די סוכה, זאל מען פארנאכטס נאכאמאל אריינגיין אין די סוכה זעען צו אלעס איז מסודר ווי עס דארף צו זיין.

מ'זאל אריין טראגן אין די סוכה אלע שיינע כלים, מ'פירט זיך, אז אויך אין שטוב - כאטש מ'עסט נישט דארט - דעקט מען איבער די טישן מיט ווייסע טישטעכער לכבוד יום טוב.

די ליכט צינדט מען אין די סוכה, דארט וואו מ'וועט עסן די סעודה, מ'דארף זיכער מאכן אז מ'צינדט אזעלכע ליכט וואס זאל נאך ברענען ביי די סעודה, טייל מענטשן פירן זיך אנצוצינדן זיבן ליכט קעגן די זיבן אושפוזין קומען אין די סוכה.

### הלכות סוכה

די סוכה דארף זיין וויינינגסטנס זיבן טפחים די לענג און זיבן טפחים די ברייט.

לכתחלה זאל די סוכה האבן פיר ווענט, אויב מ'קען נישט, זאל מען כאטש מאכן דריי ווענט, אויב מ'קען נישט, קען מען זיך מאכן צוויי גאנצע ווענט און דאס דריטע וואנט איז גענוג א טפח.

דער הייליגער חיד"א איז דאס מרמז אין דאסווארט סכה, אז לכתחלה זאל מען מאכן אזוי ווי דאס ערשטע אות פון דאס ווארט סכה, דאס איז א ס' וואס איז פארמאכט פון אלע פיר זייטן, אויב מ'קען נישט, זאל מען מאכן ווי דאס צווייטע אות פון דאס ווארט סכה, דאס איז די אות כ', דאס מיינט דריי ווענט, אפן נאר פון איין זייט, אויב מ'קען דאס אויך נישט, זאל מען מאכן ווי דאס דריטע אות פון דאס ווארט סכה, דאס איז א ה', וואס זעט אויס ווי צוויי גאנצע ווענט, און דאס דריטע איז א טפח.

די סוכה דארף זיין הויער כאטש צען טפחים, ווייל וויינגער ווי דעם איז א דירה סרוחה, מ'קען זיך בכלל נישט דארט באדינען.

די ווענט פון די סוכה קען מען מאכן פון סיי וועלכע מאטריאל, אבער די סכך דארף זיין דוקא פון א זאך וואס וואקסט, און ס'איז נישט מקבל טומאה.

זיבן טעג דארף מען זיצן אין א סוכה, דער עיקר פון די מצוה איז, אז מען זאל עסן און שלאפן אין די סוכה.

אויב מ'עסט ברויט אדער מזונות וויינגער פון א כביצה, אדער מ'עסט אנדערע זאכן ווי פירות, אייער, אדער וואסער (חוץ וויין), איז מען נישט מחוייב דאס צו עסן אין די סוכה, און אפילו אויב מ'איז זיך מחמיר און מ'עסט דאס יא אין די סוכה - אזוי ווי ערליכע אידן האבן זיך טאקע געפירט אז מ'האט גארנישט געגעסן אדער געטרינקען חוץ לסוכה - מאכט מען אבער נישט קיין ברכה לישב בסוכה.

די ערשטע נאכט איז א חיוב דאורייתא צו עסן א כזית חלה אין די סוכה, לכתחלה זאל מען עסן א כביצה, און מ'זאל אכטונג געבן אז ס'זאל נישט נעמען לענגער ווי ניין (9) מינוט, און מ'מאכט א ברכה, אשר קדשנו במצותיו וצונו לישב בסוכה.

די ערשטע נאכט ביים עסן די ערשטע כביצה, זאל מען אינזין האבן יוצא צו זיין די מצות עשה דאורייתא פון מצות סוכה, עס זענען דא שיטות וואס האלטן, אז ביי א מצוה וואס די תורה שרייבט ארויס דעם טעם, מוז מען אינזין האבן דעם טעם פון די מצוה, און וויבאלד דא ביי מצוה סוכה שטייט ארויס אין פסוק דעם טעם, למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל, זאל מען פרובירן דאס צו אינזין האבן.

# חשיבת מצות סוכה

## באשיצט אופ'ן מענטש

ס'שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת תצוה), אז ווער ס'זיצט אינטער די שאטן פון די סוכה, אין יום טוב סוכות, באשיצט דאס אויף אים, סיי ווען ער דארף.

ס'שטייט אין תיקוני זוהר, אז דורך מצות סוכה, באשיצט הקב"ה אויפ'ן מענטש אויף יענע וועלט, פון אלע שלעכטע מלאכים און פון אלעם בייזן.

## ראטעוועט פון יצר הרע

ס'שטייט אין ספר בית אהרן, אויפ'ן פסוק **כי בסוכות הושבתי את בני ישראל מארץ מצרים**, אז אויב א איד איז מקיים מצות סוכה ווי עס דארף צו זיין, ציעט אים הקב"ה ארויס פונעם באקאנטן מצרים, דאס מיינט, דער יצר הרע, און מען ווערט פריי פונעם יצר הרע.

ס'שטייט אין ספר תפארת שלמה, אז וועגן דעם האט הקב"ה באפוילן אז מ'זאל זיין אינגאנצן ארומגענומען מיט מצות סוכה, ווייל ס'איז א שמירה, אז א גאנץ יאר זאל מען זיין אפגעהיטן פון עבירות, און דער יצר הרע זאל נישט האבן קיין שליטה אויפ'ן מענטש אים איבערצורעדן צו עבירות ר"ל.

## מחילת עוונות

אין ספר אילה שלוחה שטייט א מעשה, אז דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי ר' זושא זי"ע, איז געקומען אין חלום צו זיין תלמוד און אים געזאגט, אז דאס ווארט **סוכה**, איז ראשי תיבות **ויאמר ה' סלחתי כדבריך**, דאס מיינט אז די מצות סוכה איז א סגולה אויף כפרת עוונות.

ס'שטייט אין ספר ברית אברם, אז מצות סוכה ווערט גערעכנט ווי גלות וואס איז מכפר אויף עבירות.

## זרע של קיימא

אין ספר תפארת שלמה שטייט, אז מצות סוכה איז א סגולה, זוכה צו זיין מיט קינדער, זרע של קיימא.

## אריכות ימים

ס'שטייט אין ספר זרע קודש, פון הרה"ק מראפשיץ זצ"ל, אויפ'ן פסוק **כל האזרח בישראל ישבו בסוכות**, אז די תורה שרייבט דער לשון **אזרח** וואס דאס מיינט, אן עלטערע מענטש, צו מרמז זיין, אז אלע וואס זענען מקיים מצות סוכה ווי עס דארף צו זיין, וועלן ווערן אזרחים וזקנים, זיי וועלן האבן אריכות ימים ושנים.

דאס ווארט **אזרח** באטרעפט פונקט ווי דאס ווארט, **גבורה**, דאס איז א רמז, אז אלע מענטשן וואס זענען מקיים מצות סוכה ווי עס דארף צו זיין, וועלן זוכה זיין אנצוקומען צו די גבורות, דאס מיינט ביי די אכציג יאר, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק **ואם בגבורות שמונים שנה**.

## פרנסה

ס'שטייט אין ספר זרע קודש, אז אין זכות פון אריינגיין אין די סוכה, הקב"ה'ס שאטן, איז מען זוכה צו פרנסה, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (קהלת) **בצל החכמה בצל הכסף**, אז דורכדעם וואס מ'גייט אריין אינטערן שאטן פון חכמה דאס מיינט אינטערן שאטן פון הקב"ה, איז דאס א סגולה צו **בצל הכסף**, צו האבן געלט.

## רפואה שלימה

ס'שטייט אין די גמרא (סוכה דף כ"ה.) חולין ומשמשיהן פטורין מן הסוכה, אז קראנקע מענטשן ל"ע און זייערע באדינער, זענען פטור פון מצות סוכה, ווייל זיי זענען פארנומען מיט'ן חולה, טייטשט דער הייליגער תפארת שלמה פשט אין די גמרא, אז די חולה ווערט פטור פון די קראנקהייט, ער ווערט אויסגעהיילט, דורך די מצוה פון סוכה.

## עורו של לויתן

ס'שטייט אין פסיקתא, אז דער וואס איז מקיים מצות סוכה אויף די וועלט, וועט השי"ת אים זעצן אין די סוכה פון עורו של לויתן ווען משיח וועט קומען.

## כי לה' המלוכה

ס'שטייט אין ספר באר מים חיים, אז דער ענין פון סוכה איז, אז דער מענטש זאל אריינברענגען זיין גאנצן גוף אונטערן רשות פון השי"ת, און מאכן דעם באשעפער קעניג אויף אלע זיינע איברים.

אין ספר אגרא דכלה שטייט, אז מצות סוכה איז מבטל די שלעכטע דיעות, און פאלשע אמונה.

---

מ'טאר נישט שלאפן אויסער די סוכה אפילו א קורצע שלאף, סיי בייטאג סיי ביינאכט, נישט אזוי ווי עסן וואס ס'איז מותר אכילת עראי חוץ לסוכה, ווייל ביי שלאפן ווערט אן עראי אויך אנגערופן א קבע, ווייל א מענטש קען זיך אויסרוען אפילו פון גאר א קורצע שלאף.

אויפ'ן שלאפן מאכט נישט די ברכה לישב בסוכה, ווייל די ברכה פונעם עסן פטר'ט אלעס וואס מ'איז מחוייב צו טאן אין די סוכה, און אויך ווייל אפשר וועט ער נישט איינשלאפן און ס'וועט זיין א ברכה לבטלה.

ערליכע אידן מדקדקים במצוות, פארברענגען רוב טאג אין די סוכה, ווייל יעדע רגע וואס מ'זיצט אין די סוכה איז מען מקיים א מצוה.

פרויען זענען פטור פון זיצן אין די סוכה, אבער אויב זיי זיצן יא אין די סוכה, קענען זיי מאכן די ברכה פון לישב בסוכה.

ווען עס רעגנט גאר שטארק, אז דאס עסן ווערט שוין פארדארבן, מעג מען על פי הלכה אריינגיין אין הויז און ענדיגן דאס עסן, אבער ס'איז ענדערש צו בלייבן אין א סוכה מיט א צוגעמאכטע שלאק ווי אריינצוגיין אין שטוב.

די נוי סוכה וואס מ'הענגט אויף אין די סוכה, איז מוקצה גאנץ יום טוב ביז נאך שמחת תורה, שבת און יום טוב טאר מען דאס נישט אנרירן אפילו אויב ס'איז אראפגעפאלן, חול המועד מעג מען דאס יא אנרירן, אבער מ'טאר נישט עסן פון די פירות וואס מ'האט אויפגעהאנגען, און מ'טאר נישט הנאה האבן פון די נוי סוכה אויך חול המועד, אפילו אויב ס'איז אראפגעפאלן.

## קדושת סוכה

די הייליגקייט פון מצות סוכה איז זייער גרויס, אז אפילו די העלצער באקומען א קדושה, וועגן דעם זענען דא אידן וואס פירן זיך, אז ווען מ'קומט אריין אין די סוכה קישט מען אירע ווענט, אויך פירט מען זיך, נישט אריינצולאזן א גוי אין די סוכה, און אויב מ'דארף וויכטיג צו רעדן מיט א גוי, זאל מען ארויסגיין אינדרויסן פון די סוכה, נישט ער זאל אריינקומען אין די סוכה.

אויך שטייט, אז מ'זאל נישט רעדן אין די סוכה קיין דברים בטלים, ווייל די סוכה האט גאר א גרויסע קדושה, און כל שכן איז פיל הארבער דארט צו רעדן דברים אסורים, רכילות און לשון הרע.

מ'טאר נישט אריינברענגען אין די סוכה קיין שום מיאוס'ע זאך, און תיכף ווען מ'האט געענדיגט עסן, דארף מען ארויסטראגן די נישט ריינע געשיר, משום קדושת סוכה, אויך טאר מען נישט אריינטראגן אין די סוכה, טעפ וואס מ'קאכט אין זיי, און נאך אזעלכע סארט כלים וואס זענען נישט קיין כבוד אז זיי זאלן זיין אין די סוכה.

ס'שטייט אין די ספרים, אז מצות סוכה איז פון די חשוב'סטע מצות, ווייל דאס איז א מצוה וואס דער מענטש גייט אריין אין איר מיט אלע רמ"ח אברים, אפילו מיט די שיך, און איז אינגאנצן ארומגענומען מיט די מצוה, דאס ברענגט, אז דער מענטש זאל געהייליגט ווערן אויף אלע אברים.

## אושפיזין

דאס ווארט אושפיזין, איז אן אראמיש ווארט, און ס'מיינט געסט, דער אויסדרוק אושפיזין קדישין און אושפיזין מהימנותא, ווערט גענוצט לגבי די געהויבענע הייליגע געסט וועלכע קומען אריין אין דער סוכה, אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת אמור), אז ווען די אידן זיצן אין א סוכה, רועט אויף זיי די שכינה, און די הייליגע צדיקים קומען אריין אין די סוכה.

דער מקור פונעם נוסח וואס מיר זאגן ביים איינלאדענען די אושפיזין עילאין צו דער סעודה, שטאמט פון זוהר הקדוש, וואס דערציילט, אז ווען רב המנונא סבא איז אריינגעגאנגען אין די סוכה, האט ער זיך געשטעלט ביים טיר און איינגעלאדענט די אושפיזין, און געזאגט, בסוכות תשבו שבעת ימים, תיבו אושפיזין תיבו, תיבו אושפיזו מהימנותא תיבו, און געזאגט דעם גאנצן נוסח ביז, יעקב חבל נחלתו.

עס זענען דא וואס פירן זיך איינצולאדענען די אושפיזין, יעדן טאג אן אנדערע צדיק, לויט די קבלת האריז"ל, איז דער סדר, אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, און דוד.

אין סידור יעב"ץ שטייט דעם טיטול צו יעדן איינעם פון די זיבן אושפיזין, אברהם רחימא, יצחק עקידתא, יעקב שלימתא, משה רעיא מהימנא, אהרן כהנא קדישא, יוסף צדיקא, דוד מלכא משיחא.

# ארבע מינים



ס'שטייט אין פסוק, **ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפות תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל**, ס'איז א מצות עשה דאורייתא צו נעמען אינעם ערשטן טאג יום טוב, פיר מינים, אתרוג, לולב, הדס, און ערבה, און ר' יוחנן בן זכאי האט מתקן געווען אז מ'זאל שאקלן אלע זיבן טעג, אלס זכר למקדש, וואס אין בית המקדש איז א חיוב מן התורה אלע זיבן טעג, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק, **ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים**.

### אתרוג

כאטש אין די תורה שטייט סתם, **פרי עץ הדר**, א שיינע פרי, ס'שטייט נישט וועלכע, לערנען אבער חז"ל ארויס, אז דאס מיינט אתרוג, ווייל מ'דרש'נט דאס ווארט **הָדָר** אז ס'איז פון לשון דירה, וואוינען, א פרי וואס וואוינט אויפ'ן בוים פון יאר צו יאר, און אן אתרוג פאלט נישט אראפ פון זיין בוים יעדעס יאר ווי אלע אנדערע פירות וואס סוף יאר פאלן זיי אראפ, נאר ס'קען בלייבן אויפ'ן בוים עטליכע יארן. נאך א לימוד אז ס'מיינט אתרוג, ווייל ס'שטייט **פרי עץ**, אז די פרי האט דעם זעלבן טעם ווי די האלץ, און ביי געוועגליכע ביימער איז דאס נישט אזוי.

דער אתרוג דארף זיין כאטש אזוי גרויס ווי א כביצה (איי), אן אתרוג וואס ס'פעלט א שטיקל דערפון איז פסול, אויך א פארטריקנטע אתרוג איז פסול. - אן אתרוג וואס איז מורכב, צוזאמענגעמישט מיט נאך א מין, איז פסול, כדי דער אתרוג זאל בעסער וואקסן, זענען דא וואס שטעקן אריין אינעם בוים א צווייג פון אן אנדערע סארט פרוכט, למשל א לעמאן, וואס דאס פסל'ט דעם גאנצן בוים, וועגן דעם זענען דא מענטשן וואס זענען מהדר צו קויפן אן אתרוג דוקא מיט א גוטע הכשר, וואס מ'ווייסט קלאר אז דער אתרוג קומט נישט פון קיין בוים וואס איז מורכב.

### פרי עץ הדר

דאס ווארט **אתרוג**, איז ראשי תיבות, **אל תבואני רגל גאוה** (תהלים ל"ו), ס'איז אזוי ווי דער אתרוג זאגט פאר'ן מענטש, זאלסט זיך נישט גרויס האלטן מיט מיר, מיט מיין שיינקייט און טייערקייט אז ס'איז אזא שיינער אתרוג, נאר מ'זאל טאן די מצוה, ווייל הקב"ה האט באפוילן. (בעל שם טוב)

### לולב

דער צווייטער מין, וואס ס'שטייט אין די תורה איז **כפות תמרים**, בלעטער פון א טייטלבוים, וואס דאס איז א לולב. - דער לולב דארף זיין הויך כאטש פיר טפחים, אויב דער שפיץ פונעם לולב איז אפגעהאקט, אדער דער לולב איז פארטריקנט, איז דאס פסול. - אויב דער מיטעלסטער בלעטל פונעם לולב איז אפן, (יעדע בלעטל איז באהאפטן פון צווי בלעטלעך), איז דאס פסול, חול המועד וואס דער חיוב איז נאר מדרבנן, איז אביסל גרינגער, מ'ארף פרעגן א שאלה.

### הדס

דער דריטער מין, וואס ס'שטייט אין די תורה, איז **ענף עץ עבות**, דאס מיינט א צווייג וואס איז געפלאכטן, און די בלעטער באדעקן דעם צווייג, און חז"ל זאגן אז דאס איז א הדס, ווייל ביי א הדס וואקסן ארויס דריי בלעטער אין איין שורה, און עס זעט אויס ווי געפלאכטענע קייטל, און די בלעטער באדעקן דעם צווייג, אויב ס'איז נישט משולש, אז נישטא דא דריי בלעטער אין איין שורה אויף רוב פונעם הדס, איז עס פסול.

די הייעך פון א הדס, דארף זיין כאטש דריי טפחים.

### ערבה

די פערטע מין וואס ס'שטייט אין די תורה איז **ערבי נחל**, דאס מיינט ערבות וואס וואקסן ביים טייך.

דער סימן פון א כשר'ע ערבה איז, אז די שטעקל איז רויט, און די בלעטל איז שמאָל און לאנג, און ארום די בלעטל איז גלאַט, נישט ווי זעגלעך. - די הלכה איז, אז אפילו אויב ס'איז נישט געוואקסן ביי א טייך איז דאס כשר, און דאס וואס ס'שטייט אין די תורה **ערבי נחל**, מיינט נישט דוקא א טייך נאר, אז ס'ציט זיך ווי א טייך, דאס מיינט אז ס'איז שמאָל און לאנג. - די לענג פון א ערבה דארף זיין כאטש דריי טפחים, אויב די שפיץ איז אפגעהאקט איז דאס פסול, אויב רוב בלעטער זענען ארויסגעפאלן אדער אויסגעטריקנט, איז דאס פסול. - מען דארף נעמען איין לולב, איין אתרוג, דריי הדסים, און צווי ערבות.

# נטילת לולב

ס'איז א מצוה אז מ'זאל צוזאמענבינדן דעם לולב מיט די הדסים און ערבות, וועגן דעם פירט מען זיך אריינצולייגן די דריי מינים אין קיישעלע וואס האלט זיי צוזאמען, די הדסים לייגט מען אויף די רעכטע זייט פון לולב, און די ערבות אויף די לינקע זייט, די הדסים דארפן זיין אביסל העכער פון די ערבות.

אויך מאכט מען דריי רינגעלעך אויפ'ן לולב, דאס איז מרמז קעגן די דריי אבות.

כאטש מ'קען יוצא זיין די מצוה פון שאקלן לולב א גאנצן טאג, דאך איז אן ענין צו שאקלן וואס שנעלער, עס זענען געווען צדיקים וואס פלעגן אויף זיין א גאנצע נאכט, אוןווארטן ווען זיי וועלן שוין קענען מקיים זיין די מצוה, און שוין גאר פרי - ממש ביי די ערשטע געלעגנהייט - האבן זיי מקיים געווען די מצוה.

ס'שטייט אין די גמרא, אז די ערליכע אידן פון ירושלים, האבן א גאנצן טאג געהאלטן דעם לולב אין די האנט ביז ביינאכט, משום חיבוב מצוה.

מענער טארן גארנישט עסן פאר'ן מקיים זיין מצות לולב, אויב ס'איז שווער צו ווארטן ביז מ'באקומט א לולב, מעג מען עפעס טרינקען.

פרויען זענען פטור פון מצות לולב, ווייל ס'איז מצות עשה שהזמן גרמא, אבער זיי מעגן שאקלן, און אויך מאכן א ברכה.

## סדר פון שאקלן

וויבאלד מיט'ן לולב זענען דא דריי מינים, לולב הדסים ערבות, נעמט מען דאס אין די רעכטע האנט, און דער אתרוג איז נאר איין מין, נעמט מען דאס אין די לינקע האנט, און מ'דארף אויסדרייען די שדרה פונעם לולב, אז ס'זאל זיין צו די זייט פונעם מענטש'ס פנים.



פאר מ'מאכט די ברכה נעמט מען אין די האנט נאר דעם לולב, און נישט דעם אתרוג, ווייל אויב מ'נעמט דעם אתרוג אויך, האט מען שוין יוצא געווען די מצוה און מ'קען שוין נישט מאכן קיין ברכה, אדער איז דא אן עצה, אז מ'דרייט אויס דעם אתרוג פארקערט, מיט'ן פיטום אראפ, און וויבאלד ס'איז פארקערט ווי עס וואקסט איז מען נישט יוצא די מצוה, און נאך די ברכה דרייט מען עס איבער.

דעם ערשטן טאג מאכט מען צוויי ברכות, אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת לולב, און שהחיינו, די אנדערע טעג מאכט מען נאר די ברכה, על נטילת לולב.

מ'שאקלט דריי מאל ביי אלע זייטן, קודם דריי מאל צו דרום זייט, דערנאך דריי מאל צו צפון זיין, נאכדעם דריי מאל צו מזרח זייט, און דערנאך דריי מאל אויף ארויף צום הימל, און דערנאך דריי מאל אונטן צו די ערד, און דערנאך דריי מאל צו מערב זייט.

מ'שאקלט צופרי ביי די ברכה, און ביי הלל שאקלט מען פיר מאל, איין מאל ביי, **הודו לה'** (דרום), **כי** (צפון), **טוב** (מזרח), **כי** (אויבן), **לעולם** (אינטן), **חסדו** (מערב).

נאכדעם שאקלט מען צוויי מאל ביים זאגן די צוויי מאל, **אנא ה'** (דרום, צפון), **הושיעא** (מזרח, אויבן) **נא** (אינטן, מערב).

און נאכדעם שאקלט מען נאכאמאל ביי, **הודו לה'** (דרום), **כי** (צפון), **טוב** (מזרח), **כי** (אויבן), **לעולם** (אינטן), **חסדו** (מערב).

דעם ערשטן טאג טאר מען נישט מאכן קיין ברכה אויף א געבארגטע לולב, נאר יעדער דארף שאקלן מיט זיין אייגענע ד' מינים, וועגן דעם איז דער דין, אז אויב איינער האט נישט קיין אייגענע, דארף אים א צווייטער דאס געבן אלס א מתנה - אפילו נאר על מנת להחזיר, אז ער דארף דאס צוריקגעבן, איז אויך גוט - און דאן קען ער יוצא זיין.

דעם הדס וואס איז אפגעשיידט פאר די מצוה, טאר מען נישט שמעקן גאנץ יום טוב ביז נאך שמחת תורה, אבער דעם אתרוג מעג מען יא שמעקן.

שבת שאקלט מען נישט קיין לולב, אלס חשש, אויב איינער וועט נישט וויסן ווי אזוי מ'שאקלט, און וועט גיין צו א חכם זאל אים אויסלערנען, און ער וועט טראגן דעם לולב פיר איילן אין רשות הרבים.

די גמרא זאגט, אז מיט'ן שאקלן ביי אלע פיר זייטן, ווייזט מען אז הקב"ה געוועלטיגט אויף די פיר זייטן פון די וועלט, אויך האלט דאס צוריק אז ס'זאל נישט קומען פון די זייטן קיין שלעכטע ווינטן, און דאס וואס מ'שאקלט אויבן און אונטן, ווייזט אז הקב"ה געוועלטיגט אויפ'ן הימל און אויף די ערד, אויך האלט דאס צוריק שלעכטע טוי.

דער טעם פארוואס מ'מאכט די ברכה אויפן לולב **על נטילת לולב**, און נישט אויף איינס פון די אנדערע מינים איז, ווייל דער לולב איז דער העכסטער פון אלע מינים, און אויך ווייל דער לולב בוים איז דער מלך פון אלע פירות ביימער.

# עניני לולב

ס'שטייט אין מדרש ילקוט, א טעם פארוואס מ'שאקלט דוקא מיט די פיר מינים, אתרוג, לולב, הדס, ערבה, ווייל זיי זענען צוגעגליכן צו פיר מדריגות וואס זענען דא צווישן אידן, דער אתרוג האט סיי א גוטן גראך, און סיי גוטע טעם, דאס איז מרמז אויף די אידן וואס האבן אין זיך סיי תורה און סיי מעשים טובים.

א לולב קומט פון א טייטלבוים וואו ס'וואקסט דערויף טייטלן, וואס האבן א גוטן טעם אבער נישט קיין גוטן גראך, דאס איז מרמז אויף די אידן וואס האבן אין זיך תורה, אבער נישט קיין מעשים טובים.

אויך זענען דא אידן וואס האבן מעשים טובים, זיי טוען אסאך מצוות, אבער זיי האבן נישט קיין תורה, זיי קענען נישט לערנען, זיי זענען גלייך צו א הדס וואס האט א גוטן ריח, אבער נישט קיין גוטע טעם.

די ערבה ווייזט אויף די אידן וואס האבן נישט קיין תורה, און נישט קיין מעשים טובים, זיי זענען גלייך צו די ערבה וואס האט נישט קיין גוטן טעם, און נישט קיין גוטן ריח.

הקב"ה זאגט, מ'זאל איינבינדן אלע מינים צוזאמען, צו ווייזן אז מ'לעבט באחדות מיט אלע אידן, און איינער וועט מכפר זיין אויפ'ן צווייטן.

נאך א טעם פארוואס מ'נעמט א לולב, ווייל ס'שטייט אין מדרש, אז דער סדר איז, אז נאכ'ן ארויסקומען פון א משפט, גייט דער זיגער מיט א גאלדנעם שטעקן אין די האנט צו ווייזן פאר יעדן אז ער איז ארויס דער זיגער.

מיר אידן האבן בטחון אין הקב"ה, אז מיר זענען ארויס דער זיגער ביים משפט וואס איז געווען יום כיפור, דערפאר נעמען מיר דעם לולב אלס אן צייכן פון זיגן, צו ווייזן אז מיר האבן געזיגט.

די דריי הדסים זענען מרמז אויף די דריי אבות, אברהם, יצחק, און יעקב, די צוויי ערבות זענען מרמז אויף משה און אהרן, דער לולב איז קעגן יוסף הצדיק, און דער אתרוג, קעגן דוד המלך.

ס'שטייט אין די ספרים, אז דערפאר זענען די ערבות - וואס האבן נישט קיין טעם און קיין ריח - מרמז קעגן משה און אהרן, ווייל זיי האבן אייביג געטראכט ביי זיך, אז זיי זענען קלענער פון אלע אידן, אפילו פון די אידן וואס האבן נישט קיין תורה און מעשים טובים.

דער טעם פארוואס מ'נעמט נאר איין לולב, און איין אתרוג, דריי הדסים און צוויי ערבות, איז, ווייל מיט איין אתרוג זענען מיר מרמז אז מיר האבן נאר איין באשפער אויף די וועלט, מיט איין לולב זענען מיר מרמז אז מיר אידן זענען איין פאלק, די דריי הדסים זענען מרמז אויף די זכות פון די דריי אבות, אברהם, יצחק, און יעקב, די צוויי ערבות זענען מרמז אויף די צוויי לוחות וואס הקב"ה האט געגעבן ביי מעמד הר סיני.

ס'שטייט אין ספר זרע קדוש פון ראפשיצער רב, אז דאס ווארט **אתרוג**, באטרעפט זעקס הונדערט און צען (610), און ווען מ'לייגט צו די אנדערע דריי מינים **לולב, הדס** און **ערבה**, איז דאס צוזאמען זעקס הונדערט און דרייצן (613), אזויפיל מצות וויפיל ס'איז אין די תורה, דאס ווייזט, אז דער וואס ס'איז מקיים מצות לולב ווי עס דארף צו זיין, איז גלייך ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה.

ס'שטייט אין ספר החינוך, אז די פיר מינים זענען קעגן די הויפט איברים פונעם מענטש.

דער אתרוג איז ענדליך צום הארץ, דאס ווייזט אז דער מענטש זאל איבערטראכטן וואס ער טוט, דער לולב זעט אויס ווי די שדרה (ריקן ביין) פונעם מענטש, וואס דאס איז דער עיקר שטארקייט פונעם מענטש, צו מעורר זיין דעם מענטש אז ער זאל אויסגלייכן זיין גאנצע גוף צו דינען הקב"ה.

דער צורה פונעם הדס איז גלייך צו די צורה פון אן אויג, צו ווייזן פאר'ן מענטש אז מ'זאל נישט אפקערן מיט'ן קוקן זאכן וואס מ'טאר נישט.

די ערבה בלעטלעך זענען ענדליך צו די מויל, צו ווייזן אז דער מענטש זאל געדענקען נישט צו רעדן וואס מ'טאר נישט, ווי דברים בטילים, לשון הרע, רכילות.

### ושמחת בחגך... והיית אך שמח...

# שמחת בית השואבה

ס'שטייט אין ירושלמי, אז וועגן דעם ווערט דאס אנגערופען **שמחת בית השואבה**, ווייל מ'האט דארט געשעפט רוח הקודש, ווייל רוח הקודש רועט נאר אויב מ'איז בשמחה, אזוי ווי דער נביא יונה האט זוכה געווען צו נביאות ביים עולה רגל זיין, ווייל ער איז געווען שטארק בשמחה ביי די שמחת בית השואבה.

די שמחה איז געווען אזוי גרויס, אז ס'שטייט אין די משנה, מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו, דער וואס האט נישט געזען די שמחה, האט נאכנישט געזען קיין ריכטיגע שמחה אין זיין לעבן.

דעם צווייטן טאג יום טוב סוכות, זענען אלע אידן געגאנגען צום בית המקדש, די יונגע כהנים זענען ארויפגעגאנגען אויף לייטערס אריינצוגיסן אויל אין די גאלדענע מנורות, די קנויטן זענען געמאכט געווארן פון אלטע אויסגעריבענע הויזן אין גארטלען פון די כהנים.

יעדע מנורה האט געהאט פיר בעקענס וואו אריינצוגיסן די אויל, און יעדער בעקן האט געהאט א לייטער אנצוקומען דערצו, קומט אויס אז פיר כהנים זענען ארויפגעגאנגען צו איין מנורה, די כח פון די יונגע כהנים זענען געווען גאר שטארק, אז יעדער האט געהאלטן דרייסיג לוג אויל (קומט אויס אז יעדע מנורה האט צוזאמען געהאט הונדערט און צוואנציג לוג).

די ליכטיגקייט פון די מנורות זענען אנגעקומען גאר ווייט, אזוי ווייט אז די משנה זאגט, אז ס'איז נישט געווען קיין הויף אין ירושלים וואס האט נישט געלאכטן פון די מנורות, מ'האט אפילו געקענט קלויבן ווייץ דורך די ליכטיגקייט פון די מנורות.

חסידים ואנשי מעשה האבן געטאנצן אין געזונגען, געהאלטן פאקלן, און געווארפן אין דער לופט און צוריקגעכאפט, רבן שמעון בן גמליאל האט געווארפן אכט פאקלן אין דער לופט, אין איינס האט נישט אנגערירט די צווייטע, אויך האט ער זיך געביקט אויף די ערד, און זיך אנגעלאנט אויף די צוויי דיקע פינגערס פון זיין הענט, אזוי האבן אלע חכמים, סנהדרין, חסידים, וזקנים, און אנשי מעשה געטאנצן און געזונגען און געלויבט הקב"ה מיט שירות ותשבחות ביז פארטאגס.

די לוים זענען געשטאנען אויף די פופצן טרעפ וואס זענען פון עזרת ישראל צו עזרת נשים (קעגן די פופצן שיר המעלות אין תהלים פון ק"כ ביז קל"ד), מיט אלע מיני כלי שיר, און געזונגען שירות ותשבחות, די חסידים וואס האבן קיינמאל נישט געזינדיגט, האבן געזאגט, וואויל איז אונזערע יונגע יארן, וואס האט נישט פארשעמט אונזערע עלטערע יארן, די בעלי תשובה, וואס האבן יא געזינדיגט אבער האבן שוין תשובה געטאן, האבן געזאגט, וואויל זענען אונזערע עלטערע יארן, וואס האבן מכפר געווען אויף אונזערע יונגע יארן, און אלע צוזאמען האבן

געזאגט, וואויל איז דער וואס האט בכלל נישט געזינדיגט, און דער וואס האט יא געזינדיגט זאל תשובה טאן און מען וועט אים מוחל זיין.

ווען ס'איז געווארן פארטאגס, האבן צוויי כהנים געבלאזן מיט צוויי טרומפייטערס, תקיעה תרועה תקיעה, דאס איז געווען א סימן אז ס'איז געקומען די צייט צו גיין שעפן וואסער פון די טייך שילוח צו די ניסוך המים, די כהנים זענען אראפגעגאנגען די פופצן טרעפ וואו די לוים זענען געשטאנען, און ווען זיי זענען אנגעקומען צום צענטן טרעפ האבן זיי נאכאמאל געבלאזן תקיעה תרועה תקיעה, און ווען די כהנים זענען שוין אראפגעגאנגען אלע פופצן טרעפ, האבען זיי נאכאמאל געבלאזן תקיעה תרועה תקיעה, און ביי די לעצטע תקיעה האבן זיי מאריך געווען, ביז זיי זענען אנגעקומען צום טויער וואס מ'גייט ארויס אינדרויסן.

די כהנים זענען ארויסגעגאנגען מיט א גאלדענע כלי שרת, וואס האט ערהאלטן דריי לוג, און מ'האט דאס אנגעפילט מיט וואסער פונעם טייך שילוח, ווען זיי זענען צוריקגעקומען, זענען זיי אריינגעקומען דורך שער המים (מ'האט דאס אזוי גערופן, ווייל ביי דעם טויער האט מען אריינגעברענגט די וואסער צו די ניסוך המים).

תיכף ווען די כהנים זענען אריינגעקומען מיט די וואסער, האבן די כהנים נאכאמאל געבלאזן מיט די טרומפייטערס, תקיעה תרועה תקיעה.

דער כהן וואס האט זוכה געווען - דורך א גורל - צו גיסן דאס וואסער אויפ'ן מזבח, איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן כבש, און האט זיך געדרייט צו לינקס צום ווינקל מערבית דרומית, כאטש געווענליך ווען מ'איז ארויף אויפ'ן מזבח האט מען זיך געדרייט נאר אויף רעכטס, אבער דא האט מען מורא געהאט, אז אויב מ'וועט ארומגיין די מזבח (וואס איז בערך הונדערט אמה) וועט די וואסער ווערן פארויכערט דורך די פייער פון מזבח, און ס'וועט ווערן זיין פסול צו גיסן.

ביים ווינקל זענען געווען צוויי בעקענס פון זילבער, אין איינס (דאס וואס איז געווען נענטער צו מערב זייט) האט מען אריינגעגאסן וואסער, און אין די אנדערע (וואס איז געווען נענטער צו מזרח), האט מען אריינגעגאסן וויין, די בעקן פון די וויין האט געהאט א גרעסערע לאָך ווי פון די וואסער, ווייל וואסער גיסט זיך שנעלער ווי וויין, און מ'האט געוואלט אז ביידע זאלן זיך ענדיגן גיסן צוזאמען.

ווען דער כהן האט געגאסן די וואסער, האט יעדער געזאגט, הייב אויף דיין הענט, כדי מען זאל זען אז דו גיסט טאקע אריין אינעם בעקענס, און נישט אויף די ערד, ווייל די צדוקים האבן נישט געהאלטן פון די מצוה פון ניסוך המים, ווייל ס'שטייט נישט מפורש אין די תורה, ס'איז א הלכה למשה מסיני.

איינמאל איז געווען, אז דער כהן וואס האט זוכה געווען צו די מצוה פון ניסוך המים איז געווען א צדוקי, און האט נישט געגאסן די וואסער אינעם בעקן, נאר ער האט דאס געגאסען אויף זיינע פיס, און ווען די מענטשן האבן דאס געזען, האבן זיי אים באווארפן מיט זייערע אתרוגים, ביז דער צדוקי איז געשטארבן.

אזוי האט זיך די שמחה של מצוה געצויגן זיבן טעג, חוץ שבת וואס איז געווען אנדערש מיט צוויי זאכן, איינס, אז מ'האט שוין צוגעגרייט די וואסער פון ערב שבת, ווייל דער בית המקדש האט א הלכה ווי א רשות היחיד, און דער טייך שילוח איז געווען אין רשות הרבים, און שבת טאר מען נישט טראגן פון רשות הרבים צו רשות היחיד אן א עירוב. צווייטנס, אז שבת האט מען נישט געטארט ניצן אלע כלי שיר, מ'האט נאר געטאנצן, און געזונגען מיט'ן מויל.

# הושענא רבא

דעם זיבעטן טאג פון יו"ט ווערט אנגערופן, **הושענא רבא**, דעמאלטס ווערט פארענדיגט דער משפט פון ראש השנה, און מען גיט איבער די קוויטלעך פאר די מלאכים אז זיי זאלן גיין אויספירן דעם פסק דין, און מ'קען נאך אסאך אויספועל'ן אין דעם טאג.

ווי באקאנט האט דער רבי זי"ע געהאט גאר א גרויסע עבודה אין דעם טאג, און אויסגעוואשן אידישע הערצער מיט די תפלות און די דרשות וואס האט זיך פארצויגן, ביז שפעט אין די נאכמיטאג שעות, אזוי וויט, אז אין יאר - וואס שמיני עצרת איז געפאלן אין שבת - האט מען אויסגערופן אז די פרויען זאלן אהיימגיין צינדן ליכט לכבוד שבת ויו"ט.

ס'איז באקאנט וואס דער רבי זי"ע פלעגט יעדעס יאר נאכזאגן אויף **הושענא למענך אלקינו**, פון זיין טאטן דער הייליגער קדושת יום טוב, א משל צו א קעניג וואס איז געקומען אין שטאט, און מ'האט געקענט בעטן פון אים וואס מ'האט געוואלט, די קלוגע מענטשן זענען געקומען צו אים תיכף ווען ער איז אנגעקומען, די אנדערע זענען געקומען שפעטער, און עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן זיך דערמאנט די לעצטע מינוט, און כדי ס'זאל נישט שווער ווער די קשיא, וואו ביסטו געווען ביז יעצט, האבן זיי געבעטן זאכן וואס איז פאר'ן געברויך פונעם קעניג, אזוי וועט מען זיי גארנישט פאַרהאַלטן.

די זעלבע איז מיט אונז אידן, די חשוב'ע און ערליכע אידן הייבן שוין אָן תשובה צו טאן, פון ראש חודש אלול, און ניצן אויס יעדן טאג פון חודש אלול בשלימות, אנדערע דערמאנען זיך סליחות, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כיפור, אבער עס זענען דא אזעלכע וואס האבן פארברענגט די אלע צייטן מיט גארנישט, און יעצט הושענא רבא רופט מען שוין אויס, **דער קעניג געזעגנט זיך שוין פון די שטאט**, דעמאלט דערמאנען זיי זיך אויך צו קומען, און כדי נישט צו פארשעמען ווערן, אז זיי קומען אזוי שפעט, בעט מען, **הושענא למענך אלקינו**, און אז מ'בעט פאר'ן באשעפער'ס וועגן, איז אייביג די צייט.

די נביאים האבן מתקן געווען אז אין הושענא רבא זאל מען נעמען, פינף ערבות און קלאפן מיט זיי פינף מאל אויף די ערד.

הושענה רבא ביינאכט פירט מען זיך צו לייגען משנה תורה, דאס מיינט גאנץ ספר דברים, אויך פירט מען זיך צו בלייבן אויף א גאנצע נאכט און אויסצוזאגן גאנץ תהלים, ווייל הושענא רבה איז די אושפיזא פון דוד המלך ע"ה, וואס האט געמאכט דעם ספר תהלים.

## מצות ערבה

ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען האט מען אלע זיבן טעג פון סוכות גענומען צווייגן פון ערבות און זיי אויפגעשטעלט נעבן מזבח, די כהנים האבן געבלאזן שופר, און ארומגערינגלט דעם מזבח איין מאל, און דעם זיבעטן טאג האט מען ארומגערינגלט דעם מזבח זיבן מאל.

אלס זכר צו דעם האבן די נביאים מתקן געווען, אז דעם זיבעטן טאג סוכות - הושענא רבא - נעמט מען פינף ערבות צוזאמענגעבינדן, און מען קלאפט דערמיט אויף די ערד, אן א ברכה, אויך די אנדערע טעג, פירט מען זיך אז נאך הלל נעמט מען ארויס דעם ספר תורה, און מען טראגט דאס צום בימה, און ווער ס'האט א לולב רינגעלט ארום דעם בלעמער און מען זאגט די הושענות, חוץ שבת וואס מ'האט נישט קיין לולב, גייט מען נישט ארום דעם בלעמער.

## ניסוך המים

יעדן טאג ביים מקריב זיין דעם קרבן תמיד, האט מען געגאסן וויין אויפ'ן מזבח, סוכות האט מען אויך געגאסן וואסער אויפ'ן מזבח ביים תמיד של שחר.

ווייל ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט, און האט אפגעטיילט די אינטערשטע וואסערן פון די אויבערשטע, האבן די אינטערשטע וואסערן געוויינט, אז זיי זענען דערוווייטערט געווארן פון הקב"ה, האט זיי דעמאלט הקב"ה צוגעזאגט, אז ווען מ'וועט מקריב זיין קרבנות אין בית המקדש, וועט מען נעמען זאלץ וואס קומט פון וואסער, און לייגן אויפ'ן מזבח, און אויך וועט מען נעמען פון זיי וואסער פאר ניסוך המים אין סוכות.

דער טעם פארוואס מ'גיסט וואסער אין סוכות איז, ווייל אין סוכות משפט מען די וואסער וויפיל עס זאל רעגענען דערפאר האט הקב"ה באפוילן צו גיסן וואסער, כדי ער זאל בענטשן די וואסער.

אויפ'ן מזבח זענען געווען צווי לעכער, אין איין לאך האט מען אריינגעגאסען וויין, און אין די אנדערע האט מען אריינגעגאסן וואסער.

## קרבנות החג

### עולת ראיה

ס'שטייט אין די תורה, אז דריי מאל א יאר, פסח, שבועות, און סוכות, דארף יעדער איד ארויפגיין זיך באווייזן אין בית המקדש, דאס ווערט אנגערופן עולה רגל זיין.

און מ'דארף מקריב זיין א קרבן עולה, דאס וועט אנגערופן עולת ראיה, מ'האט דאס אינגאנצן פארברענט אויפ'ן מזבח.

### שלמי חגיגה

ס'שטייט אין די תורה, תחוג לה' אלקיך, אז יעדער איד דארף ברענגען אין יום טוב א קרבן חגיגה, דאס איז א קרבן שלמים, די פלייש האט מען געגעסן.

### שלמי שמחה

ס'שטייט אין די תורה ושמחת בחגך, די חכמים לערנען פון דעם ארויס, אז דאס מיינט אז מ'דארף עסן פלייש פון א קרבן, וועגן דעם דארף מען ברענגען א קרבן שלמים וואס ווערט אנגערופן שלמי שמחה.

היינט וואס ס'איז ליידער נישטא קיין בית המקדש, און מ'קען ליידער נישט מקריב זיין קרבנות, איז א מצוה צו עסן פלייש און טרינקען וויין, און קויפן שיינע קליידער און זיך פרייען מיט די משפחה.

### קרבן מוסף

יעדן טאג פון די זיבן טעג סוכות, האט מען מקריב געווען קרבנות מוספין, דעם ערשטן טאג האט מען מקריב געווען דרייצן פרים (שטירן), צווי ווידערן, זיבן לעמעלעך, און איין ציג פאר א חטאת, די שטירן האט מען יעדן טאג פון סוכות מקריב געווען איינס ווייניגער, דעם צווייטן טאג צוועלף שטירן, דעם דריטן טאג עלף שטירן, און אזוי ווייטער, ביז דעם זיבעטן טאג וואס מ'האט מקריב געווען זיבן שטירן, צוזאמען קומט דאס אויס זיבעציג שטירן.

די זיבעציג שטירן וואס מ'האט געברענגט איז געווען קעגן די זיבעציג פעלקער, און דאס האט באשיצט אויף זיי, און דער טעם פארוואס מ'ברענגט יעדן טאג איינס ווייניגער איז, כדי די פעלקער זאלן ווערן ווייניגער און ווייניגער.

## הלל

סוכות זאגט מען גאנץ הלל, דאס מיינט, מ'זאגט אויך לא לנו און אהבתי, דער טעם פארוואס מ'זאגט יעדן טאג פון סוכות גאנץ הלל, אנדערש ווי ביי פסח וואס מ'זאגט גאנץ הלל נאר אין די ערשטע צווי טעג, ווייל יעדן טאג פון סוכות איז מען מקריב אנדערע קרבנות, יעדן טאג איין פר ווייניגער פונעם פריערדיגן טאג, נישט ווי אין פסח וואס יעדן טאג איז מען מקריב די זעלבע צאל קרבנות.

## חול המועד

ס'שטייט אין מדרש, אז הקב"ה האט געגעבן די טעג פון חול המועד, כדי מ'זאל זיך באהעפטן צו די תורה, און פלייסיג לערנען.




## שמיני עצרת

שמיני עצרת איז א עקסטער יו"ט, ס'איז נישט קיין המשך צום יום טוב סוכות, וועגן דעם מאכט מען א שהחיינו, אנדערש ווי שביעי של פסח, וואס ס'איז א המשך צו די פריערדיגע טעג און מ'מאכט נישט קיין שהחיינו.

עס זענען דא וואס פירן זיך אז שמיני עצרת עסט מען אין די סוכה, אבער מ'מאכט נישט קיין ברכה לישב בסוכה.

ס'שטייט אין מדרש א טעם, פארוואס השי"ת האט אונז געגעבן דעם יום טוב שמיני עצרת, ס'איז א משל צו א קעניג וואס האט געמאכט א גרויסע סעודה פאר זיינע קנעכט, מ'האט געגעסן און פארברענגט עטליכע טעג, דעם לעצטן טאג, האט ער געזאגט פאר זיין באליבסטן פריינט, אז ער וויל מאכן מיט אים אליין א קליינע סעודה, כדי ער זאל הנאה האבן נאר פון אים.

דער נמשל איז, אלע זיבן טעג פון סוכות האט מען מקריב געווען זיבעציג קרבנות, וואס דאס איז קעגן די זיבעציג פעלקער, דעם אכטן טאג בעט הקב"ה פון די אידן, זיין איינציגסטע באליבטע פאלק, מאכטס מיר א קליינע סעודה, מ'זאל מקריב זיין נאר איין פר, כדי איך זאל הנאה האבן פון ענק.

## גדולת היום

הגה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע האט געזאגט, אז ס'איז מקובל פון צדיקים, אז שמיני עצרת איז א צייט וואס השי"ת איז מקבל די תפלות פון די אידן אזוי ווי יום כיפור.

**ביום השמיני עצרת תהיה לכם**, דאס ווארט **עצרת** איז א לשון פון צוריקהאלטן, דאס איז א רמז, אז אין הימל האלט מען צוריק די שלעכטע גזירות ביז שמיני עצרת, און מ'גיט דעם געלעגנהייט אז דער מענטש זאל נאך תשובה טאן. (באר משה)

מ'פירט זיך אז שמיני עצרת ביינאכט נאך מעריב, מאכט מען די הקפות און מ'טאנצט מיט די הייליגע תורה.

שמיני עצרת בייטאג ביי מוסף בענטשט מען גשם, מ'בעט פון הקב"ה אז ער זאל שיקן רעגן אז די פרוכט זאל גוט וואקסן.

פון נאך שמיני עצרת ביי מוסף ביז די ערשטע טאג פסח, זאגט מען ביי שמונה עשרה **משיב הרוח ומוריד הגשם**, אנשטאט מוריד הטל.

שמיני עצרת בייטאג, געזעגנט מען זיך פון די סוכה, מ'עסט אין די סוכה מזונות און פירות, און מ'בעט פון הקב"ה אז מיר זאלן שוין זוכה זיין, צו זיצן אין די סוכה וואס הקב"ה וועט מאכן פון די הויט פון דעם לויתן, ווען משיח וועט קומען, במהרה בימינו, עס זענען דא וואס פירן זיך אז ווען מ'גייט ארויס פון די סוכה, קישט מען די ווענט.

## אתה הראית לדעת

רבי משה קאברינער זצ"ל האט געזאגט, די גאנצע עבודה פון כלל ישראל אין די טעג פון חודש אלול, ראש השנה, תקיעת שופר, עשרת ימי תשובה, יום כיפור, סוכות, און הושענא רבא, זענען נאר א צוגרייטונג צו דער מינוט פון שמיני עצרת און שמחת תורה וואס מ'זאגט **אתה הראית לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו**.

## הקפות

דער הייליגער בעל שם טוב האט געזאגט, אז דאס וואס מיר טאנצן מיט די תורה שמחת תורה, האט דעם זעלבן כח פון תפילה.

הרה"ק רבי מענדלע מרימנוב זי"ע פלעגט שמחת תורה שטענדיג זאגן, בזה הלשון, פיסלעך פיסלעך, הייבט'ס ענק לכבוד די הייליגע תורה, עס וועט שוין קומען די צייט ווען ענק וועלן רוען און רוען.

הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע האט געזאגט, וואס די טענץ פון שמחת תורה זענען, קען איך אייך נישט זאגן, אבער דאס זאג איך, אז אלע תפילות וועלכע קענען נישט דערהויבן ווערן א גאנץ יאר, ווערן היינט דערהויבן דורך די טענץ.

דער שפאלער זיידע זי"ע האט אינמיטן טאנצן די הקפות געזאגט, ווען מען הייבט די פיס ביים טאנצן, איז מען מעלה עולמות, מ'דערהייבט וועלטן, און ווען מ'לייגט אראפ די פיס ברענגט מען אראפ עולמות, גוטע השפעות פון די הימלשע וועלטן.

ס'איז דא א רמז אין די תורה אז שמחת תורה מאכט מען הקפות, ווייל דאס ווארט **עצרת**, איז ראשי תיבות, ע'ושים צ'דיקים ר'יקודי ת'ורה, צדיקים מאכן טענץ מיט די תורה. (מאור ושמש)

## שמחת תורה

דער לעצטער טאג יום טוב ווערט אנגערופן שמחת תורה, ווייל מ'פרייט זיך מיט די תורה, מ'ענדיגט ליינען די לעצטע סדרה פון די תורה, פרשת וזאת הברכה.

מ'מאכט הקפות ארום די תורה זיבן מאל, סיי ביינאכט און סיי בייטאג, און מ'טאנצט און מ'פרייט זיך מיט די הייליגע תורה.

מ'פירט זיך אז אלע מענטשן זענען עולה צו די תורה אפילו קליינע קינדער.

די קליינע קינדער וואס קענען נאכנישט מאכן קיין ברכה, נעמט מען אונטער א טלית און איינער זאגט די ברכה, מ'רופט דאס, **כל הנערים**.

דער וואס איז עולה ווען מ'ענדיגט די תורה, ווערט אנגערופן **חתן תורה**, און דער וואס איז עולה ווען מ'הייבט אן די תורה ווערט אנגערופן, **חתן בראשית**, און מ'הייבט נאכאמאל אן די תורה פון בראשית, און מ'ליינט פון אנהייב פרשת בראשית ביז שני.

# תורות לחג הסוכות

ס'שטייט אין מדרש אויפ'ן פסוק **ולקחתם לכם ביום הראשון**, וכי ראשון הוא, איז דען סוכות דער ערשטער טאג, ס'איז דאך דעם פופצענטן טאג אין חודש, ענטפערט דער מדרש, אז **ראשון** מיינט, ראשון לחשבון העוונות, סוכות איז דער ערשטער טאג צום חשבון פון די עבירות.

דארף מען פארשטיין, וואס מיינט, ראשון לחשבון העוונות, וועלכער חשבון, און פארוואס איז דער חשבון דוקא אין סוכות.

ענטפערט דער הייליגער קדושת לוי, אז ס'שטייט אין די גמרא, אז אויב מ'טוט תשובה מאהבה, פון ליבשאפט צו השי"ת, ווערן די עבירות איבערגדרייט צו זכיות, און אויב מ'טוט תשובה מיראה, צוליב מורא פון הקב"ה, ווערן די עבירות וואס מ'האט געטאן במזיד, איבערגדרייט צו שגגות, אז ס'איז גלייך ווי מ'האט דאס געטאן בשוגג.

אין די טעג פון ראש השנה און יום כיפור, וואס מ'טוט תשובה מיראה, צוליב דעם שרעק פון יום הדין, ווערן די עבירות איבערגדרייט בלויז אויף שגגות, אבער סוכות ווען די אידן זענען עוסק אין מצות סוכה און ד' מינים, און מ'דינט דעם אויבערשטן מיט אהבה און שמחה, ווערן די עבירות איבערגדרייט פאר זכותים, קומט אויס אז מ'הייבט אָן אין הימל א פרישער חשבון מיט די עבירות, ווייל אלעס איז געווארן מצוות, דאס איז די כוונה פון ראשון לחשבון עוונות.

(קדושת לוי)

ס'שטייט אין די גמרא (סוכה ב'.) **צא מדירת קבע ושב בדירת עראי**, אז סוכות זאל יעדער מענטש ארויסגיין פון זיין קביעות'דיגע וואוינונג, און זיך זעצן אין א צייטווייליגע דירה.

דאס ווארט **סוכה** באטרעפט איין און ניינציג (91), אזוי ווי דאס ווארט **אמן**, וואס ס'מיינט אמונה, צו ווייזן אז דער עיקר מצות סוכה איז, אריינצוברענגען אין אונזערע הערצער אמונה שלמה אין השי"ת, אז מיר זאלן זיך נישט פארלאזן אויף קיין שום אנדערע שמירות, נאר אויפ'ן שומר ישראל.

דאס איז דער ענין פון סוכה, **צא מדירת קבע ושב בדירת עראי**, מ'זאל ארויסגיין פונעם באשטימטן וואוינונג און אריינגיין אין א צייטווייליגע וואוינונג, ווייל אין א דירת קבע וואס איז שטארק געבויט, קען זיך דער מענטש חלילה פארלאזן אויף די שמירה פון זיין הויז, אבער אין א דירת עראי וואס איז געבויט אסאך שוואכער, און מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף איר שטארקייט, ווייסט דער מענטש אז ער מוז זיך פארלאזן נאר אויף הקב"ה, אז ער וועט אים אפהיטן.

דאס דארף מען זיך ארויסלערנען פון מצות סוכה, אז מ'זאל האבן אמונה אין הקב"ה, און זיך נאר פארלאזן אויפ'ן רבונו של עולם, און נישט אויף א עפעס אנדערש.

(מנורת המאור)

**למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים**

דער טור פרעגט, אויב דער טעם פון מצות סוכה, איז אלס א זכר צו די ענני כבוד וואס הקב"ה האט ארומגענומען די אידן ווען ער האט זיי ארויסגעצויגן פון מצרים, איז פארוואס האט די תורה באפוילן צו זיצן אין סוכה אין חודש תשרי, און נישט אין חודש ניסן, אין די צייט וואס די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים.

ענטפערט דער טור, אז אין חודש ניסן וואלט זיך נישט דערקענט אז מ'זיצט אין די סוכה לשם מצות סוכה, ווייל דעמאלט איז א צייט וואס ווערט ווארעם און דער סדר פון מענטשן איז דעמאלט ארויסצוגיין פון די קביעות'דיגע דירה צו א דירת עראי, אבער חודש תשרי איז דאך פארקערט, ס'הייבט שוין אן צו ווערן קאלט, און מענטשן גייען שוין צוריק אריין אין די הייזער, ממילא דערקענט זיך אז מ'גייט אריין אין די סוכה לשם מצוה.

דער ווילנער גאון זצ"ל ענטפערט נאך א תירוץ, אז וויבאלד מצות סוכה איז א זכר צו די ענני כבוד, און ס'שטייט, אז פונעם חטא העגל, י"ז תמוז, ביז ווען הקב"ה האט באפוילן אז מ'זאל בויען א משכן צו פארציי ען אויפ'ן חטא העגל, זענען די ענני כבוד אוועקגענומען געווארן פון די אידן.

יום כיפור האט הקב"ה מוחל געווען פאר די אידן און געזאגט **סלחתי כדברך**, למחרת יום הכיפורים - י"א תשרי - האט משה רבינו באפוילן די אידן אויף מלאכת המשכן, און ס'שטייט אין פ' ויקהל **והם הביאו אליו עוד נדבה בבוקר בבוקר**, וויבאלד ס'שטייט צוויי מאל **בבוקר בבוקר**, מיינט דאס, אז די אידן האבן געברענגט די נדבות צוויי טעג, י"ב און י"ג תשרי.

י"ד תשרי האבן די חכמי לב געברענגט די גאלד און זילבער מיט א פונקטליכע חשבון צו משה רבינו, ט"ו תשרי האבן זיי אנגעהויבן צו בויען דעם משכן און דעמאלט זענען די ענני כבוד צוריקגעקומען צו די אידן, ממילא פארשטייט מען, פארוואס מצות סוכה איז ט"ו תשרי, און נישט אין חודש ניסן, ווייל מצות סוכה איז דאך א זכר צו די ענני כבוד, וואס זענען צוריקגעקומען אין חודש תשרי.

נאך א טעם פארוואס סוכות איז חודש תשרי נאך יום כיפור, ווייל אויב ס'איז אנגעשריבן געווארן אין יום כיפור פאר א מענטש צו גיין אין גלות, קען ער דאס אפקומען מיט דעם וואס מ'גייט ארויס פון שטוב און מ'גייט אריין אין די סוכה.

(מדרש ילקוט)

אין פרשת פינחס וואו ס'שטייט אז יעדן טאג סוכות דארף מען מקריב זיין איין ציג פאר א קרבן חטאת, דארף מען לכאורה פארשטיין דעם שינוי הלשון,ביים ערשטן, צווייטן, און פערטן טאג שטייט **ושעיר "עזים" אחד חטאת** און ביים דריטן, פיפטן, זעקסטן, און זיבעטן טאג שטייט נישט **ושעיר עזים**, נאר ס'שטייט, **ושעיר חטאת אחד**.

ענטפערט דער ווילנער גאון, אז ס'שטייט אין די גמרא, אז די זיבעציג פרים וואס מ'האט מקריב געווען אין סוכות זענען קעגן די זיבעציג פעלקער, און ס'שטייט אין זוהר הקדוש, אז ישמעאל איז דער עיקר פון די זיבעציג פעלקער, און עשו און די אנדערע פעלקער באקומען פון ישמעאל, קומט אויס אז האלב פון די זיבעציג פרים - פינף און דרייסיג - איז געווען וועגן ישמעאל, און די אנדערע פינף און דרייסיג, וועגן עשו און די אנדערע פעלקער.

אויך שטייט אין זוהר הקדוש אז וואו ס'שטייט **שעיר עזים** גייט דאס ארויף אויף ישמעאל, און אויב ס'שטייט סתם **שעיר** גייט דאס ארויף אויף עשו.

קודם האט מען מקריב געווען וועגן ישמעאל, דער זון פון אברהם, וואס איז געווען עלטער, און דערנאך פאר עשו, דער זון פון יצחק.

לויט דעם איז שוין זייער גוט פארענטפערט די לשון הפסוקים, ביים ערשטן טאג וואס מ'האט מקריב געווען דרייצן פרים, און דעם צווייטן טאג וואס מ'האט מקריב געווען צוועלף פרים, שטייט **שעיר עזים**, ווייל ס'ווייזט אויף ישמעאל, איז דעם דריטן טאג וואס מ'האט מקריב געווען עלף פרים, איז געווען וועגן עשו, ווייל אויב זאל דאס אויך זיין וועגן ישמעאל, וואלט דאך אויסגעקומען זעקס און דרייסיג, איינס מער פון האלב, און דעם פערטן טאג וואס מ'האט מקריב געווען צען, איז ווייטער געווען וועגן ישמעאל, קומט אויס אז ער האט שוין געהאט פונקט פינף און דרייסיג, וועגן דעם שטייט ביי די ערשטע, צווייטע, און פערטע טאג, **ושעיר עזים**, ווייל ס'גייט ארויף אויף ישמעאל.

און די איבריגע טעג, דאס מיינט, די עלף פרים פונעם דריטן טאג, און די ניין פרים פונעם פיפטן טאג, און אכט פונעם זעקסטן טאג, און זיבן פרים פונעם זיבעטן טאג, קומט אויס פונקט פינף און דרייסיג, דאס איז געווען פאר'ן חשבון פון עשו, וועגן דעם שטייט נאר **ושעיר חטאת**.

(דברי אליהו פרשת פינחס)

## קהלת

ס'שטייט אין פסוק (קהלת, וואס מ'זאגט אין שבת חול המועד) **לב חכם בימינו ולב כסיל לשמאלו**, די הארץ פון א חכם איז אויף די רעכטע זייט, און די הארץ פון א נער איז אויף די לינקע זייט.

דער ווילנער גאון זאגט, אז מ'קען זאגן פשט, אז ס'איז דאך באקאנט, אז איבעראל וואו ס'שטייט דאס ווארט **גם**, איז דאס א ריבוי, ס'קומט צו פארמערן, און וואו ס'שטייט דאס ווארט **אך**, איז דאס א מיעוט, ס'קומט פארמינערן.

די אותיות וואס זענען אויף די רעכטע זייט פונעם ווארט **לב**, איז **אך** (פאר די אות ל' איז אות כ', און פאר די אות ב' איז אות א'), וואס דאס איז א מיעוט עס קומט צו פארמינערן, דאס טוט א חכם, ער פארמינערט זיך, ער האלט זיך קליין.

**ולב כסיל לשמאלו**, די אותיות וואס זענען אויף די לינקע זייט פונעם ווארט **לב**, איז **גם** (נאך די אות ב' איז אות ג', און נאך די אות ל' איז אות מ'), וואס דאס איז א ריבוי, עס קומט צו פארמערן, דאס טוט א כסיל, א נער, ער פארמערט זיך, ער האלט זיך גרויס.

דאס איז פשט אין פסוק, **לב חכם בימינו ולב כסיל לשמאלו**, דער חכם וואס האלט זיך קליין, קוקט אויף די אותיות וואס זענען אויף די רעכטע זייט פון **לב**, דאס איז **אך**, און דער נער, קוקט אויף די אותיות וואס זענען אויף די לינקע זייט פון **לב**, דאס איז **גם**.

# מעשיות לחג הסוכות

**אוועקגעגעבן די הייליגע ירושה סוכה**

הרה"ק רבי מאָטעלע מראחמיסטריווקא זי"ע (זון פון הרה"ק רבי יוחנ'טשע מראחמיסטריווקא זי"ע, יונגסטער זון פון הרה"ק רבי מאָטעלע טשערנאבלער זי"ע) איז אין יאר תרס"ה ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין ירושלים עיה"ק, וואו ער האט געוואוינט ביז צו זיין פטירה.

**מיטגענומען די הייליגע סוכה ברעטער**

הרה"ק רבי מאָטעלע האט געהאט גאר א טייערע ירושה, זיבן סוכה ברעטער וואס ער האט גע'ירש'נט פון זיינע געהויבענע זיידעס ביז ארויף צו זיין גרויסן זיידן רבי נחום גאון זצ"ל - באקאנט אלס "רבי אדם בעל שם" - וועלכער האט געלערנט בחברותא מיט'ן הייליגן בעל שם טוב זי"ע.

ווען רבי נחום גאון איז נפטר געווארן האט זיין זון רבי צבי זצ"ל גע'ירש'נט די סוכה ברעטער. דערנאך איז דאס אריבער בירושה צום אייניקל דער טשערנאבלער מגיד הרה"ק רבי מנחם נחום זי"ע בעל מאור עינים. פון אים האט דאס גע'ירשנ'ט זיין זון הרה"ק רבי מאָטעלע טשערנאבלער, און דערנאך האט דאס גע'ירש'נט הרה"ק רבי יוחנ'טשע מראחמיסטריווקא, און ווען הרה"ק רבי מאָטעלע מראחמיסטריווקא איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, האט ער מיטגענומען די הייליגע סוכה ברעטער קיין ירושלים.

ווען רבי מאָטעלע איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל מיט די הייליגע סוכה ברעטער, האט דער וועכטער ביים גרעניץ חוזק געמאכט און זיך אנגערופן, "דער ראבינער (רבי) מיינט אז אין פאלעסטינע (ארץ ישראל) איז נישטא קיין ברעטער?!", און ער האט געגעבן א שטארקן שטויס פאר די הייליגע ברעטער. ווען רבי מאָטעלע האט דאס געזען, האט ער זיך אנגערופן, "די גוים האבן פיינט די הייליגע סוכה".

**אויסגעמאלן הייליגע שמות**

הרה"ק רבי מאטעלע האט אליינס אויסגעמאלן הייליגע שמות אויף יעדע פון די זיבן ברעטער, לויט'ן סדר פון די הייליגע ספירות אין תורת הנסתר (קבלה), חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות.

נאך וואס רבי מאָטעלע האט אויפגעשטעלט די הייליגע סוכה ברעטער נעבן זיין דירה אין ירושלים, זענען אסאך גרויסע צדיקים און מקובלים געקומען זען די הייליגע סוכה, און אלע האבן ארויסגעברענגט די גרויסע קדושה וואס מ'שפירט אין די הייליגע סוכה.

**א ריח פון גן עדן**

אמאל אום הושענא רבה ווען דער ירושלימ'ער רב הרה"ק רבי שמואל סאלאנט זצ"ל איז אריבערגעגאנגען נעבן די סוכה - כאטש וואס ער איז שוין געווען א סגי נהור ל"ע (ער האט נישט געקענט זען) - האט ער זיך דארט אפגעשטעלט און זיך אנגערופן צו זיין משמש, "איך שפיר דא א ריח גן עדן".

**די אושפיזין געפינען זיך דא**

אמאל אויפ'ן וועג צום דאווענען אין איינע פון די טעג חול המועד סוכות איז דער גאון רבי חיים ישעיה הכהן זצ"ל בעל מחבר ספר מסגרת השולחן אריבערגעגאנגען די סוכה פון רבי מאָטעלע, און כאטש וואס ער האט זיך געאיילט צום דאווענען, האט ער זיך אפגעשטעלט אויף א שטיק צייט ביי די הייליגע סוכה, און דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו די סוכה און געגעבן קוש פאר די ווענט.

אמאל אום חול המועד ווען הרה"ק רבי דוד צבי שלמה מלעלוב-ירושלים זי"ע האט באזוכט אין די סוכה פון רבי מאָטעלע, האט ער זיך אויסגעדרוקט, "די אושפיזין געפינען זיך דא".

אזוי האט דאס אנגעהאלטן ארום צען יאר, ווען יעדע יאר בעפאר סוכות האט מען אויפגעשטעלט די הייליגע סוכה ברעטער נעבן די הויז פון הרה"ק רבי מאָטעלע מראחמיסטריווקא זי"ע, און אסאך אידן זענען געקומען זען די הייליגע ירושה סוכה און די שֵׁמות הקדושים וואס רבי מאטעלע האט אויסגעמאלן אויף די ברעטער.

**די סוכה איז פארשוואונדן געווארן**

אין יאר תרע"ה איז געווען א שווערע תקופה ביי כלל ישראל. עס איז דאן געווען אינמיטן די ערשטע וועלט מלחמה, און די אידן פון אייראפע האבן ליידער זייער אסאך מיטגעמאכט, און אויך די אידן פון ארץ ישראל האבן געליטן פון גרויס הונגער, וויבאלד מ'האט - צוליב די מלחמה - נישט געקענט שיקן קיין עסן און געלט פון אייראפע קיין ארץ ישראל.

יענעם יאר אין חודש תשרי האבן די ירושלים'ער אידן באמערקט אז נעבן די הויז פון רבי מאָטעלע איז אויפגעשטעלט אנדערע ברעטער פאר די סוכה, און נישט די הייליגע ירושה סוכה ווי יעדע יאר. די אידן האבן זיך זייער געוואונדערט וואס ס'האט פאסירט מיט די סוכה, אבער קיינער האט זיך נישט געוואגט צו פרעגן דעם רבי'ן דערוועגן.

דעם גאנצן יום טוב סוכות, און אויך נאך יום טוב, האט מען איבעראל גערעדט מיט וואונדער וואו דעם רבי'נס הייליגע ירושה סוכה איז פארשוואונדן געווארן, אבער ביז חודש טבת האט קיינער נישט געוואוסט דעם סוד וואו די סוכה איז פארשוואונדן געווארן.

**יארצייט סעודה פון שינאווער רב**

אום ו' טבת תרע"ה, אין טאג פון די יארצייט פון הייליגן שינאווער רב זי"ע בעל מחבר ספר הקדוש דברי יחזקאל, איז פארגעקומען א יארצייט סעודה אין שטוב פון הר"ר שלמה ראטה ז"ל, פון די גרויסע עסקנים פון כולל שומרי החומות. דארט איז דער סוד אנטפלעקט געווארן...

ביי די סעודה האט מען ארומגעשמועסט איבער דאס גרויסקייט פון דעם הייליגן שינאווער רב זי"ע, וועלכער איז - ווי באקאנט - אין יאר תרכ"ט געווען אויף א לענגערע באזוך אין ארץ ישראל און די ירושלים'ער אידן האבן זיך דארט באקענט מיט דעם הייליגן צדיק.

צווישן די באטייליגטע ביי די סעודה איז געווען דער צדיק המקובל רבי יום טוב ידיד הלוי זצ"ל, וועלכער איז געבוירן געווארן און געווען רב אין ארם צובה, און אין יאר תר"נ האט ער זיך באזעצט אין ירושלים, און נאך וואס הרה"ק רבי מאָטעלע מראחמיסטריווקא האט זיך באזעצט אין ירושלים, איז געווארן א שטארקער נאנטשאפט צווישן די צוויי צדיקים.

דער צדיק רבי יום טוב ידיד האט געוואוינט נאנט צו רבי מאָטעלע, און ער האט זיך געפירט יעדן טאג פון יום טוב סוכות צו מאכן די ברכה אויף די ד' מינים אין די הייליגע ירושה סוכה.

**די מצוה פון סוכה מיט אלע אברים**

דאן ביי די יארצייט סעודה פונעם הייליגן שינאווער רב האט רבי יום טוב ידיד צווישן זיינע ווערטער נאכגעזאגט א ווארט וואס ער האט געהערט נאכזאגן פון שינאווער רב, אז אלע מצות אין די תורה טוט מען בלויז מיט א געוויסן אבר, אויסער מצות סוכה וועלכע נעמט ארום אלע אברים פונעם מענטש, וויבאלד מען גייט אריין אין די סוכה מיט אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידין, דעריבער דארף מען שטארק געווארנט אין די קדושה פון די הייליגע סוכה.

דערנאך האט רבי יום טוב ידיד געזאגט פאר די אנוועזנדע אז ס'איז שוין א לענגערע צייט וואס דער הונגער ביי די לומדים אין ישיבת בית-קל איז אומדערטרעגליך, דעריבער פארט ער מארגן צוריק

קיין ארם צובא, צו שאפן דארט געלט פאר די ישיבה.

רבי יום טוב ידיד האט ווייטער געזאגט: כ'האב גענומען דערויף רשות פון מיין נאנטער פריינד רבי מאָטעלע ראחמיסטריווקער, ווען ער האט מיר געזאגט ביים געזעגענען, "צוויי יאר האסטו געליטן הונגער, אצינד וואונטש איך דיר זיבן זאטע יארן" (שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז רבי יום טוב ידיד האט געלעבט אין ארם צובא זיבן יאר און איז דארט נפטר געווארן).

וויבאלד דער צדיק רבי יום טוב ידיד האט דערמאנט אווארט איבער מצות סוכה, און ער האט אויך גערעדט פונעם רבי'ן רבי מאָטעלע ראחמיסטריווקער, האבן זיך די חסידים ווידערמאל דערמאנט איבער די סוכה פונעם רבי'ן, און ס'איז געווארן א שמועס איבער דעם וואס יעדער וואונדערט זיך וואו די הייליגע ירושה סוכה פונעם רבי'ן רבי מאָטעלע איז פארשוואונדן געווארן.

**דאס איז אויך א סעודת הודאה**

פלוצלינג האט זיך אויפגעשטעלט דער חסיד הר"ר ישראל מאיר גאטליעב ז"ל און געזאגט, "רבותי, די סעודה איז ביי מיר אויך פאררעכנט ווי א סעודת הודאה, און ווען נישט דעם שווערן הונגער וואלט איך אנגעגרייט א באזונדערע סעודה".

ר' ישראל מאיר האט דערציילט פאר די פארזאמלטע אז מיט עטליכע חדשים צוריק איז זיין אייניקל קראנק געווארן מיט א מסוכנ'דיגע מחלה און די דאקטורים האבן שוין אויפגעגעבן האפענונג, אבער געלויבט דער אויבערשטער אז דאס קינד איז גענצליך געזונט געווארן.

און ר' ישראל מאיר האט ווייטער געזאגט, "יעצט וויל איך אייך דערציילן וויאזוי דאס קינד איז געווארן אויסגעהיילט, און איר וועט זען פון דעם ווי דאס גרויסקייט פון דעם צדיק דער רבי ר' מאָטעלע", און ער האט דערציילט ווי פאלגנד:

**אוועקגעגעבן די הייליגע סוכה ברעטער**

"ווען מ'איז געגאנגען מיט מיין אייניקל דאס קינד שלמה צו די דאקטוירים, האבן זיי געזאגט אז כדי צו ראטעווען דאס לעבן פונעם קינד דארף מען אים באדן עטליכע מאל א טאג אין הייסע בעדער. אבער וואו טרעפט מען האלץ אין אזעלכע שווערע טעג צו קענען אנווארעמען דאס וואסער? דאס ארעמקייט איז דאך אזוי גרויס אז עס איז נישטא קיין מעגליכקייט צו שאפן האלץ".

"איך בין שנעל אריבערגעלאפן צום רבי'ן ר' מאָטעלע" - האט ר' ישראל מאיר ווייטער דערציילט - "און געזאגט וואס דער דאקטער זאגט. ווי נאר דער רבי האט דאס געהערט, האט דער רבי מיך צוגעפירט צום פלאץ וואו עס איז געלעגן די ברעטער פון די הייליגע סוכה און געזאגט: נעם די ברעטער און נוץ דאס האלץ צו הייצן די וואסער צו ראטעווען דאס לעבן פון דעם קינד.

דערציילט ר' ישראל מאיר ווייטער: "אין אנהויב בין איך געווען שאקירט פונעם רבי'נס ווערטער, אבער דער רבי האט מיר געזאגט איך זאל מיך שנעל צואיילן און נעמען די ברעטער און אנהייצן וואסער צו מאכן הייסע בעדער פאר'ן קינד".

"נישט האבנדיג קיין ברירה" - דערציילט ר' ישראל מאיר - "האב איך צוזאמען מיט מיין זון פארזיכטיג אראפגענומען די הייליגע שֵמות פון די ברעטער, און מען האט גענומען דאס האלץ און געמאכט יעדן טאג ווארימע בעדער פאר'ן קינד, און אזוי האט מען געראטעוועט זיין לעבן".

די אנוועזנדע חסידים זענען אלע געווען שאקירט. שוין עטליכע חדשים וואס יעדער וואונדערט זיך וואס ס'האט פאסירט מיט די הייליגע סוכה, און דא ווערט פלוצים אנטפלעקט דער סוד אז דער רבי האט אוועקגעגעבן זיין הייליגע סוכה צו ראטעווען דאס לעבן פון א אידיש קינד...

**דאס נישט געוואלט פארקויפן**

ווען דער חסיד הר"ר שאול יצחק פריינד ז"ל האט געהערט די מעשה וואס ר' ישראל מאיר האט דערציילט, האט ער צוגעלייגט, אז אין יאר תרס"ח איז דער גרויסער עושר ר' העשיל גניחובסקי פון בארדיטשוב אנגעקומען אויף א באזוך קיין ירושלים.

ר' העשיל פלעגט אפקויפן היסטארישע און טייערע חפצים פון צדיקים, און הערנדיג איבער די היסטארישע הייליגע סוכה וואס געפינט זיך ביי הרה"ק רבי מאָטעלע, איז ער געקומען צום רבי'ן און פארגעשלאגן א ריזיגן סכום געלט - וואס פון דעם וועט דער רבי און די משפחה זיך קענען שפייזן א גאנץ לעבן - אז דער רבי זאל אים פארקויפן די סוכה, אבער דער רבי האט נישט געוואלט הערן דערפון.

"אבער אצינד" - האט ר' שאול יצחק אויסגעפירט - "ווען ס'איז אונטערגעקומען פאר'ן רבי'ן א מצוה פון פיקוח נפש, האט ער נישט געטראכט קיין רגע און איבערגעגעבן די טייערע ברעטער צום פארברענען".

דאן האבן די חסידים געזען דאס גרויסקייט פון זייער רבי'ן הרה"ק רבי מאָטעלע זי"ע, וועלכער האט מיט זיין גרויס אהבת ישראל אוועקגעגעבן די הייליגע סוכה ברעטער וואס ער האט געהאט בירושה פון זיינע הייליגע זיידעס און איז געווען ביי אים זייער חשוב, כדי צו ראטעווען דאס לעבן פון א אידיש קינד, און די מעשה איז לאנג דערנאך געבליבן דער געשפרעך פון טאג ביי די ירושלימ'ער אידן. (איבערגעארבעט פון 'דער אוצר', חודש תשרי תשע"ה)

## אפגעראכטן סוכות אין גלות

הרה"ק רבי נתן נטע מקראקא זצ"ל בעל מחבר ספר הקדוש מגלה עמוקות איז געווען אן איידעם ביי דעם גביר ר' משה עברליש ז"ל פון קראקא. ר' משה איז געווען א ברודער פונעם בארימטער גביר ר' אייזיק יעקל'ס ז"ל - וועלכער האט געבויעט א שול אין קראקא וואס מ'האט גערופן אויף זיין נאמען.

ר' משה - דער שווער פונעם רבי נתן נטע - איז געווען פון די ראשי קהילה אין קראקא און איז אויך געווען א גרויסער תלמיד חכם, און נאך די חתונה איז רבי נתן נטע געזעסן אויף קעסט ביי זיין שווער וועלכער האט אים צוגעשטעלט א גרויסע דירה און אים אויסגעהאלטן מיט אלע געברויכן.

### ער הערט שירה פון די מלאכים

אמאל האט מען אנטפלעקט פון הימל פאר רבי נתן נטע, אז וויבאלד ער איז בייגעשטאנען א גרויסע נסיון, וועט ער זוכה זיין צו הערן די שירה פון די מלאכים, אבער מיט איין תנאי, אז ער זאל באשטימען א צימער וואו נאר ער וועט זיך געפינען, און דארט וועט ער זוכה זיין צו הערן די שירה פון די מלאכים.

רבי נתן נטע האט דערציילט פאר זיין רעביצין וואס מ'האט אים אנטפלעקט פון הימל, און ער האט אנגעזאגט פאר די רעביצין אז זי זאל דאס פאר קיינעם נישט דערציילן, און זי זאל אכטונג געבן אז קיינער זאל נישט אריינקומען אין זיין צימער.

### געוואויר געווארן דעם סוד

איינמאל ווען ר' משה איז געקומען באזוכן אין שטוב פונעם איידעם רבי נתן נטע און ער האט געזען ווי דער איידעם זיצט אליינס אין א זייטיגע צימער, האט ער געפרעגט זיין טאכטער וואס דאס מיינט, האט זי זיך נישט געקענט איינהאלטן און דערציילט פאר איר טאטן אז איר מאן איז זוכה צו הערן שירה פון די מלאכים, און וועגן דעם דארף ער האבן א באזונדערע צימער אז קיינער זאל נישט דארט זיין.

ר' משה האט געהאט נאך צוויי איידימער תלמידי חכמים און יעדן יום טוב פלעגט ער געבן מתנות פאר אלע איידימער. יענעם יאר - נאך וואס ר'

משה איז געוואויר געווארן דאס גרויסקייט פון זיין איידעם רבי נתן נטע, אז ער איז זוכה צו הערן די שירה פון די מלאכים - אין דעם טאג פון פורים האט ר' משה געגעבן א עקסטערע מתנה פאר זיין איידעם רבי נתן נטע.

ווען די אנדערע איידימער האבן דאס געזען, האבן זיי באשלאסן אז ביי די סעודת פורים ווען דער שווער וועט זיין שיכור וועלן זיי פרובירן ארויסצובאקומען פון אים דעם סוד פארוואס רבי נתן נטע האט באקומען א באזונדערע מתנה מער פון די אנדערע איידימער.

אזוי איז טאקע געווען. ווען דער שווער איז געווען שיכור האבן זיי אים געפרעגט פארוואס ער האט געגעבן אן עקסטערע מתנה פאר זיין איידעם רבי נתן נטע. האט דער שווער זיי געענטפערט, "וויאזוי ווילט עטץ זיך צוגלייכן צו אים? ער הערט דאך שירה פון די מלאכים!".

**זיך באהאלטן אין צימער**

ווען די צוויי איידימער האבן דאס געהערט, האבן זיי באשלאסן נאכצוקוקן רבי נתן נטע, און דעם אנדערן אינדערפרי האבן זיי זיך באהאלטן אין זיין פריוואטן צימער.

יענעם טאג ווען רבי נתן נטע האט געענדיגט הערן די שירה פון די מלאכים און ער האט געוואלט ארויסגיין פון צימער, האט ער באמערקט ווי זיינע שוואגערס - וועלכע זענען דארט געווען באהאלטן - ליגן אויף דער ערד אָן קיין צייכענעס פון לעבן (זיי זענען ליידער דארט נפטר געווארן בשעת ווען רבי נתן נטע האט געהערט די שירה פון די מלאכים, וויבאלד זיי זענען נישט געווען ראוי דאס צו הערן).

**געגאנגען גלות ליידן**

ווען דער רבי נתן נטע האט געזען וואס ס'האט פאסירט, האט ער נישט געהאט קיין מנוחה אז דורך אים האט פאסירט דער שרעקליכער אומגליק, און ער האט באשלאסן צו גיין אין גלות, ווי איינער וואס הרג'עט א מענטש בשוגג.

ער האט זיך אנגעטון אנדערע קליידער און איז אוועקגעגאנגען פון קראקא, און ער האט פאר קיינעם נישט דערציילט אז ער גייט אוועק.

ווען די רעביצין האט געזען אז איר מאן איז פארשוואונדן געווארן, האט זי געשיקט בריוון צו די רבנים פון די ארומיגע שטעט, וואו זי האט געשריבן פונקטליכע סימנים וויאזוי איר מאן זעט אויס, און זי האט געבעטן אז אז אויב מ'טרעפט אים, זאל מען איר מודיע זיין.

רבי נתן נטע איז ארומגעגאנגען אפאר חדשים מיט א גרופע ארימעלייט פון איין שטאט צום אנדערן, אנדעם וואס איינער זאל באמערקן אז ער איז דער מענטש וועם מ'זוכט, און ער האט אנגענומען אלע שוועריגקייטן באהבה.

**איינגעשטאנען ביי אן עושר**

ווען ס'האט זיך דערנענטערט דער יום טוב סוכות איז רבי נתן נטע געווארן באזארגט וויאזוי ער וועט קענען מקיים זיין מצות סוכה און ד' מינים, פון וואו וועט ער האבן געלט צו קויפן א טייערן אתרוג ווי ער פלעגט זיך איינהאנדלען אין די פארגאנגענע יארן, און וואו וועט ער קענען מקיים זיין די מצוה פון עסן און שלאפן אין א סוכה אזויווי ער איז געווען געוואוינט ביי זיין שווער אין קראקא.

ערב סוכות איז רבי נתן נטע אנגעקומען אין א געוויסע שטאט, און די ערשטע נאכט יום טוב נאכ'ן דאווענען איז ער - צוזאמען מיט די אנדערע ארימעלייט - געגאנגען צום גבאי'ן וועלכער האט מסדר געווען ביי וועמען די געסט זאלן איינשטיין אויף יום טוב, און דער גבאי האט אים איינגעטיילט איינצושטיין ביי א גרויסן עושר.

אנקומענדיג צום עושר אים שטוב האט ער געוויזן פאר רבי נתן נטע זיין שיינעם אתרוג און זיין הערליכע סוכה, און געזאגט אז ער וועט זיך

קענען אויפהאלטן גאנץ יום טוב אין די סוכה, און אויך וועט ער קענען מקיים זיין די מצוה פון ד' מינים מיט זיין הערליכן אתרוג.

רבי נתן נטע האט געדאנקט דעם אויבערשטן וואס האט אים צוגעשיקט אזא פאסיגע אכסניא וואו ער וועט קענען מקיים זיין די מצוות. ער האט געגעסן די סעודה אין די סוכה צוזאמען מיט דעם עושר און דערנאך האבן זיי זיך געלייגט שלאפן.

**חושד געווען אין די גניבה**

די גנבים פון שטאט האבן געוואוסט אז דער עושר האט טייערע כלים, און א גאנץ יאר איז געווען שווער זיך איינצוברעכן ביים עושר אין הויז, אבער סוכות האבן זיי געוואוסט אז ס'איז גרינגער צו גנב'ענען, דעריבער זענען די גנבים אינמיטן די נאכט אריין אין די סוכה שטילערהייט דורך די סכך און גע'גנב'עט אלע טייערע כלים וואס זענען געלעגן אויפ'ן טיש...

אינדערפרי ווען רבי נתן נטע איז אויפגעשטאנען און געזען אז די אלע טייערע כלים זענען נישטא, האט ער געטראכט אז מסתמא האט דער בעל הבית מורא געהאט אז מ'וועט דאס גנב'ענען און ער האט דאס ארויסגעטראגן פון די סוכה, און רבי נתן נטע איז געגאנגען אין מקוה און זיך געגרייט צו מקיים זיין די מצוה פון שאקלן ד' מינים.

שפעטער ווען דער בעל הבית איז אויפגעשטאנען און געזען אז אלע טייערע חפצים פון די סוכה איז נישטא, האט ער געשריגן אויף רבי נתן נטע, "וואו זענען אלע טייערע כלים?". האט רבי נתן נטע געזאגט אז ער ווייסט נישט וואו עס איז נעלם געווארן.

דער בעל הבית האט חושד געווען אז רבי נתן נטע האט אלעס גע'גנב'עט און ער מאכט זיך ווי ער ווייסט פון גארנישט, און פאר גרויס כעס האט ער אים שטארק געשלאגן.

דעם ערשטן טאג חול המועד האט דער עושר געברענגט רבי נתן נטע צום רב פון שטאט און דערציילט וואס זיין גאסט האט געטון. רבי נתן נטע האט געזאגט פאר'ן רב, "דער אויבערשטער ווייסט אז איך בין ריין פון די גניבה. איך האב גארנישט גע'גנב'עט".

**באמערקט ווער ער איז**

דער רב איז אויך געווען פון די רבנים וועלכע האבן באקומען דעם בריוו פון די רעביצין פון רבי נתן נטע, און קוקנדיג אויף אים האט זיך אים געדאכט אז דאס איז דער געזוכטער מענטש, עס שטימט מיט אלע אנגעגעבענע סימנים, האט דער רב געזאגט פאר'ן עושר, "איך וויל רעדן צום גאסט פריוואט ביי מיר אין שטוב, אפשר דארט וועט ער מודה זיין אויף די גניבה".

דער רב האט אריינגערופן רבי נתן נטע צו זיך אין צימער און אים געוויזן די בריוו וואס ער האט ערהאלטן א שטיק צייט פריער, און געזאגט פאר רבי נתן נטע, "איך בין גוזר אויף דיר אז דו זאלסט מיר דערציילן פארוואס דו ביסט אנטלאפן פון דיין שטאט".

**ער זאל איבערבעטן דעם גאסט**

נישט האבנדיג קיין ברירה האט רבי נתן נטע דערציילט פאר'ן רב די מעשה מיט זיינע שוואגערס וועלכע זענען אוועק פון דער וועלט, און ער האט אויסגעפירט אז צוליב דעם גייט ער ארום גלות ליידן.

דער רב איז ארויס צום עושר - וועלכער האט געווארט אינדרויסן - און אים געזאגט, "זאלסט וויסן אז דער מענטש וועם דו ביזט חושד איז א הייליגער מענטש און ער האט דאס נישט גע'גנב'עט, און דו דארפסט אים איבערבעטן אויף דעם וואס דו האסט אים געשלאגן".

דער עושר האט טאקע איבערגעבעטן רבי נתן נטע, און דער רב האט מכבד געווען דעם גאסט צו זאגן א דרשה אין בית המדרש.

תיכף נאך יום טוב האט מען געטראפן די גניבה, און דאן איז רבי נתן נטע אהיימגעפארן קיין

קראקא, שפירנדיג אז ער האט שוין יוצא געווען דאס גלות ליידן. (ספר מגלה עמוקות בהקדמה)

## דער רשע דערקענט דעם רבי'ן...

עס האט דערציילט הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאר זצ"ל אב"ד חוג חתם סופר בני-ברק, אז אין יאר תש"ג איז ער געפארן אויף שבת נחמו צום קאסאניער רבי'ן הרה"ק רבי ישראל צבי הלוי ראטטענבערג זצ"ל הי"ד בעל אור מלא - וועלכער איז געווען צוגאסט אין די שטאט נייפעסט.

עס איז געווען דעמאלטס אינמיטן די צווייטע וועלט מלחמה, און אסאך אידן וועלכע זענען געווען אין נייפעסט און זיך דארט באהאלטן פון די רעגירונג - ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין פאפירן צו מעגן בלייבן אין אונגארן - זענען געווען פרייטאג צונאכטס ביים טיש פונעם קאסאניער רבי'ן.

## די פאליציי האבן ארומגענומען דעם ביהמ"ד

נאך די סעודה, ווען דער רבי האט געפירט די פירות טיש, איז א איד אריינגעקומען אין בית המדרש און געזאגט דערשראקענערהייט אז די פאליציי האבן ארומגענומען דעם בית המדרש.

ווען מ'האט געפרעגט דעם קאסאניער רבי'ן אויב מ'זאל שיקן א גוי צו ברענגען די פאפירן פון די מענטשן וואס מעגן זיין אין שטאט - ווי דער געזעץ איז דאן געווען אז יעדער מענטש דארף שטענדיג האבן די פאפירן מיט זיך צו ווייזן אז ער מעג זיין דא אין שטאט. האט דער רבי געענטפערט אז ניין, ווייל אויב די מענטשן וואס מעגן דא זיין וועלן ווייזן די פאפירן, וועלן זיי לייגן אין א סכנה די מענטשן וואס האבן נישט קיין פאפירן, אבער אויב מ'וועט זען אז אפילו די מענטשן וואס מעגן דא וואוינען האבן נישט די פאפירן, קען דאס העלפן פאר יעדן.

ווען דער קאסאניער רבי האט געזען אז דער עולם איז זייער דערשראקן, האט ער זיך אנגערופן, "קען איך דען באווייזן מופתים?! איך קען דערציילן א מעשה", און דער רבי האט דערציילט א מעשה וואס האט פאסירט ביי זיין טאטן הרה"ק רבי יהוסף מקאסאני זי"ע בעל בני שלשים, ווי פאלגנד:

## באוויזן א מופת דורכ'ן דערציילן א מעשה

עס איז געווען א איד וועלכער האט געוואוינט אין א דארף נעבן קאסאן. אמאל אין חודש תשרי איז דער איד ל"ע געווארן זייער קראנק, דער מצב איז געווארן ערגער און ערגער, און הושענא רבה נאכמיטאג איז דער מצב פון דעם איד געווארן זייער שמאל און די חברה קדישא זענען שוין געשטאנען ארום זיין בעט.

שמיני עצרת ביינאכט איז מען געקומען זאגן פאר הרה"ק רבי יהוסף אז דער איד האלט שוין ביים שטארבן רחמנא ליצלן, האט רבי יהוסף געזאגט, "קען איך דען באווייזן מופתים?! איך קען דערציילן א מעשה", און ער האט דערציילט א מעשה ווי פאלגנד:

איינער פון די חסידים פון הרה"ק רבי אורי סטרעליסקער זי"ע האט אמאל איינגעלאדענט דעם רבי'ן צו זיין סנדק ביים ברית פון זיין זון אין די שטאט פינסק אין ליטא וואו דער חסיד האט געוואוינט. רבי אורי האט אנגענומען דעם איינלאדענונג און איז אנגעקומען אויף שבת אין די שטאט פינסק.

## אויסגעהיילט דעם חולה

הרה"ק רבי אורי האט זיך געפירט אז ער פלעגט אלעמאל צוגיין צום עמוד צו קבלת שבת און ער האט געדאווענט נוסח ספרד אזויווי ס'איז איינגעפירט ביי חסידים, אבער וויבאלד רוב פון די איינוואוינער פון די שטאט פינסק זענען געווען מתנגדים, האט רבי אורי מורא געהאט אז זיי וועלן אים נישט לאזן זיך פירן אזויווי זיין מנהג.

פארנאכטס ווען רבי אורי איז געגאנגען אין בית המדרש צו מנחה און קבלת שבת, האט ער

גייענדיג אויפ׳ן וועג געהערט א געשריי. רבי אורי האט געפרעגט, "וואס איז דער געשריי?", האט מען אים געזאגט אז ס׳איז דא א מענטש אין שטאט וועלכער איז זייער נישט געזונט און ער האלט ממש ביים שטארבן, האט רבי אורי געזאגט אז ער וויל אריבערגיין צום שטוב פונעם חולה.

ווען הרה״ק רבי אורי איז אנגעקומען אין שטוב פונעם חולה, האט ער באפוילן אז מ׳זאל ברענגען א פלעשל האניג. ווען מ׳האט געברענגט דעם פלעשל האניג האט ער דאס געוואלט געבן פאר׳ן חולה. די מענטשן האבן גע׳טענה׳ט אז ס׳איז א סכנה, אבער רבי אורי האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט און אריינגעלייגט א לעפל האניג אינעם מויל פונעם חולה.

צו יעדנס וואונדער האט דער חולה אויסגעשטרעקט זיין צונג און געלעקט פונעם האניג. רבי אורי האט אים געגעבן נאך א לעפל, און דאן האט דער חולה זיך אויפגעשטעלט פון בעט און איז געגאנגען דאווענען אין בית המדרש...

ווען די מתנגדים האבן דאס געזען, האבן זיי גארנישט געשטערט רבי אורי, און ער האט דעם גאנצן שבת געקענט טון אלעס אזויווי זיין געוועגליכן מנהג.

**שוין געטאנצן די הקפות אין ביהמ״ד**

ווען הרה״ק רבי יהוסף האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט ער גענומען א שטיקל חלה און דאס געשיקט פאר׳ן חולה.

דער זון הרה״ק רבי ישראל צבי האט צוגעענדיגט די מעשה און געזאגט אז שמחת תורה ביי די הקפות איז שוין דער איד געווען אין בית המדרש און געטאנצן מיט׳ן עולם...

גלייך ווען רבי ישראל צבי האט געענדיגט דערציילן די צוויי מעשיות, זענען די פאליציי אריינגעקומען אין בית המדרש צוזאמען מיט׳ן הויפט פונעם מיליטער - וועלכער איז געווען א גרויסער רשע.

**דו געדענקסט מיר נישט?!**

דער הויפט פון די מיליטער האט זיך געשטעלט קעגן איבער דעם קאסאניער רבי׳ן און געפרעגט מיט א געשריי, "ווער איז דער אנפירער דא?". האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט פון פלאץ און געזאגט אז ער איז דער אנפירער.

האט אים דער רשע געפרעגט, "דו מאכסט דא א צוזאמקום קעגן די רעגירונג?". האט דער רבי געענטפערט, "ניין, דער צוזאמקום איז נישט קעגן די רעגירונג, נאר מיר נעמען זיך צוזאם צו דאנקען דעם אויבערשטן לכבוד שבת".

האט דער רשע געפרעגט דעם רבי׳ן, "וואס איז דיין נאמען?". האט דער רבי געענטפערט, "מיין נאמען איז ישראל צבי ראטטענבערג". גיבט זיך דער רשע א רוף אָן, "אה, דו ביזט שׂרָאֱליק, דו געדענקסט אז מיר האבן געלערנט צוזאמען אין די שטאט נירמאדע?!".

דער רשע האט געזאגט פאר זיינע מענטשן, "איך קען אים און ער מאכט נישט קיין צוזאמקום קעגן די רעגירונג", און גלייך האבן די פאליציי פארלאזט דאס בית המדרש.

דערנאך האט זיך דער קאסאניער רבי הרה״ק רבי ישראל צבי אנגערופן, אז ער ווייסט נישט פון וואו דער גוי קען אים, ער איז קיינמאל נישט געווען אין די גוי׳אישע שולע אין נירמאדע...

רבי יצחק שלמה אונגאר זצ״ל האט דערציילט די מעשה וואס ער האט אליינס מיטגעהאלטן, און האט אויסגעפירט, אז אויסער וואס דער רבי איז קיינמאל נישט געווען אין די גוי׳אישע שולע, איז דאס געווען אַן אפענע מופת, ווייל דער רשע איז בכלל נישט געווען די זעלבע יארגאנג ווי דעם רבי׳ן. דער קאסאניער רבי איז שוין דאן געווען איבער פופציג יאר אלט, און דער רשע - להבדיל - איז דעמאלטס געווען קוים פערציג יאר אלט...

(רשומים בשמך)

# יארצייט פון די וואך



**חול המועד סוכות פאלט אויס די יארצייט פון**

**הרה"ק רבי שמואל שמעלקא זי"ע**

**בן הרה"ק רבי יהודה לייב מזאקליקאוו זי"ע**

### ווען ס'איז נישט באשערט

הרה"ק רבי יהודה לייב מזאקליקאוו זי"ע בעל מחבר ספר ליקוטי מהרי"ל - פון די חשוב'סטע תלמידים פונעם הייליגן רבי'ן רבי אלימלך מליזענסק זי"ע - האט געהאט א בן יחיד מיט'ן נאמען רבי שמואל שמעלקא זצ"ל.

רבי שמעלקא פלעגט זיצן און לערנען מיט גרויס התמדה און איז געווען א גרויסער תלמיד חכם. אויך זיין דאווענען איז געווען מיט גרויס התלהבות און ברען, און ער איז געווארן באוואוסט אלס א גרויסער צדיק און עובד השם.

### באשטימט א באזונדערע צימער

ווען הרה"ק רבי יהודה לייב האט געזען ווי זיין בן יחיד האט זיך אינגאנצן אפגעשיידט פון וועלטליכע תענוגים, האט ער באשטימט פאר אים א צימער אין בית המדרש און אים צוגעשטעלט דארט א טיש מיט א לאמפ און א בענקל, אז ער זאל קענען דארט לערנען און דינען דעם אויבערשטן אומגעשטערט.

רבי שמעלקא פלעגט טאקע זיצן אין דעם צימער און דארט געלערנט בייטאג און ביינאכט מיט א געוואלדיגע התמדה. די מענטשן פון בית המדרש האבן אים כמעט נישט געשטערט, אויסער ווען עס איז געקומען אין שטאט גרויסע תלמידי חכמים, פלעגן זיי גיין צום צימער פון רבי שמעלקא און גערעדט מיט אים אין לערנען און געפרעגט זייערע שאלות.

### געלעבט אין גרויס ארעמקייט

אין א דערפל נישט ווייט פון זאקליקאוו האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' פייבל וועלכער איז געווען א גרויסער ארימאן, און זייענדיג א חסיד פונעם הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע און פון הרה"ק רבי יהודה לייב פון זאקליקאוו זי"ע, איז ער אסאך מאל געפארן צו די צוויי צדיקים און געבעטן זיי זאלן אים אנוואונטשן אז ער מיט זיין משפחה זאלן אויפגעראכטן ווערן פון זיין גרויס ארעמקייט. ר' פייבל פלעגט פארגיסן אסאך טרערן איבער זיין שווערן מצב, אבער די צוויי צדיקים האבן אים קיינמאל נישט געוואלט צוזאגן א ישועה.

ר' פייבל האט אבער - ווי אן ערליכער חסיד - נישט פארלוירן זיין האפענונג, און יעדעס מאל ווען דער מצב אין שטוב איז געווארן אומדערטרעגליך, פלעגט ער זיך ארויסלאזן קיין לובלין און קיין זאקליקאוו און זיך נאכאמאל מזכיר געווען ביי זיינע צוויי גרויסע רבי'ס.

צווישן די שטעט לובלין און זאקליקאוו וואו די צדיקים האבן געוואוינט, איז געווען א דארף וואו עס האבן געוואוינט צוויי פעטערס פון ר' פייבל. זיי זענען ביידע געווען גרויסע עשירים, און אלעמאל ווען ר' פייבל איז געווען אין זאקליקאוו ביים רבי'ן, פלעגט ער אויפ'ן וועג קיין לובלין איינשטיין ביי איינע פון די צוויי פעטערס, וועלכע פלעגן אים אויך געבן א שיינע נדבה, און פון דארט איז ער געפארן ווייטער קיין לובלין.

### ער איז גרייט צו ברענגען בראנפן

איינמאל אין די טעג פון עשרת ימי תשובה - ווען עס פלעגט אלעמאל זיין אין זאקליקאוו א גרויסער עולם געסט וואס זענען געקומען צום רבי'ן אויף די הייליגע טעג - איז ר' פייבל געווען אין בית המדרש שפעט ביינאכט נאך חצות. די גאנצע שטאט איז שוין געשלאפן און אויך דאס בית המדרש איז געווען ליידיג, נאר ר' פייבל איז געזעסן אין בית המדרש און פרובירט צו כאפן א דרימל, אבער דער הונגער האט אים געפייניגט און ער האט נישט געקענט איינשלאפן.

פלוצלינג זעט ר' פייבל ווי עס קומען אריין אין בית המדרש עטליכע באקאנטע חסידים, גרויסע תלמידי חכמים, און זיי גייען אריין אינעם צימער פון דעם רבי'נס זון רבי שמעלקא.

ר' פייבל האט זיך צוגערוקט נענטער צו יענעם צימער, און ער האט געהערט ווי די תלמידי חכמים רעדן אין לערנען מיט רבי שמעלקא.

נאכ'ן לערנען עטליכע שעה אין א ציה, הערט ר' פייבל ווי איינער פון די תלמידי חכמים רופט זיך אן, "ווען מיר וואלטן געהאט אביסל בראנפן, וואלטן מיר געקענט ממשיך זיין דאס לערנען און פארשטיין די סוגיא מיט א קלארקייט".

ר' פייבל הערט ווייטער ארויס פון דעם צימער ווי איינער פון די תלמידי חכמים זאגט, "ווער וועט דען וועלן גיין ברענגען בראנפן שפעט ביינאכט אין די פינסטערניש, נאכדערצו יעצט ווען די גאסן זענען פול מיט בלאטע פונעם רעגן וואס האט א גאנצן טאג גערעגנט, און אפילו עס וועט זיך יא טרעפן איינער וואס זאל נישט קוקן אויף דעם, ווער וועט דען וועלן אויפשטיין אין אזא שפעטע שעה און פארקויפן פאר אונז אביסל בראנפן?!".

## אים צוגעזאגט עשירות

ווען ר' פייבל האט געהערט די ווערטער, האט ער געטראכט אז יעצט איז א גוטע געלעגנהייט אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט א ישועה און ווערן ארויסגעלייזט פון זיין שווערן מצב.

ער האט געקלאפט אויפ'ן טיר פונעם צימער פון רבי שמעלקא און געזאגט צו די תלמידי חכמים, "איך האב געהערט אז איר נויטיגט זיך אין בראנפן און ס'איז נישטא צווישן אייך ווער ס'זאל דאס גיין ברענגען, וויל איך אייך זאגן אז איך בין גרייט דאס צו טון, עס שטערט מיר נישט די פינסטערניש און די רעגן, אבער מיט איין תנאי, אז דער רבי (רבי שמעלקא) וועט מיר צוזאגן אז איך וועל געהאלפן ווערן פון מיין שווערן מצב".

ווען רבי שמעלקא האט געהערט די ווערטער פון ר' פייבל, האט ער געזאגט, "אזוי ווי דו פארלאנגסט, אזוי זאל זיין".

ר' פייבל האט געזאגט פאר רבי שמעלקא, אז ער האט שוין אָן א שיעור מאל זיך איינגעבעטן ביי זיין גרויסן טאטן (הרה"ק רבי יהודה לייב) און ביים הייליגן רבי'ן פון לובלין זיי זאלן אים צוזאגן אז ער וועט אויפגעראכטן ווערן פון זיין שווערן מצב, און כאטש וואס זיי האבן פאר אסאך ארימעלייט צוגעזאגט עשירות און זיי זענען געהאלפן געווארן, האבן זיי פאר אים נישט געוואלט צוזאגן, דעריבער בעט ער רבי שמעלקא זאל אים 'צוזאגן' אז ער וועט געהאלפן ווערן מיט עשירות.

ווען רבי שמעלקא האט געהערט די בקשה, האט ער זיך אויפגעהויבן פון פלאץ און אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאגט, "וועם שטערט אז א איד זאל געהאלפן ווערן מיט עשירות?!". דאן האט ער זיך אויסגעדרייט צו ר' פייבל און געזאגט, "איך נעם די זאך אויף מיר. איך זאג דיר צו אז דו וועסט געהאלפן ווערן מיט עשירות".

## געלאפן ברענגען בראנפן

הערנדיג דעם צוזאג פון דעם צדיק רבי שמעלקא, איז ר' פייבל געווארן זייער פרייליך. ער האט שנעל גענומען א כלי און איז געלאפן צו א קרעטשמע. ער האט שוין נישט געשפירט די הונגער, און די בלאטע אויפ'ן וועג האט אים נישט געשטערט, ער האט נאר געטראכט פון דאס עשירות וואס ווארט אים אפ...

ר' פייבל איז אנגעקומען צו א קרעטשמע און געקלאפט אויפ'ן טיר, און אריינגעשריגן אז מ'זאל אים שוין עפענען ווייל ער וויל קויפן בראנפן. דער בעל הבית פון די קרעטשמע איז באלד אויפגעשטאנען און געעפנט די טיר גרייט אנצופולן די כלי מיט בראנפן.

ווען דער קרעטשמער האט געזען די קליינע כלי וואס ר' פייבל האט געברענגט, וואס עס גייט דארט אריין זייער ווייניג בראנפן, האט ער זיך זייער אויפגערעגט און געשריגן אויף ר' פייבל פארוואס ער האט אים אויפגעוועקט אינמיטן די נאכט צוליב אזוי ווייניג בראנפן פון וואס ער וועט קוים פארדינען, און ער האט נישט געוואלט פארקויפן קיין בראנפן פאר ר' פייבל.

דערנאך האט זיך דער קרעטשמער בארעכנט, אז אזויווי ער איז שוין סיי ווי אויפגעשטאנען, זאל ער שוין פארדינען עפעס געלט, און ער האט גענומען די כלי וואס ר' פייבל האט געברענגט און דאס אנגעפילט מיט בראנפן.

ר' פייבל האט באצאלט פאר'ן קרעטשמער, און ער איז מיט גרויס שמחה צוריקגעלאפן אין בית המדרש צום צימער פון רבי שמעלקא און געגעבן די בראנפן פאר די תלמידי חכמים, און ער איז געווען זייער פרייליך ווייסנדיג אז זיין ישועה איז נאנט.

## זיך נישט געקענט בארואיגן

אינדערפרי האט דער צדיק רבי שמעלקא איבערגעטראכט וואס עס האט פאסירט די פארגאנגענע נאכט, און ער האט זיך שטארק מצער געווען פארוואס ער האט צוגעזאגט פאר ר' פייבל צו געהאלפן ווערן מיט עשירות.

ער האט אריינגעטראכט אז אויב האבן די צוויי גרויסע צדיקים אים דאס בשום אופן נישט געוואלט צוזאגן, איז מסתמא פאר דעם ארימאן באשערט פון הימל אויסצולעבן זיינע יארן מיט ארעמקייט, און ער האט גענומען אויף זיך אזא גרויסן אחריות צו צוזאגן פאר דעם איד עשירות, אנדערש ווי ס'איז אים באשערט פון הימל.

**דער טאטע פרובירט אים צו בארואיגן**

ווען די חסידים האבן באמערקט אז רבי שמעלקא איז שטארק צובראכן, האבן זיי אים געפרעגט וואס עס גייט פאר, אבער רבי שמעלקא האט בשום אופן נישט געוואלט זאגן די סיבה פארוואס ער איז צובראכן, זענען די חסידים אריין צום רבי'ן הרה"ק רבי יהודה לייב און דערציילט אז זיי זעען א שטארקע צובראכנקייט אויף רבי שמעלקא, נישט ווי געווענליך וואס ער איז שטארק אויפגעלייגט און דינט דעם אויבערשטן מיט שמחה.

רבי יהודה לייב האט באלד געלאזט רופן זיין זון, און ווען רבי שמעלקא איז אריינגעקומען צום טאטן, האט דער טאטע תיכף געזען אז ס'איז אמת וואס די חסידים האבן אים געזאגט און מ'זעט אז רבי שמעלקא איז שטארק צובראכן, און ער האט אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי צובראכן.

נישט האבנדיג קיין ברירה האט רבי שמעלקא דערציילט פאר זיין טאטן די מעשה וואס האט פאסירט אז ער האט צוגעזאגט עשירות פאר ר' פייבל, און דאס איז די סיבה פארוואס ער איז צובראכן, ווייל ער האט צוגעזאגט פאר א איד אנדערש ווי עס איז באשערט פון הימל.

רבי יהודה לייב האט בארואיגט זיין זון און געזאגט אז ער זאל זיך נישט מצער זיין, זאגנדיג, "דאס וואס דער רבי פון לובלין און איך האבן נישט צוגעזאגט עשירות פאר ר' פייבל, איז ווייל ס'איז נאכנישט געווען די צייט ער זאל געהאלפן ווערן, און אויב מיר וואלטן אים צוגעזאגט עשירות, וואלט דאס נישט גוט געווען פאר אים, אבער יעצט אז דו האסט אים צוגעזאגט, איז א סימן אז ס'איז שוין יא געקומען די צייט ער זאל אויפגעראכטן ווערן".

ווען רבי יהודה לייב האט געזען אז זיין זון רבי שמעלקא קען זיך נאך אלס נישט בארואיגן, האט ער געבעטן פון די נאנטע חסידים זיי זאלן פרובירן צו טראכטן אַן עצה אז זיין זון זאל זיך בארואיגן.

**נישט מוותר אויפ'ן צוזאג**

די חסידים האבן געלאזט רופן ר' פייבל און דערציילט וואס דא גייט פאר, און זיי האבן אים געפרעגט וויפיל געלט ער פארלאנגט מ'זאל אים געבן אנשטאטס די ברכה פון רבי שמעלקא.

האט ר' פייבל געזאגט, אז נאך אזויפיל יארן וואס ער האט זיך איינגעבעטן ביי די צדיקים צו געהאלפן ווערן, האט דער אויבערשטער געפירט אז ער זאל פונקט זיין אין בית המדרש ווען די תלמידי חכמים האבן געדארפט אביסל ברוינפן, כדי אז ער מיט זיינע קינדער זאלן שוין אויפגעראכטן ווערן, דעריבער איז ער בשום אופן נישט מוותר אויף די ברכה.

ר' פייבל האט מורא געהאט אז מ'וועט אים נישט אפלאזן ביז ער וועט דארפן מוותר זיין אויף די ברכה, איז ער אוועקגעפארן פון זאקליקאוו און געפארן קיין לובלין אויף יום כיפור און סוכות.

**געשיקט קיין לובלין**

נאך וואס ס'איז אדורך יום כיפור און דער מצב פון רבי שמעלקא האט זיך נישט פארבעסערט, ער איז נאך אלס געווען זייער צובראכן, האט דער טאטע הרה"ק רבי יהודה לייב באשלאסן צו שיקן זיין זון אויף סוכות צום הייליגן רבי'ן פון לובלין, האפנדיג אז דער רבי פון לובלין וועט אים בארואיגן.

רבי יהודה לייב האט גערופן זיין זון רבי שמעלקא און אים באפוילן צו פארן קיין לובלין אויף סוכות, און רבי שמעלקא איז טאקע געפארן קיין לובלין.

**א האָן קלאפט אויפ'ן פענסטער**

שבת חול המועד נאכ'ן דאווענען, ווען הרה"ק רבי יהודה לייב איז געזעסן אין די סוכה און געגעסן די סעודה פון שבת צופרי, איז פלוצלינג געקומען א ווייסע האָן און געגעבן א שטארקן קלאפ אויפ'ן פענסטער און איז דערנאך אוועקגעפלויגן.

די חסידים וועלכע זענען געווען פארזאמלט אין די סוכה האבן זיך דערשראקן און עס איז געווארן שטיל אין די סוכה. אויך דער רבי וועלכער איז געזעסן גלייך נעבן דעם פענסטער איז געווארן שטיל און געווארן שטארק פאר'דביקות'ט.

**מ'דארף מיר נישט דערציילן**

נאך א קורצע צייט איז דער האָן ווידעראמאל געקומען און געקלאפט אויפ'ן פענסטער, דאן האט הרה"ק רבי יהודה לייב זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאץ און געזאגט, "איך ווייס, איך ווייס, מ'דארף מיר נישט דערציילן", און ער האט אנגעהויבן צו זאגן תורה אזויווי יעדע וואך.

די חסידים האבן נישט געוואוסט וואס דא האט זיך אפגעשפילט און זיי האבן נישט פארשטאנען דעם רבי'נס ווערטער, און זיי האבן געווארט צו זען וואס עס וועט ווייטער פאסירן.

**זיך צוגעאיילט ביי שלש סעודות**

ווען מ'האט געענדיגט די סעודה, האט דער רבי געזאגט פאר'ן עולם זיי זאלן קומען דאווענען מנחה פריער ווי געווענליך. מ'האט טאקע גדאווענט פרי און זיך צוגעאיילט מיט שלש

סעודות, און אינמיטן שלש סעודות האט דער רבי עטליכע מאל געשיקט מ'זאל גיין קוקן אויב מ'זעט שוין שטערנס אויפ'ן הימל. ווען מ'איז געקומען זאגן פאר'ן רבי'ן אז די הימל איז שוין פול מיט שטערנס, האט דער רבי גלייך באפוילן מ'זאל בענטשן און דאווענען מעריב.

גלייך נאך הבדלה האט הרה"ק רבי יהודה לייב באפוילן צו דינגען א וואגן צו פארן קיין לובלין צו די לויה פון זיין זון רבי שמעלקא...

**אים געווען באשערט ארעמקייט**

ווען מ'איז אנגעקומען קיין לובלין, האבן מען געזען ווי דער הייליגער רבי פון לובלין טרויערט אויף די גרויסע אבידה מיט די פריצייטיגע פטירה פון דעם צדיק רבי שמעלקא.




ווען דער רבי פון לובלין האט זיך געטראפן מיט הרה"ק רבי יהודה לייב, האט דער רבי פון לובלין אים געזאגט, "מיין טייערער פריינט, איך האב אסאך געטון פאר דיין זון, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. איר ווייסט דאך אויך אז פאר יענעם איד איז געווען באשערט ארעמקייט אויף זיין גאנץ לעבן, אזוי איז געווען זיין מזל, אבער דיין הייליגע זון האט גענומען אויף זיך אז ער זאל יא האבן עשירות, און יעצט מוז ער ווערן רייך, ווייל צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים, אבער רבי שמעלקא האט שוין נישט געקענט בלייבן דא אויף דער וועלט".

**געווארן א גרויסער עושר**

ווען דער ארימאן ר' פייבל - וועלכער איז געווען אויף די ערשטע טעג סוכות אין לובלין - איז געוואויר געווארן פון די פטירה פון רבי שמעלקא, האט ער פארשטאנען אז דאס האט צו טון מיט דעם צוזאג אויף עשירות וואס ער האט באקומען, און כדי ער זאל נישט האבן קיין בזיונות אז ער האט גורם געווען אז דער צדיק זאל אוועקגיין פון דער וועלט יונגערהייט, איז ער תיכף נאך הבדלה געפארן צום דארף צווישן זאקליקאוו און לובלין וואו ער פלעגט איינשטיין.

אנקומענדיג צום דארף האבן די דארפסלייט דערציילט פאר ר' פייבל אז זיינע רייכע פעטערס זענען פלוצלינג נפטר געווארן, און וויבאלד זיי האבן ביידע נישט געהאט קיין קינדער און ער איז געווען דער נאנטסטער קרוב, האט ער גע'ירשנ'ט זייער גאנצע פארמעגן און איז געווארן א גרויסער עושר.

די ווואונדערליכע מעשה האט ר' פייבל אליינס דערציילט, און ער האט אויסגעפירט, אז דאס דארף לערנען דעם מענטש אז מ'טאר זיך נישט פאר'עקשנ'ען קעגן דעם רצון השם, און א מענטש זאל נישט נאכלויפן א זאך וואס געהערט נישט פאר אים. ווען ער וואלט געוואוסט וואס זיין עשירות וועט צוברענגען, וואלט ער דאס קיינמאל נישט געבעטן. נאר מ'דארף גלייבן אז אלעס וואס השי"ת טוט איז לטובה און אזוי דארף עס זיין.

שנה ז' - גליון רצ"ח

# גליון עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער וויינגאָרטן

### חַג הַסֻּכֹּת תַּעֲשֶׂה לְךָ שִׁבְעַת יָמִים

**דער יום טוב סוכות איז מסוגל צו תשובה**

אז א איד מאכט זיך א חשבון וויאזוי די הייליגע טעג זענען שוין פארבייגעלאָפן, די טעג פון תשובה זענען שוין אוועקגעגאנגען, און ער איז אבער ליידער געבליבן די זעלבע, ער איז פיל מיט זינד און האט נאכנישט קיין תשובה געטוהן רח"ל. טאר א איד אבער נישט ווערן צובראכן און צוקלאפט פון דעם, ער דארף וויסן אז אונזער באשעפער אין הימל, דער אבינו אב הרחמן זוכט עצות און וועגן כביכול וויאזוי צו העלפן א איד אז ער זאל חלילה נישט פארפאלן גיין.

און דערפאר טאקע האט אונז דער רבונו של עולם געשאנקן די הייליגע יום טוב סוכות, וואס דורך די גרויסע קדושה פון דעם יום טוב קען נאך א איד זוכה זיין צו תשובה שלימה און צו פאררעכטן אלעס וואס ער דארף נאך. דער יו"ט סוכות האט אין זיך דער כוח צו 'עפענען די אויגן' פון א איד אז ער זאל משיג זיין פארשטיין און איינזעהן ווי גרויס דער באשעפער איז, און זיך צו וועלן דערנענטערן צו איהם. דערפאר ווערט דער יו"ט אנגערופן 'סוכות' וואס איז א לשון פון זעהן און קוקן, ווי מיר געפונען דער לשון אין חז"ל (מגילה י"א.) שהכל 'סוֹכִין' ביפיה.

און וויאזוי איז מען טאקע זוכה דערצו אז דער יום טוב זאל אונז דערלייכטען די אויגן?, בלויז מיט די כוח פון "אמונה", אז א איד גלייבט אין השי"ת אז ער איז א כל יכול און אז ער קען איהם העלפן און וועט איהם העלפן, אין זכות פון די אמונה וועט ער טאקע זוכה זיין צו ווערן דערנענטערט און זעהן די גרויסקייט פון השי"ת, וויבאלד סוכות איז דער יום טוב פון אמונה, און ווערט אנגערופן אין זוהר הקדוש "צלא דמהימנותא" די שאָטן פון אמונה.

(ספה"ק ישמח ישראל ו')

### הָעוֹשֶׂה סֻכָּתוֹ תַּחַת הָאִילָן

**מען דארף אליינס האָרעווען**

**דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** האט אמאל געזאגט פאר א געוויסער חסיד, וויסן זאלסטו אז אויב דער מענטש ארבעט אליין, ער לייגט אריין כוחות אין תורה און עבודת השי"ת, און פרואווט זיך צו פירן בקדושה, דעמאלטס קען קומען דער צדיק און איהם העלפן, און מאכן אז ער זאל שטייגן, אבער מ'קען נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גארנישט טוהן, און זיך פארלאזן אז דער רבי וועט שוין העלפן. און דאס שטייט אין ספרים הקדושים אויף די ווערטער פון די משנה (פ"א מ"ב) "הָעוֹשֶׂה סֻכָּתוֹ תַּחַת הָאִילָן, כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ בְּתוֹךְ הַבַּיִת", אויב דער מענטש פארלאזט זיך אויפן צדיק וואס ווערט אנגערופן 'אילן' ווי א בוים וואס מאכט א שאָטן, זאל ער וויסן אז ס'איז גארנישט ווערד.

(ספה"ק תפארת שמואל ליל ב')

### יוֹם הַמּוּבְחָר מִכָּל הַזְּמַנִּים

**די קדושה פון שמיני עצרת**

אין **ספה"ק ישמח ישראל** ווערט געברענגט אז שמיני עצרת איז דער געהויבנסטע טאג, און נעמט אריין אין זיך די גאנצע יום טוב סוכות און אלע ימים נוראים, און מ'דארף וויסן אז אלע קדושות געפונען זיך אין דעם איינעם טאג שמיני עצרת.

(ספה"ק ישמח ישראל, שמע"צ)

### דְּיָתִיב עִם מַלְכָּא בִּלְחוֹדֵיהּ

**די תורה נעמט אונז ארום**

**דער אלטער רבי פון ווארקא הרה"ק רבי יצחק זי"ע** האט געזאגט: במשך די זיבן טעג פון סוכות נעמען מיר ארום די תורה (ווי מיר גייען ארום בשעת די הושענות ארום די תורה) און שמחת תורה ביי די הקפות נעמט די תורה אונז ארום...

מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** זאגט פשט אין די ווערטער, ווייל א גאנץ יו"ט סוכות גייען מיר ארום און מיר בעטן ביי השי"ת אז ער זאל טוהן מיט אונז טובות און גוטס, אבער יעצט אין שמיני עצרת און שמחת תורה ווען מיר ווערן נאנט צו השי"ת, ווי דער **זוהר הק'** זאגט (ח"ג ל"ב.) "דיתיב עם מלכא בלחודיה - אז מיר זיצן כביכול אליינס מיט'ן קעניג", יעצט זעען מיר אז עס איז גאר פארקערט, כביכול דער אייבישטער נעמט אונז ארום און ער איז דער וואס בעט זיך ביי אונז אז מיר זאלן מקיים זיין די תורה און מצוות און זיין וואויל, כדי ער זאל אונז קענען טוהן גוטס, ווייל דער אייבישטער וויל טוהן מיט אונז חסד.

(ספה"ק ישמח ישראל מ')

## תוכן הענינים

**מכרם רבותינו**...............................א
א ליקוט פון ספרי רבותינו הקדושים

**פירותיך מתוקים**...............................ב
ד"ת לפרשיות האזינו, וזאת הברכה, בראשית

**מאוצר הכרם** ...............................ב
ענינים פון מגילת קהלת

**עניני חג הסוכות** ...............................ג
דברי תורה אויף חג הסוכות

**מכרם המועדים**...............................ד / ה
סיפורי צדיקים לכבוד יום טוב

**שמחת בית השואבה** ...............................ו / ז
א שילדערונג אויף די שמחה אין ביהמ"ק

**הילולא דצדיקיא**...............................ח
דער יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

מיר וואונטשן פאר אלע אונזערע ליינער און פאר גאנץ כלל ישראל
**א פרייליכן יום טוב**

## די השפעות פון חודש תשרי

מיר געפונען אין די תורה די מצוה פון גיין עולה רגל זיין אין די שלש רגלים צום בית המקדש, ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ט"ז) שָׁלוֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָל זְכוּרְךָ אֶת פְּנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחָר. לכאורה וואלט אבער געווען מער פַּאסיג אז ס'זאל שטיין בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר 'בָּחַר' דער פלאץ וואס השי"ת האט אויסגעוועלט (א לשון עבר) און פארוואס שטייט א לשון עתיד, בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחָר - דער פלאץ וואס השי"ת 'וועט' אויסוועלן אין די צוקונפט.

נאר דער ענין קומט מרמז זיין, אז אויך לעתיד, במשך אלע דורות, וואו עס קומען זיך צוזאם אידן אינאיינעם, מ'קומט זיך פרייען צוזאמען און דינען השי"ת, וועט דאס זיין דער מָקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה', דאס וועט זיין די ארט וואו השי"ת וועט קומען רוען און בענטשן אידישע קינדער. און ווי די תורה הק' זאגט באלד נאכדעם אִישׁ כְּמַתְּנַת יָדוֹ כְּבִרְכַּת ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר נָתַן לָךְ, די ווארט "כמתנת" איז בגימטריא "תשרי", וואס דאס איז טאקע א צייט ווען אידן נעמען זיך צוזאם אינאיינעם און דינען השי"ת, און דעמאלטס וועט השי"ת משפיע זיין פאר אונז אלעם גוטן.

(ארן עדות)

## וועלן גיין העכער

סוכה איז א לשון פון שְׂרָרָה און מלכות, אזוווי 'נְסִיכִים', און איז מרמז אויף דעם וואס א איד איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים צו דינען השי"ת. און דאס איז דער רמז אין וואס חז"ל זאגן "סוכה דירת עראי בעינן" א מענטש דארף אלעמאל וויסן, אז זיין קבלת עול מלכות שמים איז נאר אויף א צייטווייליגע אופן, ער זאל נישט זיין צופרידן דערמיט כאילו ער איז שוין אנגעקומען צום ציל, נאר שטענדיג משתוקק זיין און וועלן צו גיין אלס העכער און העכער אין רוחניות.

(בת עין)

## מ'קען אלעמאל צוריק קומען

מיר געפונען אין חז"ל אז ס'איז א מצוה צו מאכן 'נענועים' מיט די ד' מינים, און ווי חז"ל זאגן "מוֹלִיךְ וּמֵבִיא" אז מ'פירט די לולב אוועק פון זיך און מ'ברענגט עס צוריק. שרייבט **הרה"ק רבי משה אליקים בריעה פון קאזניץ זי"ע**: עס זענען דא אין דעם פילע טיפע און הייליגע כוונות און ענינים, אבער עס איז אויך מרמז אין דעם, אז אפילו א איד האט זיך חלילה דערווייטערט פון השי"ת, קען ער תיכף מאכן די 'הֲבָאָה' און זיך צוריקברענגען צו השי"ת.

(דעת משה)

## אתרוג איז מרמז אויף כלל ישראל

מיר געפונען אין די **גמרא** (סוכה ל"ה.) וואו חז"ל ערקלערן פארוואס א אתרוג ווערט אנגערופן "פְּרִי עֵץ הָדָר - הַדָּר בְּאִילָנוֹ מִשָּׁנָה לְשָׁנָה", ווייל דער אתרוג האט אין זיך א טבע אנדערש ווי אלע אנדערע פירות, עס האלט זיך אויפן בוים פאר עטליכע יאר. קומט אויס פון דעם אז דער אתרוג קען ביישטיין אלע סארטן אומשטענדן, ווינטן, קעלט, היץ, רעגן, טריקעניש, וכדומה, און עס ווערט נישט קאַליע.

**הרה"ק רבי יעקב פון איזביצא זי"ע** ערקלערט אז דאס איז א רמז אויף כלל ישראל מיט די אומות העולם, יעדע פֿאָלק האט געוויסע זאכן וואס עס קען נישט ביישטיין, און דערפאר טאקע זענען פילע פעלקער אונטערגעגאנגען און געהאט מַפָּלוֹת צוליב פארשידענע שוועריגקייטן און מלחמות וואס זענען געקומען קעגן זיי. אבער כלל ישראל איז אזוווי דער אתרוג וואס קען אלעס אדורכטראגן און נישט חרוב ווערן. און דאס דארף אונז דינען אלס א מוסר השכל וויאזוי זיך צו פירן, א איד דארף שטענדיג זיין שטארק ביי זיך און נישט פאלן, און וויסן אז ער קען ביישטיין אלע נסיונות און אדורכטראגן אלע מצבים.

און אז מיר וועלן זיך אזוי פירן וועט השי"ת טאקע משפיע זיין אויף אונז אלעם גוטן און אונז באמת געבן די כוחות אז מיר זאל אלעס קענען ביישטיין מיט א שטארקייט.

(בית יעקב)

## הוֹשַׁע נָא לְמַעַן פְּאֵרָךְ

אין ספר **רמתים צופים** ברענגט דער מחבר **הרה"צ רבי שמואל שינאווער זצללה"ה**: אז אמאל אין ראש השנה ביים רעדן דברי התעוררות פאר תקיעת שופר, האט דער צדיק **הרה"ק רבי שלמה לייב פון לענטשנא זי"ע** גיזאגט פון די טיפענישן פון זיין הארץ, "רבונו של עולם, הייב שוין אויף דיין פאלק כלל ישראל וואס איז דערנידערט און געפאלן ביז צו די ערד רח"ל. מיר וויסן אז יעדער איד, אויב וואלט זיין תפלין ח"ו אראפגעפאלן אויף דער ערד, וואלט ער געשפרינגען מיט איין בהלה עס אויפצוהייבן, עס וואלט נישט געדויערט קיין איבריגע סעקונדע, און דערנאך וואלט ער געווען טרויעריג און צובראכן במשך די גאנצע טאג אויף וואס ס'האט פאסירט".

און דער צדיק האט ממשיך געווען מיט גרויס התעוררות און געוויין, "כלל ישראל זיי זענען דאָך דיינע תפלין, ווי חז"ל זאגן אז אין די תפלין פון השי"ת שטייט אריינגעשריבן וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ, און מיר אידן ליגן ליידער אויף דער ערד בבזיון, ווי דוד המלך זאגט אין תהלים (מ"ד כ"ו) כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ"...

און דער מחבר פון רמתים צופים לייגט צו, אז ער האט מורא צו שרייבן די דיבורים, און בכלל איז נישט מעגליך איבערצוגעבן אלעס וואס דער צדיק האט דעמאלטס געזאגט, אבער זיינע רייד זענען געזאגט געווארן מיט אזא יראה און פחד און געוויין, אז ס'איז געפאלן א מורא אויפן גאנצן ציבור און אלע הערצער זענען פשוט צוגאנגען, און וואויל איז פאר דער וואס האט עס געהערט, ווייל יעדער דארט האט זיכער תשובה געטוהן.

דער זוהן פונעם לענטשנער, **הרה"ק רבי יהושע פון אסטראווא - דער תולדות אדם זי"ע** ברענגט דעם זעלבן ענין, אז זיין טאטע האט געזאגט: אויב די תפלין פון א איד פאלט אראפ ח"ו וואלט ער דאס תיכף אויפגעהויבן און געהַאלדזט און געקושט, און געפַאסט אדער געגעבן צדקה כדי די תפלין זאלן נישט זיין בבזיון ח"ו. און דא כלל ישראל ליגט פארשעמט, און אלע פעלקער טוען מיט אונז וואס זיי ווילן, ס'איז די גרעסטע בזיון פאר דיינע הייליגע תפלין. און דערמיט האט רבי שלמה לייב זי"ע געטייטשט דאס וואס מיר זענען מתפלל סוכות ביי די הושענות "הוֹשַׁע נָא לְמַעַן פְּאֵרָךְ" אז דער רבוש"ע זאל העלפן זיינע הייליגע תפלין, ווי די גמרא זאגט (סוכה כ"ה:) אז תפלין ווערן אנגערופן 'פְּאֵר', און דאס בעטן מיר פון השי"ת אז ער זאל זיך שוין מרחם זיין אויף זיינע תפלין.

## די תפלות האבן אן עליה

**הרה"ק דער שַׂר שלום פון בעלזא זי"ע** האט געזאגט, עס זענען פאראן אזעלכע תפלות פון די גאנצע יאר וואס האבן נישט געהאט קיין 'עֲלִיָּה' און זענען לײדער נישט ארויפגעגאנגען אין הימל, אבער ווען ס'קומט שמחת תורה און אידישע קינדער טאנצן די הייליגע הקפות, דאס איז מעלה אלע אידישע תפלות, און אויך די פַּארוֹאָרפענע תפלות האבן דעמאלטס א תיקון.

זיין זוהן **הרה"ק רבי יהושע פון בעלזא זי"ע** האט געטייטשט מיט דעם די ווערטער וואס מיר געפונען אין די גמרא (סוכה מ"ח.) וואס חז"ל געבן אלס א סימן אויף שמיני עצרת, "פזר קשב" [וואס איז די ראשי תיבות **פ**'ייס **ז**'מן **ר**'גל **ק**'רבן **ש**'ירה **ב**'רכה, לגבי די זעקס זאכן האט שמיני עצרת א דין ווי א אייגענע יום טוב פאר זיך, זעה דארט אין די גמרא]. אין די ווערטער זענען אויך מרמז די אויבנדערמאנטע רייד, "פַּזֵּר" אפילו די תפלות וואס זענען געווען צושפרייט און פַארוֹאָרפן ביז יעצט, "קָשַׁב" הערט זיין השי"ת יעצט אויס (א לשון פון מאזין ומקשיב).

(מהר"י מבעלזא)

## תפלת גשם אויף תורה

חכמינו ז"ל זאגן אז "בחג נדונין על המים" אינעם יום טוב סוכות ווערט מען געמשפט אין הימל אויף רעגן, און דערפאר בעטן מיר טאקע תפלת גשם אום שמיני עצרת. אבער מן הסתם איז נישט די כוונה בלויז אויף גשמיות'דיגע רעגן, נאר אין דעם יום טוב איז די זמן ווען מ'טיילט אין הימל השפעות אויף די רוחניות'דיגע וואסער, אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה. און באמת פונקט ווי וואסער איז די עיקר שפייז און קִיּוּם פאר די וועלט, די זעלבע איז די תורה אין הארץ פון א איד, אָן דעם קען ער נישט לעבן און עקזיסטירן.

(שפת אמת, תרמ"ג)

## אלע ימים טובים

מיר געפונען אז שמיני עצרת און שמחת תורה זענען כולל אין זיך די קדושה פון אלע ימים טובים, ווי עס שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון י"ג כ"ט:) חַג דְּכָל חַגִּין מִתְחַגְּגִין בֵּיהּ, אז דאס איז א יום טוב וואס ענהאלט אין זיך אלע ימים טובים. מ'קען מרמז זיין דעם ענין אינעם נאמען 'שמחת תורה', וויבאלד די שלש רגלים ווערן דאָך אנגערופן זמן חרותינו, זמן מתן תורתינו, און זמן שמחתינו, און שמח"ת איז ראשי תיבות **ש**'מחתינו **מ**'תן **ת**'ורתינו **ח**'ירותינו.

(אמרי נועם)

## מ'דארף באצאלן די חובות

אמאל שמחת תורה איידער די הקפות האט **דער סַאקלַאָווער רבי הרה"ק רבי יצחק זעליג זי"ע** (אייניקל פון דער קאצקער רבי זי"ע) זיך אנגערופן צו די חסידים: 'הקפה' איז א לשון פון בָּארגן און נעמען א חוב, צו דען האט איר שוין אפגעצאלט די אלטע חובות אז איר זענט גרייט צו גיין נעמען פרישע הלוואות?.

(שארית יצחק)

# מכרם המועדים

• סיפורים און מעשיות לכבוד יום טוב •

## דו זיצט נישט אין סוכה

דער סבא קדישא **הרה"ק רבי ישכר בער פון ראדאשיץ זי"ע** אין זיינע יונגע יארן איידער ער איז נתגלה געווארן, איז ער געווען א עני ואביון און פלעגט כסדר הונגערן און פאַסטן צוליב דעם וואס ביי איהם אין שטוב איז אפילו נישט געווען קיין שטיקל ברויט צו שטילן דאס הונגער.

ביי א געלעגנהייט האט דער ראדאשיצער זי"ע אמאל דערציילט פאר א חסיד, אז ס'איז געווען אמאל וואס עטליכע טעג פאר יום כיפור האט ער נישט געהאט וואס צו עסן, אזוי ארום האט ער געפאסט טאג נאך טאג. אזוי אויך נאך יום הקדוש האט ער געהאט בלויז אביסל ברויט מיט וואסער און מיט דעם האט ער זיך קוים דערהאלטן ביים לעבן. ווען ס'איז געקומען די יום טוב סוכות איז זיין שטוב געווען גענצליך ליידיג און ס'איז נישט געווען קיין ברעקל עסן לכבוד יום טוב. ווען ס'איז געקומען סוכות ביינאכט איז דער צדיק געבליבן זיצן אין שוהל וויסענדיג אז ער האט נישט פארוואס אהיימצוגיין, וויבאלד עס וואַרט איהם גארנישט אפ. און אזוי איז ער געבליבן אין בית המדרש ביז שפעט, ענדליך ווען אלע אידן האבן שוין געענדיגט זייער יום טוב'דיגע סעודה אין די סוכה, ערשט דאן האט דער ראדאשיצער זיך אנגעגאַרטלט מיט מוט אהיימצוגיין צו זיין ליידיגע סוכה.

ווי איבעראשט איז ער געווארן ווען ער איז אריינגעקומען אין זיין סוכה האט ער געזעהן אז עס ברענען ליכט און אויפן טיש ליגן חלות און קארטאפל, וואס זיין רעביצין די צדיקת האט נאך אנגעיאָגט צו קויפן ערב יום טוב ווען ער איז שוין נישט געווען אין שטוב, זי האט געהאט א שטיקל צירונג וואס זי האט נאך פאַרמאָגט, און דאס האט זי פארקויפט, און מיט דאס געלט האט זי איינגעקויפט אביסל עסן לכבוד יום טוב. פארשטייט זיך אז עס האט איהם אנגעכאפט א געוואלדיגע שמחה, און ער האט מיט גרויס התלהבות קידוש געמאכט, און דערנאך זיך געוואשן צו די יום טוב'דיגע סעודה. אבער זייענדיג הונגעריג נאך אזויפיל תעניתים -האט דער הייליגער ראדאשיצער זי"ע דערציילט- האט ער פלוצלינג מרגיש געווען אז ער עסט די קארטאפל מיט גרויס געשמאק, ווען פלוצלינג האט ער זיך מיישב געווען און געזאגט צו זיך אליין "בערל, דו זיצט דאָך נישט אין סוכה, דו זיצט דאָך אינעם שיסל"... און דערביי האט ער תיכף אויפגעהערט צו עסן.

(נפלאות הסבא קדישא)

## דער רבי האט אזוי געוואלט

עס האט דערציילט **הגה"ק רבי אברהם פון סאכטשוב – דער אבני נזר זי"ע**, א מעשה שהיה וואס ער האט אמאל בייגעוואוינט בצל קדשו פון זיין גרויסן שווער **הרה"ק רבי מנחם מענדל פון קאצק זי"ע**, און אזוי האט ער דערציילט.

געווען איז א חסיד פונעם קאצקער רבי'ן זי"ע, א איד א נגיד און א עושר וועלכער האט געהאט די חזקה צו קויפן און ברענגן יעדעס יאר די ארבעה מינים פארן קאצקער רבי. האט זיך געמאכט אמאל אז א צווייטער חסיד האט אויך מצליח געווען אין זיינע געשעפטן און איז נתעשר געווארן, און ער האט אויך שטארק געוואלט מְהַנֶה זיין דעם קאצקער רבי'ן און דעריבער האט ער באשלאסן זיך צו לאזן קאָסטן און אליינס ברענגן שיינע מהודר'דיגע ד' מינים פארן רבי'ן.

און אזוי האט טאקע דער נייער עושר געטוהן, באלד נאך ראש השנה האט ער זיך א לאז געטוהן קיין ווארשא וואו ס'איז געווען א גרויסע און שיינע אויסוואַל פון די ד' מינים, און ער האט געקויפט גאר א טייערע אתרוג, ווי אויך די אנדערע דריי מינים, און מיט זיין טייערן געשאנק איז ער געקומען צו פאָרן קיין קאצק און איבערגעגעבן זיין מתנה פארן רבי'ן. ווייטער דער אלטער עושר האט פון זיין זייט אנגעהאלטן זיין חזקה, און אויך געברענגט פארן רבי'ן שיינע און מהודר'דיגע ד' מינים אזויווי ביז היינט.

צומארגענס פון יום הקדוש, האט דער קאצקער רבי גענומען די ד' מינים וואס מ'האט איהם געברענגט, און ער האט אנגעהויבן צו באקוקן ביידע אתרוגים און לולבים, ער האט זיי שטארק באטראכט, געגנישטערט און געזוכט אהין און אהער, ביז ער האט באשלאסן זיי צו שיקן אין בית המדרש אריין צו זיין חבריא קדישא, זיינע גרויסע תלמידים, אז זיי זאלן באטראכטן די ד' מינים און זאגן זייער מיינונג וועלכע ס'איז שענער און מער מהודר.

כך הוה, דער משמש האט גענומען די ד' מינים וואס מ'האט געברענגט פארן רבי'ן, און ער האט זיי אריינגעטראגן אין בית המדרש, און זיך געווענדן צו די גרויסע לייבן, די אנגעזעענע און חשוב'ע תלמידים פונעם קאצקער רבי, אז זיי זאלן מכריע זיין די שאלה, אויף וועלכע ד' מינים זאל דער רבי בענטשן דעם סוכות.

די תלמידים פונעם קאצקער רבי, און איך אויך צווישן זיי, האט דער אבני נזר דערציילט, מיר האבן גענומען די אתרוגים און זיי אנגעהויבן באטראכטן מיט גרויס פארזיכטיגקייט, מ'האט געקוקט און געזוכט פון אלע זייטן. למעשה איז געבליבן די החלטה אז די צווייטע אתרוג דאס וואס דער נייער סוחר האט געברענגט, דאס איז שענער ווי דעם אלטן, און דעריבער וואלט כדאי געווען אז דער רבי זאל דאס נוצן פאר די מצוה.

ווען דער משמש האט צוריקגעברענגט די ד' מינים פארן קאצקער רבי, און איבערגעגעבן די חוות דעת פון די חסידים אז זיי האלטן אלע אז די אתרוג פונעם נייעם עושר איז שענער, האט דער קאצקער רבי געפרעגט אויב זיין גרויסע תלמיד **הרה"ק רבי זאב וואלף פון סטריקוב זי"ע** (א זוהן פון הגה"ק רבי אברהם פון טשעכנוב זי"ע) איז אויך געווען אנוועזנד דארט אין בית המדרש בשעת מ'האט בודק געווען די ד' מינים, אויף וועלכע דער משמש האט געענטפערט אז ניין, רבי וואלף איז נישט געווען. ווען דער קאצקער רבי האט דאס געהערט, האט ער געהייסן דעם משמש זיך ווענדן צום אכסניא פון רבי וואלף, און איהם פרעגן זיין מיינונג. דער משמש האט געפאלגט, ער האט אויפגעזוכט רבי וואלף סטריקובער, און ער האט איהם דערציילט וואס עס איז פאָרגעקומען, אז דער עולם האט באקוקט די ד' מינים, אבער דער רבי וואַרט צו הערן זיין מיינונג. רבי וואלף האט געקוקט און געקוקט, ביז ער האט געטראפן א גאר קליינע פינטל אויפן שפיץ פונעם לולב וואס דער נייער סוחר האט געברענגט, ממש א ברעקל וואס איז קוים געווען זעהבאר מיט די אויגן, און דערנאך האט ער צוגעלייגט, אז ער מיינט אז אויך דעם אתרוג פונעם אלטן בעל החזקה איז שענער ווי דער פונעם נייעם. דער משמש האט געברענגט די רייד פון רבי וואלף פארן קאצקער רבי, און דער רבי האט דאס אנגענומען, זיך צו באנוצן טאקע מיט די ד' מינים וואס דער געוועזנליכער בעל החזקה פלעגט ברענגן.

דער אבני נזר האט דערציילט ווייטער: ווען איך האב געהערט וואס רבי וואלף האט געזאגט, בין איך אריין צו מיין שווער דער קאצקער רבי, און איך האב געוואלט מבטל זיין רבי וואלף'ס מיינונג, איך האב געוואלט טענה'ן אז די אנדערע זענען שענער אזויווי רוב עולם האט געהאלטן. ווען דער קאצקער רבי האט געהערט וואס איך זאג, רופט ער זיך אָן צו מיר "אויב אין דיינע אויגן איז דאס שיין, קענסטו זיי האבן, איך גיב דיר אוועק יענע ד' מינים במתנה גמורה". און דער אבני נזר האט טאקע אנגענומען די מתנה, נעמענדיג די ד' מינים פונעם צווייטן חסיד פאר זיך.

ווען ס'איז געקומען די ערשטע טאג סוכות אינדערפרי, און כ'האב גענומען דעם לולב אין די הענט אריין, איז זיך די לולב ממש צופאלן, אזויווי צוברעקלט אין מיינע הענט, און איך האב פאשטאנען אז ס'איז 'יֵשׁ דְבָרִים בְּגוֹ' און עפעס האט נישט געטויגט מיט'ן לולב, ווארשיינליך האבן מיין שווער און רבי וואלף סטריקובער געזען אדער מרגיש געווען זאכן וואס איך האב נישט געזען, און דעריבער האבן זיי געוואוסט זיך צו היטן דערפון. בין איך צוגעגאנגען צו רבי וואלף מיט טענות -זאגט דער אבני נזר- און איך האב איהם פאָרגעהאלטן, היתכן אז ער האט עפעס געזען אויפן לולב אז ס'איז נישט גוט, און ער האט גארנישט דערציילט.

ווען רבי וואלף האט געהערט מיינע רייד, האט ער מיר געענטפערט, "איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך האב גארנישט געזען שלעכט אויף די ד' מינים פונעם צווייטן סוחר, נאר איך האב פשוט מדייק געווען אינעם רבי'נס ווערטער. דער רבי האט דאָך געהערט אז די גאנצע חבריא האט מסכים געווען צום פאַקט אז די נייע ד' מינים זענען שענער, און דאָך האט ער געשיקט צו מיר צו הערן מיין מיינונג, האב איך תיכף פארשטאנען דערפון אז ער וויל עס נישט נוצן, און דערפאר האב איך געזאגט וואס כ'האב פארשטאנען אז ער וויל הערן אז די ערשטע זענען שענער"...

(זכותא דאברהם)

# מכרם המועדים

**• סיפורים און מעשיות לכבוד יום טוב •**

## א אתרוג מן השמים

חודש תשרי שנת ת"ש, אן אֵימַת מָות הערשט אין די שטעט פון פולין, אין איבערהויפט אין די גאסן פון **אוסטראווו** וואו די דייטשן האבן שוין אריינגעדרינגען, די דארטיגע אידן האבן געלעבט אין שאָטן פון שרעק נישט וויסענדיג וואס דער מארגן קען ברענגן. דער רב פון שטאט **הגה"ק רבי יעקב שרגא פייביל זינגער זצוקללה"ה** איז געווען דער הויפט אדרעס פאר יעדע צובראכן הארץ, די פארוויטאָגטע און דערשראקענע אידן, האבן זיך מיט יעדער פראבלעם געווענדען צו זייער באליבטער רב רבי יעקב פייביל, וואס האט געפירט די קהילה מיט מסירות נפש אפילו אין די גאר שווערע צייטן.

**דער רבי זכרונו לברכה מרן רבי יחיאל מנחם זי"ע** האט דערציילט אז געציילטע טעג פאר סוכות, ווען זיין טאטע רבי יעקב פייביל איז געזעצן אין זיין צימער, און טרערן גיסן פון זיינע אויגן, די צרות ישראל האבן אנגערירט זיין הייליג הארץ, און ער איז צובראכן אויף שטיקער פון די שווערע מצב וואס הערשט אין פוילן. אבער אין צוגאב צו אלע צרות, האט געדרוקט פארן רב גאר א גרויסע פראבלעם, אָט אָט קומט שוין דער יום טוב צו גיין, אבער עס זענען נישט דא קיין ד' מינים אין די גאנצע שטאט, וויבאלד צוליב די שווערע מלחמה אומשטענדן איז נישט געווען מעגליך צו ברענגן אתרוגים און לולבים פון אנדערע ערטער.

פלוצלינג הערט זיך א קלאפ אויפן טיר, און עס באווייזט זיך דארט א איד פון שטאט, א שניידער, און מיט א שטילע קול און עטוואס שעמעוודיג, דערציילט ער פארן רב מיט האלבע ווערטער, איך ווייס נישט... אבער איך האב אמאל געהערט מיט יארן צוריק אז מען קען אוועקלייגן אן אתרוג פון יאר צו יאר און עס זאל זיך האלטן פריש, דורך אנשמירן דעם אתרוג מיט א דיקע שיכט 'וואַקס', און דאס היט אפ דעם אתרוג אז עס ווערט נישט אלט און פארטריקנט. דעם פארגאנגענעם סוכות האב איך געקויפט אן אתרוג בשותפות מיט עטליכע חברים (ווי דער שטייגער איז געווען בימים ההם אז עטליכע אידן האבן געקויפט צוזאמען) און נאך יום טוב איז דער אתרוג פונקט געבליבן ביי מיר, האב איך באשלאסן אז כ'וועל אויספרואוון די עצה מיט די וואקס, און איך האב אוועקגעלייגט דעם אתרוג. יעצט ווען איך הער אז ס'איז נישט דא קיין אתרוג אין שטאט בין איך געקומען אָנטראגן מיין אתרוג, און פרעגן דעם רב צו מ'קען דאס נוצן אויף סוכות... און פארנט פון די אויגן פונעם רב ציהט ארויס דער שניידער פון זיין אתרוג פושקע א הערליכע פרישע אתרוג פון א יאר פריער.

די אויגן פון מיין טאטן האבן אויפגעלאכטן פון פרייד -האט דער רבי ז"ל דערציילט- און ער איז געווארן מלא שמחה פון די גוואלדיגע מציאה וואס זיי האבן זוכה געווען. נאכדעם האט מען שוין פארשאפט עפעס א האלב פארטריקנטע לולב וואס איז נאך געווען כשר בדיעבד, ווי אויך הדסים און ערבות וואס דאס האט מען געקענט גרינגער באקומען אין שטאט. און אין אסטראווו איז געווען פרייליך אז מ'האט זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה מיט די איינציגסטע סעט ד' מינים וואס איז געווען, במשך דעם ערשטן טאג יום טוב זענען פילע אידן געקומען מקיים זיין דעם "ולקחתם לכם" און שאקלען די ד' מינים, און טאקע אויף צומארגענס איז שוין דער אתרוג געווען אויסגעטאפט און פארפלעקט.

(מפי כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה)

## שישו ושמחו בשמחת תורה

עס האט דערציילט א חסיד מיט'ן נאמען ר' אברהם יצחק הלוי האניגסבערג ע"ה, א מעשה נורא וואס האט פאסירט מיט איהם אליין, ומעשה שהיה כך היה: שמחת תורה ביינאכט פלעגט הערשן א גאר געהויבענע און פרייליכע שטימונג אינעם בית המדרש פונעם צדיק **הרה"ק רבי שרגא יאיר פון ביאלעבזיג זי"ע**, און ס'איז געווען איינגעפירט ביי די חסידים דארט, אז ווער ס'האט באקומען אן עליה שמחת תורה ביינאכט, פלעגט מען איהם אפטוהן פארשידענע ווילדע שטיקלעך, מ'האט איהם געשלעפט און געשטאכן וכדומה, און דער עולם פלעגט לאַכן און זיך אונטעהאלטן אויף יענעמ'ס חשבון.

דער אויבנדערמאנטער חסיד ר' אברהם יצחק האט דאס נישט געגליכן, און ווען ס'איז געקומען צום ליינען שמחת תורה ביינאכט, האט ער באשלאסן ארויסצוגיין פון בית המדרש כדי מ'זאל איהם נישט קענען געבן אן עליה, און ער זאל נישט דארפן זיין די כפרה הינדל פונעם גאנצן עולם. אבער צו זיין שלעכט מזל, הערט ער פלוצלינג ווי מ'רופט אויס נישט קיין אנדערן נאר איהם... ר' אברהם יצחק איז געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט, ער האט נישט געקענט מחליט זיין וואס צו טוהן, פון איין זייט האט ער געוואלט ממשיך זיין און ארויסגיין פון בית המדרש כדי נישט מיטצומאכן די בזיונות און די ווילדע שטיק פון די חסידים, אבער פון די צווייטע זייט האט ער געקלערט אז אפשר דאָך זאל ער יא צוגיין וויבאלד מ'האט איהם שוין אויסגערופן.

פלוצלינג האט זיין רבי הרה"ק רבי שרגא יאיר זי"ע באמערקט אז ער קווענקלט אויב ער זאל גיין אדער נישט, רופט ער זיך אָן צום חסיד "גיי צו, אזא שטאָך קען ראטעווען פון א קויל!"... פארשטייט זיך אז נאכן הערן אזעלכע דיבורים איז ר' אברהם יצחק צוגעגאנגען און עולה געווען די תורה, טראץ די אומאַנגענעמליכקייטן וואס זענען מיטגעקומען דערמיט.

דער חסיד ר' אברהם יצחק איז געווען דער בוכהאלטער פון א רייכער בעל הבית וואס האט פארמאגט ריזיגע שטחים פון וועלדער אין פוילן, און צוליב זיין ארבעט האט ר' אברהם יצחק געוואוינט אין איינס פון די וועלדער. אין יענעם יאר האט פאסירט אז איינער פון די גוי'אישע ארבעטער אינעם וואלד איז געכאפט געווארן ביים גַנב'ענען האלץ פונעם בעל הבית, און ער איז שטרענג באשטראפט געווארן אויף די גניבה. דער גוי ווּעלכער האט געהאלטן אז ר' אברהם יצחק האט איהם פאר'מַסֶר'ט און איז שולדיג אין זיין עונש, האט באשלאסן זיך נוֹקֵם צו זיין אין איהם. איין פרייטאג צו נאכטס בשעת ר' אברהם יצחק איז געזעצן ביים שבת טיש, האט ער מכבד געווען זיין יונגל מענדל צו זינגן 'כל מקדש' און דערביי האט ער זיך צוגעבויגן צו איהם דערלאנגענדיג א זמירות'ל אין זיין זוהנ'ס הענט, פלוצלינג אין יענע רגע האט זיך געהערט א הויכע שאָס פון אינדרויסן, דער גוי דער גנב האט זיך געהאט באהאלטן אונטער די פענסטער פון ר' אברהם יצחק און אריינגעשאסן א קויל ווענדיג איהם אומברענגען צום טויט רח"ל, און בחסדי שמים האט ער אויסגעמיטן דעם קויל מיט א האָר דורך זיין קליינעם בייג צו זיין זוהן, און ער איז געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט.

ערשט דעמאלטס האט ער פארשטאנען למפרע די רייד פון זיין הייליגער רבי הרה"ק רבי שרגא יאיר פון ביאלעבזיג זי"ע אז א שטאָך פון די חסידים שמחת תורה ביים עולה זיין, "קען ראטעווען פון א קויל", אזויווי ס'האט טאקע פאסירט ביי איהם.

(ארון עדות, אור זרוע לצדיק)

## הקפות מיט א זאק חלות

אין די תקופה פון די ערשטע וועלט מלחמה האט פאסירט אמאל, אז עס האבן זיך באוויזן פילע רוסישע סאלדאטן אינעם שטאט זוועהיל, זייענדיג אויפן וועג צוריק פונעם מלחמה פראנט. געווען איז דאס שמחת תורה, און דער צדיק **הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע** איז געוואר געווארן אז צווישן די זעלנער איז פארהאן א גרויסע קבוצה אידישע סאלדאטן, און מ'דארף זיי באזארגן מיט עסן. רבי שלמה'קע זי"ע ווּעלכער איז דעמאלטס אריינגעקומען אין בית המדרש צו פראווענען די הקפות, איז צוגעגאנגען צו א חסיד מיט'ן נאמען רבי יוסף קוזשעליק ז"ל, און איהם געהייסן נעמען א זאַק, און ארומגיין צווישן די הייזער אין שטאט, און צוזאמנעמען חלות אז די אידישע סאלדאטן זאלן האבן וואס צו עסן. ר' יוסף האט געקלערט צו זיך אז ער וועטווארטן ביז נאך די הקפות, און דאן וועט ער תיכף ארויסלויפן און פאלגן דעם רבי'נס באפעל און גיין שאַפן עסן פאר די סאלדאטן. אבער ווען רבי שלמה'קע האט באמערקט אז ער איילט זיך נישט צו גיין, האט ער איהם צוגערופן צו זיך און געזאגט מיט ליבשאפט "די תורה וועט זיך פרייען אָן דיר אויך, אבער די אידישע סאלדאטן זיי דארפן דאָך עסן, זיי דארפן האבן שמחת יום טוב". ר' יוסף האט זיך נישט פארזוימט, נאר תיכף געפאלגט דעם רבי'ן און געגאנגען זאמלען חלות פונעם ציבור. ווען ער האט זיך צוריקגעקערט אין בית המדרש האט מען נאך געהאלטן אינמיטן די הקפות, ווי נאר רבי שלמה'קע האט באמערקט זיין חסיד ר' יוסף מיט'ן זאק חלות, האט ער געגעבן א נעם דעם זאק און אנגעהויבן צו טאנצן דערמיט הקפות ארום די בימה פון גרויס התלהבות און שמחה של מצוה אז מ'קען טוהן חסד מיט הונגעריגע אידן און זיי געבן צו עסן.

(צדיק יסוד עולם)

להערות וכן לקבל הגליון באי-מייל kerembeisshmiel@gmail.com

# אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה

לאמיר כאפן א שפאציר און זיך דערנענטערן צום הר הבית און די הייליגע בית המקדש, אין די לעכטיגע צייטן בזמן שבית המקדש היה קיים, ווען די אלפים ורבבות אידן פון אלע ערטער זענען געקומען צו גיין און האבן מקיים געווען מיט א שמחה של מצוה און מיט גרויס דערהויבנקייט און הייליגקייט די מצוה פון עולה רגל זיין. די אידן זענען געקומען צו ווערן געזעהן פארן אייבישטער און מקריב זיין די קרבנות ווי די תורה הקדושה פארלאנגט.

נאר כדי צו האבן א קליין שטיקעלע באגריף וויפיל אידן ס'זענען געקומען צו גיין צום בית המקדש, אט האבן מיר א שילדערונג פון א ברייתא אין **מסכת פסחים**. ווי די גמרא ברענגט (פסחים ס"ד:) אז אמאל האט אגריפס המלך געוואלט האבן א חשבון וויפיל אידן ס'זענען דא, האט ער געהייסן פארן כהן גדול אז ערב פסח ווען דער עולם וועט קומען אין בית המקדש אריין מקריב צו זיין דעם קרבן פסח, זאל ער זיך אומקוקן און נעמען א צאָל פון די מענטשן. און כך הוה, ערב פסח האט מען גענומען א ניִר פון יעדע בהמה וואס איז גע'שָׁחט'ן געווארן פאר א קרבן פסח (וואס דאס האט מען פשוט גענוצט צו קענען אפציילן) **און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז מ'האט גע'שָׁחט'ן איין מיליאן מיט צוויי הונדערט טויזנט קרבנות!**. און ווי די גמרא לייגט צו, אז יעדער קרבן פסח האט געהאט לכל הפחות צען מענטשן וואס האבן זיך געציילט צו עסן דערפון (אויב נישט מער), און אזוי אויך דארף מען נעמען אין באטראכט אז ס'זענען געווען מענטשן וואס זענען געווען טמא דעמאלטס אדער ווייט אוועק וועלכע זענען בכלל נישט אנקומען צו מאכן דעם קרבן פסח. על כל פנים, האבן מיר שוין א שטיקל השגה פון בערך וויפיל אידן ס'זענען זיך צוזאמגעקומען אין ירושלים אין די שלש רגלים.

---

די יום טוב סוכות איז באשאנקן געווארן מיט א ספעציעלע און גאר חשוב'ע מצוה אינעם בית המקדש, וואס דאס איז די מצוה פון 'נִיסּוּךְ הַמַּיִם' ווי פאלגענד.

בימים ההם ווען מ'האט מקריב געווען קרבנות יעדן טאג אויפן מזבח, איז געווען די ערשטע קרבן יעדן טאג אינדערפרי אויפן מזבח, א קרבן עולה וואס דער ציבור איז מקריב, און ווערט אנגערופן 'תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר' (דער תמיד פון אינדערפרי). נאכן מקריב זיין דעם קרבן תמיד האט מען אויך געגאסן וויין אין א ספעציעלע לאָך וואס איז געווען ביים ווינקל פון דער מזבח, וואס דאס איז די מצוה פון גיסן 'נְסָכִים' אינאיינעם מיט א קרבן.

ניסוך המים באדייט, אז אויסער די וויין וועלכע מ'האט אלעמאל געגאסן מיט'ן קרבן תמיד, האט מען אינעם יום טוב סוכות אויך געגאסן וואסער אויפן מזבח, אין א ספעציעלע לאָך וואס איז געווען נעבן דער לאָך פון די וויין.

לכבוד די חשוב'ע מצוה פון ניסוך המים, האט מען געפראוועט גאר א גרויסע און דערהויבענע שמחה אין די טעג פון סוכות אינעם בית המקדש יעדע נאכט חול המועד, וואס מען האט אנגערופן 'שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה' ביי וועלכע מען האט געטאנצן און געזינגען און זיך משמח געווען איידער מען איז געגאנגען אנשעפן די וואסער מקיים צו זיין די מצוה פון ניסוך המים. [שואבה איז א לשון פון שעפן, וואס פשוט פשט גייט דאס ארויף אויף די שמחה פון שעפן וואסער]. אין **ירושלמי** שטייט אז דעריבער האט עס געהייסן 'שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה' ווייל פון דארט האט מען געקענט שֶׁעפּן רוח הקודש דורך די געוואלדיגע קדושה וואס האט דעמאלטס געהערשט אין בית המקדש פון די הייליגע שמחה.

און די **ירושלמי** ברענגט א דבר נפלא, אז דער נביא **יוֹנָה בֶּן אֲמִתַּי** (פון ספר יונה וואס מיר ליינען ביי די הפטורה פון מנחה יום כיפור) האט זוכה געווען צו זיין נבואה טאקע ביי שמחת בית השואבה. יונה איז אנהייב נישט געווען קיין נביא, ער איז בלויז געקומען אין בית המקדש אריין אזויווי אלע אידן וואס האבן עולה רגל געווען, און דארט האט די שכינה גערוהט אויף איהם און ער איז געווארן א נביא.

---

אנגעהויבן האט מען די גרויסע שמחה אין בית המקדש, מוצאי דעם ערשטן טאג יום טוב - וואס אין ארץ ישראל איז נאר דא איין טאג יום טוב, ממילא איז דאס די ערשטע נאכט חול המועד (וויבאלד מען האט דארט געשפילט מוזיק מיט פארשידענע כלי זמר, איז נישט פאָרגעקומען די שמחת בית השואבה אום יום טוב זעלבסט אדער שבת) און דעמאלטס איז מען זיך צוזאמגעקומען אין בית המקדש אינעם 'עֶזְרַת נָשִׁים' וואס דאס איז געווען דער ערשטער גרויסער זאַל אינעם בית המקדש גלייך ווען מ'קומט אריין פון דער מזרח טויער. און דאס זעלבע וועט מען טוהן יעדן טאג חול המועד נאכן מקריב זיין די תמיד של בן הערבים אין די נאכמיטאג שעה'ן, מען וועט זיך צוזאמקומען פאר שמחת בית השואבה וואס וועט זיך ציען במשך די גאנצע נאכט ביז פארטאגס.

די גרויסע היכל פונעם עזרת נשים וואס איז געווען הונדערט פינעף און דרייסיג אמה לאנג ביי הונדערט פינעף און דרייסיג אמה ברייט, איז געווען צוטיילט אין די הייעך, אויבן איז געמאכט געווארן א גאַלעריע ספעציעל פאר די פרויען, וואו זיי האבן געקענט שטיין און מיטהאלטן די ערליכע טענץ און שמחה וואס איז פאָרגעקומען אונטן, און אונטן זענען געווען די מענער און געזינגען און געטאנצט.

אויפן ערד פונעם עזרת נשים זענען געשטאנען ספעציעל הויכע מנורות, די עזרת נשים האט נישט געהאט קיין דאַך, און ממילא האבן די מנורות זיך ארויסגעשטעקט און געשיינט גאר ווייט אין גאנץ ירושלים. יעדע מנורה איז געווען אזויווי א לייכטער פון פיר לעכט, אויבן ביים שפיץ זענען געווען פיר שיסלעך פאר אויל. מען האט געדארפט קריכן מיט א לייטער אנצוקומען צו די שיסלעך, יעדער שיסל האט געהאט זיין אייגענעם לייטער, און די יונגע כהנים זענען ארויפגעקראכן מיט ריזיגע קריגלעך אויל אנצופילן דערמיט די שיסלען. עס איז אריין אכט און צוואנציג לוּגין אויל אין יעדער שיסל (דאס איז 112 מאָל די שיעור 'רביעית' - לכל הפחות צוויי און האלב גאלאן אויל). און פון די אלטע אָפּגענוצטע בגדי כהונה וואס מען האט שוין נישט געקענט נוצן, האט מען צענומען פעדימער און געמאכט קנויטן אנצוצינדען דערמיט די מנורות לכבוד שמחת בית השואבה. חז"ל דערציילן אז די מנורות האבן געשיינט אזוי ווייט אז עס איז נישט געווען קיין איין הויף אין ירושלים וואס האט נישט געלאכטן פון די מנורות, און עס איז געווארן אזוי ליכטיג אין יעדן הויף דורכאויס די נאכט שעות, אז מען האט געקענט קלויבן און דורכקוקן ווייץ צו די שיין פון די מנורות.

אויך האט מען אהינגעברענגט פארשידענע סארטן כלי זמר, און די מענטשן וואס האבן געקענט שפילן האבן זיך געשטעלט שפילן מיט די פילע סארטן אינסטרומענטן, און האבן געשפילט און געפויקט פרייליכע ניגונים, און די וואס האבן געקענט שיין זינגען מיט'ן מויל האבן געזינגען. און אין דערמיט האט מען געטאנצט מיט פייערדיגע ריקודים, מיט פארשידענע פרייליכע תנועות מיט די הענט און מיט די פיס, יעדער איינער לויט ווי ער קען.

---

אבער נישט די פשוט'ע אידן זענען געווען די וואס האבן געפייערט די פרייליכע און די דערהויבענע ריקודים -זאגט אונז דער **רמב"ם**- נאר געווען זענען דאס די גדולי חכמי ישראל, די ראשי ישיבות, די דיינים פון סנהדרין, און נאך פילע חשוב'ע זקנים און חסידים ואנשי מעשה, וואס פלעגן זינגען און טאנצן און פאַטשן מיט די הענט און משמח געווען לכבוד שמחת בית השואבה. און די איבריגע הַמוֹן עַם איז געשטאנען פון די זייט און מיטגעהאלטן און זיך מיטגעפרייט מיט די גרויסע שמחה פון די ערליכע אידן.

אויך געפונען מיר אין חז"ל אז דעמאלטס פלעגט

### ספה"ק ישמח ישראל:

דורך די שמחה פון שמחת בית השואבה וואס מיר פראוועגען היינטיגע צייטן אינעם יום טוב סוכות, קען מען מתקן זיין אלע שמחה און הוללות פון א גאנץ יאר וואס זענען נישט געווען ווי עס דארף צו זיין.

### ספה"ק אור המאיר:

ווען א איד פריידט זיך סוכות, דארף ער מעסטן די שמחה אויב ס'איז אזא סארט שמחה פון וואו מ'קען אנשעפּן רוח הקודש, אזויווי ס'איז געווען אין בית המקדש ביי שמחת בית השואבה (ווי חז"ל זאגן שֶׁמִּשָּׁם שׁוֹאֲבִין רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ), און נישט חלילה אזא סארט שמחה פון וואו מ'קען דערווייטערט ווערן ח"ו. און דער עיקר "זמן שמחתינו" איז אז מ'זאל זיך פרייען א רוחניות'דיגע שמחה אז מיר האבן זוכה געווען צו דינען השי"ת.

# אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה

מען זאגן און זינגן פארשידענע אויסדרוקן פון שירות ותשבחות צו השי"ת. ווי אויך האט מען משמח געווען מיט פארשידענע קונצן און אינטערסאנטע זאכן וואס געבן צו צו די שמחה. ווי די **גמרא** דערציילט אז דער הייליגער תנא **רבן שמעון בן גמליאל** פלעגט וואַרפן פאַקלען און זיי צוריקכאפן, ער האט געקענט ווארפן און כאפן מיט אכט ברענענדיגע פאקלען אָנדעם וואס איינס זאל אנרירן דעם צווייטן. ווי אויך האט רבן שמעון בן גמליאל באוויזן א קונץ, ער פלעגט זיך ביקן אויפן ערד, ווי דער סדר איז געווען אין בית המקדש אז מ'האט זיך געבוקט פארן אייבישטער פלאַך אויפן ערד מיט פִּשּׁוּט יָדַיִם וְרַגְלַיִם, אבער רשב"ג האט זיך אראפגעלייגט און אויך צוריק אויפגעהויבן בשעת ווען ער לענט זיך אָן אינגאנצן בלויז אויף זיינע צוויי פינגער, אָן זיך איינצובייגן און באנוצן מיט די קניען אדער די הענט. ער האט אראפגעלייגט שטארק זיינע צוויי 'אגודלין' (די גרויסע פינגער פון ביידע הענט) אויף דער ערד און אזוי האט ער זיך אראפגעלייגט אינגאנצן גלייך, געגעבן א קוש דער ערד, און דערנאך זיך צוריק אויפגעהויבן, בלויז דורכ'ן זיך אנלאנען אויף די צוויי פינגער. [וואס אגב, די גמרא זאגט אויף דעם אז קיינער אנדערש האט דאס נישט געקענט באווייזן בימים ההם. און די גמרא דערציילט אז **לוי** (רבי לוי בר סיסי וועלכער האט געלעבט אין די תקופה צווישן די תנאים און אמוראים) האט געוואלט באווייזן אט דעם קונץ פאר **רבי**, און ער איז געווארן הונקעדיג ל"ע, וויבאלד ער האט געלייגט צופיל געוויכט אויף זיינע פיס, נישט האבנדיג די הילף פון זיינע הענט איהם צו העלפן אויפשטיין פון די ערד].

עס איז כדאי צו דערמאנען די ווערטער פונעם **רמב"ם** (סוף הלכות לולב) וואס ברענגט ארויס אז ווען ס'קומט צו די שמחה של מצוה איז נישט קיין פלאץ צו נעמען כבוד, אדרבה מ'דארף זיך מְבַזֶּה זיין און מבטל זיין אינגאנצן ווען ס'קומט צו די כבוד פונעם אייבישטער. ווי דער רמב"ם שרייבט: די שמחה וואס א מענטש דארף זיך פרייען צו קענען טוהן א מצוה און מיט ליבשאפט צו השי"ת וואס האט אונז באפוילן די מצוה, דאס איז א גרויסע עבודה, און ווער עס האלט זיך צוריק פון די שמחה איז ראוי צו באקומען א שטראף ח"ו, ווי עס שטייט אין פסוק (דברים כ"ח) תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, אז די תוכחה וועט קומען ח"ו צוליב דעם וואס מ'האט נישט געדינט השי"ת בשמחה. און ווער עס האלט זיך גרויס און גיבט זיך אליינס אפ כבוד אין אזעלכע פלעצער (ווען מ'פריידט זיך לכבוד השי"ת) דער איז א חוטא און א שוטה, און אויף דעם האט שוין **שלמה המלך ע"ה** אנגעוואָרנט (משלי כ"ה) אַל תִּתְהַדַּר לִפְנֵי מֶלֶךְ, אז מ'טאר זיך נישט באשיינען פארן אייבישטער. **אדרבה, דער וואס איז זיך משפיל, ער גרינגשעצט אין זיך ווען ס'קומט צום אייבישטער'ס כבוד, דער איז א גרויסע און מכובד'יגע מענטש וואס דינט השי"ת מיט ליבשאפט.** און אזוי געפונען מיר ביי **דוד המלך ע"ה** וואס ער האט געזאגט ווען ער האט זיך מבזה געווען מיט'ן טאנצן פארן ארון, "וּנְקַלֹּתִי עוֹד מִזֹּאת וְהָיִיתִי שָׁפָל בְּעֵינָי" אז אפילו אויב ער וואלט זיך נאך מער פארשעמט און ביליג געמאכט, וואלט דאס געווען א גרעסערע כבוד, ווייל ס'איז נישט דא אזא גרויסקייט און כבוד ווי זיך צו פרייען פארן אייבישטער, ווי מיר געפונען טאקע אז דוד המלך האט אזוי געטוהן, ווי עס שטייט (שמואל ב' ו') הַמֶּלֶךְ דָּוִד מְפַזֵּז וּמְכַרְכֵּר לִפְנֵי ה' אז דוד המלך האט געטאנצט מיט פארשידענע תנועות און טענץ פארן אייבישטער...

צוריק צו די גרויסע שמחה אין בית המקדש: די שמחה האט אנגעהאלטן אָן אויפהער במשך די גאנצע נאכט ביז פארטאגס. ווען עס איז געקומען די זמן פון עלות השחר, זענען געגאנגען צוויי כהנים און זיך געשטעלט ביי די שערי ניקנור, די טויערן וואו מ'גייט אריין פון עֶזְרַת נָשִׁים אריין אין עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל (פונעם עֶזְרַת נָשִׁים זענען ארויפגעגאנגען פופצן רונדעכיגע טרעפ און פון דארט גייט מען אריין אין עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל - דער פלאץ וואו די אידן פלעגן שטיין און צוקוקן די עבודה אין ביהמ"ק), זיי האבן געהאלטן צוויי זילבערנע טראמפייטער און זיי האבן געבלאזן א תקיעה, תרועה, און תקיעה, און זיי האבן אנגעהויבן אראפצוגיין די טרעפ זיך ארויסצולאזן אויפן וועג צום שעפן די וואסער. אויפן צענטן טרעפל האבן זיי זיך אויך אפגעשטעלט און געבלאזן די זעלבע סדר תקיעה, תרועה, תקיעה, און אזוי האבן זיי אדורכגעשפאַנט די גאנצע עזרת נשים ביז צום הויפט טויער אויף מזרח זייט. ארויסגייענדיג האבן זיי זיך אויסגעדרייט צוריק צום היכל, צו די זייט פונעם עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל פון וואו זיי זענען יעצט געקומען, און געזאגט "אָנוּ לְיָ-הּ וְעֵינֵינוּ וּלְיָ-הּ וְעֵינֵינוּ" אז אונזערע אויגן זענען געוואנדן צום באשעפער. און פון דארט האט מען ממשיך געווען ביז צום קוואל 'שִׁילוֹחַ' פון וואו מען האט אנגעשעפט דאס וואסער, און עס צוריקגעברענגט אין ביהמ"ק אריין. אריינקומענדיג צוריק איז מען אריינגעקומען דורך א ספעציעלער טויער האַרט נעבן דעם מזבח וואס האט געהייסן "שַׁעַר הַמַּיִם", וואס לויט איינס פון די טעמים וואס חז"ל זאגן אונז פארוואס עס האט געהייסן שער המים, איז טאקע צוליב די וואסער פון 'ניסוך המים' וואס מען האט דארטן אריינגעברענגט אין סוכות. ביים שער המים האבן די כהנים נאכאמאל געבלאזן א תקיעה, תרועה, תקיעה, מיט די זילבערנע טראמפייטערס. און דערנאך האט מען דאס אריינגעברענגט אינעווייניג אין די עזרה כדי עס צו גיסן אויפן מזבח.

די **גמרא** דערציילט אז אין די טעג פון סוכות איז מען בכלל נישט געשלאפן, ווייל דער עולם פלעגט זיין א גאנצן טאג אין בית המקדש מיטצוהאלטן די עבודה פון די קרבנות, און דערנאך איז מען געגאנגען אין שוהל אריין צו דאווענען און לערנען, און נאכדעם געגעסן און געטרינקן לכבוד יום טוב, און ווייטער געטאנצן א גאנצע נאכט ביי שמחת בית השואבה, און פון דארט צוריק צו די עבודה דעם קומענדיגען טאג. העכסטנס אז איד איז געווען מיד האט ער געקענט כאפן א דרימל אויף א צווייטער איד'ס אקסל אינמיטן טאנצן.

**מי שלא ראה שמחה זו לא ראה שמחה מימיו...** יהי רצון אז מיר זאלן שוין זוכה זיין בקרוב צו די גרויסע שמחה פון בית המקדש במהרה בימינו, און ווייטער זיך פרייען מיט די עבודה און די מצוות אין ביהמ"ק, און מיט די גאולה שלימה, אמן.

## פארדינט אויף יענעמ'ס חשבון

דער **חתם סופר זי"ע** אין זיינע דרשות, שטעלט זיך אויף די ווערטער פונעם **רמב"ם** וואס זאגט אז די שמחה פון שמחת בית השואבה האבן געפראוועט נאר די גדולי ישראל, און אלע אנדערע אידן זענען בלויז געקומען הערן און זעהן. לכאורה דארף מען פארשטיין, די עיקר שמחה אינעם יום טוב סוכות איז דאָך צוליב דעם וואס מיר האבן זוכה געווען צו באזיגן דעם שטן און געהאט כפרת עוונות אין די ימים נוראים וואס זענען אריבערגעאנגען, אויב אזוי וואלט גאר געדארפט זיין פארקערט, אז טאקע די פשוט'ע אידן וואס האבן געזינדיגט און זוכה געווען צו מחילה סליחה און כפרה, זיי וואלטן געדארפט זיין די וואס פרייען זיך בעיקר, מער ווי די צדיקים און גדולים וואס האבן בכלל נישט געזינדיגט.

איז דער חתם סופר מבאר דעם ענין מיט א **משל נפלא**: געווען זענען אמאל עטליכע שותפים וואס האבן געפירט זייערע געשעפטן צוזאמען, מ'האט געקויפט און געברענגט סחורה פון פארשידענע ערטער, און דערנאך האבן זיי דאס פארקויפט און שיין פארדינט, און זיך צוטיילט מיט די רֶיוח. ויהי היום, און איין שותף האט באשלאסן צו טוהן א געוואַגטע שריט, ער איז געפארן צו א צווייטע לאנד און אריינגעשווערצט פון דארט סחורה, א זאך וואס איז געווען קעגן די געזעץ, און צו זיין שלעכטן מזל האט מען איהם געכאפט, און מ'האט איהם גע'משפט און געפייניגט אין תפיסה אויפן פאַרברעך וואס ער איז באגאנגען. דערווייל, די אנדערע שותפים, פארשטייט זיך אז זיי 'שאקלען זיך אפ' פון איהם, ווייל זיי האבן דאָך נישט אריינגעברענגט די אומלעגאלע סחורה, און זיי האבן בכלל נישט מסכים געווען צו זיין פלאן, אדרבה, אויב וואלט ער זיי געפרעגט פון פריער וואלטן זיי איהם זיכער אפגערעדט דערפון, און זיי אליין וואלטן קיינמאל נישט איינגעשטעלט צו טוהן אזא זאך. און ממילא אז ס'קומט איהם תפיסה און עונשים, זאל ער דאס אליינס מיטמאכן, און זיי ארויסלאזן דערפון.

מה עשה הקדוש ברוך הוא, נאך א קורצע צייט איז געלונגען פאר יענעם שותף צו ווערן באפרייט פון טורמע, און ער האט נאך אפילו געהאט איבערגעבליבן א חלק פון די סחורה אין זיין באזיץ וואס מ'האט נישט אוועקגענומען פון איהם. נו, אז ער איז ארויסגעקומען בשלום און ער האט פיינע סחורה, פארשטייט זיך אז מ'פארקויפט דאס ווייטער, און די אנדערע שותפים צוטיילן זיך מיט איהם אין די רווחים, ווייל סוף כל סוף זענען זיי דאָך שותפים און זיי האנדלען צוזאמען. אליינס וואלטן זיי דאס טאקע נישט געטוהן, און זיי האבן נישט געהאט קיין חלק אין זיינע צרות, אבער אין די רווחים בלייבן זיי שותפים...

מיט דעם ערקלערט דער חתם סופר, דאס זעלבע איז ביי די צדיקים און די גדולי הדור, וואס זענען מוחה קעגן די שלעכטע וועגן פון די רשעים און זענען נישט מסכים צו זייער התנהגות. אבער אז דער רשע פאלגט נישט, וואס קען דער צדיק דען טוהן? ער האט דאָך שוין מעורר געווען און מוחה געווען, און אויב יענער וועט חלילה געשטראפט ווערן אויף זיינע שלעכטע מעשים, דאן האט דאס גארנישט מיט'ן ערליכער איד וואס האט באמת נישט קיין חלק אין דעם.

אבער ווען ס'קומט יום הקדוש און אלע אידן טוען תשובה, און ווי חז"ל לערנען אונז, ווערן דאָך די זדונות אזויווי זכיות, און אלע עבירות ווערן גערעכנט פאר זכותים, דא זענען שוין די צדיקים אויך מחותנים, זיי קומען ווילן אויך באקומען א חלק אין אט די זכותים, וויבאלד "כל ישראל ערבים זה לזה" מיר זענען אלע פארבינדן, און סוף כל סוף זענען מיר דאָך אלע שותפים. קומט אויס אז די צדיקים פארדינען דא א 'ריוח' וואס זיי וואלטן קיינמאל נישט אנגעקומען דערצו ווען נישט די עבירות פון די רשעים. און טאקע צוליב איז די גרעסטע שמחה יעצט אינעם יום טוב סוכות דווקא פאר די צדיקים, ווייל זיי האבן דא די מערסטע פארדינט מיט די תשובה פון די רשעים.




**הרה"ק רבי יעקב יצחק** וואס איז באקאנט מיט זיין גרויסער נאמען **"דער יוד הקדוש" פון פרשיסחא זי"ע**, איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער **רבי אשר** וואס האט געדינט אלס רב און ראש ישיבה אינעם שטאט פשעדבורז, און האט מרביץ תורה געווען פאר פילע תלמידים.

שוין פון אלס קינדוויז אָן האט דער יוד הקדוש געזוכט צו באהאלטן זיינע מדריגות, פון אינדרויסן האט אויסגעזעהן ווי ער האט א פארשטאפטע קאפ און ער האלט נישט ביים דאווענען אדער לערנען. וויפיל מ'האט איהם מוסר געזאגט און געשלאגן דערפאר, האט ער זיך נישט געטוישט. קיינער אין שטעטל האט אבער נישט געוואוסט דעם סוד, אז נאכדעם וואס יעדער פארלאזט דעם שוהל, קומט דער קליינער יעקב יצחק'ל אריינצוקריכן דורך די פענסטער, און דינט השי"ת איינער אליין, ער לייגט אראפ א דאווענען מיט א ברען און א דביקות וואס איז נישט דא זיינס גליכן, זיין נשמה שוועבט אין העכערקייט און ער געפונט זיך כמעט נישט אויף דער וועלט.

נאך אן אינטערסאנטע הנהגה האט דער קליינער **יעקב יצחק'ל** געהאט, ער פלעגט כסדר בעטן אסאך עסנוואַרג, זיין מאמע פלעגט איהם געבן וואס ער האט פארלאנגט, כאטש אין הארץ האט זי זיך געוואונדערט פארוואס ער דארף אזויפיל ברויט און עסנווארג וואס א מענטש קען נישט עסן אזויפיל. ביז אויך דער סוד איז נתגלה געווארן, אז דער קליינער צדיק פירט א ווירטשאפט פון צדקה און חסד, און מיט זיין גוט הארץ שפייזט ער פילע הונגעריגע און נויטבאדערפנדע אידן.

און אט די עבודת הקודש האט ער אנגעהאלטן א גאנץ לעבן, זייענדיג מקיים די מצוה פון צדקה אויף א זעלטענעם פארנעם, און כמעט למעלה מדרך הטבע. צדיקים האבן מֵעיד געווען אויפן יוד הקדוש אז ער האט נישט געלאזט נעכטיגן קיין איין פרוטה ביי זיך אין שטוב, ווייל אלעס וואס ער האט פארמאגט האט ער תיכף אוועקגעשאנקען פאר ארימע מענטשן. און אויב ס'האט זיך געמאכט אמאל אז מ'האט איהם געברענגט א פדיון אפילו אינמיטן די נאכט, האט ער געקענט אויפוועקן איינס פון זיינע בני בית און זיי בעטן אז זיי זאלן שוין אריבערלויפן צו איינע פון די ארימעלייט אין שטאט און זיי געבן דאס געלט.

עס ווערט דערציילט אז ס'האט כמה פעמים פאסירט אז דער יוד הקדוש זי"ע האט געקענט אהיימקומען פון מקוה אָן קיין העמד בכלל, וויבאלד ער האט געטראפן א ארימאן וואס האט געניטיגט אין א מלבוש און ער האט איהם אוועקגעגעבן זיין אייגענעם העמד. אזוי אויך א חשוב'ע און הייליגע העמד וואס דער **יוד הקדוש** האט געהאט ביי זיך פון זיין רבי'ן **דער רבי פון לובלין זי"ע**, האט דער יוד הקדוש אמאל אוועקגעגעבן פאר אן ארימאן, און דאס נישט געהאלטן פאר זיך.

און ווי באקאנט האט דער **יוד הקדוש זי"ע** געזאגט אז יעדער מענטש דארף זיך אויסקלויבן א געוויסע מצוה אין וועלכע ער וועט זיין ספעציעל נזהר אין דעם, און ער האט געגנומען אויף זיך די מצוה פון צדקה. און ער האט ערקלערט אז ווען עס ווערט דערמאנט סיי וואו אין ש"ס א סתם 'מצוה' [ד.מ. אז חז"ל רעדן פון מקיים זיין א מצוה, און ס'שטייט נישט בפירוש פון וועלכע מצוה מ'רעדט], גייט דאס ארויף אויף די מצוה פון צדקה, און דערפאר איז דאס די שפיץ און הויכפונקט פון אלע מצוות (זעה שם משמואל פרשת בשלח).

אויך די לייכטער וואס ער האט פארמאגט האט ער אוועקגעגעבן פאר ארימעלייט, און דעריבער פלעגט ער יעדן ערב שבת מאכן פון ליים א ספעציעלע לייכטער אין וואס די רעביצין זאל צינדן ליכט. ויהי היום, איין ערב שבת איז דער **יוד הקדוש זי"ע** אהיימגעקומען שפעט פון זיין עבודת התפלה וואס איז געווען מיט א געוואלדיגע עבודה און מסירות נפש ווי באקאנט, און ס'איז שוין נישט געווען קיין צייט צו מאכן א שיינע לייכטער פון די ליים, נאר ער האט בלויז געכאפט עטליכע שטיקלעך ליים און געמאכט אין זיי א לאָך אז מ'זאל קענען אריינשטעלן אין דעם די ליכט. די רעביצין איז געווארן זייער ברוגז, היתכן אז זי וועט נישט האבן עפעס א האלב-נארמאלן לייכטער אין וואס צו צינדן די ליכט, און זי האט זיך זייער געבייזערט אויף די חסידים וואס זענען דארט געווען אנוועזנד. דעמאלטס האט איר דער יוד הקדוש בארואיגט און איר פארשפראכן אז אויפן קומענדיגן שבת וועט זי אי"ה האבן זילבערנע לייכטער. למעשה די נעקסטע וואך ערב שבת איז דער יוד הקדוש אויך אהיימגעקומען שפעט פונעם דאווענען, און קיין לייכטער איז נישט געווען, האט די רעביצין ווייטער אנגעהויבן צו שרייען אויף איהם, און געהאט טענות אז ס'איז נישט דא קיין לייכטער. פלוצלינג איז געקומען צו גיין א איד, און יענער האט געברענגט צוויי קליינע זילבערנע לייכטער אין וועלכע די רעביצין האט געצינדן. די רעביצין האט שטארק אפגעהיטן די לייכטער, און זי פלעגט דאס ספעציעל באהאלטן דורכאויס די וואך אז דער יוד הקדוש זאל עס נישט קענען פארטיילן פאר די נצרכים.

ווען מ'האט אמאל געפרעגט דעם יוד הקדוש, פארוואס ער גיבט אוועק זיין גאנצע האב און גוטס פאר צדקה, חז"ל זאגן דאך (כתובות נ.) "הַמְבַזְבֵּז אַל יְבַזְבֵּז יוֹתֵר מֵחוֹמֶשׁ" אז אפילו ווער עס וויל געבן גאר אסאך געלט פאר צדקה, זאל אבער נישט געבן מער ווי א פינפטל פון זיין פארמעגן. האט דער יוד הקדוש זי"ע געענטפערט מיט זיין געוואלדיגע עניוות, "יא, חז"ל רעדן פון אזא איינער וואס וויל מקיים זיין מצות צדקה, דער זאל טאקע נישט געבן צופיל, אבער אזא איינער ווי איך וואס האט געזינדיגט און דארף האבן א כפרה אויף די עבירות ווי דער נביא זאגט (דניאל ד') וַחֲטָאָךְ בִּצְדָקָה פְרֻק, אזא איינער וויפיל ער גיבט איז דאָך נישט גענוג"...

ווען דער **יוד הקדוש זי"ע** האט אנגעהויבן צו פירן זיין עדה אין **פרשיסחא**, האט ער מרביץ תורה געווען און פאַרגעלערנט שיעורים פאר זיינע תלמידים. זיינע שיעורים זענען געווען באקאנט מיט זייער געוואלדיגע עמקות און כוח הפלפול וואס זענען געווען א שֵׁם דבר.

**הגה"ק רבי יצחק מאיר פון גור - דער חידושי הרי"ם זי"ע** האט געזאגט, אז יעדער צדיק האט א געוויסע זאך מיט וואס ער פארשטעלט זיין אמת'דיגע גרויסקייט. ביים יוד הקדוש איז דאס געווען זיין 'לומדות' דאס וואס די וועלט האט איהם געהאלטן פאר א למדן און א חריף, און אזוי האט מען נישט אנערקענט זיינע אנדערע גרויסע און הייליגע מדריגות.

דער יוד הקדוש האט באפוילן פאר זיינע קינדער, אז זיי זאלן זיך נישט גרויסן מיט זייער יחוס אז זיי שטאַמען פון איהם, אבער ווען ס'וועט קומען צו טוהן שידוכים דאן מעגן זיי זיך אויפטוהן מיט די דריי פאלגנדע זאכן: איינס, אז פון די טאג וואס ער איז געקומען צום שכל האט ער נישט אפגעטוהן דעם שם הוי"ה פון פאר זיינע אויגן. צווייטענס, אז ער וואלט געקענט זאגן נבואה מיט'ן לשון "כֹּה אָמַר הַשֵּׁם" אזוי ווי די נביאים, נאר זיין דור איז נישט געווען ראוי דערצו. און די דריטע זאך, אז מיט זיין כוח התורה האט ער געקענט מבטל זיין א שלעכטע גזר דין אפילו פון זיבעציג יאר, און אפילו אזא גזר דין וואס כביכול השי"ת האט שוין געשוואוירן דעראויף אז ס'גייט קומען...

אמאל איז געקומען צו גיין א חסיד וואס איז געווען א חולה מסוכן אויף זיינע לונגען ל"ע, און דער יוד הקדוש זי"ע האט איהם געזאגט א טיפע פלפול אין הלכות טריפות וואס איז נוֹגֵעַ פאר די לונגען, און דער חולה האט תיכף אנגעהויבן צו שפירן בעסער, און וואס מער דער יוד הקדוש זי"ע האט זיך מפלפל געווען איז ער געווארן אלס מער און מער געזונט, און ער האט נאך געלעבט עטליכע יאר.

איינס פון די קינדער פונעם יוד הקדוש, דער צדיק **הרה"ק רבי נחמיה'לע פון ביכאוו זי"ע** האט באקומען בירושה דעם 'לילקע ציבער' וועלכע זיין פאטער דער **יוד הקדוש זי"ע** פלעגט רייכערן מיט כוונות און יחודים. און רבי נחמיה'לע פלעגט זיך באנוצן דערמיט כדי צו פועל'ן ישועות און ממשיך זיין גוטע השפעות פאר אידישע קינדער.

די לולקע איז געווען א גאר ספעציעלן סארט, און איז געווען זייער שיין, און איין טאג איז עס גע'גנב'עט געווארן פון רבי נחמיה'לעס שטוב. דער צדיק איז געווען אין גרויס צער, זאגענדיג אז דערמיט האט ער געהאלפן אידישע קינדער און יעצט האט ער עס נישט, און ער האט צוגעגעבן "די לולקע מוז צוריק קומען צו מיר".

אמאל ווען רבי נחמיה'לע איז געפארן קיין פרשיסחא זיך משתטח צו זיין אויפן ציון פון זיין פאטער דער יוד הקדוש זי"ע לכבוד די יארצייט, אויפן וועג צוריק האט ער זיך אפגעשטעלט אינעם שטאט ראדום, און דארט איז געקומען צו גיין א שניידער פון ראדום, און איהם געברענגט אט דעם הייליגן לולקע ציבער אלס א מתנה. רבי נחמיה'לע האט דאס באלד דערקענט אז דאס איז די ירושה לולקע וואס איז פארשוואונדן געווארן פון איהם, ער האט עס אנגענומען מיט גרויס פרייד, און דערביי האט ער געפרעגט פונעם שניידער פון וואו ער האט דאס באקומען.

האט דער שניידער דערציילט, אז ער איז היימיש מיט'ן גובערנאטער פון ראדום, און ער קומט און גייט אסאך אין זיין שטוב. ויהי היום האט דער גובערנאטער איהם אנגעבאטן אט דעם שיינעם לולקע אויב ער וויל דאס אפקויפן. אויפן פראגע פונעם שניידער פארוואס עפעס ער וויל פארקויפן אזא טייערע און שיינע לולקע, האט איהם דער גובערנאטער געענטפערט אז ער האט שוין עטליכע מאל פראבירט צו רייכערן דערמיט, אבער יעדעס מאל איז איהם געווארן אזעלכע בלאָטערן אין מויל, ביז ער האט איינגעזעהן אז דאס איז א הימלישע זאך, און דאס מוז זיין א 'זשידאָוסקע לולקע' א אידישע לולקע וואס איז נישט געמאכט פאר איהם צו רייכערן, און דערפאר האט ער עס אנגעטראגן פאר זיין אידישן פריינט...

# דאס פארברענטע תהלים'ל

דער גרויסער שטאטישער שוהל, איז געפאקט פון ברעג צו ברעג און די שטופעניש און געדראנג איז גרויס. און כאטש וואס אינדרויסן הערשט א קאלטער און רעגנדיגער וועטער, שוויצט מען דארט, פון נאנט און פון וויטן - זענען זיך געקומען מסתופף זיין 'בצילא דמהימנותא' פון דעם צדיק - רבי ישראל פון רוזשין, אויף גאנץ סוכות. אויף שמחת תורה איז צוגעקומען נאך א גרויסער צאל אידן, זיך צו פרייען אינאיינעם מיט די תורה און מיטהאלטן די פייערדיגע הקפות פון רבי'ן.

נישט בלויז די נאנטע חסידים זענען געקומען, געקומען זענען אויך, א גרויסער עולם וואס וואוינט אין די שטעטלעך און דערפלעך ארום. די פשוט'ע דארפס אידן, וועלכע זענען אויך נישט מוותר אויף קיין איין געלעגנהייט, צו פייערן צוזאמען מיט דעם רבי'ן א יום טוב און אוודאי נישט אזא יום טוב ווי שמחת תורה. דערצו, ווען מען האט אזא זכיה צו אנרירן און קושן די הייליגע ספר תורה פון רבי'ן, אויף וועלכע מען זאגט, אז עס איז א ירושה נאך פון זיין הייליגן עלטער זיידן, דער מעזריטש'ער מגיד, וואס האט עס באקומען פון זיין הייליגן רבי'ן, דער בעל שם טוב הק'.

גאר אלט קוקט אויס די הייליגע ספר תורה. דאס סחורה'נע מענטעלע פון סאמעט, איז שוין אויך אפגעריבן און ווען מען בייגט זיך אראפ צו קושן די ספר תורה, כאפט א הייליגער ציטער. די ספר תורה ווערט איבער געגעבן פון האנט צו האנט ביי די גאר חשוב'ע תלמידים, ביז ווען עס קומט אן צום צדיק, וואס נעמט עס איבער און הויבט אן זאגן מיט א פייערדיגע התלהבות: "אתה הראת לדעת..."

אבער דאס יאר, איז עפעס אנדערש געשעהן. די ספר תורה איז נאך א לאנגע "איבער-געבונג" אנגעקומען צום צדיק, וואס האט עס איבערגענומען מיט א הייליגן פארכט. ווען עס איז אבער שוין געווען אין זיינע הענט, האט ער נישט אנגעהויבן צו זאגן דעם "אתה הראת", נאר זיך געשטעלט נעבן דעם ארון הקודש, מיט די ספר תורה אין האנט און געווארט. די חסידים, וועלכע האבן אין אנפאנג געמיינט, אז דער צדיק גרייט זיך מיט העכערע הכנות צו די הייליגע הקפות - האבן געדולדיג געווארט און פראבירט אויך זיך אליין צו גרייטן, יעדער לויט זיינע מדריגות, צו די הייליגע עבודה. אבער דער רבי יאגט זיך אינגאנצן נישט - ער שטייט געדולדיג אין זייט און ווארט אויף איינעם.

געווען איז עס אין א שמחת תורה, אין וועלכע עס האט אינדרויסן געהערשט א געפערליכער שטורעם. די שטארקע און האסטיגע רעגנס אן אויפהער, האט פאראורזאכט טיפע בלאטעס, וועלכע האבן דערגרייכט כמעט ביז צו די קניהען. טראץ דעם, האט דער עולם - וואס קומט יעדעס יאר צום רבי'ן - זיך נישט אפגעהאלטן און איז געקומען צו די הקפות ביים רבי'ן. אויב אזוי – וואונדערט זיך דער עולם - אויף וועמען ווארט דער רבי? דאכט זיך, אז יעדער - וואס קומט געוויינליך - איז שוין דא. אבער מינוטן לויפן נאך מינוטן און דער צדיק וויזט נישט קיין צייכן, אז ער גרייט זיך צו אנהויבן מיט די הקפות.

עס גייען פארביי עטליכע שעה, דער עולם ווערט שוין אומגעדולדיג. די קינדער ווערן מיד, מען שטופט זיך אין דעם דערשטיקטן בית המדרש, אבער גארנישט רירט זיך נישט. ענדליך, ווען דער זייגער וויזט שוין אויף נאנט צו חצות, עפנט זיך די טיר פון שוהל און א דארפסמאן קומט אריין, דורכגעווייקט און פארבלאטיגט פון קאפ ביז פיס. ער איז נישט געקומען אליין, דער דארפסמאן, נאר מיטגעשלעפט מיט זיך זיין קליין קינד, פון וועלכן עס ברענגט מיט זיך א ריח פון סמאלע, ווי ער וואלט יעצט ארויס-געקומען פון א פייער.

דער דארפסמאן קומט אריין און קוקט זיך ארום א פארוואונדערטער. לויט זיין חשבון, האט מען שוין געדארפט האלטן טיף אינמיטן די געהויבענע הקפות און דא קוקט אויס, ווי מען האט נאך אינגאנצן נישט אנגעפאנגען.

ווי דער צדיק האט דערזעהן דעם דארפסמאן, איז זיין פנים אויפגעלויכטן געווארן. ער האט באלד געהייסן, מען זאל מאכן פלאץ פאר דעם דארפסמאן, צו אנקומען ביז צום ארון הקודש. דער דארפסמאן גייט צו אינגאנצן צומישט, ער פארשטייט נישט וואס טוהט זיך דא; פארוואס מען נעמט אים אויף מיט אזויפיל כבוד, ווען עס שטייען דא פון די געהויבנסטע תלמידים פונעם רבי'ן.

דער רבי נעמט אים אויף מיט א ליבליכן שמייכל און גיט דאס קינד מיט ליבשאפט א 'קניפל' אין בעקל.

ענדליך גרייט זיך דער צדיק צו אנפאנגען די הקפות. ער גיט איבער פאר דעם דארפסמאן צו האלטן די הייליגע ספר תורה. און אזוי, ווען אין איין האנט האלט ער דאס קינד און אין די צווייטע האנט די ספר תורה - וועלכע דער צדיק האלט אונטער, רופט אויס דער צדיק מיט א פייערדיגע שטימע: "אתה הראת לדעת, כי ד' הוא האלקים... אנא ד' הושיעה נא" - און קהל זאגט נאך מיט גרויס התלהבות.

אזעלכע געהויבענע הקפות, האט מען שוין לאנג נישט געזעהן אין רוזשין. דער צדיק האט געטאנצט מיט א פייערדיגע התלהבות און גרויס שמחה, ארויס ווייזנדיג א באזונדערע נאנטקייט צום דארפסמאן און זיין קליין אינגל.

שפעט אין דער נאכט, האבן די הקפות זיך געענדיגט. ערשט דאן האט דער צדיק גענומען פירן די יום טוב'דיגע סעודה פאר דעם עולם. האלטנדיג שוין אינמיטן די סעודה, האט ער צוגערופן דעם דארפסמאן נעבן זיך און געהייסן דערציילן זיין געשיכטע.

* * *

זיצט דער מלמד אין דעם לערנען צימער, איינגעבויגן איבער דעם אלף-בית, צוזאמען מיט דעם דארפסמאנס אינגל און פראבירט צו אריין פאמפען אין זיין פארמאכטן קאפ די אלף-בית, ער זאל כאטש קענען דאווענען פון א סידור. ער פארמאכט אבער ווידער דעם ספר, מיט א יאוש'דיגן קרעכץ. פארפאלן, דער אינגל וועט שוין קיין גרויסער למדן נישט זיין, אפילו א שטיקל חומש - זעהט אויס – וועט ער נישט פארשטיין. עס איז א שאד די כוחות וואס ער לייגט אריין אין אים. עס וואלט פיל געוואונטשענער געווען, זיך צו ארויס לאזן אויף דער גרויסער וועלט און זוכן א צווייטן וועמען צו לערנען. זאל כאטש זיין פלאג, באגלייט ווערן מיט ערפאלג. עפעס זאל ארויס קומען פון די אומגעהויערע כוחות וואס ער ווידמעט, צו אריין לייגן אביסל תורה אין די דארפישע קינדער.

ארויס גייענדיג פון צימער, טרעפט ער זיך אן אין דעם טאטן. מיט א מיט-פילנדע שטימע טיילט ער אים מיט, וועגן זיינע לעצטע דערגרייכונגען, אדער בעסער געזאגט, איבער דער שוואכער פארשריט וואס זיין זוהן מאכט ביים לערנען.

"בעסער זוכט אויף פאר אייער זוהן, א אנדער באשעפטיגונג" - פירט ער אויס - "די ערפאהרונג האט שוין פיל מאל געוויזן, אז אויך אזעלכע וואס האבן נישט פארשטאנען צום לערנען, האבן ביי מסחר זייער מצליח געווען. איך פון מיין זייט, האב מיין פליכט פארענדיגט מיט אים!"

דער טאטע, קען קוים איינהאלטן א טיפן זיפץ. טאקע א דארפסמאן, אבער ער האט אלץ געהאפט צו זעהן פאר זיין זוהנדל, א בעסערער צוקונפט ווי אים - ער זאל שטייגן אין תורה און לערנען אין א ישיבה. אך, נאר איין נחת האט ער געוואלט האבן פון אים, ער זאל ווערן א ישיבה בחור - אבער עס גייט נישט. ער האט שוין געדונגען עטליכע מלמדים און יעדער - נאך עטליכע וואכן נישט זעהן קיין דערגרייכונגען - גיט אים די זעלבע "דיאגנאז", אז זיין אינגל כאפט נישט אויף דאס לערנען און עס איז א שאד די כוחות וואס מען לייגט אין אים אריין.

איך וועל פארן צום רבי'ן! - באשליסט ער ביי זיך מיט א צובראכן הארץ - אפשר וועט מיר דער צדיק קענען העלפן.

מיט-נעמענדיג זיין קליין אינגל, איז דער דארפסמאן אריבער געפארן צו דעם נישט ווייטן שטאט רוזשין און איז אריין צום רבי'ן, אויסגיסן זיין צובראכן הארץ.

"רבי" - האט ער געוויינט מיט זודיג טרערן - "מיין אינגל פארשטייט נישט קיין איין

אות פון סידור. ער כאפט נישט אויף וואס מען לערנט מיט אים. וואס וועט זיין?! ער קען, חלילה, אויסוואקסן א גוי גמור, ווי די אנדערע גוים אין דארף..."

דער צדיק הערט אויס דאס פארוויייטאגטע הארץ פונעם דארפסמאן, און גיבט אים א גוטע עצה: ער זאל קויפן פאר דעם אינגל א 'תהלים' און דערצו זאל דאס קינד שפירן א ליבשאפט.

די מתנה וואס זיין טאטע האט אים געקויפט, האט טאקע פארנומען דעם חשוב'סטן ארט ביים קינד. ער האט עס געליבט און געהיט ווי דאס שווארץ-אפל פון זיין אויג. ביי יעדע געלעגנהייט, פלעגט ער עס ארויס נעמען פון שופלאד און הארציג געקושט - שפירנדיג א נאנטקייט צו דעם קליינעם און הייליגן תהלים'ל.

געווען איז עס אום הושענא רבה אינדערפרי, ווען דער דארפסמאן האט פלייסיג געארבעט אין זיין פעלד, צו דערגרייכן די וויכטיגע ארבעט, וואס ער וועט נישט קענען ארבעטן אין די טעג פון יום טוב. מיט אמאל שפירט ער א דערשטיקטן ריח פון פייער, וואס קומט פון דעם ריכטונג פון דארף. דער דארפסמאן הויבט אויף זיינע אויגן און זעהט פונדערווייטנס, א געדיכטער שווארצער רויך. אזא געניטער דארפסמאן ווי ער, פארשטייט וואס דאס מיינט: א פייער האט אויסגעבראכן און ברענט שוין א שטיק צייט.

איין זאך וואונדערט אים אבער: פארוואס די קלויסטער-גלאקן קלינגען נישט, צו רופן די איינוואוינער פארלעשן דעם פייער, ווי דער שטייגער איז ווען עס ברעכט אויס א פייער אין דארף. ער וויל זיך אומקערן צו זיין ארבעט, ווען פלוצלינג שפרינגט ער אויף ווי א געביסענער פון א שלאנג: עס מוז זיין, אז זיין הויז ברענט, נישט קיין וואונדער, אז די גלאקן קלינגען נישט און קיינער קומט אים נישט מעלדן - ער איז דאך פון די איינציגע אידן אין דארף, פאר וועמען דער "קלויסטער" האלט זיך נישט ביים אננעמען...

מיט די גרעסטע כוחות וואס ער האט נאר פארמאגט, האט ער גענומען לויפן צום דארף אין איין אטעם, האפנדיג, נאך צו קענען ראטעווען עטוואס פון זיין פארמעגן. און יא, זיין השערה איז געווען א ריכטיגע. אנקומענדיג צו זיין הויז, האט ער עס געטראפן אין א ריזיגן פלאקער. עס איז שוין נישט געווען וואס צו טאן, ער האט בלויז געקענט שטיין און באדויערן זיין גאנצן פארמעגן וואס גייט ארויף מיט דעם רויך. די איינוואוינער פון דארף זענען זיך אלע צוזאמען געלאפן זעהן, ווי דעם אידנס פארמעגן גייט אויף אין רויך, קוועלנדיג פון יעדע סעקונדע פון די אינטערעסאנטע סצענע. אבי זייערע הייזער, זענען נישט אנגערירט און געשעדיגט געווארן. זיי זענען נאך טאקע געקומען גענוג פרי, ווען דער פייער איז נאך געווען גאנץ קליין, אז מען זאל עס קענען אויסלעשן, אדער כאטש ארויס ראטעווען פון הויז וואס מען קען נאר. זיי האט אבער ווייניג וואס געאהרט, וואס דער אידנס פארמעגן ווערט פארברענט. פארקערט, עס האט זיי פארשאפט א עקסטערן פארגעניגן...

שטייענדיג דארט א צוטומלטער, אן צו וויסן פריער וואס צו טאן, כאפט זיך דער דארפסמאן פלוצלינג: די בהמות - זיי קען מען נאך אפשר ראטעווען... און ער נעמט זיך געשווינד לויפן צום שטאל.

עטליכע מינוט שפעטער, הערט זיך א האסטיגן קוויטש פון די גוים ארום. געשווינד לויפט ער צוריק צום ברענענדיגן הויז און יאגט נאך אן צו זעהן זיין קליין אינגל, אריין-שפרינגען אין ברענענדיגן הויז. די גוים קוקן זיך אן איינער דעם צווייטן, מיט פארוואונדערונג און שרעק אינאיינעם:

"דער קליינער נארישער דזשיד... שטעלט זיך איין דאס לעבן פאר דעם פארמעגן... ער וועט זיכער נישט ארויסקומען א לעבעדיגער..." - שושקען זיי.

דער דארפסמאן, שפירט א שוואכקייט אין זיינע ביינער. ער שפארט זיך אן אויף דעם דערנעבנדיגן צוים, טראכטנדיג, צו ער זאל אויך אריין לויפן אין הויז כדי צו ראטעווען זיין אינגל. אבער ביז וואס ווען, שפרינגט דער קליינער אינגל צוריק ארויס פון דעם פייער, האלטנדיג אין האנט דעם קליינעם אפגעברענטן תהלים'ל און זיינע קליידער ברענען שוין אין פייער.

זעהענדיג אזא וואונדערליכן בילד, ווי דער קליינער האט איינגעשטעלט זיין לעבן בלויז, צו ראטעווען זיין הייליגטום - זענען די גוים נישט געבליבן שטיין, נאר גלייך גענומען גיסן זאמד אויף דעם קליינעם, צו אויסלעשן דעם פייער וואס האט שוין געברענט אויף אים, שושקענדיג זיך איינער צום אנדערן: "דער קליינער, איז א הייליגער איד..."

מיט גרויסע נסים איז דאס קינד געראטעוועט געווארן אן קיין שאדן. עטליכע גרויסע בריהען האבן זיך צושפרייט אויף זיין קערפער, פאראורזאכנדיג אים נישט גרינגע שמערצן - אבער דאס קינד איז געווען איבער גליקליך, וואס ער האט מצליח געווען צו ראטעווען דעם טייערן תהלים'ל. אט דאס האט ער מיטגענומען מיט זיך קיין רוזשין, וואו פאטער און קינד האבן זיך באלד דערנאך ארויס געלאזט, צו מיטהאלטן מיט די פייערדיגע הקפות ביים רבי'ן.

"אצינד פארשטייט איר, פארוואס איך האב אפגעשטופט די הקפות און געווארט אזוי לאנג" - האט דער צדיק אויסגעפירט, ווען דער דארפסמאן האט פארענדיגט די ערציילונג - אויך אין הימל האט מען געווארט, אז דער קליינער מסירות נפש איד, וואס האט זיך איינגעשטעלט און מוסר נפש געווען צו ראטעווען זיין תורה, זאל קומען טאנצן מיט די הייליגע ספר תורה, אויף וואס ער איז באמת ווערד!"

* * *

*עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים, אז עס איז א גרויסע ענין צו פארמערן מיט צדקה ערב סוכות. אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין "מטה אפרים".*

*עס ווערט דערציילט, אז ביים הייליגן "דברי חיים" דער צאנז'ער רב זי"ע, האט פארנומען א גרויסער ארט פאר סוכות, דאס טיילן צדקה. ער האט צוגעלייגט א שיינעם רמז, אויף דעם שייכות פון צדקה צו סוכות, ווי פאלגנד:*

*די סוכה, איז לויט דער דין מן התורה, 2 דפנות – יעדע איינע 7 טפחים די ברייט, אויף 10 די הויך, און דער דריטער דופן – 1 טפח די ברייט, אויף 10 די הויך.*

*אלזא, יעדער דופן איז 7 אויף 10. צוזאמען קומט אויס 70 (70=10✖7). 2 דפנות איז 140, ווען מען רעכנט צו אויך דעם דריטן דופן (נאר 10), איז צוזאמען 150. ווען מ'זאל צורעכענען אויך די "סכך", וואס איז 7 אויף 7, איז 49.*

*צוזאמען קומט אויס 199 – "צדקה" באטרעפט אויף 199.*

*ווען מ'האט דעם צאנז'ער רב'ס ווארט איבער געזאגט פאר דעם גאון דער "אבני נזר" זי"ע, האט עס אים זייער געפאלן, און באלד דערצו צוגעלייגט:*

*אין סוכה גייט מען דאך אריין מיט די רמ"ח אברים, קען מען דאך דעריבער צורעכענען אויך די "קרקע הסוכה", וואס דאס האט אויך אין זיך א קדושת סוכה.*

*די קרקע הסוכה איז דאך אויך 7 אויף 7, ד.ה. 49. דאס צוזאמען מיט די 199, איז 248 – רמ"ח.*

## זאגט דער הייליגער

# רבי ר' אלימלך זצ"ל...

### א שטיקל נועם אלימלך אויף די וואכעדיגע פרשה



**נא לומר קודם הלימוד:** לע"נ הרה"ק רבי **אלימלך** ב"ר **אליעזר ליפמאן** זצ"ל - ולע"נ בתו **מירוש** בת הרה"ק רבי **אלימלך** ע"ה

**(היות עס איז נישט דא קיין תורה אין נועם אלימלך אויף פ' וזאת הברכה, האבן מיר מעתיק געווען א שטיקל 'ליקוטי שושנה' וועלכע איז פאסיג פאר די יו"ט טעג, ווען אידן לאזן זיך קאסטן אזויפיל געלט פאר מצות ומעשים טובים).**

## יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ

**אשריך וטוב לך אשריך בעולם הזה וטוב כו' כי מה שטוב לצדיק בעניני העולם הזה הוא הכל כדי שיבא על ידו לעולם הבא כי הדברים הצריכים לעולם הבא המה התורה והמצות והם אינם יכולים להעשות ולהפעל אם לא שיש לו כל צורכי עולם הזה בריות למשל הכנסת אורחים סוכה ואתרוג ציצית מזוזה אשה ובנים וכדומה להם לזה צריך הכל שיהיה להצדיק מעות בריוח וזהו אשריך פירוש מה שיש לך טוב בעולם הזה אינה עיקר הכוונה כי אם וטוב לך לעולם הבא ולזה נאמר אשריך שפירוש דרך ונתיב לבא על ידו לעיקר טובת עולם הבא וק"ל.**

**אשריך וטוב לך** (תהילים קכח, ב). חכמינו ז"ל (אבות פ"ו, מ"ד) דרש'ענען אויף דעם פסוק, אויף ווערסטו זיך פלאגן אויף תורה, דאן אשריך בעולם הזה, עס וועט דיר זיין וואויל אויף דער וועלט, וטוב לך לעולם הבא, און עס וועט דיר זיין גוט אויף יענע וועלט.

**קען** מען זאגן, דאס וואס עס דארף זיין גוט פארן צדיק אין עניני עולם הזה, איז אלעס אז ער זאל דורך דעם קענען צוקומען צו עניני עולם הבא, ווייל די עניני עולם הבא, דאס איז תורה ומצות, קען מען נישט מאכן נאר אויב מ'האט געלט בריוות, למשל האבן א הויז צו מקיים זיין מצות הכנסת אורחים, א סוכה, אתרוג, ציצית, מזוזה, חתונה האבן, האבן און אויפציען קינדער, און דאס גלייכן, אלעס קאסט אסאך געלט, דערפאר דארף א ערליכער איד האבן געלט בריווח.

**דאס** זאגט דער פסוק, **אשריך בעולם הזה**, דאס וואס דו האסט גוט'ס אויף די וועלט, איז נאר **וטוב לך לעולם הבא**, כדי דו זאלסט צוקומען צו וטוב לך לעולם הבא, קענען טוען מצות און מעשים טובים, צרכי עולם הבא. דערפאר שטייט דעם לשון אשריך, דאס טייטשט א וועג, ווייל דאס איז דער וועג אנצוקומען צו עולם הבא.

**רבי ר' אלימלך זצ"ל איז משפיע אויך גשמיות!**

דער הייליגער תניא זצ"ל האט זיך אפגערעדט אויף דעם וואס דער עולם קומט צום צדיק און פרעגט עניני גשמיות, מסחר וכדומה, דער עיקר אויפגאבע פונעם צדיק איז דאך צו לערנען מיט אידן עניני רוחניות, תורה און תפלה, קיום מצות פון די תורה הק', און פארוואס מוטשעט מען אזויפיל מיט גשמיות'דיגע שאלות.

**"ויש לומר בזה דשאני הצדיקים אשר זכו להסתופף בצל כ"ק מרן הרבי ר' אלימלך מליזענסק זצוק"ל ותלמידיו הק' זיע"א ששייכים לשאול אותם גם בעניני גשמיות".** (עס איז אנדערשט די צדיקים וועלכע האבן זוכה געווען זיך מסתופף זיין בצל דעם הייליגן רבי ר' אלימלך מליזענסק און זיינע תלמידים, וואס זיי קען מען פרעגן אויך עניני גשמיות). **(הגה"ק בעל חידושי הרי"ם זצ"ל - ליקוטי הרי"ם ע' פרנסה)**

# גליון בת עין

דבר השוה לכל נפש

אידיש

גליון סד • שנה ב

סוכות

תשפ"ד


## פארווארט

אין די קומענדיגע תורה גייט דער בת עין ארומרעדן וועגן די 70 קרבנות וואס כלל ישראל האט געברענגט כדי צו משפיע זיין פאר די גויים די השפעות און כבוד שמים.

א ענליכע געדאנק ווערט אויך געברענגט אין מאור ושמש אז מיט די 7 הקפות וואס מען גייט ארום די בימה יעדן טאג סוכות זענען די צדיקים מיט יעדע הקפה מכניע 10 גויאישע פעלקער אן אזוי ווערן אלע 70 פעלקער אונטערטעניגט די יודן.

הרה"צ ר' אליעזר דוד פריעדמאן ברענגט אין זיין ספר א אינטערעסאנטע מעשה פון הרה"ק ר' ישכר דוב מבעלזא זי"ע וואס ער האט אליין געהערט פון עמיצן וואס איז געווען דערביי, אין בעלז האבן די רבי'ס אויפגענומען אויכעט גויים וואס זענען געקומען בעטן פאר ישועות און ברכות.

איז אמאל געווען א ערלית וואס איז זיך געקומען אנוואונטשען ביים בעלזער רב, און דער בעלזער רב האט שטילערהייט געזאגט 'אלע יודן זאלן זיין' און דאן הויעך געזאגט די ווארט געזונט, און אזוי אויך מיט פרנסה, האט דער רב שטילערהייט געזאגט 'אלע יודן זאלן האבן... און דאן הויעך געזאגט פרנסה, אז די ערלית זאל מיינען אז דער רב וואונטשט איר יעצט אן מיט געזונט און פרנסה, און למעשה האט דער בעלזער רב געוואונטשען די יודן.

די ערלית האט אבער פארשטאנען יודיש און זי האט קלאר געהערט אלעס וואס בעלזער רב זאגט שטילערהייט, און זי האט זיך אנגערופן, רבי, אלע יודן און איך אויך, און דער בעלזער רב האט איר דאן אנגעוואונטשען.

דאס איז די כח וואס דער רבונו של עולם האט געגעבן פאר צדיקים אין היינטיגע צייטן וואס האבן בכח די אלע השפעות און האבן די כח צו משפיע זיין אויך פאר די גויים ווען עס ברענגט כבוד שמים.

## דְּרוּשִׁים לְסוּכּוֹת

### תוכן הדרוש

[א]

לשון הפסוק. / די דיוק אינעם פסוק. / די עבודה פון די יודן אין חג הסוכות.

[ב]

פשט אין די פסוק 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם'. / פשט אין די פסוק 'בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן'.

[א]

### לשון הפסוק

**וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן**[א] **וְגוֹ'** (ויקרא כג, מ). **און עטס זאלטס נעמען צו אייך אינעם ערשטן טאג א 'פרי עץ הדר'** (אתרוג) **וְגוֹ'.**

### די דיוק אינעם פסוק



**וְאִיתָא בַּגְּמָרָא** (תנחומא אמור פכ"ב) **וְכִי רִאשׁוֹן הוּא** און די מדרש פרעגט אויף די פסוק וואס זאגט **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן** איז עס דען די ערשטע טאג, **וַהֲלֹא חֲמִשָּׁה עָשָׂר הוּא** ס'איז דאך די פופצענטע טאג, **אֶלָּא רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת** נאר ענטפערט די מדרש – די פסוק מיינט צו זאגן די ערשטע טאג פון די חשבון פון די זינד.

א. די לשון הפסוק איז: **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן** פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ עָבֹת וְעַרְבֵי נָחַל וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ד' אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים.


**גליון זה נתנדב ע"י**

הרה"ח ר' **שמואל דוד טויב** שליט"א

לזכות הב' הח' **יחיאל אלטער** בן **רייזיל** - להצלחה ולזיווג הגון בקרוב

ולע"נ הרה"ק ר' **אברהם דוב בער** ב"ר **דוד** מאווריטש **בעל מחבר ספר בת עין** זי"ע

ולע"נ הרה"ק ר' **ישעי'** ב"ר **משה** זי"ע

ולע"נ הרה"צ ר' **עמרם** ב"ר **שמואל דוד** זצ"ל

ולע"נ **אברהם מאיר** ב"ר **יהודה** ע"ה

## די עבודה פון די יודן אין חג הסוכות

**וְנִרְאֶה לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה** און ס'געפעלט מיר צו זאגן אויף די וועג, **דְּהִנֵּה כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶעָבָר** אונז ווייסן אז כנסת ישראל האט מקבל געווען אויף זיך 'עול מלכות שמים' אינגאנצן אין די פארגאנגענע ראש השנה, **וְהָיוּ אוֹמְרִים הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט** און זיי האבן כסדר געזאגט ביי שמונה עשרה הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ און הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט.

**אֲבָל אוּמּוֹת הָעוֹלָם לֹא קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה** אבער די גויאישע פעלקער האבן נישט מקבל געווען אויף זיך 'עול מלכות שמים' אין ראש השנה, **וּצְרִיכִים כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל לְהַכְנִיס בְּחִינַת כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ בְּכָל הַנִּבְרָאִים אֲפִילוּ בְּאוּמּוֹת הָעוֹלָם** און די יודן דארפן אריינברענגען די בחינה פון דער אייבערשטנ'ס כבוד אפילו צווישן די גוים.

**וְזֶה הוּא בְּחַג הַסּוּכּוֹת עַל יְדֵי הַקְרָבַת שִׁבְעִים פָּרִים מַשְׁפִּיעִים בְּחִינַת כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ בְּכָל הַשִּׁבְעִים אוּמּוֹת**[ב] און דאס טוט מען אין די יום טוב סוכות דורך דאס וואס אונז זענען מקריב די 70 אקסן זענען אונז משפיע און ברענגען אריין ביי די 70 פעלקער די בחינה פון 'כבוד מלכותו' (אז זיי זאלן אנערקענען דעם אייבערשטנ'ס כבוד).

וְנִרְאֶה לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה, דְּהִנֵּה כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶעָבָר, וְהָיוּ אוֹמְרִים הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט.

אֲבָל אוּמּוֹת הָעוֹלָם לֹא קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּצְרִיכִים כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל לְהַכְנִיס בְּחִינַת כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ בְּכָל הַנִּבְרָאִים אֲפִילוּ בְּאוּמּוֹת הָעוֹלָם.

וְזֶה הוּא בְּחַג הַסּוּכּוֹת עַל יְדֵי הַקְרָבַת שִׁבְעִים פָּרִים מַשְׁפִּיעִים בְּחִינַת כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ בְּכָל הַשִּׁבְעִים אוּמּוֹת[א].

וְזֶהוּ 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם', אוֹתִיּוֹת מֶלֶךְ, פֵּירוּשׁ שֶׁתִּקְחוּ בְּחִינַת מֶלֶךְ, הַיְינוּ שֶׁתְּקַבְּלוּ עֲלֵיכֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן שֶׁל סוּכּוֹת.

וּפְרִיךְ הַגְּמָרָא וְכִי יוֹם רִאשׁוֹן הוּא לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, וַהֲלֹא חֲמִשָּׁה עָשָׂר הוּא לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, שֶׁכְּבָר בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה קִבְּלוּ כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם.

וְתֵירֵץ הַגְּמָרָא, שֶׁבֶּאֱמֶת אֵצֶל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל הוּא חֲמִשָּׁה עָשָׂר, רַק שֶׁאֵצֶל אוּמּוֹת הָעוֹלָם הוּא יוֹם רִאשׁוֹן, שֶׁהֵם לֹא קִבְּלוּ עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה.

א. עיין סוכה נה, ב: אמר רבי אלעזר הני שבעים פרים כנגד מי, כנגד שבעים אומות, פר יחידי למה כנגד אומה יחידה כו', אמר רבי יוחנן אוי להם לעובדי כוכבים שאבדו ואין יודעין מה שאבדו, בזמן שבית המקדש קיים מזבח מכפר עליהן ועכשיו מי מכפר עליהן.

[ב]

## פשט אין די פסוק 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם'

**וְזֶהוּ 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט וּלְקַחְתֶּם 'און עטס זאלטס נעמען' – **לָכֶם** פאר אייך, **אוֹתִיּוֹת מֶלֶךְ** וואס די **אותיות לָכֶם** איז די אותיות מֶלֶךְ, **פֵּירוּשׁ שֶׁתִּקְחוּ בְּחִינַת מֶלֶךְ** דאס מיינט צו זאגן אז עטס זאלטס נעמען צו אייך די בחינה פון מלך, **הַיְינוּ שֶׁתְּקַבְּלוּ עֲלֵיכֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן שֶׁל סוּכּוֹת** דאס מיינט אז עטס זאלטס נעמען אויף אייך די בחינה פון עול מלכות שמים אינעם ערשטן טאג פון סוכות.

## די כוונת חז"ל זאגענדיג רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת

**וּפְרִיךְ הַגְּמָרָא וְכִי יוֹם רִאשׁוֹן הוּא לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** און אויף דעם פרעגט די גמרא איז עס דען די ערשטע טאג פון קבלת עול מלכות שמים, **וַהֲלֹא חֲמִשָּׁה עָשָׂר הוּא לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** ס'איז דאך די פופצענע טאג פון קבלת עול מלכות שמים, **שֶׁכְּבָר בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה קִבְּלוּ כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** ווייל אין ראש השנה האבן שוין כנסת ישראל מקבל געווען אויף זיך די עול מלכות שמים.

**וְתֵירֵץ הַגְּמָרָא** און די גמרא ענטפערט, **שֶׁבֶּאֱמֶת אֵצֶל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל הוּא חֲמִשָּׁה עָשָׂר** אז אין אמת'ן אריין איז עס די פופצענטן טאג ביי די יודן, **רַק שֶׁאֵצֶל אוּמּוֹת הָעוֹלָם הוּא יוֹם רִאשׁוֹן** נאר ביי די גוים איז עס די ערשטע טאג, **שֶׁהֵם לֹא קִבְּלוּ עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה** ווייל זיי האבן נישט מקבל געווען אויף זיך עול מלכות שמים אין ראש השנה.

ב. און אזוי זאגט די גמרא אין מס' סוכה (נה, ב): **אמר רבי אלעזר הני שבעים פרים כנגד מי** [ר' אלעזר האט געזאגט צו וואס איז די 70 אקסן מרמז ?], **כנגד שבעים אומות** [קעגן די 70 פעלקער] וכו'.

וְזֶהוּ רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת, לְאוֹתָן שֶׁמְּחַשְּׁבִים עֲוֹנוֹתֵיהֶן, שֶׁאֵצֶל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל מֵרוֹב אַהֲבָתָם יִתְבָּרַךְ לָהֶם אֵינוֹ מְחַשֵּׁב לָהֶם עֲוֹנוֹת.

וְזֶהוּ 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם', בְּחִינַת מֶלֶךְ, הַיְינוּ שֶׁתִּתְקְחוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, 'בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן', וְתַשְׁפִּיעוּ לְשִׁבְעִים אוּמּוֹת, וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.

**וְזֶהוּ רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת** און דאס איז וואס די מדרש רופט אן די טאג אלס די ערשטע טאג פון רעכנען די עבירות, **לְאוֹתָן שֶׁמְּחַשְּׁבִים עֲוֹנוֹתֵיהֶן** דאס מיינט די ערשטע טאג צו די גוים וואס דער באשעפער רעכנט זייערע זינד.

**שֶׁאֵצֶל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל מֵרוֹב אַהֲבָתָם יִתְבָּרַךְ לָהֶם אֵינוֹ מְחַשֵּׁב לָהֶם עֲוֹנוֹת** ווייל פאר כנסת ישראל טוט השי"ת צוליב זיין גרויסע ליבשאפט צו זיי נישט רעכענען זייערע עבירות.

## פשט אין די פסוק 'בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן'

**וְזֶהוּ 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט און עטס זאלטס נעמען **לָכֶם** (צו אייך), בְּחִינַת **מֶלֶךְ** **וואס די אותיות לָכֶם איז די אותיות מלך, הַיְינוּ שֶׁתִּתְקְחוּ בְּחִינַת מַלְכוּת** דאס מיינט עטס זאלטס נעמען די בחינה פון 'מלכות', **'בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן'** די פסוק זאגט 'אין די ערשטע טאג' וואס דאס מיינט צו די וואס האלטן נאך ביי די ערשטע טאג און האבן נאכנישט מקבל געווען אויף זיך עול מלכות שמים, **וְתַשְׁפִּיעוּ לְשִׁבְעִים אוּמּוֹת** און עטס זאלטס עס משפיע זיין פאר די גויאישע פעלקער, **וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ** און דעמאלסט וועט דער אייבישטער זיין א קעניג טויף די גאנצע וועלט – וואס זאל מקויים ווערן שנעל אין אונזערע טעג.

**כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.**

**ברכת מזל טוב**
למעלת כבוד הרה"ח ר' **יואל מענדלאוויטש** שליט"א
מגדולי מוקירו זכרו הגדול של רבינו זיע"א
לרגל הולדת נכדתו אצל חתנו הר"ר **אהרן האס** ני"ו
זכות רבינו המחבר יגן בעדו ובעד כל משפחתו לזכות להון ועושר בביתו ורוב נחת מכל יוצאי חלציו,
ויזכה להיכתב בספרן של צדיקים ולגמר חתימה טובה וימלא השם כל משאלות לבו לטובה. אמן כן יהי רצון

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com

הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א

מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

סוכות | שנת תשפ"ו לפ"ק | גליון ת"צ

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל


**גליון זה נתנדב**

ע"י ידידנו הרבני הנדיב הנכבד העומד תמיד לימיננו לזכות את הרבים במסירות נאמנה

**הרה"ח ר' אברהם הערש זילבער הי"ו**

**לכבוד ירח האיתנים ולקראת השנה החדשה**

**שתהא שנה טובה ומבורכת ורפואות וישועות לכל כלל ישראל, בבני חיי ומזוני וכל ההשפעות טובות**

זכות לימוד התורה של רבבות אלפי ישראל יעמוד בעדו ובעד כל משפחתו שיזכה לכל ההשפעות טובות מחג זמן שמחתינו

# הרוצה בתשובה

## שאלות במצות חינוך בחג הסוכות

### דער חיוב פון חינוך אויף מצות סוכה

**שאלה: פון וועלכן עלטער הייבט זיך אן דער חיוב מחנך צו זיין קינדער צו עסן אין דער סוכה?**

**תשובה:** די מצוה פון חינוך הייבט זיך אן ביי א מצות עשה ווען דאס קינד פארשטייט שוין אביסל דעם ענין פון דער מצוה (ביי מצות סוכה - א "זכר ליציאת מצרים", אז ווען אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים און געווען אין מדבר, האט השי"ת זיי ארומגענומען מיט וואלקנס אזוי ווי א סוכה זיי צו באשיצן פון דער זון), וואס דאס איז אין עלטער פון 6 יאר, און ביי א מער-קלוגן קינד פון 5 יאר.[1]

### די ערשטע נאכט און גאנץ יום טוב

די ערשטע צווי נעכט סוכות, איז דא א מצוה פון חינוך אז דאס קינד זאל עסן א כזית חלה אין דער סוכה, און אזוי אויך גאנץ יום טוב ווען ער וויל עסן עפעס וואס מען דארף הלכה'דיג עסן אין סוכה - ד.ה. עפעס וואס איז געמאכט פון די "חמשת מיני דגן", ברויט, לעקער, לאקשן, א.ד.ג. (אויב עס איז א שיעור וואס איז מחוייב בסוכה) - זאל מען אים מחנך זיין צו עסן אין סוכה.[2]

### "לישב בסוכה" און "שהחיינו"

מען זאל אויסלערנען דאס קינד צו מאכן די ברכה "לישב בסוכה" יעדעס מאל וואס מען דארף, און אזוי אויך "שהחיינו" די ערשטע נאכט סוכות אדער ווען ער עסט דאס ערשטע מאל אין סוכה דורכ'ן יום טוב. אויב ער האט פארגעסן צו מאכן שהחיינו, זאל ער מאכן דאס נעקסטע מאל וואס ער עסט אין סוכה.

אויב עס איז אים שווער צו מאכן "לישב בסוכה", קען דער טאטע מאכן די ברכה פאר אים, אפילו אויב ער האט שוין אליין געמאכט די ברכה.[3]

אזוי אויך זאל מען אויסלערנען דאס קינד אינגזין צו האבן מקיים צו זיין מצות סוכה און דעם טעם דערפון, ווי ערקלערט.

### מאכלים וואס זענען נישט פון די "חמשת מיני דגן"

אויף מאכלים וואס מען מעג הלכה'דיג עסן חוץ לסוכה, נאר עס איז א חומרא פון "ישראל קדושים" דאס צו עסן אין דער סוכה, צ.ב.ש. פלייש, פיש, א.ד.ג., און אזוי אויך נאשערייען וואס זענען נישט "מזונות", איז נישטא קיין חיוב פון חינוך.[4]

⊲

## הרה"ק רבי יאנקעלע זי"ע'ס באזוך ביים חולה אין סוכה

אינעם גליון פון ראש השנה איז געשטאנען וועגן דער גרויסקייט פון מחי' זיין און אריינברענגען שמחה אין א איד. איך וויל דא שרייבן א מעשה וואס האט א שייכות טאקע מיט'ן יום טוב סוכות און ברענגט אביסל ארויס אט-דעם ענין.

אין זיינע עלטערע יארן, איז הרה"ק רבי יאנקעלע מפשעווארסק זי"ע אמאל חול המועד געגאנגען אין דער באגלייטונג פון די מקורבים, באזוכן אן עלטערן חשוב'ן רב, וואס איז ליידער געווען א גרויסער בעל-יסורים. אנקומענדיג נאענט צו דעם רב'ס שטוב, האט רבי יאנקעלע אוועקגעשיקט די באגלייטער, וויסנדיג אז דעם רב'ס טאטע האט אינדערהיים אין אייראפע געהאט א גרויסע הויף און עס פלעגן קומען צו אים אסאך מענטשן, און יעצט דרייען זיך ביי אים וויייניג מענטשן.

איך בין דאך נישט קיין רבי'ש אייניקל - האט רבי יאנקעלע זיך געמאכט א חשבון - און אז איך וועל קומען צו אים מיט מענטשן, וועט ער האבן דערפון חלישות הדעת. דערפאר האט ער קיינער נישט געלאזט מיטקומען, אויסער זיין הויז-בחור וועלכער איז געווען א משפחה-קרוב מיט דעם חשוב'ן רב און עס איז געווען קענטיג אז ער קומט לכבודו פונעם רב.

דער רב, וועלכער האט צוליב זיין געזונטהייט-מצב אליין נישט געקענט זיין אין דער סוכה, האט זיך געוואלט אריינשלעפן אין דער סוכה אריין כדי מכבד צו זיין דארט דעם פשעווארסקער רבי'ן, אבער זעענדיג ווי דאס קומט אים אן מיט גרויסע יסורים האט רבי יאנקעלע אים געזאגט אז עס איז גוט אזוי, ער קען דא אויך עפעס טרינקען. ער האט געמאכט "שהכל" אויף א געטראנק און געטרונקען א קליין ביסל אינוויייניג אין שטוב.

שפעטער, ארויסקומענדיג פון דעם רב, האט רבי יאנקעלע ערקלערט פאר זיין באגלייטער:

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

מדור זה נתנדב
לזכר נשמת
הגה"צ ר' שמואל אפרים זלמן
בהגה"ק ר' אברהם צבי זצ"ל אונגער
ראב"ד ודומ"ץ סקווירא יע"א
יא"צ יום א' דחג הסוכות ת.נ.צ.ב.ה.
הונצח ע"י
משפחת שטיינמעטץ

גרעסערע קינדער פון 10-11 יאר און העכער, וואס זענען שוין מקיים אלע מצוות געהעריג, איז כדאי מהדר צו זיין אז זיי זאלן עסן אלעס נאר אין דער סוכה.

### געבן פאר די קינדער "מזונות"-נאשערייען

דערפאר זאל מען אכטונג געבן ווען מען גיט פאר קינדער פון 5-6 יאר אלט פעקלעך נאשערייען צו נעמען אין שול, און אזוי אויך ווען מען פארט אוועק מיט די קינדער חול המועד און עס איז נישטא דארט קיין סוכה, אז מען זאל זיי נישט געבן קיין מאכל פון "מזונות" (א שיעור פון חיוב סוכה), נאר "שהכל", "האדמה", אד"ג.

### חינוך צו שלאפן אין סוכה

**שאלה: דארף מען מחנך זיין קינדער צו שלאפן אין סוכה?**

**תשובה:** כאטש שלאפן אין סוכה איז א חלק פון מצות סוכה, ווי עס שטייט אין פסוק "תשבו" און מען דרש'נט "כעין תדורו" (מען זאל זיך אויפהאלטן אין סוכה אזוי ווי מען וואוינט אין שטוב), ווערט געברענגט אין די פוסקים אז קינדער דארפן נישט שלאפן אין סוכה ווייל זיי זענען זיך געווענליך מצער צוליב דער קעלט, און "המצטער פטור מן הסוכה".

אבער אויב עס איז ווארעם אין סוכה און זיי האבן הנאה צו שלאפן אין סוכה און עס איז דא גענוג פלאץ, איז כדאי זיי מחנך צו זיין דערצו.

### אויפוועקן צו זמן קריאת שמע

**שאלה: אויב איינער זעט ווי זיין זון שלאפט און וועט פארשלאפן זמן קריאת שמע, איז דא א חיוב אים אויפצואוועקן, אדער סוכות איז אנדערש וויבאלד ער איז עוסק במצוה מיט'ן שלאפן אין סוכה?**

**תשובה:** דער חיוב פון לייענען קריאת שמע בזמנה איז סוכות פונקט אזוי הארב ווי א

◄

**"ווען מיר זענען געווען פארשיקט אין סיביר וואו עס האט געהערשט א שרעקליכע פראסט, האבן מיר געהאט מסירת נפש נישט צו טרינקען אפילו א גלאז וואסער אויסער דער סוכה,** אבער דא, זעענדיג די יסורים פון דעם חולה וועלכער וויל זיך מטריח זיין און אריינשלעפן פאר אונז אין דער סוכה אריין, **בשעת מיר זענען געקומען אים מבקר חולה זיין און אים גרינגער מאכן אין זיינע יסורים** - האב איך פארשטאנען אז דאס איז דער ריכטיגער וועג זיך יעצט צו פירן און דערפאר האב איך געטרונקען חוץ לסוכה.

דאס איז א מעשה וואס מיר דארפן דערהערן און טיף אפלערנען. וואס דאס האט געמיינט סוכות אין סיביר, האט רבי יאנקעלע דערציילט ביי אנדערע געלעגנהייטן: די סוכה איז געווען נעבן הויז און האט נישט געהאט קיין גאנצע פיר ווענט. ווען מען האט ארויסגענומען א קאכעדיגע טעלער זופ פון הויז צו דער סוכה, איז אין די פאר טריט שוין געווען אויף דער זופ א שיכט אייז - אזוי פראסטיג-קאלט איז דארט געווען.

דאך האט מען זיך דארט מוסר נפש געווען מקיים צו זיין וואס עס שטייט אין שולחן ערוך אז "מען מעג טרינקען וואסער... חוץ לסוכה, און ווער עס איז מחמיר נישט צו טרינקען אפילו וואסער אויסער דער סוכה - זאל קומען אויף אים א ברכה". מען רעדט דא פון צדיקים וואס האבן פאר חביבות המצוה אוועקגעגעבן אלעס וואס זיי האבן פארמאגט, אפילו זיך אליין; אויך די סיבירישע פרעסט האבן נישט געקענט ברעכן דאס אייזן-שטארקע מסירת נפש פאר א חומרא און הידור מצוה. אבער ווען עס איז געווען א פראגע פון גרינגער מאכן פאר אן אנדערן איד אין זיינע יסורים - איז עס געשטאנען ביי אים פאר אלע חומרות.

וויפיל איז דאס אונז מחייב ארויסצוגיין פון זיך, פון דער אייגענער באקוועמער "דירת קבע", כדי א חסד צו טון פאר א צווייטן איד, אפילו ווען עס קומט פאר'ן פרייז פון אביסל גשמיות'דיגע הנאה. לאמיר זיך אפלערנען פון די גרויסע צדיקים און גיין אין זייערע הייליגע וועגן.

השי"ת זאל אייך געבן אורך ימים ושנות חיי"ם צו קענען ווייטער ארויסגעבן דעם גליון מיט הרחבת הדעת און סייעתא דשמיא.

בס"ד
פינת צדקת צדיקי הדורות
קטע ממכתב קודש
כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק זצוק"ל
נשיא הכבוד דכוללנו באירופה
יומא דהילולא יום הקדוש
...ולכן מוטל על כל אחד ואחד להחזיק ולתמוך ולסעוד את כולל חבת ירושלים בכל מה דאפשר.
...וברכתי שלוחה לכל המסייעים והתומכים שיתברכו ממעון הברכות בזכות התנא האלוקי רבי מאיר בעל הנס זיע"א בשפע ברכה והצלחה בכל אשר יפנו, ונזכה במהרה לגאולה שלימה בביגוא"צ בב"א.
הק' משה יצחק
עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת על קבר רבי מאיר בעל הנס
עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
צדקת רבי מאיר בעל הנס
כולל חבת ירושלים

**מדור זה נתנדב**

על ידי
הגה"צ רבי **יהושע לייפער** שליט"א
אב"ד באר משה
לז"נ אמו הרבנית **ציפורה** ע"ה
בת הרה"צ ר' **נחמן** ז"ל
נפטרה ביום ח"י תשרי - יהא זכרה ברוך
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו לזכות לברכות התורה

גאנץ יאר, און עס איז נישטא דערביי קיין שום פטור אלס "עוסק במצוה פטור מן המצוה".[5]

### איבערטון א קינד אין סוכה

**שאלה: צי מעג מען איבערטוישן א קליין קינד אין סוכה?**

**תשובה:** עס איז מותר, אויב מען טוט אים נישט אויס אינגאנצן (די אונטערשטע בגדים)[6], אבער איבערוויקלען (דייפערן) טאר מען נישט אין סוכה.[7]

### א סוכה וואס א קינד האט געבויט

**שאלה: א קינד אונטער בר מצוה וואס האט געבויט אן אייגענע סוכה און געלייגט אליין דעם סכך, קען ער מקיים זיין דערמיט מצות סוכה?**

**תשובה:** אויב עס האט א שיעור סוכה און עס איז געבויט גענוג שטארק קעגן א געהעריגן ווינט, און ער האט אינזין געהאט ביים לייגן דעם סכך אז עס זאל זיין "לשם צל סוכה" (פאר א שאטן אויף דער סוכה), איז ער מקיים דערמיט מצות סוכה. אויב נישט זאל ער נישט עסן דארט.[8]

### א סוכה וואס א קינד האט געלייגט דערויף סכך

עס איז א מחלוקת אין די פוסקים צי א גדול קען יוצא זיין און עסן אין א סוכה וואס א קינד אונטער בר מצוה האט געלייגט דעם סכך דערויף, און לכתחילה זאל מען מחמיר זיין.[9]

## חינוך מיט ד' מינים

**שאלה: פון ווען דארף מען מחנך זיין א קינד מקיים צו זיין מצות ד' מינים?**

**תשובה:** א קינד וואס קען שוין שאקלען ווי די הלכה איז, ד.ה. צו אלע זעקס זייטן, וואס דאס איז געווענליך אין עלטער פון 5-6 יאר, איז דא א חיוב אים אויסצולערנען[10] (עס איז אבער גענוג אז ער זאל געבן איין שאקל).

אזוי אויך זאל מען אים אויסלערנען צו מאכן די ברכות "על נטילת לולב" און "שהחיינו". אויב ער האט פארגעסן צו מאכן די ברכות דעם ערשטן טאג, זאל ער מאכן דעם צווייטן טאג.

די וועלט פירט זיך אבער אז אפילו קלענערע קינדער, אינגלעך און מיידלעך, וואס קענען נאכנישט מאכן די ברכה אבער פארשטייען אז סוכות שאקלט מען מיט'ן לולב, איז מען מחנך צו שאקלען.[11]

### עסן פאר'ן שאקלען

קינדער אפילו אין עלטער פון חינוך מעגן עסן פאר'ן שאקלען.[12]

### געבן דעם לולב פאר'ן קינד

ווען מען גיט דעם לולב פאר'ן קינד אין האנט די ערשטע צוויי טעג יום טוב, זאל מען אינזין האבן אז מען גיט עס אים נישט במתנה, נאר מען פארבארגט עס אים (און ער זאל מאכן א ברכה וויבאלד ער איז מקיים די

### מיר זענען נאר אין השי"ת'ס הענט

לכבוד מכון הליכות החיים,

מיר שטייען יעצט ביים יום טוב סוכות, דער יום טוב פון "בטחון", ווי עס ווערט אנגערופן אין די ספרים הקדושים, א צייט וואס א איד גייט ארויס פון זיין באקוועמען הויז אין א "דירת עראי" אריין צו זיצן אין דער סוכה תחת כנפי השכינה. וויל איך דא דערציילן א מעשה נפלא, וואס האט לעצטנס פאסירט און דערמאנט אונז ווי מיר זענען שטענדיג אין די הענט פון השי"ת, און אויך ווען עס זעט אויס בדרך הטבע ווי עס איז נישטא קיין האפענונג, האט אבער השי"ת זיינע וואונדערליכע וועגן אונז צו העלפן.

די מעשה האט מיר דערציילט א חבר מיינער, א מיטגליד אין דער ארגאניזאציע "אדאפט עי פעמילי" וואס העלפט ארויס אויסלענדישע אידן וואס דארפן קומען קיין ניו יארק פאר רפואה-צוועקן. סוף פארגאנגענעם זומער, איז געקומען אהער א איד פון ארץ ישראל וועלכער האט זיך קריטיש גענויטיגט אין א לעבער-איבערפלאנצונג. ער איז אריין אין דער "על-איי-דזשעי" שפיטאל, וואו מען האט אים געלייגט אויף אווארט-ליסטע פון קאנדידאטן אויף א לעבער. ער איז נעבעך געווען זייער אפגעשוואכט און פארמאטערט און מען האט געוואוסט אז אויב טרעפט מען נישט פאר אים שנעל א לעבער, וועט ער דאס חלילה נישט איבערלעבן.

עס זענען אדורכגעגאנגען א פאר וואכן און מען האט דערווייל נישט געטראפן פאר אים קיין נייע לעבער. דער דאקטער האט געזאגט אז עס בלייבן אים נישט מער ווי צוויי וואכן צו לעבן ר"ל און ער ראט אים אהיימצופארן און זיך געפינען אינדערהיים מיט זיין משפחה און קינדער.

ער איז אבער געווען אזוי שוואך אז אפילו אהיימצופארן האט ער נישט געהאט קיין כוח. וויבאלד ער האט סיי-ווי נישט געקענט אהיימפארן, איז דעם דאקטער איינגעפאלן א געדאנק, ווי אזוי ער זאל קענען אוועקגיין פון דער וועלט רואיג, זאגנדיג, "איך קען דיר מאכן אן אפעראציע ארויסצונעמען די לעבער, עס אויסרייניגן און דערנאך עס צוריק אריינייגן, און דאס וועט דיר געבן זעקס וואכן צום לעבן. אויך וועסטו פילן בעסער און האבן כוח אהיימצופארן..."

מען האט אים אריבערגעפירט אינעם קאלאמביע-שפיטאל, און מיטוואך פרשת שופטים האט מען אים געמאכט א "פרי-אפ",

➔

**1.** כמבואר בשועה"ר (תר"מ ס"ג) דכ"ז שכרוכים אחר אמם פטורים כהאם, וכ"כ במ"ב (סק"ד), ועיי"ש די"א כשאביו בעיר בכל אופן יש להחמיר מה' שנים. **2.** והחיוב חינוך הוא על האב ויש אומרים דגם על אמו ולכן מותר לאדם אחר ליתן לו מאכל אף שיודע שיאכל חוץ לסוכה, אבל אסור לצוותו לאוכלו או להניחו לתוך פיו, שועה"ר (שם ס"ד) מ"ב (סק"ה). **3.** כמבואר בשו"ע (קס"ז סי"ט) לענין ברכת הנהנין, וכ"ש בברכת המצות. **4.** דאין חיוב לחנכם בדבר שהמחמיר בזה הרי זה משובח, ומ"מ סמיך לגיל בר מצווה כדי לחנכם ולהרגילם וכדלהלן. **5.** ועי' מה שהאריך בזה בספר מראות יחזקאל להגה"צ רבי יחזקאל ראטה זצ"ל בעל עמק התשובה סוף הל' ישיבת סוכה, הערה טז. **6.** וכעין דאיתא בסי' ער"ה רמ"א סעי' יב: נהגו לכסות הקטנים שלא יהיו ערומים בפני הנרות, משום ביזוי מצוה. **7.** וראה בשו"ת רבבות אפרים ח"ז סי' קעב, שהביא מעשה רב דהקהלות יעקב זצ"ל היה סנדק בסוכות והמוהל עמד להחליף את חיתול התינוק שהיה מלוכלך, צוה הקהלות יעקב זצ"ל להוציאו מן הסוכה ושם להחליפו. **8.** כמבואר בשו"ע (סי' תרל"ה) ובשועה"ר (סי' תרכ"ו ס"א) דדבר זה לעיכובא, אבל לשמה א"צ בסוכה. **9.** ידוע שיטת ר"ת (גיטין מה: תוד"ה כל) שסובר דכל שאין מחויב בהמצווה, פסול תיקון המצווה הנעשית על ידו, והובא במג"א (סי' י"ד סק"ג) ושועה"ר (שם ס"ב) ועי' בביה"ל (שם ד"ה להצריך) מ"מ להלכה קיי"ל דרק לכתחילה יש ליזהר בזה אבל בדיעבד או בשעה"ד יש להקל [דהרי קיי"ל דסוכות גנב"ך כשרה] וכמבואר ברמ"א (שם ס"ג) ובפמ"ג (א"א סק"ג) ובשבט הלוי (ח"א סי' כס"ו), וכ"ז לגדול אבל לקטן עצמו כתב (שם) בביה"ל להקל לכתחילה. **10.** סי' תרנ"ז ועי' בביכורי יעקב (סק"ג) שכתב טעם הדבר, דלא חייבו חז"ל לחנך במצוות, כל שאינו יכול לקיימו כתקנת חז"ל על בריו. **11.** וכן הוא משמעות השו"ע (תרנ"ח ס"ו) דאף לפני עונת הפעוטות נהגו לנענע. **12.** עי' במג"א (סי' רס"ט) דשרי ליתן מיין שמקדשין בביהכנ"ס אפילו לקטן שהגיע לחינוך, עיי"ש. **13.** כמבואר בשעה"צ (תרנ"ח ס"ק ל"ו). **14.** עי' סי' תרלט סעי' ב

**מדור זה נתנדב**
על ידי ידידנו הנדיב הנכבד העומד לימינינו במסירות נאמנה
מוה"ר **יושע** ברי"י **ברויער** הי"ו
**לכבוד זמן שמחתינו**
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו לזכות לברכות התורה
אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד

עיקר מצות לולב כאטש עס ווערט נישט זיינס)[13], וויבאלד א קטן קען קונה זיין אבער נישט צוריק מַקנה זיין (צוריקגעבן אז עס זאל ווערן צוריק יענעמ'ס), און דער טאטע וועט נישט קענען דערנאך יוצא זיין (אין די ערשטע טעג) וויבאלד עס איז נישט זיינס.

### אוועקפארן "חול המועד האלטן"

**שאלה: פאראיארן האבן די קינדער געמוטשעט אז זיי ווילן פארן ערגעץ "חול המועד האלטן". מען האט מיטגענומען א "פּאַפּ אָפּ" סוכה צו קענען עסן דארט, און מיר זענען אהינגעפארן מיט'ן חשבון צוריקצוקומען דעם אנדערן טאג. למעשה איז נישט געווען קיין סוכה צום שלאפן, און איך האב געמוזט שלאפן אין א דירה. וויל איך וויסן אויף דעם יאר, צי מען מעג אוועקפארן אויף א פלאץ וואו עס וועט נישט זיין קיין סוכה צו שלאפן.**

**תשובה:** שלאפן אין סוכה איז א חיוב, און מען איז מקיים דערמיט די מצות עשה פון "בסוכות תשבו", און בשעת'ן שלאפן אין דער סוכה איז מען מקיים יעדע רגע א מצות עשה.[14]

דערפאר, אויב וויל מען אוועקפארן סתם פאר הנאה, דארף מען זיכער מאכן אז מען קען דארט מקיים זיין די מצוה פון שלאפן אין דער סוכה, און אויב עס וועט נישט זיין קיין סוכה צו שלאפן זאל מען נישט אהינפארן.[15]

### לצורך א חולה

אויב מען דארף גיין אין שפיטאל מיט א חולה א.ד.ג., קען מען שלאפן אויסער דער סוכה.[16]

### זיך וואשן ווען מען פארט אין וועג

**שאלה: ווען מען נעמט די קינדער חול המועד אין פלעצער וואו עס זענען נישטא קיין סינקס, ווי אזוי קען מען זיך וואשן נטילת ידים צו ברויט?**

**תשובה:** מען קען אראפנעמען דאס דעקל פון א "ספרינג וואסער" פלעשל און זיך וואשן דערמיט לכתחילה נטילת ידים.

### וואשן וועש פאר קינדער

**שאלה: פאר קינדער פון וועלכן עלטער מעג מען וואשן וועש חול המועד?**

**תשובה:** ווי עס זעט אויס פון די פוסקים, זענען דא דריי קאטעגאריעס, ווי פאלגנד:

א) פאר גאר-קליינע קינדער פון 2-3 יאר אלט וואס האלטן זיך נישט ריין, מעג מען וואשן וועש געהעריג.[17]

ב) פאר אביסל-עלטערע (ביז 6 אדער 8-9 יאר אלט, לויט'ן קינד'ס נאטור) וואס ווערן שמוציג ביים עסן אדער שפילן, מעג מען וואשן געוונג אז זיי זאלן האבן איין קלייד יעדן טאג[18]. (עס איז מער אויסגעהאלטן לכתחילה צו וואשן איין מאל פאר אלע טעג, אויב מעגליך[19].)

ג) פאר נאך עלטערע קינדער וואס קענען זיך שוין האלטן ריין, טאר מען נישט וואשן קיין וועש.[20]

ד.ה. די צוגרייטונג צו דער אפעראציע וואס האט געדארפט פארקומען דעם נעקסטן טאג, דאנערשטאג, אבער יענעם מיטוואך איז געשען עפעס אומערווארטעט. א גוי איז געפארן ווילד מיט א מאטארציקל און איז אראפגעפאלן און געשטארבן. דער גוי איז געווען אן "ארגאן ספאנסאר", ד.ה. ער האט געגעבן זיין שריפטליכע ערלויבעניש אריבערצולייגן נאך זיין טויט זיינע קערפערליכע ארגאנען אין א צווייטן יענעם צו ראטעווען.

די פראבלעם איז געווען, אז אויף דער ליסטע פון די וואס האבן געווארט אויף א לעבער זענען געווען נאך עטליכע מענטשן פריער. דער ערשטער איז געווען א רייכער גוי פון אהייא. וויסנדיג אז א לעבער קען "לעבן" אויסער'ן קערפער נאר אכט שעה, איז ער באלד געקומען צו פליען מיט א פריוואטן עראפלאן און איז תיכף אריין אין שפיטאל, אבער ווען מען האט אים געמאכט די נויטיגע טעסטן צוצוגרייטן צו דער אפעראציע, האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט הויך פיבער און קען נישט האבן די אפעראציע אין אזא צושטאנד.

יעצט אז עס זענען שוין אדורכגעגאנגען א שיינע פאר שעה ביז עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער גוי קען נישט באקומען די לעבער, איז שוין מער קיין סאך צייט נישט געבליבן אז די לעבער זאל נאך זיין נוצבאר, און מען האט געדארפט אויסלאזן די קומענדיגע פינף מענטשן פון דער ליסטע פון קאנדידאטן, וועלכע וואלטן שוין נישט געקענט אנקומען אין צייט פאר דער אפעראציע. דער זעקסטער מענטש אויף דער ליסטע איז געווען דער איד פון ארץ ישראל, וואס ער איז שוין געלעגן אין שפיטאל פון נעכטן און וויבאלד מען האט שוין געמאכט אויף אים א "פרי אָפּ" אים צוצוגרייטן פאר אן אפעראציע, איז ער יעצט געווען גרייט פאר דער פראצעדור פון א לעבער-איבערפלאנצונג. מען האט גלייך געמאכט אויף אים די אפעראציע - **דאס איז געווען פיר-און-פערציג מינוט פאר די לעבער וואלט אפגעשטארבן.** עס האט זיך יעצט ארויסגעשטעלט די ווונדערליכע השגחה פרטית. וואלט מען אים נישט געמאכט די "פרי אפ" איין טאג פריער, וואלט ער מער נישט געקענט באקומען די לעבער.

די אפעראציע איז אדורכגעפירט געווארן מיט ערפאלג, און צוויי וואכן שפעטער איז ער שוין אהיימגעפארן צו זיין משפחה קיין ארץ ישראל. בעת די שורות ווערן געשריבן יעצט, טוט ער זיך ב"ה פיין ערהאלן אינדערהיים אין ארץ ישראל.

**מסגולות סדר הלימוד חק לישראל (א)**
**מתפרסם לרגל התחלת המחזור מפרשת בראשית ע"י רבבות אלפי ישראל**

**טהרת הנשמה:** דער הייליגער חיד"א שרייבט: נאכ'ן דאוונען זאל מען זיך משתדל זיין צו לערנען "חק", ווייל עס האט אין זיך תנ"ך, משניות, גמרא און זוהר, און פאר'ן ירא ה' זאל עס זיין "ח"ק נתן ולא יעבור", ווייל ס'איז א מורא'דיגע תועלת פאר זיין נשמה.

**פרנסה בהרחבה:** דער הייליגער שינאווער רב זי"ע שרייבט: "חק" איז א לשון פון פרנסה, ווי דער לשון הפסוק "הטריפני לחם חקי". ווייל דאס לערנען "חק" איז מסוגל אויף פרנסה בהרחבה.

**צו הערן די טעגליכע שיעורים אין חק און חומש-רש"י רופט:**
**קול מפעל החק - 212.444.9955**

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האי גברא יקירא אשר חי כל ימיו באמונה טהורה בה' ובצדיקי הדור, ובשמחת החיים בכל הזמנים

מוה"ר **משה** ב"ר **חיים** ע"ה **לונגער**

נלב"ע יום ד' דחוה"מ סוכות תשע"ד ת.נ.צ.ב.ה.

הונצח ע"י בנו ידידינו הנדיב הנכבד

**מוה"ר יצחק הי"ו**

## ברענגען קליינע קינדער אין בית המדרש

**שאלה: איך האב געברענגט מיינע קלענערע קינדער אין שול אז זיי זאלן ענטפערן אמן, "יהא שמי' רבא" וכו', און די שכנים נעבן מיר באקלאגן זיך אז זיי ווערן געשטערט פון זיי. וואס איז דער ריכטיגער וועג צו טון? פון איין זייט, שטייט וועגן דער גרויסקייט פון קינדער "שלא טעמו טעם חטא" וואס ענטפערן אמן, "יהא שמי' רבא" וכו', אבער פון דער אנדערער זייט וויל מען נישט אז אנדערע זאלן געשטערט ווערן.**

**תשובה:** קליינע קינדער אונטער דריי יאר וואס קענען נאכנישט ענטפערן אמען און "יהא שמי' רבא" וכו', איז נישטא קיין שום ענין צו ברענגען אין בית המדרש.

קינדער וואס קענען שוין ענטפערן אמן, "יהא שמי' רבא" איז א חשוב'ע זאך צו ברענגען[21], אבער בתנאי אז זיי וייסן ווי אזוי זיך אויפצופירן מיט כבוד צו אין בית המדרש. אויב זיי האלטן זיך נישט שטיל, ווערן לאנגווייליג און הייבן אן ארומערדן און ארומלאכן, זאל מען זיי נישט ברענגען אין בית המדרש אפילו אין עלטער פון חינוך.[22]

עס איז כדאי צו ברענגען דעם לשון פונעם "משנה ברורה" אויף דעם ענין (סי' צח סק"ג): "דער שלה"ק שרייבט קעגן די וואס ברענגען אין בית הכנסת קינדער וואס זענען נאכנישט אנגעקומען אין עלטער פון חינוך, אז זיי טוען נישט ריכטיג, ווייל די קינדער שפילן און שפרינגען ארום און זענען מחלל קדושת בית הכנסת, און אויך זענען זיי מבלבל דעם דעת פון די מתפללים.[23]

"און נאך א מכשול איז דא דערין, אז ווען די קינדער וועלן עלטער ווערן וועלן זיי נישט אויפהערן מיט דעם שלעכטן מנהג מיט וועלכן זיי זענען ערצויגן געווארן יונגערהייט, זיך נאריש צו מאכן און מבזה זיין קדושת בית הכנסת". עד כאן פונעם של"ה הק'.

### קינדער וואס קענען זיך נישט האלטן שטיל

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן, אז אפילו ווען דאס קינד איז שוין אין עלטער פון חינוך און זיינע עלטערע ברידער פלעגט מען שוין ברענגען אין בית המדרש אין דעם עלטער, אבער אויב ער קען זיך נישט האלטן שטיל, זאל מען אים נישט ברענגען, ווייל עס איז "יצא שכרו בהפסדו".

## פון וועלכן עלטער צו ברענגען קינדער צו "כל הנערים"

**שאלה: פון וועלכן עלטער זאל מען ברענגען קינדער אין בית המדרש עולה צו זיין שמחת תורה צו "כל הנערים"?**

**תשובה:** עס זענען דא אסאך קהילות וואו מען פירט זיך אז מען דעקט איבער אלע קינדער מיט איין טלית, און איינער זאגט פאר זיי די ברכה, און אין די פלעצער קען מען ברענגען אויך גאר-קליינע קינדער.[24]

### קינדער וואס זענען אליין עולה

אין אנדערע קהילות פירט מען זיך אז די קינדער זענען אליין עולה, און אין די

עס איז דא א ווארט, פארוואס זאגן חז"ל "טוב שברופאים לגיהנום", אז אפילו דעם בעסטן דאקטער קומט גיהנום? ווייבאלד אפטמאל ברענגען דאקטוירים אריין א יאוש אינעם מענטש מיט די טרוקענע מעדיצינישע אפשאצונגען "לויט די ביכער". מיר, אידן, דארפן געדענקען אז מיר זענען נאר אין די הענט פונעם אויבערשטן, און מיט תפילה קען מען איבערדרייען דעם גזר-דין, ווי דער "רבינו בחיי" שרייבט אז דאס איז די טבע פון תפילה, אז עס ארבעט למעלה מדרך הטבע. זאל דער אויבערשטער העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו א יאר פון חסדים, רפואות און ישועות, געזונט, פרנסה, מיט נחת און אלעם גוטן.

ידידכם, יעקב יוסף אייזענבאך

## כי אבי ואמי עזבוני - וד' יאספני

הרה"ג ר' בערל טויבער שליט"א דערציילט: עס איז לעצטנס מפורסם געווארן א מורא'דיגע מעשה וואס האט פאסירט אין ארץ ישראל, ווי פאלגנד:

געווען איז דאס מיט קרוב צו פערציג יאר צוריק. איין אינדערפרי האט א איד געטראפן א קעסטל אראפגעלייגט ביי זיין טיר, און אריינקוקנדיג אין קעסטל איז ער ערשיטערט געווארן צו זען דארט עפעס וואס ער האט אין ווילדסטן חלום זיך נישט פארגעשטעלט: עס איז געלעגן דארט א שלאפנדיג פיצל קינד! איינער האט געמוזט איבערלאזן דארט דאס קינד ממש א קורצע צייט פריער.

ארויסנעמענדיג דאס קינד פון קעסטל, האט ער געטראפן נעבן אים צוגעלייגט א צעטל פון זיין טאטן אדער מאמען, אין וועלכן עס איז געשטאנען אז היות זיי, די עלטערן פונעם קינד, האבן נישט דעם כוח און מעגליכקייט אים אויפצוציען, דערפאר האבן זיי געזוכט פאר אים א גוטע משפחה וואס זאל אים אויפהאדעווען מיט געטריישאפט.

"אייער משפחה," איז געשטאנען אין דעם צעטל, "באטראכטן מיר אלס פאסיג צו ערציען דאס קינד, און דערפאר בעטן מיר אז איר זאלט דאס טון, אבער אויב עס איז נישט פאר אייך, דאן ביטע זייט אזוי גוט און זוכט אפיר א צווייטן וואס זאל דאס טון."

דער איד האט פרובירט נאכגיין ווער עס האט געקענט אראפלייגן ביי אים דאס קינד, און צי עס זענען אפשר דא אנדערע וואס וואלטן עס געקענט נעמען צו זיך און געטריי אויפציען. ער

ובנו"כ. **15.** שו"ת אגר"מ ח"ג סי' צג: בדבר לצאת לטיול ולתענוג בעלמא למקום שלא יהיה לו סוכה מסתבר לע"ד שאסור, ע"ש הטעם. ובהליכות שלמה פ"ט סי' כא: המטיילים אין להם דין הולכי דרכים, שהרי יכולים הם לערוך את הטיול בזמן אחר, ולפיכך חייבים בסוכה, ולכן יש להמנע מטיולים למקומות שאינו יודע שתהא סוכה מצויה לו בהם בשעת הצורך, ע"ש בהערות. וכן בספר מראות יחזקאל להגר"י ראטה בהל' ישיבת סוכה הערה יב דמורה להחמיר למעשה. **16.** סי' תרמ סעיף ג'. **17.** כמבואר ברמ"א (תקל"ד ס"א). ויש להוסיף דאף כשמכבס בשביל הקטנים אסור ליתן בתוכו בגדי הגדולים, ואין בזה היתר של ריבוי בשיעורים כיוון דאין איסור הכיבוס משום לתא דמלאכה אלא כדי שלא יכנס למועד מנוול. **18.** עי' במ"ב (שם סק"ז) ובחוט שני עמ' רלז. **19.** כמבואר בשו"ת בא"מ (ח"ז- ל"ב) דאף שברמ"א כתב לכבס כפי הצורך כל יום בפנ"ע, דהיינו אחד בכל יום (עי' לשון תרומת הדשן שהובא בב"י), מ"מ י"ל דטעם הרמ"א הוא כדי למעט בטירחא, ולפי"ז כהיום שיש טירחא גדולה לכבס הרבה פעמים מלכבס הכל בפעם אחד, למעט בטירחא עדיפא, [ואף דבמהרי"ל (חוה"מ -ט') מבאר הטעם שיכבס אחד אחד שהוא כדי לעשות שינוי, מ"מ אפשר דכוונתו ג"כ כדי למעט בטירחא, ובלא"ה כבר כתב בד"מ (אות ג) דלא קיי"ל כדבריו, שהרי מצריך שינוי אף בקטני קטנים] ואף שיש לדון בזה מ"מ כיוון שאפשר לצאת מכשולות ע"י ריבוי הכביסה שנעשית בקלות עדיף לכבס הכל בב"א וע"ע באריכות בספר פירות האילן. **20.** משמעות המ"ב (שם), ובאופן שנתלכלך מאד יש מקום להקל, עי' בשמירת המועד כהלכתו (סי' כ"ג) ויש לשאול שאלת חכם. **21.** רמ"א סי' קכד סעי' ז: וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא. **22.** וראה במשנ"ב לענין תקיעת שופר: ומ"מ נראה דקטנים שהגיעו לחינוך מצוה להביאם ולהחזיקם אצלו "ויאיים עליהם שישמעו התקיעות ולא יבלבלו להצבור". ועי' במשנ"ב סי' צו סק"ד. **23.** וע"ע באר היטב סו"ס תקפז: ונכון שיניחו התינוקות בבית כו', ואם א"א להניחם יחזיקם האשה אצלה בביהכ"נ של נשים שלא יבטלו כו'. **24.** עי' סי' תרסט, משנ"ב סקי"ב. **25.** שערי אפרים שער ח' סעיף נז. **26.** עי' הלכות חג בחג (קארפ), שמע"צ ושמח"ת, פ"ט סעיף לז ואילך ובהערות שם. **27.** א"ר וביכורי יעקב (סי' תרמ"ג סק"ג) בשם השל"ה. **28.** מ"ב (סי' תרל"ט ס"ק כ"ב), וכן הוא ע"פ מש"כ בשועה"ר (שם סי"ז-י"ט)

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת
הרה"ח ר' **יהושע**
ב"ר **בנימין** ע"ה **לעוויא**
יא"צ יום א' דחג הסוכות ת.נ.צ.ב.ה.

הונצח ע"י בנו ידידינו הנכבד
**מוה"ר מנחם מענדל הי"ו**

פלעצער זאל מען ברענגען די קינדער נאר אויב זיי קענען מאכן די ברכה, ד.ה. מען מישט אויף פאר זיי א סידור און זיי מאכן די ברכה געהעריג[25], אבער אויב זיי קענען נאכנישט מאכן די ברכה געהעריג, זאלן זיי נישט עולה זיין. (מען קען זיי אבער ברענגען אויסצוהערן ווי דער טאטע מאכט די ברכה.[26])

האט זיך פארבונדן מיט עסקנים, וועלכע האבן אים געראטן אז ער זאל נישט צופיל נאכפארשן, ווייל די זאך קען זיך פארשפרייטן און אנקומען צו דער רעגירונג, וואס איז עלול אוועקצונעמען דאס קינד, און דאן דראט א געפאר אז דאס קינד וועט חס ושלו' נישט באקומען קיין ערליכע ערציאונג. נישט האבנדיג קיין ברירה, האט ער און זיין פרוי באשלאסן אריינצונעמען דאס קינד צו זיך אין שטוב.

אפילו דעם נאמען פונעם קינד האבן זיי נישט געוואוסט, און זיי האבן אויסגעקליבן אים צו רופן דוד. מיט פיל ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט האבן זיי אויפגעהאדעוועט דאס קינד און געזארגט פאר אלע זיינע באדערפעניש. ווען דאס קינד איז אויפגעוואקסן און געקומען צו דער בר מצוה, האבן זיי באשלאסן אים צו אנטפלעקן דעם סוד פון זיין אפשטאם. זיי האבן אים גערופן אין א זייט און געזאגט:

"וויסן זאלסטו, אז דו ביסט אונזער געטרייער זון, ווייל מיר האבן דיך אויפגעצויגן מיט פיל ליבשאפט ווי אן אייגן קינד, אבער עס איז געקומען די צייט אז מיר זאלן דיר דערציילן דעם אמת, אז דו ביסט געבוירן געווארן ביי אנדערע עלטערן, וועלכע האבן דיך דא ביי אונז איבערגעלאזט, און מיר וויסן ניטאמאל ווער זיי זענען. מיר ווילן דיר פארזיכערן אז דו וועסט בלייבן ווייטער אונזער טייער קינד מיט פיל ליבשאפט, און מיר וועלן ווייטער פאר דיר אלעמאל זארגן, פונקט ווי פאר אלע אונזערע קינדער."

דער בר-מצוה בחור איז געווען זייער אויפגעטרייסלט פון דער אנטפלעקונג. ער האט עס גענומען גאר שווער און איז געווארן זייער צעטראגן. די שטיף-עלטערן האבן געהאפט אז עס וועט דורכגיין א שטיק צייט און ער וועט זיך בארואיגן, אבער עס האט נישט פאסירט. ער איז ארומגעגאנגען זייער פארביטערט טאג און נאכט, ווי ער וואלט געשוועבט אין א חלום, נישט האבנדיג קיין אינטערעס און גארנישט און אין קיינעם. זיינע שטיף-עלטערן האבן דאס צוגעזען מיט גרויס צער און גארנישט געקענט דערצו העלפן.

אזוי זענען אדורך אלע זיינע ישיבה-קטנה יארן. דאן איז ער אריין אין ישיבה גדולה, און ביים אנהייב פונעם זמן איז אלעס מתחלה געווען ווי פריער. נאך א פאר טעג האט אבער פאסירט אן אומערווארטעטע ענדערונג. געווען איז דאס חודש אלול. פלוצלינג האט זיך

## הלכות פון 'לישב בסוכה'

### ברכת לישב בסוכה

**א]** יעדעס מאל וואס מען מאכט די ברכה "לישב בסוכה", זאל מען לכתחילה אינזין האבן אז עס זאל ארויפגיין אויף דער גאנצער צייט וואס מען וועט זיצן, שלאפן, אדער שפאצירן אין דער סוכה, ביז צו דער קומענדיגער סעודה.[27]

**ב]** אין די ערשטע צוויי נעכט יום טוב, מוז מען עסן א כזית חלה "בכדי אכילת פרס" (ד.ה. עסן דעם גאנצן כזית אין פיר מינוט לויט רוב פוסקים, און לכתחילה זאל מען עס עסן אין צוויי מינוט) צוליב מצות סוכה[28], און דערנאך זאל מען לכתחילה עסן נאך א שטיקל, אביסל גרעסער ווי א כזית, צוליב סעודת יום טוב (אבער דאס דארף נישט זיין "בכדי אכילת פרס"), וואס צוזאמען איז דאס אביסל מער ווי א "כביצה".[29]

[אין די ערשטע נעכט איז גענוג צו עסן איין כזית פאר מצות סוכה, ווייל מען לערנט דאס ארויס פון חיוב מצה וואס איז גענוג מיט א כזית; און דעם צווייטן כזית וואס איז נאר צוליב סעודת יו"ט דארף מען נישט עסן "בכדי אכילת פרס". אין די אנדערע טעג יו"ט דארף מען אבער עסן אביסל מער ווי א כביצה - וואס האט אין זיך צוויי כזיתים - צו קענען מאכן "לישב בסוכה", און דערפאר דארף מען עסן יעדן כזית דערפון "בכדי אכילת פרס".][30]

### אויב מ'האט פארגעסן צו מאכן "לישב בסוכה"

**ג]** אויב מען האט זיך געוואשן צו א סעודה און מען האט פארגעסן צו מאכן "לישב בסוכה", זאל מען עס מאכן באלד ווען מען דערמאנט זיך. אויב מען האט שוין געענדיגט עסן, זאל מען מאכן די ברכה און עסן נאך א שטיקל ברויט. אויב מען דערמאנט זיך ערשט נאכ'ן בענטשן, זאל מען מאכן די ברכה און בלייבן אביסל אין סוכה.[31]

### "לישב" אויף מזונות

**ד]** עס איז א מחלוקת הפוסקים צי מען מאכט די ברכה "לישב בסוכה" ווען מען עסט נאר מזונות, און למעשה איז אנגענומען צו מאכן די ברכה אויב מען עסט מער ווי א "כביצה", און מען זאל בלייבן א פאר מינוט אין סוכה נאכ'ן עסן, אז עס זאל נישט זיין קיין חשש "ברכה לבטלה" לויט די וואס האלטן אז מען מאכט נישט "לישב בסוכה" נאר אויפ'ן עסן מזונות. (אויב מען איז "קובע סעודה" אויף די מזונות, ווי ערקלערט ווייטער לגבי א געקעכטס פון די "חמשת מיני דגן", דארף מען נישט בלייבן אין סוכה נאכ'ן עסן.)[32]

### מזונות נאך קידוש

**ה]** אויב מען עסט נישט די סעודה שבת אדער יום טוב גלייך נאך קידוש, וואס די הלכה איז אז מען דארף עסן מזונות כדי עס זאל זיין "קידוש במקום סעודה", מאכט

27. דבלילה הראשונה אינו מחיוב לאכול בסוכה יותר מכזית כדי אכילת פרס. ויש מחמירין לאכול יותר מכביצה בכדא"פ, וגם שלכתחילה יהדר לאכלו בב"א ממש, (עי' במטה אפרים סי' תרכ"ה סנ"ב). **29.** שועה"ר ומ"ב שם. **30.** הנה באמת בשועה"ר ומ"ב לא כתבו להחמיר בכל יום, ויתכן שהוא מטעם דאכילה המחייבת לאכול בסוכה תלוי בקביעות, ואינו מכח שם אכילה [כמו במצה ובלילה א' של סוכות או ברהמ"ז] שצריך ליאכל בכדא"פ, וכ"כ להלכה בהג' חכמת שלמה (ס"ז), ומ"מ לכתחילה יש להחמיר וכמוש"כ גדולי האחרונים (עי' הליכות שלמה פ"ט אות ז' ובהערות שם). ובביכורי"י (סקי"ג) החמיר עוד יותר, שיש לאכול כל השיעור של יותר מכביצה בתוך שיעור של שמינית שעה [שהוא ז' וחצי דקות]. **31.** שועה"ר (סט"ז) מ"ב (סקמ"ח). **32.** דהנה שיטת המג"א (ס"ק ו') והשועה"ר (סי"א) שיש לברך בכל אופן שאוכל יותר מכביצה ואף בלי שום קביעות, ומ"מ מכיון שיש חולקים ע"ז יש לנהוג כפי שמכריע המ"ב (ס"ק

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת
הרה"ח ר' **מרדכי**
ב"ר **משה אלי'** הכהן ע"ה **קאהן**
יא"צ ח"י תשרי ת.נ.צ.ב.ה.

הונצח ע"י חתנו ידידינו הנכבד
**מוה"ר שלום פסח גרינבערג הי"ו**

מען לכל-הדעות "לישב בסוכה", וויבאלד מען מוז דאס עסן יוצא צו זיין קידוש און דערפאר האט עס א חשיבות פון א סעודה, און מען מוז נישט בלייבן אין סוכה נאכ'ן עסן.

### "חמשת מיני דגן"

**ו]** אויב מען איז "קובע סעודה" אויף א געקעכטס וואס איז געמאכט פון איינעם פון די "חמשת מיני דגן", ווי לאקשן, גריז, פארפל, א.ד.ג., צ.ב.ש. מען עסט עס פאר פרישטאג אדער נאכטמאל, און אזוי אויך אויב מען עסט דאס צוזאמען מיט נאך מענטשן (אפילו מען איז נישט "קובע סעודה"), קען מען מאכן דערויף "לישב בסוכה". אויב מען איז נישט "קובע סעודה", און מ'עסט עס נישט צוזאמען מיט אנדערע מענטשן, זאל מען נישט מאכן דערויף "לישב בסוכה".[33]

### פלייש און פיש

**ז]** אויף אלע אנדערע מאכלים, צ.ב.ש. פיש, פלייש, א.ד.ג., מאכט מען נישט "לישב בסוכה", אפילו אויב מען איז "קובע סעודה".

### "לישב" אויף זיצן אין סוכה

**ח]** כאטש מען איז מקיים א מצוה מיט'ן זיצן אדער ארומגיין אין סוכה, פירט מען זיך נישט צו מאכן "לישב בסוכה" אויף דעם אליין, אבער וויבאלד עס זענען דא וואס האלטן אז מען מאכט יא א ברכה, דעריבער אויב מען וויל פארברענגען אין סוכה א לענגערע צייט, צ.ב.ש. שלאפן א.ד.ג., און מען האט נאכנישט געמאכט הײנט "לישב בסוכה", איז כדאי צו עסן א גרעסער שטיקל מזונות און מאכן "לישב בסוכה" און אינזין האבן אויפ'ן עסן און אויך אויפ'ן פארברענגען אין סוכה, און אויב מען וואשט זיך דערנאך צו א סעודה זאל מען נישט מאכן נאכאמאל "לישב בסוכה" (אויב מען איז נישט ארויסגעגאנגען אויף א פאר שעה).[34]

### אויב מ'גייט צו אן אנדערנ'ס סוכה אינמיטן דער סעודה

**ט]** אויב מען גייט אינמיטן דער סעודה צו אן אנדערנ'ס סוכה, צ.ב.ש. מען גייט צום טאטן, צו א חבר, אדער צו א רבי'נס טיש, און מען וויל דארט ווייטער עסן, איז א מחלוקת הפוסקים צי מען דארף דארט מאכן נאכאמאל "לישב בסוכה".

**י]** דעריבער, אויב מען ווייסט פון פריער אז מען וועט אהינגיין, איז כדאי אינזין צו האבן ביים מאכן "לישב בסוכה" ביי זיך, אז אויב מען וועט עסן אין דער אנדערער סוכה ווייניגער ווי א "כביצה" זאל די ברכה ארויפגיין אויך אויף דעם, און אויב מען וועט עסן מער זאל די יעצטיגע ברכה נישט ארויפגיין דערויף, און ווען מען עסט דערנאך אין דער אנדערער סוכה מער ווי א כביצה זאל מען דארט מאכן נאכאמאל "לישב בסוכה". (עס איז גענוג אינזין צו האבן איין מאל אין גאנץ יום טוב אויף יעדעס מאל וואס מען וועט גיין אינמיטן א סעודה עסן ווייטער אין א צווייטנ'ס סוכה.)[35]

**יא]** אויב מען האט דאס נישט אינזין געהאט, זאל מען לכתחילה נישט מאכן נאכאמאל "לישב בסוכה" אין דער אנדערער סוכה[36], אפילו אויב מען עסט דארט מער ווי א כביצה, און אויב איינער מאכט דארט "לישב בסוכה" זאל מען בעטן ער זאל אים מוציא זיין.[37]

➤

ט"ז). **33**. דהנה לשיטת המג"א והשועה"ר (שם), מברך בכל אופן, אבל במ"ב (ס"ק ט"ו ובביה"ל שם ד"ה אם קובע) מכריע כמוש"כ, ולכן למעשה יש לנהוג כן מכח ספק ברכה. **34**. מ"ב (ס"ק מ"ו) ע"פ דברי המג"א, אבל מדברי השועה"ר משמע שא"צ להחמיר ע"ז, משום דהברכה שיברך אח"כ קאי גם על זה למפרע. **35**. הנה שיטת השועה"ר ע"פ המג"א הוא דכל שהולך לסוכת חבירו אף באמצע סעודה צריך לברך שנית, ואף כשהיה דעתו לזה מתחילה, דכל סוכה הוא חיוב חדש, אבל הט"ז (סי' ח' ס"ק י"א) סובר דכל שהיה דעתו לזה, אינו מברך שנית באמצע הסעודה, וכבר כתב הלבו"ש (אות כ"ד) דכן נהוג עלמא, וכן מסיים המ"ב (ס"ק מ"ח) מכח ספק ברכה. ולכן כדי לצאת מכל פקפוק יש לעשות כמוש"כ, ואף שהמג"א כתב שאין לעשות תנאי כזה, מ"מ כבר חלקו עליו האחרונים (עי' בא"ר סקי"ח ובא"א מבוטשאטש בסוה"ס ובשו"ת קרן לדוד סו"ס קנ"ג), ולשיטת המג"א כבר כתבנו שבני"ד שהולך לסוכת חבירו ממילא מחיוב לברך שנית. **36**. כנ"ל מכח ספק ברכה. **37**. כדי לחוש לשיטת השועה"ר. **38**. דכל שלא היה דעתו לזה אף להט"ז ומ"ב מברך

---

אנגעצונדן עפעס ווי א פונק אין זיינע אויגן - ער איז דא! תחיית המתים. צו אלעמענ'ס וואונדער, האט ער אנגעהויבן צוריק שמייכלען, לערנען און דאווענען מיט א געשמאק. אזוי זענען אריבער די ישיבה-גדולה יארן, ווען ער הארוועט און שטייגט אין תורה און עבודה. אין זיינע צוואנציגער יארן, האט ער געטראפן א פיינעם שידוך און האט חתונה געהאט בשעה טובה. ער האט אויפגעשטעלט א שיינע שטוב און געזיצן אין די תורה-געצעלטן על התורה ועל העבודה.

ויהי היום, איין טאג איז ר' דוד צוגעקומען צו זיין ראש הכולל און אים געלאזט וויסן, אז ער האט נאר-וואס פארקויפט זיין אלטע דירה אין בני ברק און האט זיך געקויפט א נייע דירה, און עס פעלט אים נאך אביסל מער ווי צוואנציג טויזנט דאלער צו דעקן די קאסטן פון דער נייער דירה. דערפאר וויל ער בעטן ערלויבעניש ארויסצופארן קיין אמעריקע אויף א וואך-צוויי צו שאפן דארט דאס געלט וואס ער דארף נאך פאר דער דירה.

דער ראש הכולל האט געטראכט צו זיך, דער יונגערמאן האט אביסל צו-הויכע השגות. צוואנציג טויזנט דאלער מאכט מען נישט געווענליך אין א וואך-צוויי. "האסט עפעס נאענטע באקאנטע אין אמעריקע וואס וועלן דיר העלפן מיט גרעסערע סומעס?" האט ער אים געפרעגט. "ניין," האט ר' דוד געענטפערט, "איך האב נישט קיינעם דארט." "איך האב יא באקאנטע דארט," האט דער ראש הכולל אים געזאגט, "אבער איך מאך נישט אזויפיל אין אזא קורצער צייט. פארוואס טראכטסטו אז דו וועסט יא מאכן?" "איך טראכט," האט ר' דוד געענטפערט, "אז אויב דער אויבערשטער וויל, קען איך מצליח זיין אויך אין א קורצער צייט. איך וויל נאר בעטן ערלויבעניש צו פארן."

זעענדיג אז ער איז שוין באשלאסן ביי זיך, האט דער ראש הכולל אים מער נישט אפגערעדט און האט אים געגעבן ערלויבעניש צו פארן. עס איז אדורך די וואך-צוויי, און ר' דוד האט געהאלטןווארט און געווען צוריק אין כולל. דער ראש הכולל האט זיך פאראינטערעסירט ביי אים ווי אזוי די נסיעה איז צוגעגאנגען, צי ער האט מצליח געווען, און וויפיל געלט עס איז אים געלונגען צו שאפן אין דער קורצער תקופה.

"עס איז געווען ב"ה מיט הצלחה," האט ר' דוד געענטפערט. "איך האב געשאפן דעם גאנצן סכום, און נאך אפילו א פאר טויזנט דאלער מער." דער ראש הכולל האט זיך שטארק געוואונדערט

מדור זה נתנדב
לזכר נשמת האשה החשובה
מרת מלכה מירל
בת ר' יושע פאליק ע"ה סופר
נפטרה ביום שמיני עצרת כ"ב תשרי
יהא זכרה ברוך
הונצחה ע"י בנה ידידינו הנכבד
מוה"ר גרשון דוד הי"ו

### אויב מ'האט נישט געוואוסט אז מ'וועט אהינגיין עסן

**יב]** אויב מען האט נישט געוואוסט פון פריער אז מען וועט גיין עסן אין דער אנדערער סוכה, צ.ב.ש. מען האט באשלאסן אינמיטן דער סעודה אריבערצוגיין צו די עלטערן עסן דארט ווייטער די סעודה (כאטש עס איז באמת נישט אויסגעהאלטן אזוי צו טון לכתחילה, ווייל מען דארף בענטשן אויפ'ן פלאץ וואו מען האט זיך געוואשן, אויסער אויב מען האט אינזין געהאט דערויף ביים זיך וואשן), און מען עסט דארט מער ווי א כביצה, זאל מען מאכן דארט נאכאמאל "לישב בסוכה"[38], אבער עס איז בעסער יוצא צו זיין פון א צווייטן.[39] אויב מען עסט נישט דארט קיין כביצה, זאל מען נישט מאכן נאכאמאל "לישב בסוכה".

### אויב מ'גייט צו אן אנדערן נאך דער סעודה

**יג]** אויב מען גייט צו אן אנדערנ'ס סוכה נאכדעם וואס מען האט שוין געענדיגט עסן און געבענטשט פון דער סעודה, און מען וואשט זיך דארט נאכאמאל, אדער מען עסט דארט מזונות מער ווי א כביצה, דארף מען מאכן נאכאמאל "לישב בסוכה"[40], אפילו אויב מען האט מתחילה אינזין געהאט אהינצוגיין דארט עסן.[41]

### זהירות פון גזל שינה

**יד]** עס איז כדאי אנצומערקן, אז אין די נעכט פון סוכות ווען מען פראוועט סעודות און שמחת בית השואבה אין דער סוכה אין די שפעטע שעה'ן ווען אסאך מענטשן שלאפן שוין, דארף מען זיין שטארק געווארנט אז עס זאל נישט זיין ח"ו קיין "מצוה הבאה בעבירה" דורך דעם וואס מען שטערט און מען איז מצער אנדערע מענטשן.

**טו]** אויך זאל מען אכטונג געבן ווען מען גייט אדורך נעבן די סוכות וואו מענטשן שלאפן, נישט צו רעדן הויך כדי נישט עובר צו זיין ח"ו אויף "גזל שינה".

## הלכות פון ד' מינים

### די אייגענע ד' מינים אין די ערשטע טעג

**טז]** עס שטייט אין פסוק (ויקרא כג, מ) "ולקחתם **לכם** ביום הראשון פרי עץ הדר וגו'", לערנען חז"ל ארויס פון דא אז אין די ערשטע צווי טעג סוכות זאל מען מקיים זיין מצות לולב מיט די אייגענע ד' מינים ("לכם")[42]. אין די אנדערע טעג קען מען אבער יוצא זיין אויך מיט געבארגטע ד' מינים פון א צווייטן.

**יז]** אויב מען גיט דעם לולב אין די ערשטע טעג פאר א צווייטן יוצא צו זיין אלס "מתנה על מנת להחזיר" (אויפ'ן תנאי אז ער זאל עס צוריקגעבן), איז ער יוצא דערמיט ווייל עס הייסט ווי עס איז זיינס, און ער זאל אינזין האבן עס קונה צו זיין, און נאכ'ן שאקלען זאל ער עס צוריק מַקנה זיין. (אויב ער האט עס געגעבן ווייטער פאר א צווייטן, זאל עס דער צווייטער צוריק מַקנה זיין פאר'ן בעל האתרוג.)

### דער זמן פון שאקלען לולב

**יח]** די מצוה פון נטילת לולב גייט אן א גאנצן טאג און עס הייבט זיך אן לכתחילה פון דעם "נץ החמה". אויב מען האט געשאקלט נאכ'ן "עלות השחר" פאר'ן נץ האט מען בדיעבד יוצא געווען.

**יט]** דער מנהג איז צו בענטשן אתרוג אין דער סוכה[43], און עס איז ריכטיג צו זאגן פריער ברכות התורה.

### עסן און טרינקען פאר נטילת לולב

**כ]** מען טאר גארנישט עסן פאר'ן אתרוג-בענטשן. אויב עס פעלט שטארק אויס מעג

און געפרעגט, ווי אזוי ער האט דאס באוויזן, צי איינער האט אים אפשר געגעבן א ספעציעל-גרויסן סכום, האט ר' דוד געענטפערט, ניין, עס איז נישט געווען איין מענטש, נאר דא האט דער געגעבן א גרעסערן סכום, און דא א צווייטער, א.א.וו., און אלעס אינאיינעם האט זיך צוזאמענגעשטעלט די גאנצע סומע פון העכער צוואנציג טויזנט דאלער.

זעענדיג ווי דער ראש הכולל וואונדערט זיך אזוי, האט ר' דוד אים געפרעגט, "צי ווייסט אפשר דער ראש הכולל אביסל מיין געשיכטע, וואו איך בין געבוירן געווארן און ווער עס זענען מיינע עלטערן?" דער ראש הכולל האט געענטפערט אז ער ווייסט אביסל, נישט פינקטליך.

"איז לאמיר אייך אביסל דערציילן," האט ר' דוד אים געזאגט און אנגעהויבן דערציילן: "ווען איך בין בר מצוה געווארן, האבן די וואס איך האב ביז דעמאלט געוואוסט אז זיי זענען מיינע עלטערן מיר געמאכט אן אויפטרייסלנדע אנטפלעקונג. זיי האבן מיר דערציילט אז זיי זענען נישט מיינע אמת'ע עלטערן, נאר איך בין געבוירן צו אנדערע, און זיי האבן מיך ערצויגן ווי ריכטיגע טאטע-מאמע מיט גרויס געטריישאפט. ווי-נאר איך האב דאס געהערט, איז די גאנצע וועלט מיר פינסטער געווארן. פון דעמאלט אן, בין איך געווען א פארלוירענער. גאנצע דריי יאר האב איך נישט געקענט קומען צו זיך פאר צער און אויפרעגונג. אזוי האב איך אפגעלעבט א חשכות'דיג יונג-בחור'יש לעבן, אן קיין ברעקל שמחת החיים, א שטייגער ווי כ'וואלט געווען א דומם, נישט האבנדיג קיין מגע-ומשא מיט גארנישט און מיט קיינעם.

"נאכ'ן ענדיגן די ישיבה-קטנה יארן, בין איך אריינגעקומען אין ישיבה גדולה. עס איז געווען חודש אלול, ווען מען הייבט אן זאגן 'לדוד ה' אורי וישעי'. איין טאג בשעת'ן דאווענען, האבן די ווערטער אין דעם קאפיטל 'כי אבי ואמי עזבוני וה' יאספני' מיר א בליץ געגעבן אין געדאנק - דאס איז דאך מיין געשיכטע! איך האב אריינגעקוקט אין די מפרשים און געזען אז דאס זענען די ווערטער פון דוד המלך, וואס ער האט געליטן די שווערסטע יסורים ווען זיין טאטע ישי האט אים איבערגעלאזט, און זיין משפחה וועלכע האט געהאלטן אז ער האט א נישט-כשר'ן יחוס האט אים פארשיקט צו פאשען שאף אין די וועלדער, נישט וועלנדיג אז ער זאל אמאל אהיימקומען.

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **שמעון אונגאר** הי"ו
לכבוד זמן שמחתינו

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו לזכות לברכות התורה
אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד

מען טרינקען א קאווע. (חול המועד קען מען **לכתחילה** טרינקען קאווע פאר'ן נץ החמה, וויבאלד עס איז נאכנישט דער עיקר זמן פון דער מצוה[44]. אנדערע זענען מקיל לכתחילה אויך נאכ'ן נץ.)[45]

**כא]** פרויען מעגן יא עסן פאר'ן שאקלען, ווייל זיי זענען נישט מחויב להלכה צו שאקלען. על-פי קבלה זאלן פרויען נישט מאכן די נענועים, נאר געבן א קליינעם שאקל.

### נעמען דעם לולב און אתרוג אין האנט

**כב]** ווען מען שאקלט, האלט מען דעם לולב אין דער רעכטער האנט און דעם אתרוג אין דער לינקער האנט. אויב מען האט עס בטעות גענומען אין דער אנדערער האנט האט מען יוצא געווען, אבער וויבאלד עס זענען דא וואס האלטן אז מען האט נישט יוצא געווען זאל מען שאקלען נאכאמאל אָן א ברכה. דאס זעלבע איז אויך אויב מען האט גענומען ביידע אין איין האנט.[46]

### א געלינקטער

**כג]** א געלינקטער זאל האלטן דעם לולב אין דער לינקער האנט און דעם אתרוג אין דער רעכטער האנט, און עס איז כדאי אז ער זאל עס נעמען דערנאך אין דער רעכטער האנט און נאכאמאל שאקלען[47].

**כד]** אזוי אויך ביי הלל זאל ער האלטן דעם לולב אין דער לינקער האנט[48]. אנדערע פירן זיך אז ביי די נענועים און הקפות זאל ער האלטן דעם לולב אין דער רעכטער האנט.

### אויב מ'האט פארגעסן צו מאכן די ברכות

**כה]** אויב מען האט פארגעסן צו מאכן די ברכה פאר'ן שאקלען, קען מען עס מאכן פאר די נענועים, וויבאלד די נענועים זענען אויך א חלק פון דער מצוה. אזוי אויך אויב מען האט שוין געמאכט די נענועים אבער מען האט נאכנישט געזאגט הלל, קען מען מאכן די ברכה פאר הלל[49].

**כו]** אויב מען האט פארגעסן צו מאכן "שהחיינו" ביים ערשטן מאל שאקלען, קען מען מאכן די ברכה ווען מען דערמאנט זיך דאס אנדערע מאל ביים שאקלען, אפילו הושענא רבה.

### דער סדר פון די נענועים

**כז]** דער סדר פון די נענועים איז ווי פאלגנד: מען שאקלט ערשט צו דרום-זייט, דערנאך צפון, מזרח, ארויף, אראפ, מערב.

**כח]** ווען מען זאגט "הודו לה'", שאקלט מען צו דרום, "כי" - צפון, "טוב" - מזרח, "כי" - ארויף, "לעולם" - אראפ, "חסדו" - מערב. ביים זאגן דעם שם שאקלט מען נישט (ווייל מען דארף אינזין האבן דעם שם[50]).

**כט]** ביי "אנא ה'" שאקלט מען צו צווי זייטן ביי יעדןווארט (אבער נישט בשעת'ן זאגן דעם שם): "אנא ה'" - דרום-צפון, "הושיעה" - מזרח-ארויף , "נא" - אראפ-מערב.

### שיעור פונעם הדס און ערבה

**ל]** דער שיעור פונעם הדס און ערבה איז דריי טפחים (בערך 12 אינטשעס לויט שיטת חזון איש, און צווישן 9 און 10 אינטשעס לויט שיטת הגר"ח נאה). דער שיעור דארף זיין פונעם ריטל אליין, אָן די בלעטער.

**לא]** לכתחלה דארף דער גאנצער הדס ביז דריי טפחים - אדער כאטש רוב דערפון - זיין "משולש" (די בלעטער אויף דער זעלבער שורה זאלן זיין די זעלבע גראד, נישט איינס מער

"דוד המלך איז געווען א נרדף. ער האט קיינעם אין דער וועלט נישט געהאט, און דערויף האט ער געזאגט 'כי אבי ואמי עזבוני' - מיין טאטע און מאמע האבן מיך איבערגעלאזט, אבער 'וה' יאספני', דער רבוש"ע איז דער איינציגער וואס וועט זארגן פאר מיר. און אזוי האט דוד המלך, דער נעים זמירות ישראל, געלעבט מיט בטחון נאר אין אויבערשטן אליין, ווי עס שטייט אין אן אנדער פסוק 'ויתחזק דוד בה' אלקיו'.

"יענע מינוט וואס איך האב דאס געטראכט איז עס געשען מיט מיר: איך האב אריינגעטראכט אז איך בין דאך אין זעלבן מצב ווי דוד המלך. 'כי אבי ואמי עזבוני', מיינע לייבליכע עלטערן האבן מיך פארלאזט, און איך האב נישט קיינעם אין דער וועלט - אבער איך האב דעם רבוש"ע! ער איז דא פאר מיר, ער הערט מיינע תפלות, און ער וועט מיר ענטפערן. '**דודי!**' האט גערעדט צו מיר אן אינערליכע שטימע. '**עס קומען נייע צייטן, דו ביסט נישט אליין**'.

"פון דעמאלט אן האב איך ווידער אויפגעלעבט און אנגעהויבן לערנען און דאווענען מיט א פרישן חיות און געשמאק. אוודאי האבן זיך אריינגעכאפט אין מיר דאגות, ווי צום ביישפיל, ווער וועט דיך נעמען פאר א חתן? אבער איך האב זיך געשטארקט און געטרייסט אז 'וה' יאספני', דער רבוש"ע איז דא, און קיינער קען אים פון מיר נישט צונעמען. דאן האט דער רבוש"ע טאקע געהאלפן, און איך האב זוכה געווען צו טון א גוטן שידוך און אויפגעשטעלט ב"ה א שטוב מיט הצלחה. איך האב אלעס, ווייל איך האב דעם רבוש"ע. אט-די צווי ווערטער 'וה' יאספני' פירן מיך און באגלייטן מיך א גאנץ לעבן.

"זינט דעמאלט זאג איך יעדן טאג דאס קאפיטל 'לדוד ה' אורי', און איך שעפ חיזוק און בטחון פון דעם 'וה' יאספני'. יעצט, ווען איך האב זיך געדארפט אריבערציען אין אן אנדער דירה, טרעפנדיג זיך מיט א דאגה צו שאפן די העכער צוואנציג טויזנט דאלער, האב איך זיך גע'חזר'ט די ווערטער פונעם 'חובת הלבבות', אז עס ליגט אויפ'ן מענטש א פליכט צו טון עפעס אין גדר פון 'נארמאלע השתדלות', און השי"ת וועט העלפן. איבערעדנדיג דאס מיט א משפיע, האט ער מיר געזאגט אז פארן קיין אמעריקע הייסט 'נארמאלע השתדלות'.

"די אלע פשוט'ע חשבונות, ווי אזוי מען קען מאכן א גרויסע סומע געלט אין א קורצע צייט,

שנית. **39**. לחוש לשיטת הבית מאיר שהובא בשעה"צ (שם ס"ק צ"ד). **40**. ואף דס"ל לשועה"ר (שם) דגם על טיול לחוד מברך בסוכה שאינו אוכל שם היום, וטעמו הוא משום שאינו יכול ליעשות טפל לאכילה שמברך שם, וכבר העיר כן בשו"ת ערוגת הבושם (סי' קצ"ב), מ"מ לא נהוג כן עלמא וכמוש"כ במאמר מרדכי סק"ח דלשיטת ר"ת לא ניתקן מעולם לברך רק על אכילה, ובאמת כבר נזכר מנהג זה בברא"ש (פ"ד סי' ג') וז"ל 'כי רגילין העם שאין מברכין על הסוכה אם נכנס בה לטייל בה ושינה אלא דוקא בשעת אכילה' עכ"ל. **41**. דכל שכבר בירך ברהמ"ז לדעת הט"ז (ס"ק כ') יש חיוב חדש לברך אף בסוכה עצמו שכבר בירך שם, (אלא שבזה לא קיי"ל כוותי', משום דחלקו עליו המג"א והשועה"ר), ולכן בסוכה אחרת פשוט שממ"נ יש לברך, דהרי להמג"א והשועה"ר בכל אופן יש חיוב לברך. **42**. עי' ביה"ל סי' תרמ"ט ד"ה פסול. **43**. שלה"ק. **44**. ומצות נטילת לולב מיום ב' ואילך הוא רק דרבנן ולכן קיל טפי. **45**. עי' שו"ת השיב משה סי' י"ט. **46**. עי' מ"ב ס"ק ט"ו-י"ט, ושועה"ר סי"ג. **47**. כה"ח סקל"ח. **48**. עיין שו"ת שה"ל ח"ח סי' קנ"א ובחשב האפוד ח"ג סי' ל'). **49**. עיין מ"ב תרנ"א, כ"ו. **50**. שעה"צ סי' תרמ"א סקמ"ח. **51**. שועה"ר תרנ"א, יא, ובהוספות למנח"פ מדייק מזה דהוא לעיכובא,

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **זונדל קעניג** הי"ו
**לרגל יו"ד של הרה"ק מריבניץ זצוק"ל**
ביום אסרו חג סוכות כ"ד תשרי
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד בעדו לזכות
לברכות התורה אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד

ארויף אדער אראפ פון די אנדערע). מער פון דריי טפחים דארף נישט זיין משולש.

### אויב דער שפיץ פון דער ערבה איז אפגעבראכן

**לב]** אויב דער שפיץ פון דער ערבה (פונעם ריטל) האט זיך אפגעבראכן איז עס פסול, און מען איז מחמיר דערמיט אויך ביים הדס. אויב נאר דער שפיץ פון די בלעטער האט זיך אפגעריסן איז עס כשר.

### די "שדרה" זאל זיך ארויסשטעקן העכער די הדסים און ערבות

**לג]** מען דארף זיין שטארק געווארנט אז די "שדרה" פונעם לולב (ד.ה. אויסער די לאנגע בלעטער וואס קומען ארויס אויבן נאכדעם וואס די שדרה ענדיגט זיך) זאל זיך ארויסשטעקן כאטש איין טפח העכער די הדסים און ערבות, כדי מען זאל קענען שאקלען מיט'ן לולב[51].

### די הדסים העכער די ערבות

**לד]** די הדסים דארפן זיין אביסל העכער פון די ערבות, ווייל די ד' מינים זענען מרמז אויף פיר סארטן מענטשן, און די הדסים זענען מרמז אויף די וואס האבן א "ריח" (ד.ה. תורה) און נישט קיין "טעם" (מצוות), און די ערבה איז מרמז אויף די וואס האבן נישט קיין "טעם" און נישט קיין "ריח" (נישט קיין תורה און נישט קיין מצוות).[52]

### אויב די ערבות זענען צו לאנג

**לה]** עס זענען דא וואס האלטן אז אויב די ערבות זענען צו לאנג טאר מען עס נישט אפברעכן יום טוב מיט די הענט צוליב'ן איסור פון "מחתך"[53]. אנדערע זענען מתיר אויב מען איז נישט מקפיד עס צו צעברעכן ביי א באשטימטן פלאץ.[54]

### אויב מ'האט פארגעסן צוצוגרייטן לולב-בלעטער

**לו]** אויב מען האט פארגעסן אנצוגרייטן פאר יום טוב אפגעריסענע לולב-בלעטער צו בינדן דעם לולב, מעג מען עס אפרייסן יום טוב מיט א שינוי, צ.ב.ש. מיט די ציין, און עס איז גוט אז מען זאל עס טון בצינעא (באהאלטענערהייט)[55]. מען זאל אבער נישט מאכן די בלעטער גלייך, ווייל דאס הייסט אז מען איז מתקן א כלי.

### אריינלייגן דעם לולב אין וואסער

**לז]** מען מעג צוריקלייגן יום טוב דעם לולב מיט די הדסים און ערבות אינעם וואסער וואו עס איז געווען פאר יום טוב, און אזוי אויך מעג מען צוליגן וואסער ביז האלב וויפיל עס איז געווען פאר יום טוב[56], אבער מען טאר נישט טויש דאס וואסער ווייל עס איז א טירחא.

**לח]** אויב מען האט אנגעגרייט וואסער פאר יום טוב און מען האט פארגעסן אריינצולייגן דעם לולב, מעג מען עס אריינלייגן יום טוב אינעם וואסער[57], און אזוי אויך מעג מען אריינלייגן א פרישע ערבה אין יענעם וואסער.

### איינוויקלען אין א נאסן האנטוך

**לט]** מען טאר נישט יום טוב נאס מאכן א האנטוך איינצוּוויקלען דערין דעם לולב אדער די הדסים און ערבות אז עס זאל זיך האלטן פריש, צוליב א חשש פון "סחיטה" (אויסקוועטשן).

### וואס עס איז פסול די ערשטע טעג אדער גאנץ יו"ט

**מ]** יעדע זאך וואס איז פסול ביי די ד' מינים צוליב "הדר" איז פסול אלע טעג יום טוב, אבער וואס עס איז פסול צוליב "חסר" אדער ווייל עס הייסט נישט קיין "לקיחה תמה" איז פסול נאר דעם ערשטן טאג, און מען זאל מחמיר זיין אויף דעם צווייטן טאג אויב מען קען גרינגערהייט שאקלען מיט א צווייטנ'ס ד' מינים (און יענער זאל עס אים געבן אלס "מתנה על מנת להחזיר", ווי ערקלערט אויבן).[58]

האבן נישט אויף מיר קיין השפעה, ווייל אז איך זאל גיין מיט 'פען און פאפיר', זענען דא אסאך זאכן פון יארן פריער וואס וואלטן מיר 'נישט געשטימט': עס וואלט נישט געשטימט אז איך וועל טון א גוטן שידוך, אז איך וועל זען הצלחה אין לערנען, זיך קונה זיין א גוטן נאמען, און נאך פארשידענע זאכן. עס איז דא אויף דעם אלעם נאר איין תירוץ: 'וה' יאספני'. און דאס זעלבע איז אויך דא ווען עס קומט צו שאפן דאס געלט פאר א דירה.

"אט דאס איז דער סוד פון מיין הצלחה, ווי אזוי איך האב געקענט שאפן דעם גרויסן סכום פון העכער צוואנציג טויזנט דאלער אין וויניגער ווי צוויי וואכן," האט ר' דוד אויסגעפירט צו זיין ראש הכולל.

דער ראש הכולל, וועלכער איז געווען שטארק איבערגענומען פון ר' דוד'ס ווערטער, האט דאס שפעטער איבערדערציילט און ארויסגעברענגט וואס דאס מיינט אז ווען מען איז מקיים "השלך על ה' יהבך", מען "ווארפט זיך ארויף" און מען פארלאזט זיך אויפ'ן אויבערשטן מיט אן אמת'ן בטחון, זעט מען קלאר דעם "והוא יכלכלך", אז השי"ת נעמט איבער אינגאנצן די לאסט וואס ליגט אויפ'ן מענטש און שיקט אים צו אלע זיינע באדערפענישן.

*

דערציילט ר' בערל שליט"א: די מעשה האב איך דערציילט אין קרית יואל פרשת שלח. די אנדערע וואך רופט מיר אן א איד און דערציילט, אז עס איז דא א צעבראכענע פרוי וועלכע קומט צו אים שבת עסן די סעודה. איר טאטע איז ליידער נישט אין ארדענונג, און אויך די מאמע האט נישט קיין שייכות מיט איר. זי האט געהאט חתונה געהאט, אבער עס איז ליידער נישט געווען מיט קיין הצלחה - אן עלנדע נשמה וועלכע האט נישט קיינעם אויף דער וועלט, אויסער א פאר גוטהארציגע אידן וועלכע קוקן זיך אום אויף איר.

פארגאנגענעם שבת ביי דער סעודה, האט ער דערציילט די אויבנדערמאנטע מעשה מיט דעם יונגערמאן ר' דוד, און ווען די פרוי האט דאס געהערט, האט עס איר שטארק געכאפט. זי האט זיך אליין געזען אין דער מעשה, זייענדיג אין אן ענליכן מצב. אויך זי האט נישט קיין נאענטן מענטש, און בדרך הטבע זעט זי נישט קיין שום וועג זיך ארויסצודרייען פון איר גאנצן פעקל צרות.

אבער זי האט דאך דעם רבוש"ע!

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
**מוה"ר מענדל וואלף פישער הי"ו**
לזכות שנה טובה ומבורכת

ולז"נ אחיו **אליקים** ע"ה ב"ר **שלמה צבי אלעזר** הי"ו

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד בעדו לזכות לברכות התורה אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד

**מא]** דערפאר, אויב עס האט זיך אפגעבראכן דער שפיץ פונעם לולב אדער ערבה, אדער דער גאנצער פיטם פונעם אתרוג, איז עס פסול גאנץ יום טוב ווייל עס זענען דא וואס זאגן אז דער פסול איז צוליב דעם וואס עס הייסט נישט קיין "הדר".

**מב]** אויב דאס מיטלסטע בלעטל פונעם לולב האט זיך צעטיילט אינמיטן יום טוב, און אוודאי אויב עס האט זיך צעטיילט וויניגער פון א טפח, קען מען שאקלען דערמיט מיט א ברכה.

**מג]** אזוי אויך אויב עס האט זיך אפגעבראכן א טייל פונעם פיטם אונטער דער "שושנתא" (דער אויבערשטער טייל פונעם פיטם וואס זעט אויס ווי א בלימל) און עס שטעקט זיך נאך ארויס א שטיקל, איז עס כשר, און עס זענען דא וואס זענען מקיל אפילו אויב עס שטעקט זיך גארנישט ארויס, ווילאנג עס איז נישט געווארן קיין גריבל אינעם אתרוג.

### אן אתרוג וואס איז פארפלעקט דורכ'ן טאפן מיט די הענט

**מד]** אן אתרוג וואס איז פארפלעקט געווארן צוליב'ן עס טאפן מיט די הענט און מאכן די נענועים הייסט א "הדר", וויבאלד עס איז געווארן דורכ'ן טון די מצוה און דאס איז די שיינקייט פונעם אתרוג.[59]

### אפשניידן חול המועד א טייל פונעם לולב

**מה]** אויב דער לולב איז צו לאנג און עס פאסט זיך נישט אריין אינעם האלטער, מעג מען עס חול המועד אפשניידן פון אונטן.[60]

### אויב עס האבן געפעלט די ערבות אדער הדסים

**מו]** אויב מען האט נישט געהאט קיין ערבה און מען האט אזוי געשאקלט, האט מען נישט יוצא געווען מצות לולב און אויב מען האט שפעטער ערבות זאל מען שאקלען נאכאמאל מיט א ברכה (און אזוי אויך "שהחיינו").

**מז]** אויב מען האט געהאט אין שטוב אן ערבה, נאר מען האט פארגעסן עס צו בינדן מיט'ן לולב און די הדסים, האט מען יוצא געווען מצות לולב און אתרוג, אבער נישט די מצוה פון ערבה, און מען זאל עס בינדן מיט'ן לולב און מאכן די ברכה "על נטילת ערבה", און מ'זאל דערמיט שאקלען.

**מח]** אזוי אויך אויב מען האט געמאכט די ברכה אויפ'ן לולב און דערנאך האט מען באמערקט אז איינע פון די ערבות איז געווען איבערגעדרייט (אדער עס האט געפעלט אן ערבה), האט מען יוצא געווען מצות נטילת לולב און אתרוג, אבער נישט די מצוה פון ערבה, וויבאלד עס שטייט אין פסוק "וערבי נחל", א לשון רבים, אז מען דארף האבן צוויי ערבות. און מען זאל פאררעכטן די ערבה און מאכן א ברכה "על נטילת ערבה", און דערנאך זאל מען שאקלען נאכאמאל אלע ד' מינים אָן א ברכה. אויב דאס האט פאסירט דעם ערשטן טאג יום טוב, זאל מען אויך מאכן נאכאמאל "שהחיינו" אויף דער ערבה.

**מט]** אויב עס האט געפעלט איין הדס, אדער איין הדס איז געווען איבערגעדרייט ביים שאקלען, זענען דא וואס האלטן אז מען האט יוצא געווען (ווייל ביי הדס שטייט נישט קיין לשון רבים אין פסוק), און דעריבער זאל מען שאקלען נאכאמאל אן א ברכה.[61]

נאך דער סעודה האט זי גענומען א תהילים און געזאגט אזוי ווי מיר האבן נאך קיינמאל נישט געזען ביי איר. עס האט זיך נישט דערקענט ביי איר קיין יאוש, נאר א השתפכות הנפש, אויסגיסנדיג זיך דאס הארץ צום רבוש"ע, וואס ווייסט איר צער און פארשטייט איר הארץ.

מוצאי שבת איז געשען א וואונדערליכע זאך. א שדכן האט אנגערופן און געזאגט אז עס איז אים איינגעפאלן א שידוך פאר איר. עס האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט ווי א גוטער געדאנק, און יעצט האט זיך ברוך ה' פון פריש אנגעהויבן א לעבן פון שמחה.

די מעשה האט אין זיך א טיפע נקודה וואס איז נוגע פאר יעדן. אויך ווער עס האט, ברוך ה', יא עלטערן און נאענטע משפחה דארף וויסן און געדענקען, אז עס איז נישט דער פעטער אדער יענער ידיד אויף וועמען מען דארף זיך פארלאזן אז פון אים וועט קומען די ישועה, נאר "וה' יאספני", השי"ת אליין איז דער מקור הרחמים, און נאר צו אים דארפן מיר בעטן און האפן מיט א פולשטענדיגן בטחון; און אפילו איינער וואס עס זעט אויס ווי ער קען אונז בדרך הטבע העלפן מיט זיינע מעגליכקייטן צי "קאנעקשאנס", איז דאס אלעס בלויז א כוח המדומה, און אלעס קומט בלויז פון השי"ת. דערפאר דארפן מיר גיין גראד צום מקור הברכה און זיך ווענדן מיט'ן גאנצן הארץ צו ג-ט ברוך הוא אליין, "כי עזי וזמרת קה ויהי לי לישועה".

א מענטש דארף זיך פארשטעלן ווי ער האט קיינעם נישט אין דער וועלט, נאר דעם רבוש"ע אליין, און אז ער וועט זיך פארלאזן אינגאנצן אויף השי"ת און "ארויפווארפן אויף אים זיין לאסט", גלייבנדיג מיט אן אמת אז השי"ת זעט זיין קלעם און העלפט אים אין זיין נויט, וועט ער טאקע זען ישועות. "הנה עין ה' אל יראיו למיחלים לחסדו".

*

**מיטצוטיילן ערשט האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים, ביטע פארבינדט זיך צו דער הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכ'ן פעקס: 845-517-1692, אדער לאזט א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן: 845-276-3170**

**לז"נ מוה"ר שמואל דוד ב"ר צבי פינחס הכהן ע"ה**
**ומוה"ר ישכר בער ב"ר טובי' גדלי' ע"ה**
לא השאירו אחריהם זש"ק
ונא ללמוד לעילוי נשמתם

ואפי' שהנענועים אינן מעכבין אבל צריך שיהא ראוי לנענע. **52.** ספר הפרדס לרש"י. **53.** עיין ספר עמה"ת ח"ו סי' רכ"ט. **54.** עיין שו"ת בא"מ ח"ג סי' צ"ט ובשו"ת נשה"ש סי' של"ז. **55.** עיין פרמ"ג ושע"ת סי' תרנ"א סק"ג ובספר דע"ת שם, ועיין מש"כ תהל"ד סי' שכ"ב אות ו. **56.** עיין ערוך השלחן סי' תרנ"ד ס"ב דמש"כ דיום טוב מותר להוסיף הוא עד חצי ממה שהיה מעריו"ט, דביותר ממחצה לא מיקרי עוד הוספה. **57.** עיין מ"ב סי' של"ו ס"ק נ"ד, וכן משמע בשועה"ר שם. **58.** עיין לעיל סעיף ה]. **59.** חי' חת"ס סוכה לו, ועי' ספר מנחת פיתים בהגהות. **60.** קובץ מבית לוי, ואפילו שכבר בירך ע"ז והוקצה למצוותו מותר, כיון שאינו משתמש בו, ולא יזרקו לאשפה וכדו'. **61.** עי' סי' תרנ"א סי"ב דד' מינים מעכבין זא"ז ואם היו הד' מצויים אצלו ונטלם אחד אחד יצא אם היו כולם לפניו, ואם סח ביניהם צריך לברך על כל או"א, ובמ"ב כ' שיברך על הדס "על נטילת עץ הדס" ועל ערבה יברך "על נטילת ערבה", ומ"מ טוב שיחזור ויקחם אח"כ כולם כאחד, ואם היה חסר מין אחד ולא היה בביתו אותו מין החסר ואח"כ הביאו לו צריך לברך פעם שני על ארבעתם על נטילת לולב, עיין מ"ב ס"ק נ"ו, ובס"ק ג-ו כ' שאם נטל בד אחד של ערבה צריך לחזור ולברך, אמנם עי' בשע"ת אות כ"ג שכ' דלא יברך באופן זה.

## אהיימנעמען 1,546 אויסגעהאלטענע אמנ'ס פון די יום-טוב תפילות

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,
עס קומען יעצט אזעלכע הייליגע טעג, ווען מיר וואוינען ממש אין בית המדרש. מען קומט אינעם "בית מקדש מעט" הייליגן דעם אויבערשטנ'ס נאמען, אנשים, נשים וטף.
מיר וויסן פון חז"ל, אז עס נישטא קיין גרעסערע הנאה פאר'ן אויבערשטן, כביכול, ווי דעמאלט ווען אידן קומען אין בית המדרש זאגן אמן און "יהא שמי' רבא", און בזכות פון ענטפערן אמן זענען מיר זוכה צו אלע השפעות טובות.
מען דארף געדענקען, אז דאס אלעס איז נאר אויב מען גיט אכטונג צו ענטפערן אמן כהלכה, ד.ה. נישט ענטפערן ביז דער שליח ציבור ענדיגט ארויסזאגן דאס גאנצע ווארט. אויב ענטפערט מען פריער, הייסט דאס אן "אמן חטופה", וואס אויף דעם שטייט גאר שארף, אז אנשטאט גוטע השפעות, אריכות ימים, א.א.וו., איז עס גורם ל"ע דאס פארקערטע (כמבואר חומר הדבר בחז"ל בברכות מז. ובשלחן ערוך הלכות תפילה סי' קכד סעיף ח').
**אויב מען זאל מאכן דעם חשבון, וויפיל מאל מען וועט ענטפערן אמן אין בית המדרש די טעג, פון אנהייב ביז סוף יום טוב, קומט דאס אויס א צאל פון העכער 1,545 (פופצן הונדערט מיט פינף-און-פערציג) אמנ'ס.**
לאמיר צוליייגן אביסל מחשבה, און דאס אויסלערנען אויף פאר די קינדער, **צוווארטן ביז דער שליח ציבור ענדיגט דאס גאנצע ווארט** און דעמאלט ענטפערן אמן כהלכה. דערמיט גיבן מיר אפ דעם ריכטיגן כבוד פאר השי"ת. די פילע הונדערטער אמנ'ס שפאלטן הימלען, און מיר אראפ אויף זיך געזונט, אריכות ימים און אלע השפעות טובות.

## טאמער ווערסטו פרעגן וואס מזוני הייסט

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,
אין דעם באקאנטן ניגון פונעם הייליגן באבאדיטשעווער רב זי"ע (וואס מיר שטייען יעצט "סמוך ונראה" צו זיין יומא דהילולא כ"ה תשרי), זינגען מיר: "טאמער ווערסטו פרעגן וואס מזוני הייסט, זאג איך דיר, ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך..."
"מזוני" הייסט ווען מען עסט צו דער זעט און מען בענטשט. ווען א איד בעט אויף מזונות, אויף פרנסה, בעט ער נישט בלויז צו האבן אויף "ואכלת ושבעת", נאר צו קענען מקיים זיין "וברכת".
און אז מען איז מקיים "וברכת", איז מען זוכה צו פרנסה בשפע.
כדי מקיים צו זיין די "מצוה לספר בשבחן של ישראל", ווי דער הייליגער באבאדיטשעווער רב זי"ע שרייבט, וויל איך דא מפרסם זיין אן אינטערעסאנטן פאקט וועגן דעם התחזקות פון כלל ישראל איבער גאר דער וועלט אין דעם ענין פון נטילת ידים און ברכת המזון אויף א טעגליכן פארנעם, וואס עס איז מיר אויסגעקומען לעצטנס צו הערן פון איינעם פון די ארבעטער אין דער באקאנטער "פראנצאז"-בעקעריי.
דער ארבעטער האט מיר דערציילט, אז אין דער פארגאנגענהייט זענען אזויפיל ווי צוויי-דריטל פון אלע ברויטן פון דער בעקעריי וואס האבן זיך פארקויפט געווען די "גרינגע" זעקלעך. אין די לעצטע צוויי יאר איז אבער געווארן א התעוררות אין מצות ברכת המזון, די איינציגע ברכות וואס זענען מן התורה, און מצות נטילת ידים וואס שלמה המלך ע"ה האט מתקן געווען און חז"ל זאגן אז עס איז דעמאלט ארויסגעגאנגען א בת-קול פון הימל "אם חכם בני ישמח לבי גם אני" (משלי כג, טו).
עס איז שוין איבער א יאר - האט ער מיר דערציילט - וואס דאס עיקר ברויט פון דער בעקעריי וואס פארקויפט זיך זענען די "רויטע" זעקלעך ("המוציא"). די סטאטיסטיק האט זיך איבערגעדרייט: ווייניגער ווי איין דריטל פון אלע ברויטן וואס ווערן היינט פארקויפט טעגליך זענען די "גרינע" זעקלעך.
מען קען זיך פארשטעלן וואספארא מטעמים דער גרויסער מליץ יושר פון כלל ישראל, דער הייליגער באבאדיטשעווער רב זי"ע, וואלט געמאכט מיט אזויפיל פרישע טויזנטער ברכות פון ברכת המזון פון אידן וואס ווייזן "וואס מזוני הייסט", ווען זיי זענען מקיים טעגליך "ואכלת ושבעת - וברכת".
**דער זוהר הק' טייטשט: "בחג נידונין על המים", אינעם יום טוב סוכות איז מען דן אין הימל וויפיל שפע עס זאל קומען, "על המים", לויט וויפיל אידן זענען געווארנט אין נטילת ידים ווען מען וואשט זיך צום עסן ברויט.**
דער זכות פון דעם פארשטארקטן זהירות פון אזויפיל טויזנטער אידן, וואס ברכת המזון און נטילת ידים איז געווארן א טייל פון זייער טעגליכן סדר היום, וועט אונז אוודאי ביישטיין פאר א גוט געבענטשט יאר מיט בני חיי ומזוני און אלע השפעות טובות.

## כי חוק לישראל הוא - משפט

לכבוד מכון הליכות החיים,
עס איז געשטאנען אין גליון בשם דעם "תהלה לדוד", אז לערנען "חק" יעדן טאג איז א סגולה זוכה צו זיין אינעם יום הדין. פאלגנד איז א מעשה אין דעם ענין, וואס הרה"ק רבי הערשעלע מקרעטשניף זי"ע האט דערציילט:
אין דער שטאט כפר אתא אין ארץ ישראל (היינט קריית אתא) האט געוואוינט א איד, א גרויסער תלמיד חכם, הרה"ג ר' משה טויב ז"ל. ער פלעגט זיצן און הארעווען אין תורה זיבעצן-אכצן שעה אין מעת-לעת, אבער גלייכצייטיג איז ער געווען א גרויסער עניו און האט פון זיך נישט געמאכט קיין שום וועזן. אין זיינע לעצטע יארן פלעגט ער קומען דאווענען שחרית יעדן אינדערפרי ביים קרעטשניפער רבי'נס מנין, און נאכ'ן דאווענען פלעגט ער זיך זעצן לערנען "חק לישראל".
א שטיק צייט נאכדעם וואס רבי משה איז נפטר געווארן, איז ער געקומען צום קרעטשניפער רבי'ן אין חלום, און דער רבי האט אים געפרעגט, "משה, ווי אזוי איז אלעס אדורך מיט דיר דארט אויבן?" האט רבי משה ארויסגענומען א "חק" און געוויזן פארן רבי'ן, זאגנדיג, "דאס האט מיך דארט געראטעוועט."
דער קרעטשניפער רבי זצ"ל האט דאס שפעטער דערציילט און האט אויסגעפירט, "א מענטש וואס איז געווען אנגעפילט מיט תורה און יראת שמים, געלערנט אכצן שעה א מעת-לעת - און וואס האט ער גיזאגט האט אים גרינג געמאכט דעם וועג דארט? דער 'חק לישראל'!"
מיט אפאר מינוט א טאג מיט א פעסטע קביעות אין דעם לימוד ווי אונזערע זיידעס האבן געטון קען מען זוכה זיין צו זיכוי בדין און אלע השפעות טובות.

**מדור זה נתנדב**

**לז"נ הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן ר' משה זצוק"ל מריבניץ**

לרגל יומא דהילולא קדישא ביום אסרו חג סוכות כ"ד תשרי
**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל לפעול ישועות ורפואות וכל טוב**

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170

בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

חג הסוכות
ט"ו-כ"ב תשרי תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:43 |
| מוצש"ק | 6:54 |
| ר"ת | 7:33 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:47 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:27 | סוז"ת ב' | 10:30 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קנ"ה
שנה ד'

## טיב המערכת

### דער תכלית פונעם יאר

חג הסוכות איז א פרייליכער יו"ט לכל הדיעות, סיי לויטן מיינונג פון די ערוואקסענע און סיי לויטן מיינונג פון די קינדער. טראץ אלע אנשטרענגונגען און קאסטן וואס דער יו"ט טראגט מיט זיך, איז עס נאך אלץ א פרייליכער יום טוב, און ווי עס זעט אויס איז נישטא נאך אזא יו"ט וואס ענטהאלט אזויפיל שמחה ווי דער יו"ט סוכות. אפילו פורים ענדיגט זיך ביז א טאג אדער צוויי, אבער סוכות – איז א גאנצער וואך פון שמחה אן אויפהער. אייגנטליך דארף מען דאך פארשטיין וואס איז די שמחה אזוי גרויס אום סוכות אנדערש ווי ביי אלע אנדערע ימים טובים, אינדערצייט וואס אום פסח זענען אונזערע עלטערן אויסגעלייזט געווארן פון מצרים און אום שבועות האבן מיר מקבל געווען די תורה, און טראצדעם איז נאך אלץ סוכות די פרייליכסטע יום טוב. וואס איז אט די געוואלדיגע שמחה וואס איז יעצט דא, אז מיר מאכן א זכר צו די 'שמחת בית השואבה', און וואס איז אט דער 'זכר', אינדערצייט וואס מיר האבן נישט די וואסער און נישט נסכים, נישט קיין מזבח און נישט קיין בית המקדש. ביי 'כורך' פונעם סדר נאכט, ווען מיר זאגן 'זכר למקדש כהלל', האבן מיר כאטש מצה און מרור, אבער דא? גארנישט! אויב אזוי, לְשִׂמְחָה מַה זֹּו עוֹשָׂה!

דער ענטפער איז, אז וויבאלד דער יום טוב סוכות איז א הכנה אויף די גרויסע גאולה וואס גייט שוין קומען במהרה בימינו אמן, און דורך די שמחה און טענץ וואס מיר טוען, גרייטן מיר זיך אן און מיר טוען זיך איינגעוואוינען צו קענען פראווען די טענץ פון 'שמחת בית השואבה' ווען דער בית המקדש וועט שוין אויפגעבויט ווערן, און דאס איז די אנהייב פון די גאולה, און דעריבער זאגט די גמרא אז לעתיד לבוא וועלן די אומות העולם קומען און זיי וועלן בעטן אז זיי ווילן מקיים זיין די מצוות, וועט זיי דער אויבערשטער געבן די מצוה פון סוכה, און דער אויבערשטער וועט מאכן אז דער זון זאל באקן אויף זיי אזוי ווי אינדערצייט פון תקופת תמוז, און יעדער גוי וועט שטויסן זיין סוכה און ארויסגיין – וויבאלד די גוים האבן נישט קיין שייכות צו די גאולה, אבער די אידן זענען מקיים די מצוה אין יעדן צושטאנד, אויך ווען דער זון באקט, ווייל אין דעם ווענדט זיך אונזער אויסלייזונג און דאס איז אויך די סיבה פארוואס דער יום טוב סוכות ווערט אנגערופן 'זמן שמחתנו', וויבאלד מיר גלייבן אז פון יעצט הייבט זיך אן די גאולה וואס איז אנגעגרייט צו קומען אויף אונז בקרוב.

(עפ"י טיב המועדים – סוכות)

## טיב הפרשה

# דער גרויסער כח פון אחדות

## ויהי בישורון מלך

אין די פרשה פון וזאת הברכה וואו מען רעדט ארום פון די ברכות וואס משה רבינו בענטשט דעם כלל ישראל, זאגט אונז דער פסוק 'ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם'.

רש"י אויפ'ן ארט טייטשט אויס די פסוק אז עס גייט ארויף אויף אחדות. ווען כלל ישראל האלט זיך באחדות און מען לעבט בשלום, איז דא די בחינה פון 'מלך' אז הקב"ה איז מולך אויף אונז, ער איז קעניג פון די וועלט, אבער ווען עס איז דא מחלוקת פעלט די בחינה פון 'מלך'.

דער פשט ליגט אין די ווערטער אז ווען עס איז דא דער 'בישורון' איז דא דער 'מלך'.

אז מען טראכט אריין אין די ווערטער באפאלט א איד א פחד. מען הייבט אָן צו זען און פארשטיין עד היכן הדברים מגיעים ווי ווייט און ווי גרויס איז דער כח פון 'אחדות' און ווי ביטער און שווער איז דער כח פון מחלוקת, אז הקב"ה נעמט אוועק דורכדעם די בחינה פון 'מלוכה' ביי די אידן.

מיר ווייסן אז די שפע ביי כלל ישראל גייט געקניפט און געבינדן אין די מלוכה. אויב הקב"ה רוט צווישן אידן, אויב עס איז דא ביים כלל ישראל די השראת השכינה - דאן איז די מלוכה בשלימות און עס איז דא שפע.

אויב עס פעלט חלילה די חלק - פעלט די שפע.

דאס קומט אונז צו לערנען ווי ביטער און שווער איז דער ענין פון מחלוקת און ווי שטארק מען דארף אוועקשטיין פון איר און זיך דערווייטערן פון איר, ווי ווייט עס איז מעגליך.

איך האב זיך מתבונן געווען פארוואס טאקע איז דער נושא פון אחדות אזא קריטישע נושא אז מ'דארף זיך דערווייטערן פון איר, און אויב עס איז דא א פירוד לבבות גייט די שכינה חלילה וחלילה אוועק פון אונז.

אז מען גייט אריין בעומק הענין זעט מען אז די נקודה ליגט אין דעם, ווייל ווען א איד איז באחדות איז עס א צייכן אז כלל ישראל וויל די מלוכה פון הקב"ה. דאגעגן ווען עס איז דא ביי אידן א פירוד איז עס חלילה ווי כלל ישראל וויל נישט די מלוכה פון הקב"ה, אז ער איז נישט צופרידן מיט דעם און מיט יענעם, ער האט א פירוד לבבות מיט אנדערע, און דאס איז גורם א מרידה במלכות שמים און דאס איז גורם אז די שפע מלמעלה זאל זיך אפשטעלן.

דאגעגן מידה טובה מרובה, ווען א איד לעבט בשלום מיט אנדערע אידן, ווייזט עס אז דער איד איז צופרידן מיט די הנהגה פון הקב"ה און פון זיין פאלק, און דאס איז גורם השראת השכינה.

אז מען האט ארויס די נקודה קען מען פארשטיין פארוואס דער יצר הרע פארלייגט אזויפיל כח און מח אז צווישן כלל ישראל זאל זיין א פירוד לבבות. דער מהות פון דער יצר הרע און זיין ווען איז דאך צו טון שלעכטס פאר אידן און וויסנדיג אז די שפע פון כלל ישראל ווענדט זיך אין שלום, דעריבער זוכט ער אנצודרייען ווי מער מחלוקת ביי כלל ישראל, אז די שפע זאל זיך אפשטעלן, אז כלל ישראל זאל חלילה מורד זיין במלכות שמו יתברך.

אז מ'ווייסט דאס ווייסט מען אויך וויפיל הארוואניע מען דארף אריינלייגן אז עס זאל זיין שלום אויף די וועלט, און אז אין שלום ליגט די נקודה.

א איד דארף זיין אין די בחינה פון 'בקש שלום ורדפהו' - ער דארף נאכלויפן די שלום מיט אלע זיינע כוחות - ווייל נאר אזוי וועט ער עס משיג זיין און דאן וועט הקב"ה קענען משרה זיין שכינתו בתוכינו.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין מרבה צו זיין שלום בעולם און אז די שכינה זאל קענען רוען צווישן אונז אייביג און עס זאל זיין שפע פאר יעדן איד.

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

טיב המועדים

# די כוונה פון די הייליגע נענועים מיט די ד' מינים

אין דער הייליגער יום טוב סוכות איז כלל ישראל זוכה מקיים צו זיין אסאך הייליגע מצוות.
צווישן זיי איז דא דער הייליגע מצוה פון ארבע מינים וועלכע הקב"ה האט באפוילן אויף אונז אז אין דעם ערשטן טאג פון סוכות זאל יעדער איד נעמען אן אתרוג און א לולב און שאקלען דערמיט.
לכבודו פון אזא הייליגע מצוה וועלן מיר דא אראפברענגען עטליכע שיינע געדאנקען איבער די מצוה.
לאמיר אנהייבן מיט די ווערטער פון מדרש (ויקרא רבה ל, ט): 'פרי עץ הדר' - זה הקב"ה, שכתוב בו (תהלים קד, א): הוד והדר לבשת. כפות תמרים - זה הקב"ה, שכתוב בו (תהלים צב, יג): צדיק כתמר יפרח. וענף עץ עבות - זה הקב"ה, דכתיב (זכריה א, ח) והוא עומד בין ההדסים. וערבי נחל - זה הקב"ה, דכתיב ביה (תהלים סח, ה): סולו לרוכב בערבות ביה שמו.
אז מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער פון דער הייליגער מדרש, זעט מען דא א געוואלדיגע זאך. דער מדרש איז מגלה אז די ד' מינים איז דער רבוש"ע אליינס, און אז יעדער איינער פון זיי איז מגלה הקב"ה.
די זעלבע בחינה איז אויך דא אין די כתבי אר"י. אין שער הכוונות אויף סוכות [דרוש ה'] ברענגט ער אז די ד' מינים זענען מרמז אויף די פיר אותיות פון דער שם הוי"ה, די י' ווייזט אויף די הדסים, די ערשטע ה' אויף די צוויי ערבות, דער ו' אויף די לולב און די לעצטע ה' אויף די אתרוג.
נאך א רמז געבט דארט דער אר"י הק' אויף די ד' מינים אז עס ווייזט אויף די זיבן מידות, די דריי הדסים ווייזט אויף חסד, גבורה, תפארת, די צוויי ערבות אויף נצח והוד, דער לולב אויף יסוד און די אתרוג אויף מלכות.
איך האב געטראכט בדרך אפשר, אז מיט דער יסוד פון דער אר"י הק' און די ווערטער פון דעם מדרש קען מען פארשטיין דער יסוד פון די נענועים וואס מיר מאכן יעדן טאג סוכות.
דער סדר פון די נענועים איז דאך אז מ'מאכט הולכה והבאה, מען נעמט אוועק די לולב פון זיך און מען דערווייטערט עס פון זיך, און שפעטער ברענגט מען עס צוריק. עס ווערט שווער פארוואס טאקע פירט מען זיך אזוי? נאר דא ליגט א כוונה אז ווי מיר ווייסן דאך זענען נישט אלע זמנים ביי א איד גלייך. עס איז דא צייטן ווען ער איז נאנט צו הקב"ה און צייטן ווען ער שפירט זיך ווייט פון הקב"ה, און קעגן די צוויי צייטן איז מען מרמז ווען מען שאקלט די נענועים.
די צייט ווען מען דערווייטערט די לולב איז קעגן די צייט ווען הקב"ה איז נאנט צו אונז, אבער אז א איד זאל נישט מיינען אז דער רבוש"ע איז באמת ווייט פון אים שלעפט מען צוריק די לולב צו זיך, א רמז אז אויך אין די צייט ווען עס זעט זיך אויס אז מען איז ווייט פון הקב"ה זענען מיר בעצם איינס מיט אים און מיר קענען זיך דערנענטערן צו אים, ווייל עס איז טאקע דא א הסתר פנים אבער בעצם זענען מיר איינס מיט הקב"ה און ווי עס איז דער מאמר התנא (עדיות ה, ז) מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך.
דער מנהג איז אז מ'שאקלט דריי מאל אויף יעדער זייט. אויך דאס קומט ווייזן פאר דער איד א דרך אין עבודת ה' אז מיט דריי מאל ווערט א חזקה אויף די זאך.
אויך דאס איז א רמז אז ווען א איד געפינט זיך אין א מצב פון הסתר, אז אין אזא צייט, זאל דער איד זיך נישט מייאש זיין ממידת הרחמים, אז אפילו אז ער שפירט נישט גארנישט, זאל ער ווייטער ממשיך זיין מיט זיין עבודה און ווייטער שאקלען און שאקלען ביז ער וועט אנקומען צו שפירן די קירבה.
אין אזא צייט ווען א איד איז ליידער אין א מצב פון הסתרה, זוכט דער יצר הרע נאר אראפצושלעפן דעם מענטש נידריגער. ער וויל גורם זיין אז דער מענטש זאל זיין איבערגעצייגט ביי זיך אז ער טוט גארנישט אויף, אבער דאס איז א טעות, נאר דער מענטש זאל זיך אנהאלטן אין הקב"ה אין יעדן מצב און זיך מער און מער דערנענטערן צו הקב"ה, ביז ווען ער וועט זוכה זיין און שפירן די הארה בשלימות.
אויך דער סדר הנענועים ווייזט אויף דעם. דער סדר איז אז מ'שאקלט אויף אלע פיר זייטן און אויך אין איר ליגט באהאלטן מערערע פארבארגענע כוונות אבער מען קען עס מסביר זיין אויף דעם מהלך.
דער סדר איז אז דער איד שטייט מיט'ן פנים צו מזרח און שאקלט מיט'ן סדר פון דרום צפון, מזרח אויף אויבן, אויף אונטן און צום לעצט אויף מערב זייט.
כידוע איז דער רעכטער זייט מרמז אויף די מידה פון חסד, אויף די מידה פון אברהם אבינו וואס האט געדינט הקב"ה מיט אהבה. די לינקע זייט איז מרמז אויף די מידה פון גבורה, די מידה פון יצחק אבינו. שפעטער שאקלט מען אינמיטן, אויף די ממוצע, צו ווייזן אויף די מידה פון יעקב אבינו.
דאס איז א רמז אז ווען מ'דינט הקב"ה זאל מען אים דינען מיטביידע בחינות סיי מיט חסד און סיי מיט גבורה, אדער בדרך העבודה אז מען זאל דינען הקב"ה מיט חסד און מיט יראה.
די בחינה איז מרומז אין די נענועים. ווען מען שאקלט שטייט דער מענטש צו מזרח, א רמז אז ער דינט הקב"ה, און דאס איז א רמז אז ער זאל דינען הקב"ה מיט ביידע מידות.
נאך דעם שאקלט מען אויף ארויף, קעגן די מידה פון נצח, די מידה פון משה רבינו, מרמז צו זיין אז א איד איז נצחי, אז די תורה איז נצחי. מען שאקלט אויף ארויף מרמז צו זיין אז א איד וואס איז עוסק בתורה גייט מעלה מעלה.
שפעטער שאקלט מען אויף אראפ, דאס איז קעגן די מידה פון הוד, די מידה פון אהרן הכהן, דער אוהב שלום ורודף שלום.
מען שאקלט אויף אראפ מרמז צו זיין אז א איד וואס וויל שלום דארף זיך קענען מכניע זיין און זיך אראפלאזן, ווייל דאס ברענגט שלום פאר די וועלט.
די לעצטע נענועים איז צו מערב זייט, ביי איר האט מען אינזינען די מידה פון יוסף הצדיק, די מידה פון יסוד, פון קדושה. ביי די נענועים דרייט מען זיך אויס צו די צווייטע זייט, א רמז אז ווען א איד וויל זיך מקדש זיין מוז ער זיך אויסדרייען און צומאכן די אויגן, א צייכן אז ער וויל נישט זען קיין שום דבר אסור, אז נאר אזוי, ווען ער דרייט זיך אוועק פון די וועלט איז מען זוכה צו קדושה וטהרה.
כללו של דבר, די נענועים ווערט געמאכט צו אלע זייטן, ווייל יעדער זייט ווייזט אויף עפעס אנדערש, יעדער זייט לערנט אונז אויס נאך א דרך אין עבודת ה', און ווייל די שלימות פון די עבודה איז נאר ווען מען דינט הקב"ה אויף אלע זייטן, מיט אלע בחינות, פראוועט מען אזא סארט עבודה אין די הייליגע טעג, אז די עבודה זאל אריינגיין אין אונז בשלימות.
זאל הקב"ה העלפן אז די הייליגע טעג און די הייליגע מצוה זאל משפיע זיין אויף יעדער איד שפע רב און מען זאל זוכה זיין קונה צו זיין די הייליגע און די לעכטיגע שפע וואס די מצוה איז משפיע און זיך מקדש זיין דורך איר און ממשיך זיין די השפעות אויף א גאנץ יאר, אז עס זאל אריינגיין אין אונז און בלייבן מיט אונז אויף אייביג.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן הזך לייענערס

## מער 'הודאה' – מער שפע

פאר לאנגע יארן איז מיין לעבן געגאנגען געשמירט, איך האב פארדינט שיין געלט, אויך מיין פרוי וואס האט געארבעט האט געלייזט שיין געלט, איך בין נישט געווען קיין עושר, אבער איך האב געלייזט שיין און גענוג, אז איך זאל קענען מאכן א בכבוד'דיגע לעבן.

אין יענע יארן איז מיר נישט איינגעפאלן אז מען דארף דאנקען אויף איה, איך האב עס אנגעקוקט ווי א נאטירליכע זאך.

ווען זאכן האבן אנגעהויבן גיין קרום, מען האט אפגעזאגט מיין פרוי פון די ארבעט, די געלט קראן האט זיך אפגעשטעלט, האב איך אנגעהויבן באגרייפן די מזל וואס איך האב געהאט ביז היינט און ווי ווייניג איך האב געדאנקט הקב"ה ביז יעצט.

איך האב זיך געשטעלט און געבעטן אז הקב"ה זאל מיר פארגעבן פאר די זינד אז איך האב נישט גענוג געדאנקט ביז היינט און זיך פארגענומען אז פון היינט און ווייטער וועל איך דאנקען הקב"ה מער.

עס איז אנגעקומען ענדע פון די חודש, איך האב געהאט אסאך פעימענטס צו צאלן, די גאז ביללס, די לעקטער, און מיינע קעשענעס זענען געווען ליידיג.

איך האב מתפלל געווען לקל חי אז ער זאל מיר העלפן, און אויך אנגעהויבן טון השתדלות פאר דעם.

עס האט נישט געדויערט לאנג, נאך יענער טאג באקום איך א טעלעפאן־רוף פון אן אקאונטענט, דער איד זאגט מיר אז איך האב אמאל געארבעט דארט און לויט'ן חשבון איז מיר די פירמע שולדיג אסאך געלט, די סומע פון 05 טויזנט שקל.

דער אקאונטענט האט מיר געפרעגט צי איך בין גרייט אז זיי זאלן עס איינטיילן אין פעימענטס. נאכ'ן מאכן דער חשבון איז אויסגעקומען אז עס איז יעדע פעימענט איז די גענויע סומע וויפיל עס פלעגט באטרעפן די מאנאטליכע געהאלט פון מיין פרוי.

נאך ביז היינט ווייס איך נישט וואס האט צוגעברענגט אז דער בעל הבית זאל נישטערן אין זיינע דאקומענטן, אבער איך האב דא געזען א קלארע יד ה' אז ער האט זיך פלוצלונג דערמאנט פון דעם אלטן חוב און מיר אפגעגעבן די סומע.

איבריג צו זאגן אז איך האב פארמערט מיין הודאה לה' און געזען א גרויסע שפע אין איר.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ה.י.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# וּפְרֹשׂ עָלֵינוּ סֻכַּת שְׁלוֹמֶךָ

**ווען עס ווערט אויסגעשפרייט איבער אונז דער הייליגער יו"ט סוכות, זמן שמחתנו, קומען מיר דא מיט א ברכה צו מורינו ורבינו הרב הצדיק שליט"א, פאר זיינע קינדער און הויזגעזונד, און פאר אלע חברי הקהילה, תלמידים נאמנים חברים מקשיבים, און פאר גאנץ כלל ישראל – האט א כשר'ע און פרייליכע יום טוב! און אינגיכן זאלן מיר זוכה זיין צום סוכת עורו של לויתן, בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.**

# סוכה

## מוותר געווען אויף זיין סוכה וואס האט געשטערט פארן שכן – באקומען א הערליכע דירה מיט דיזן סוכה!

פאר אַן אייניקל פון הגאון הצדיק רבי חיים ברים זצ"ל, וועלכער איז א חשוב'ער תלמיד חכם אין די הייליגע שטאט ירושלים תבנה ותכונן במהרה בימינו, איז זייער שווער געווען יעדן יאר מיטן טרעפן א פאסיגע און לייכטע פלאץ אויפצושטעלן די הייליגע סוכה. א סוכה־באלקאן האט ער נישט פארמאגט ביי אים אינדערהיים, און אזוי פלעגט ער זיך מוטשען צוזאמען מיט זיין הויזגעזינד יעדן יאר, פראבירנדיג טרעפן א שיינעם פלאץ פאר זייער סוכה.

איין יאר האט ער באשלאסן צו בויען די סוכה איבער שטאנגען אזוי ווי עס איז זייער גאנגבאר היינטיגע צייטן. כדי עס אויפצושטעלן האט ער אויפגעשטעלט אויפן ערד פונעם הויף, צוויי שטארקע אייזערנע שטאנגען, וועלכע בלייבן באפעסטיגט אויף זייער ארט דורכאויס דעם גאנצן יאר, און אינעם יו"ט סוכות שטייט דערויף די סוכה, בלויז פאר די טעג פונעם יו"ט זעלבסט.

אבער, ווען איינער פון די שכנים האט דאס געזען, האט ער זיי נישט פארגינען, און ער האט נישט צוגעשטימט דערצו, אזוי ווי עס קען זיך ליידער טרעפן צווישן שכנים... ער האט גע'טענה'ט אז די שטאנגען וואס שטייען אזוי אין די ווינקלען פונעם הויף מאכן אז דער הויף זאל נישט אויסזען שיין, און ער האט ערקלערט, "די סביבה זעט נישט אויס שיין ווען אייזערנע שטאנגען געפינען זיך דא און דארט"...

אין אנהייב האט דער יונגערמאן פראבירט איבערבעטן דעם שכן מיט פארשידענע וועגן. אויך איז ארויפגעברענגט געווארן א הצעה אז מען וועט איינפלאנצן שיינע ביימעלעך ארום די שטאנגען, און אזוי וועט עס אויסזען זייער שיין. – דער שכן האט זיך אבער נישט געלאזט בעטן, "די שטאנגען זענען דא אומגעוואונטשן אין אונזער הויף! זייט זיך ווייטער מסדר אום סוכות, פונקט ווי איר האט זיך [נישט] מסדר געווען אלע יארן"!

אלע אנדערע שכנים האבן געזאגט אז דאס איז נישט ריכטיג, און האבן ערקלערט אז די שטאנגען זענען בכלל נישט אויס עקלדיג, און מען קען עס נאך אפילו אויסנוצן צו פארשענערן דעם הויף.

אבער טראצדעם וואס יעדער איינער האט געזאגט אז מען קען אוועקשטעלן די שטאנגען, האט ער זיך נישט געוואלט 'אנהייבן' מיטן שכן, און אים דערצערנען חלילה. ער האט זיך פראבירט בעטן ביי אים אז ער זאל כאטש מסכים געווען פאר בלויז דעם יאר, און זיי לאזן עס נוצן נאר פאר דער יו"ט סוכות וואס שטייט ביים שוועל, און גלייך נאך יו"ט וועט ער עס ארויסנעמען. – אבער אויך דערצו האט דער שכן בשום אופן נישט מסכים געווען!

דער יונגערמאן האט באשטעלט עטליכע ארבעטער, וועלכע האבן צונומען די שטאנגען וועלכע זענען געבויט געווארן פאר גרויס געלט און מיט אסאך כוחות, און אלעס איז געווארן צוריק אזוי ווי פריער. – צו זיינע חברים און ידידים וועלכע האבן זיך געוואונדערט דערויף, האט ער געזאגט: "כְּשֵׁם שֶׁקִּבַּלְתִּי שְׂכַר עַל הַדְּרִישָׁה, כָּךְ אֲקַבֵּל שְׂכַר עַל הַפְּרִישָׁה"!

יעדער האט אים געזאגט אז ער האט זיך נישט געדארפט וויסנדיג מאכן פון יענעם שכן. אויך זיינע עלטערן און זיין שווער און שוויגער, האבן אלע באשולדיגט דעם שכן און זיין אומפארגינערישקייט... אבער ער האט אלץ איבערגע'חזר'ט זיינע זעלבע ווערטער: מיט שכנים הייבט מען זיך נישט אן!

אין יענע תקופה, האט איינער פון די גוטע פריינד פון הגה"צ רבי חיים ברים געהערט דערוועגן, און ער האט זיך אפגערעדט פאר רבי חיים איבער זיין אייניקל, ערקלערנדיג ווי ער לאזט זיך פון זיין שכן, און איז נישט גענוג שטארק ביי זיך, ווייל ער וואלט זיך נישט געדארפט 'לאזן' פון איין אומפארגינערישע שכן...

רבי חיים אבער, פון זיין זייט, איז געווען מלא שמחה דערויף, און ער האט געזאגט צו אים מיט גרויס באגייסטערונג: "וויסן זאלסטו, מיין אייניקל האט מיר פארשאפט גרויס נחת, און איך בין פול מיט שמחה אויף זיין דאזיגן פירונג און אזוי פאסט זיך פאר א אידיש קינד! מוותר זיין, מוותר זיין און נאכאמאל מוותר זיין! אויך ווען 'משורת הדין' איז נישטא קיין חיוב צו מוותר זיין"...

א קורצע צייט נאך אט די מעשה איז פארגעקומען, האט אים השם יתברך בהשגחה פרטית צוגעשטעלט א גרויסע און ברייטע דירה, וואס עס איז אים געלונגען צו אפקויפן פאר א גוטן פרייז און מיט גרינגע באצאלונגען, און דער עיקר – אז עס האט געהאט א ריזיגע סוכה!

דאס לערנט אונז, אז פון מוותר זיין דערלייגט מען נישט!!!

•••

## מוותר געווען אויפן פלאץ פון די סוכה – וואס האט געראטעוועט א לעבן

די פאלגדע וואונדערליכע מעשה איז געשען צוריק מיט א צאל יארן, אינעם קרית היובל געגנט דא אין ירושלים עיר הקודש תובב"א, וואס וויבאלד עס איז אריגינעל געווען א געגנט פון 'פרייע' אידן, זענען דארט נישט געבויט געווארן קיין 'סוכה באלקאנען', און דערנאך וואס עס איז געווארן מער פרום און דאס מערהייט פון אירע איינוואוינער זענען יראים ושלמים, האט יעדער אנגעהויבן זוכן ערטער צו בויען א סוכה.

איינער פון די איינוואוינער פון געגנט, האט זיך 'מזרז' געווען עטליכע וואכן פאר יו"ט, און 'געכאפט' א פלאץ צו בויען זיין סוכה אין איינס פון די ווינקלען פון זיין הויף, און כדי צו היטן אויף זיין 'חזקה', האט ער אויפגעשטעלט זיין סוכה מיט אלע פיר ווענט, מיט גרויס מי און פלאג.

אויפצומארגנס, האט אים באגעגנט איינער פון די פרייע שכנים וועלכער האט זיך גענומען טענה'ן מיט אים, אז דא איז פארבאטן צו בויען א סוכה! וויבאלד דער ארט איז באשטימט פאר א פארקינג פלאץ... "זיי מוחל, גיי צום אונטערשטן באדן וואס ציט זיך אונטערן בנין, און דארט קענסטו בויען דיין סוכה, אבער דא זאלסטו נישט פארכאפן דעם פארקינג לאט"!

אט די טענה איז געווען אומריכטיג און נישט יושר'דיג! יענער פלאץ האט קיינמאל נישט געדינט פאר פארקינג, נאר פונקט פארקערט, אונטערן בנין האבן געפארקט מער אויטאס ווי אין יענעם זייטיגן ווינקל. עס איז נישט געווען קיין שום צווייפל, אז די סוכה וועט קיינעם נישט שטערן, איבערהויפט נישט ווען עס שטייט דא בלויז פארן יו"ט סוכות.

אבער דער יונגערמאן האט זיך געוואנדן צו זיינע קינדער און ער האט געזאגט צו זיי: "די סוכה ווערט דאך אנגערופן "סוכת שלום", אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען: "וּפְרוֹשׂ עָלֵינוּ סֻכַּת שְׁלֹמֶךָ", דעריבער פאסט נישט אז די הייליגע סוכה זאל צוברענגען מחלוקת אפילו אויב עס איז נישט ריכטיג. אזא סוכה וואס טראגט אויף זיך א פאראיבל אינעם הארץ פון א איד, בין איך נישט מסכים צו זיצן אין איר אינעם הייליגן יו"ט"!

האט ער מיט זיינע קינדער נאכאמאל גענומען די ארבעטס־געצייג אין די הענט, און צונעמען דעם גאנצן סוכה וואס זיי האבן אויפגעשטעלט מיט אזויפיל פלאג, און עס אויפגעשטעלט פונדאסניי אין אן אנדער ארט אונטער בנין. – זיי האבן געארבעט דערויף א גאנצן טאג, אבער זענען פול געווען מיט שמחה, אז יעצט וועט שוין קיינער נישט האבן קיין פאראיבל אויף זייער סוכה.

אין איינס פון די נעכט פון סוכות, אינמיטן די נאכט, האט זיך פלוצלונג געהערט א שטארקן קול פון א מעכטיגן זעץ. די וועלכע זענען געשלאפן אין סוכה, האבן זיך אויפגעוועקט פונעם שטארקן זעץ וואס האט זיך געהערט ווי עפעס האט זיך צופלאצט. ארויסגייענדיג אינדרויסן צו זען וואס עס איז געשען, האבן זיי געזען אז אלעס ארום די סוכה זעט אויס אין ארדענונג און זענען רואיג צוריקגעגאנגען שלאפן.

אויפצומארגנס אינדערפרי, ווען זיי זענען אויפגעשטאנען און געגאנגען דאווענען, זענען זיי דורכגעגאנגען דעם ארייננגאנג פונעם בנין ביים פלאץ וואו זיי האבן געוואלט לייגן די סוכה, און באמערקט ווי עס ליגט דארט א ריזיגן שטיין, וועלכע איז געפאלן פונקט אינעם זעלבן ווינקל וואו זייער סוכה איז פריער געשטאנען!

מען האט אויסגעטראפן, אז נאנט צו זייער הויז איז געווען אן אלטע געביידע וואס מען האט געהאלטן אינמיטן איבערבויען, און פונקט אין יענעם נאכט זענען עטליכע גרויסע שטיינער ארויסגעפאלן פון דארט, און איינס פון זיי איז אריינגעפלויגן פונקט אין יענעם ווינקל.

אויב וואלט דער איד געבליבן פאר'עקש'נט און געלאזט זיין סוכה פונקט אין יענעם ווינקל, וואלט זיך עס געקענט טראגיש ענדיגן מיט עטליכע לוויות, רחמנא ליצלן! זיין לעבן און די לעבן פון זיינע זין זענען געראטעוועט געווארן בחסדי שמים, אין זכות פון דעם וואס ער האט מוותר געווען.

אבער דווקא דער אויטא פון יענעם שכן – וואס כדי צו ווייזן אז זיין טענה איז געווען גערעכט, האט ער אנגעהויבן עס צו פאַרקירן דווקא אין יענעם ווינקל, איז ווי צומאלן געווארן אונטערן ריזיגן שטיין, און איז געבליבן ווי א שטומער עדות אויפן ריזיגן נס וואס איז דא פארגעקומען...

•••

## מוותר געווען אויף א סוכה אינדערהיים – כדי דער שכן זאל האבן א באקוועמערע באלקאן!

א חשוב'ע און געהויבענע משפחה פון די בני ירושלים של מעלה, האט זוכה געווען אז אלע אירע קינדער זענען געוואלדיגע בעלי חסד. עס רעדט פון עטליכע ברידער וועלכע האבן אויפגעשטעלט א ריזיגע חסד ארגאניזאציע, און זענען אלע עוסק אין חסד מיט זייער גאנצע האר און זעל.

ווען איך האב באגעגנט איינעם פון די ברידער, האב איך אים געבעטן אז ער זאל מיר ערקלערן, וויאזוי איז דאס אזוי געווארן, אז זיי אלע האבן זוכה געווען אזוי צו שטייגן אין די מדה פון חסד? וואס האט זיי צוגעברענגט דערצו?

האט מיר דער איד דערציילט, אז דאס האבן זיי באקומען שוין פון גאר יונגערהייט ביי זייער טאטע אינדערהיים, וועלכער איז געווען איינגאנצן 'א שטיק חסד', און זיין גאנצע 'חיות' איז געווען צו פארמערן חסד ביי כלל ישראל! אט די אטמאספער האבן זיי באקומען אלץ קינד, אז מען דארף שטענדיג עוסק זיין אין חסד! דערביי האט ער מיר דערציילט עטליכע עובדות, וועלכע האבן געוויזן ווי טיף און שטארק איז די מדה פון חסד געווען איינגעפירט ביי זייער טאטע אינדערהיים. – דא וועלן מיר ברענגען איינס פון זיי. און אזוי האט ער דערציילט:

זיי פלעגן וואוינען אין א זעקס־שטאקיגע געביידע. איין טאג האט דער שכן פונעם זעקסטן שטאק געוואלט צובויען א גרויסן באלקאן צו זיין דירה, אבער דאס איז אויסגעקומען פונקט העכער אונזער באלקאן, וואו מיר האבן געבויט אונזער סוכה יעדן יאר. דער שכן האט פארשטאנען, אז אויף דעם זייט, וואס וואלט פאר אים געווען די בעסטע פלאץ צו ארויסבויען זיין באלקאן, איז אוממעגליך עס צו טון, וויבאלד דערמיט וואלט ער צוגערויבט פון זיין אונטערשטן שכן דעם פלאץ וואו ער בויט שוין זיין סוכה פאר לאנגע יארן. דעריבער האט ער בלית ברירה מוותר געווען דערויף, און באשלאסן צו בויען דעם באלקאן אויפן אנדערן זייט, וואס איז אים נישט געווען באקוועם, אבער אוודאי בעסער ווי גארנישט...

איין טאג, ווען אונזער טאטע איז אהיימגעקומען נאכן דאווענען שחרית, האט ער געזען ווי די ארבעטער זענען פארנומען מיט די ארבעט, און הייבן אן אויפצושטעלן די שטאנגען אונטערן בנין, ווען דער שכן פונעם זעקסטן שטאק ווייזט זיי אנצוקומען צום ריכטיגן ארט. ווען ער האט באמערקט מיין טאטן, האט ער אים פריינטליך באגריסט, און אים דערציילט אז ער בויט יעצט א נייעם באלקאן.

מיט זיין קלוגן פארשטאנד, האט דער טאטע גלייך געמאכט דעם חשבון, אז פון יענעם זייט פונעם בנין וועט דער באלקאן זיין זייער אומבאקוועם, און האט אויך גלייך פארשטאנען די סיבה פארוואס דער שכן האט באשלאסן עס צו בויען דווקא אין יענעם זייט, כדי נישט צו צושטערן זיין סוכה...

איז ער גלייך צוגעגאנגען צום שכן, און אים געבעטן אז ער וויל זיך שוין יעצט זעצן מיט אים

המשך אין עמוד ד' <

פאר א וויכטיגע שמועס! דער שכן האט נישט פארשטאנען פארוואס עס ברענט יעצט אזוי וויכטיג, אבער וויבאלד ער האט געקענט אונזער טאטע אלץ א גלייכער און ערליכער מענטש און אים שטארק געשעצט, איז ער געקומען צו אונז אינדערהיים און זיי האבן פריינטליך געשמועסט, און אינמיטן דעם שמועס האט דער טאטע געבעטן אז דער שכן זאל זאגן פארוואס ער בויט זיין באלקאן ביי די זייט וואס איז אזוי אומבאקוועם?

האט דער שכן געענטפערט: אויפן אנדערן זייט געפינט זיך דאך אייער באלקאן! איז וויאזוי זאל איך דען בויען מיין באלקאן העכער דעם?

דער טאטע האט עס אבער אוועקגעמאכט מיט די האנט: דאס איז דען א סיבה? כדי אז אונז זאל זיין באקוועם פאר זיבן טעג אין יאר, דארפסטו ליידן די גאנצע יאר? מיר וועלן זיך שוין מסדר זיין אינעם יו"ט סוכות... מיר וועלן אראפגיין אונטן אין הויף און דארט בויען אונזער סוכה, און דו וועסט אויפשטעלן דיין באלקאן אינעם פאסיגן ארט!

דער שכן איז געבליבן ערשטוינט און האט נישט געגלייבט דאס וואס ער הערט. ער איז זיכער געווען אז אזא זאך קומט נישט אין באטראכט... – "אבער איך האב שוין געמאכט אלע פלענער פארן אנדערן זייט, און מיין גאנצע ערלויבעניש צו בויען דעם באלקאן איז נאר אויפן אנדערן זייט", האט דער שכן געזאגט.

"נישט קיין פראבלעם"! האט מיין טאטע געזאגט. מיר וועלן ווארטן מיט די ארבעט נאך עטליכע חדשים... דו מאך יעצט א נייעם פלאן מיטן ארכיטעקט, און געב אן א פארלאנג צום שטאט־ראט [עיריה] עס צו טוישן, און אזוי וועסטו בויען דעם באלקאן אויפן פאסיגסטן ארט!

פון דעמאלטס, האט דער זון געענדיגט זיין דערציילונג, האבן מיר יעדן יאר געדארפט בויען די סוכה אונטן אין הויף, און זיך דערווייטערן ביזן עק פונעם חצר, כדי אונזער סוכה זאל נישט זיין אונטערן נייעם באלקאן פונעם זעקסטן שטאק... און אלעס כדי אז פארן שכן פון אויבן זאל זיין די באקוועמסטע באלקאן!

אט די מעשה האט אריינגעדרינגען אין אונזערע ביינער אלץ קינד, און אונז אויסגעלערנט א וויכטיגן יסוד אין די מדה פון חסד און אין אהבת ישראל!

# ארבעת המינים

**זיך געאיבט מיטן נעמען די ד, מינים – איידער ער וועט ארויסגיין דערמיט צום קאמף!**

הגאון הצדיק מגדולי ירושלים רבי זונדל סאלאנט זצ"ל איז באוואוסט געווען מיט זיין געוואלדיגע חביבות המצוות. איינמאל האט מען אים געפינען אין א טאג פון סוכות פארן עלות השחר, ווי ער האלט די ארבע מינים אין האנט און ער שאקלט דערמיט 'נענועים'.

האט מען אים געפרעגט: וואס שאקלט מען יעצט? – עס איז דאך נישט יעצט די צייט צו שאקלען, ווען עס איז נאך טונקל, און עס איז נאכנישט אנגעקומען דער עלות השחר?!

האט זיך רבי זונדל צושמייכל און ערקלערט: דאס זענען איבונגען! יעדער סאלדאט, איידער ער גייט ארויס אין קאמף, אויך נאכדעם וואס דער גאנצער מלחמה־פלאן איז שוין קלאר, מאכט ער נאך אלץ לעצט־מינוטיגע איבונגען, זיך צו צוגעוואוינען... אצינד, איידער איך נעם די 'מאני קרבא' אין האנט, און איך גיי ארויס דערמיט אפצושלאגן די פיינט, מאך איך די לעצטע צוגרייטונגען דערצו, מיט די וועגן [און כוונות] פון די מלחמה...

[און דער הייליגער מקור דערפון איז אין די תקוני הזוהר (דף כט.): "מָאנֵי קְרָבָא בִּימִינָא נַטְלִין לוֹן, וּבְאִלֵּין מָאנֵי קְרָבָא אִינוּן יִשְׂרָאֵל רְשִׁימִין דְּנָצְחִין דִּינָא וכו'", עיין שם].

אין אן אנדער געלעגנהייט האט מען געפינען פאר דער צדיק רבי זונדל, וואו ער קניט זיך און בוקט זיך ווי ביי שמונה עשרה, אינמיטן טאג, נישט אין דער צייט פון דאווענען, און דערביי האט ער זייער מדקדק געווען פונקטליך וויאזוי זיך צו קניען און בוקן, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די גמרא און אין שולחן ערוך (ברכות יב: טושו"ע או"ח קיג ו). – אויך דעמאלטס האט ער זיך אויסגעדרוקט אויפן זעלבן שטייגער, אז דערמיט גרייט ער זיך אזוי ווי דער סאלדאט וועלכער גרייט זיך נאכאמאל און נאכאמאל איידער ער גייט ארויס אין די מלחמה... אזוי ווי עס שטייט אין תרגום אונקלוס (בראשית מח כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי – בִּצְלוֹתִי וּבְבָעוּתִי!".

# שמחת בית השואבה

**דער ארעסט פארן רעש ביי שמחת בית השואבה – וואס איז צונישט געווארן דורכן מקפיד זיין אויף "תפילה בציבור„**

אינעם גרויסן בית המדרש אין די שטאט 'קארלין', בצילא דמהימנותא פון הרה"ק דער 'בית אהרן' זצוק"ל, איז פארגעקומען אינעם יו"ט סוכות א 'שמחת בית השואבה' כדת וכדין! – דעמאלטס אזוי ווי היינט, האבן די קארלינער חסידים געטאנצט און זיך געפריידט מיט א געוואלדיגע שמחה, מיט פילע מוזיקאלישע אינסטרומענטן כדרכם בקודש.

עטליכע איינוואוינער פון שטאט וועלכע זענען געווען 'מתנגדים', און די וועגן און מנהגים פון די חסידים האט זיי נישט אלעמאל געפאָלן, האבן אנגעגעבן א קלאגע אינעם געריכט־הויז, איבער דער רעש און טומל וואס די חסידים מאכן יעדן אוונט אין זייער בית המדרש.

אויפצומארגנס, גלייך נאכן דאווענען, האט א גרופע פאליציאנטן זיך אריינגעבראכן אין בית המדרש, מיט אן ארעסט־באפעל פארן 'הויכע ראבינער', דאס מיינט דער הייליגער רבי זעלבסט! וועלכער איז גענומען געווארן דורך זיי אין ארעסט, צום גרויס צער פון די חסידים, כדי אים צו שטעלן צום געריכט.

דער הייליגער רבי איז געבליבן אינגאנצן רואיג, און זיך נישט געשטערט פונעם שמחת יו"ט. זעענדיג ווי די שטוב מענטשן און די משמשים באגלייטן אים מיט טרערן און זענען זייער צועלייגט, האט ער זיך געווענדן צו זיי און מיט א שטארקע שטימע זיי געזאגט: מען טאר נישט זיין טרויעריג אינעם זמן שמחתינו! שטארקט אייך מיט בטחון און זייט בשמחה! און וויסן זאלט איר אז אלעס וועט ארויסקומען לטובה, וויבאלד מיר זענען דאך באשעפטיגט מיט שמחה של מצוה"!

אום צום סוף האט דער צדיק צוגעגעבן די פאלגנדע וואונדערליכע זאך: "נאך היינט וועל איך צוריקקומען בעזרת השם צו תפילת מנחה אינעם בית המדרש הגדול"!

יעדער האט געהערט און זיך געוואונדערט – וויאזוי איז דאס מעגליך? – ווייל לויטן סדר וויאזוי אזא זאך איז צוגעגאנגען אין יענע צייטן, איז דאס בכלל נישט געווען מעגליך, וויבאלד ביז מען וועט אים רופן צום משפט און ביז דער שופט וועט ארויסגעבן זיין 'פסק' וואלט שוין געדארפט געדויערן וויינינסטנס עטליכע טעג! און מנחה וועט מען דאך דאווענען בלויז אין עטליכע שעה ארום...

אבער צום גרויסן וואונדער פון יעדן איינעם, ווען מען איז אריינגעקומען צו מנחה אין בית המדרש, איז דער רבי פלוצלונג אנגעקומען מיטן פולסטן פראכט, צו דאווענען מיטן עולם בציבור...

מען האט שפעטער אויסגעפינען, אז ווי נאר מען האט אים געשטעלט צום משפט, האט דער רבי ערקלערט בטוב טעם ודעת איבער די מצוה פון שמחה אינעם זמן שמחתינו, און האט זיי געגעבן צו פארשטיין אז אזוי איז איינגעפירט אין אלע אידישע קהילות אינעם הייליגן יום טוב סוכות.

דער שופט איז זייער באגייסטערט געווארן פון זיינע ווערטער, און אים גלייך באפרייט מיט גרויס כבוד לביתו נאוה קודש, און דאס גאנצע טענה קעגן דעם קארלינער הויף איז צונישט געווארן!

נאכן דאווענען האט דער הייליגער צדיק געזאגט: "פון אייביג אן האב איך קיינמאל נישט פארפעלט קיין תפילה בציבור! – איך בין געווען פארזיכערט מיטן חסד פון השי"ת אז אויך יעצט וועל איך נישט פארפעלן צו דאווענען מנחה בציבור...

# שמחת תורה

**דעם הערליכן געזאנג פון הגאון רבי ברוך בער זצוק„ל אום שמחת תורה**

מרן הגאון הצדיק רבי ברוך בער זצוק"ל בעל 'ברכת שמואל' פון קאמעניץ, איז געווען איינער פון די גרויסע תלמידים פון מרן הגר"ח זצוק"ל מבריסק, און איז געווען דבוק אין זיין רבי'ן מיט זיין גאנצן זעל. אויך נאך די הסתלקות פון זיין רבי, איז זיין הייליג געשטאלט געווען אויסגעקריצט אויפן טאוול פון זיין הארץ!

רבי ברוך בער איז באוואוסט געווען אלץ געוואלדיגער בעל רגש, און האט זייער ליב געהאט צו זינגען. עד היום זענען דא פילע ניגונים וואס זענען אנגענומען אין בית קאמעניץ און זענען געשאפן געווארן דורכן פראכטפולן קאמעניצער ישיבה אין ליטא, און טייל פון זיי זענען צוזאמגעשטעלט געווארן דורך רבי ברוך בער זעלבסט.

איין יאר, אינמיטן דעם הייליגן יו"ט 'שמחת תורה', איז רבי ברוך בער געשטאנען אינעם היכל הישיבה הקדושה, און געזינגען זיינע וואונדערליכע ניגונים מיט א געוואלדיגע דביקות כדרכו בקודש, און דאס געזאנג איז געווען אזוי שטארק, אז די בני הישיבה זענען ארויסגעגאנגען מיט א געוואלדיגע התפעלות פון גרויס שמחה און אהבת התורה וואס רבי ברוך בער האט משפיע געווען אויף זיי ברוב קדושתו.

נאכן דאווענען, ווען קהל איז דורכגעגאנגען אין פארנט פון רבי ברוך בער זיך צו וואונטשן לכבוד יו"ט, איז געווען א איד צווישן זיי וועלכער האט זייער הנאה געהאט פונעם ראש ישיבה'ס געזאנג ביי די הקפות, און ער האט זיך ארויסגעדרוקט צו אים: מיט איין זאך זענט איר גרעסער ווי אייער גרויסער רבי'ן, רבי חיים! – מיטן זינגען! ווייל רבי חיים האט נישט געקענט אזוי שיין זינגען"!

ווען רבי ברוך בער איז אהיימגעקומען צו די יו"ט'דיגע סעודה, איז ער געווען זייער צושטורעמט און זיין שמחה איז צושטערט געווארן, צוליב אט די 'קאמפלימענט' וואס דער איד האט אים געזאגט, און ער האט ערקלערט: וויאזוי איז דען מעגליך, אז איך פארמאג עפעס א מעלה וואס מיין הייליגער רבי האט נישט געהאט? דאס איז דאך אוממעגליך, ווייל ממש מיט יעדער זאך איז דער רבי געווען גרעסער ווי מיר! – האט זיך רבי ברוך בער געוואונדערט.

אזוי האט ער זיך פארזינקען אין זיינע געדאנקען, און איז נישט געווען אימשטאנד צו צוגיין צום סעודת יום טוב, ביז עס וועט געפינען ווערן אן ענטשיידונג דערצו. פלוצלונג האט ער זיך אויפגעכאפט פון זיינע מחשבות מיט גרויס שמחה, און מיט זיין באקאנטע חריפות האט ער זיך אנגערופן: דער חכם מכל אדם איז דאך מעיד (קהלת ז, כ): "כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ, אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא". – 'חטא' איז א לשון פון חסרון – עס איז נישטא קיין שלימות אויף דער וועלט! און דעריבער מוז זיין אז אפילו ביים גרעסטן שלימות אויף דער וועלט, וועט זיין עפעס א חסרון.

און לכאורה איז דאך רבינו הקדוש הגר"ח געווען דער שפיץ פון שלימות! וואספארא חסרון האט ער דען חלילה געהאט? עס איז דאך געווען "תּוֹרַת אֱמֶת הָיְתָה בְּפִיהוּ, וְעַוְלָה לֹא נִמְצָא בִשְׂפָתָיו, בְּשָׁלוֹם וּבְמִישׁוֹר הָלַךְ, וְרַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן"! (מלאכי ב ו). – נאר, ברוך השם אז דער איינציגסטער חסרון וואס מען האט געפינען אינעם רבי'ן איז געווען דאס וואס ער האט נישט געזינגען אזוי שיין... און די מעלה וואס מען האט געפינען אין מיר אנטקעגן אים, איז אז איך זינג יא שיין!...

[אבער ביי חסידים האט מען געגלייבט, אז יעדע ברכה וואס געפינט זיך אינעם תלמיד, קומט אלעמאל בהמשכה פון די ברכה פון זיין רבי, וואס ער איז דער 'צינור' צו אריבערפירן יעדן השפעה צו אים! – און אפילו א ספעציעלע מעלה וואס דער תלמיד פארמאגט און דער רבי האט עס נישט, האט עס דער רבי ממשיך געווען צו זיין תלמיד דורכדעם וואס ער איז מקושר און באהאפטן אין אים, וויבאלד דער יסוד און שורש פון זיין נשמה ווערט געבענטשט אין יעדן זאך בלויז דורך די ברכה פונעם צדיק, והדברים עתיקין].

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!
מכון טיב

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173

# א טעם אין חסידות

## אין ליכט פון דעם לעכטיגן יום-טוב

### המצטער פטור מן הסוכה

האט דער הייליגער "תפארת שלמה" געטייטשט:

"המצטער", א מענטש וואס האט געוויסע צער, "פטור", ווערט פטור פון זיין צער, "מן הסוכה", דורכ'ן מקיים זיין דעם מצוה פון סוכה.

אויב א מענטש האט חס ושלום, די מינדסטע צער אדער ווייטאג, זאל עס זיין א פיזישע (- קערפערליכע ווייטאג) אדער א גייסטישע (- למשל זיינע קינדער פירן זיך נישט ווי עס דארף צו זיין), אויב איז ער מקיים דעם מצוה פון סוכה מיט שמחה און פרייד, ווערט ער פטור ווערן פון די צרות און פראבלעמען.

דער הייליגער חיד"א האט געפינען רמזים פאר די הלכות סוכה, אינעםווארט פון "סכה":

ס' איז פאר די וואס פירן זיך צו בויען א סוכה מיט אלע פיר ווענט.

כ' באדייט די וועלכע בויען א סוכה מיט דריי ווענט, וואס אזא סוכה איז אויך כשר.

ה' איז א סוכה וואס איז געמאכט פון צוויי ווענט מיט איין טפח אויפ'ן דריטן זייט, וואס אזא סוכה איז נאך אויך כשר.

דער הייליגער טריסקער מגיד זיע"א האט אויסגערעכנט און געפינען, אז אין גאנץ מסכת סוכה רעדט די גמרא פון זעקס-און-זעכציג (ס"ו) כשר'ע סוכות און פינף-און-צוואנציג (כ"ה) פסול'ע סוכות. דאס זעט מען אינעם ווארט "סוכה", ס"ו כשר'ע סוכות און כ"ה פסול'ע סוכות.

"סוכה" איז אויך א לשון פון 'זען' (שרה אמנו איז אנגערופן געווארן "יסכה" ווייל זי האט פארמאגט רוח-הקודש און געקענט 'זען' וואס עס וועט פאסירן) און "סוכה" איז אויך א לשון פון 'הערן' (ווי עס שטייט אין ספר דברים "הסכת ושמע" - הער צו).

זאגט דער הייליגער גרויסער מגיד, דער צדיק רבי דוב בער פון מעזריטש זיע"א:

פונעם ווארט "סוכה" לערנען מיר, אז דורך דער מצוה פון סוכה, איז מען זוכה צו הייליגע אויגן, מען זאל צוקומען צו 'רוח הקודש', און מען איז זוכה אז די הארץ זאל וועלן הערן דעם אויבערשטן און זיך פירן ווי עס דארף צו זיין. אז מען טוט דעם מצוה פון סוכה ווי עס דארף צו זיין, דאן איז מען זוכה צו פיל גוטס.

### ושמחת בחגך והיית אך שמח

ווען איינער קומט ארויס פון טורמע, ווארט מען אים אפ אינדערהיים מיט מוזיק און מען זינגט און מען טאנצט. דער שמחה איז אזוי גרויס, אז אלע פרייען זיך און געבן דאס ארויס אויף א פרייליכן פארנעם. אזוי איז אויך מיט אונז, מיר האלטן נאך א גרויסן געריכט, דער באשעפער האט באקוקט אונזערע מעשים, און אונז באשטימט א פרייליכן יאר. איז נישט מער ווי רעכט, אז מיר זאלן זיך פרייען און טאנצן פאר גרויס שמחה.

און דאס איז דער שמחה אין שמחת בית השואבה, זאגט דער הייליגער "דברי חיים", אז דער יצר הרע האט אונז געוואלט פארשלעפן און איינשפארן אין זיין טורמע, און דער באשעפער האט אונז אין יום כיפור באפרייט פון אים, דערפאר פרייען מיר זיך און דאנקען אים.

דער מענטש דארף זיך פרייען אינעם יום טוב סוכות. אזוי זאגט אונז אן און באפעלט אונז די הייליגע תורה: "ושמחת בחגך" און דו זאלסט זיך פרייען מיט דיין יום טוב, "והיית אך שמח" און דו זאלסט זיין - נאר פרייליך!

זאגט דער הייליגער אר"י א שארף ווארט, אז אויב מען פריידט זיך מיט'ן יום טוב, אז מען פריידט זיך מיט'ן שמחת בית השואבה, דאן איז מען זוכה צו זיין אגאנץ יאר פרייליך. אבער "מי שלא ראה שמחה זו", דער וואס האט נישט געזען די דאזיגע שמחה, דער וואס איז נישט באריערט און איבערגענומען געווארן פון די גרויסע שמחה אין סוכות, אזא איינער "לא ראה שמחה מימיו", איז נישט זוכה אגאנץ יאר צו זען שמחות.

רבי שלום פון בעלזא זיע"א האט געזאגט: "די גרויסקייט פון טאנצן אין שמחת תורה האב איך נישט קיין רשות צו אנטפלעקן. אבער אזויפיל קען איך יא זאגן, אז די אלע תפילות און געבעטן וואס כלל ישראל בעט דורכ'ן יאר און אלע תפילות וואס מען דאווענט אין די הייליגע טעג - און עס זענען נישט געווען ווי עס דארף צו זיין און עס גייט נישט ארויף פאר'ן אויבערשטן, אזוי אויך אויב זענען דא תקיעות וואס זענען נישט געווען גוט אינזינען געהאט און זיי זענען נישט אנגעקומען צום כסא הכבוד - איז מיט די שמחה אין שמחת תורה, ווערן זיי אלע דערהויבן און דורך די פייערליכע טענץ וואס קומען פאר מיט גרויס שמחה און פרייד, קומען די אלע תפילות ארויף לרצון פאר'ן הייליגן באשעפער."

# א מצוה לשמה

## ערציילונג לכבוד דער פרייליכער יום-טוב

דער יום-טוב סוכות האט זיך דערנענטערט און קיין אתרוג איז נישט געווען אין גאנץ בארדיטשוב. אזא מאנגעל אין אתרוגים איז נאך קיינמאל געווען.

דער בארדיטשעווער צדיק רבי לוי יצחק האט געהאט פיל צער דערפון. ער האט ארויסגעשיקט שלוחים צו שטיין אויף אלע וועגן, טאמער פארט פארביי א איד מיט אן אתרוג, זאל מען אים בעטן צו פארקויפן, אדער כאטש זאל ער פראווען סוכות אין בארדיטשוב און מזכה זיין די גאנצע שטאט מיט דער מצוה פון ד' מינים.

מאכט זיך טאקע אז א איד פארט אהיים אויף סוכות און פירט מיט זיך א מהודר'דיגן אתרוג מיט א לולב און הדסים און ערבות. די שלוחים האבן אים באלד געפרעגט, צי ער וואלט פארקויפט דעם אתרוג פאר זיי, און זיי וועלן אים באצאלן וויפיל ער וועט נאר פארלאנגען.

"דעם אתרוג פארקויף איך נישט פאר קיין געלט," האט געקומען זיין אנטווארט.

האבן זיי אים געבעטן, ער זאל כאטש פארברענגען סוכות אין בארדיטשוב, וועט ער זיין א חשוב'ער גאסט און מזכה זיין די גאנצע קהילה מיט דער מצוה פון ד' מינים.

דער איד האט אבער געענטפערט, אז דאס קען ער אויך נישט טאן: ער איז שוין א צייט נישט געווען אינדערהיים און ער וויל דורכאויס יום-טוב פארברענגען מיט זיינע קינדער.

עס האבן נישט געהאלפן קיינע דינגענישן. די שלוחים האבן קוים גע'פועל'ט ביי דעם איד, אז ער זאל אריינקומען צום בארדיטשובער צדיק, וויבאלד אז ער פארט פארביי.

דער בארדיטשובער רבי האט געפרואווט פועל'ן ביי דעם אידן ער זאל פארבלייבן אויף יום-טוב. ער האט אים דערקלערט וואספארא גרויס זכות עס וועט זיין פאר אים מזכה צו זיין א גאנצע קהילה מיט דער מצוה פון ד' מינים. אלע רייד זיינען אבער געווען אומזיסט, ביז דער צדיק האט אים צוגעזאגט "עמי במחיצתי", אז דער איד וועט האבן זיין חלק אין גן-עדן צוזאמען מיט אים, דעם בארדיטשובער צדיק. אויף דעם איז שוין דער איד איינגעגאנגען און האט מסכים געווען צו פארבלייבן אויף יום-טוב און לאזן די גאנצע קהילה בענטשן מיט אים אויף דעם אתרוג.

מען האט דעם אידן באזארגט מיט א שיינער אכסניא, און די נייעס אז עס וועט זיין אן אתרוג אויף יום-טוב איז בליץ-שנעל פארשפרייט געווארן. עס איז געווארן א גרויסע שמחה אין שטעטל.

די ערשטע נאכט יום-טוב, נאך מעריב, ווען דער איד האט געוואלט אריינגיין אין דער סוכה פון דעם בעל-אכסניא צו מאכן קידוש און מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה, האט מען אים נישט אריינגעלאזט. עס האבן נישט געהאלפן קיינע טענות; כאטש גיי און מאך קידוש אין שטוב. אבער וועלכער איד וועט נישט מאכן קידוש און עסן א כזית אין סוכה, און נאכדערצו די ערשטע נאכט פון סוכות?

בלית-ברירה איז דער איד געגאנגען צו א שכן. ער האט פאר אים געוואלט אויסגיסן זיין ביטער הארץ אויף דעם בעל אכסניא, און בעטן אים, ער זאל אים דערלויבן צו מאכן קידוש און עסן א כזית ברויט אין זיין סוכה אבער אויך דער שכן האט אים נישט געוואלט אריינלאזן אין סוכה אזוי איז אויך געווען מיט א צווייטן און א דריטן.

א צעטומלטער און פארצווייפלטער איז דער איד געלאפן צום צדיק ר' לוי יצחק. ער האט שוין פארשטאנען, אז מסתם האט דער צדיק אנגעזאגט אין שטאט, אז מען זאל אים נישט אריינלאזן אין א סוכה.

מיט טרערן איז די אויגן האט זיך דער איד באקלאגט, וואס מ'לאזט אים נישט אריין אין א סוכה. דאס איז דאך אן אומדערהערטע עוולה! "אט אזוי באצאלט מען פאר א טובה? איך בין געבליבן דא וואלגערן זיך יום-טוב אין דער פרעמד, כדי צו מזכה זיין די שטאט מיט אן אתרוג, און צום סוף לאזט מען מיר נישט מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה?!"

דער בארדיטשובער צדיק האט דעם אידן געפרואווט בארואיגן: "איר ווייסט דאך, ר' איד, אז אויב עס איז נישט דא קיין אתרוג בענטשט מען נישט, און אויב עס איז נישט דא קיין סוכה איז מען דאך אן אנוס, און פטור..."

"דער רבי שפאסט מסתמא! וואס הייסט נישט דא קיין סוכה? ס'זענען דא אסאך סוכות, נאר מען לאזט מיך נישט אריין! איך וואלט אלץ אוועקגעגעבן, אבי מ'זאל מיך אריינלאזן מקיים צו זיין די מצוה פון לישב בסוכה!"

"אויב איר וועט מיר מוחל זיין די הבטחה וואס איך האב אייך געגעבן, "עמי במחיצתי" וועל איך שוין זען, אז מ'זאל אייך אריינלאזן אין א סוכה," האט דער צדיק געזאגט! דער דאזיגער תנאי האט דעם אידן נאך מער צעטומלט. עס האט זיך ביי אים אין גדאנק אנגעהויבן א גרויסע וואקלעניש, דער נסיון איז געווען א גרויסער, זאל ער פארציכטן אויף אזא הבטחה צוליב דער מצוה פון סוכה, אדער דאס איז א צו גרויסער פרייז צו באצאלן פאר א מצוה?

נאך א לאנגע איבערטראכטעניש, האט דער איד באשלאסן מוחל צו זיין די הבטחה, אבי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה.

"רבי, איך בין מוחל די הבטחה!" האט דער איד געזאגט מיט גרויס צעבראכנקייט.

א צופרידענער שמייכל האט באלויכטן דעם צדיק'ס געזיכט, און ער האט צו דעם איד געזאגט: "איצט גיב איך דיר ערשט די הבטחה צוריק! איך האב נאר געוואלט, אז דאס זאל זיין א פארדינסטע און נישט קיין אומזיסטע! און וויבאלד דו האסט געהאט אזויפיל מסירת-נפש פאר דער מצוה פון לישב בסוכה, האסטו דאס טאקע כשר פארדינט."

# די ענני הכבוד

## די סוכה איז א זכר צו די 'ענני הכבוד' וואס האבן די אידן באקוועם געמאכט אינעם מדבר. וואס איז דאס א מדבר און וואס זענען אירע געפארן?

דער גרויסער מדבר באדעקט כמעט דעם גאנצן סיני האלב-אינזל, דער דאזיגער גרויסער מדבר נעמט אריין אין זיך א צאל קלענערע מדבריות, ווי מדבר סין, מדבר צין, מדבר פארן, נעמען וועלכע זענען באקאנט פאר יעדן וואס לערנט חומש.

געווענליך, אז איינער רישט זיך צו מאכן א רייזע דורך א מדבר, דארף ער זיך באזארגן מיט פיל זאכן: שפייז, וואסער, פאסענדע קליידונג, געצעלטן, און אזוי ווייטער, און נאך דעם אלעם, אז איינער האט שוין דורכגעמאכט די רייזע דורך א מדבר, דארף ער ערשט בענטשן "גומל", פונקט ווי איינער האט דורכגעמאכט א רייזע איבערן ים, אדער איז באפרייט געווארן פון תפיסה, אדער איז אויפגעשטאנען פון א סכנות'דיגער קרענק, דער מדבר איז א שרעקליכער ארט פאר א מענטש אפילו מיט אלע צוגרייטונגען.

קען מען זיך פארשטעלן וואספארא מסירות נפש און וואספארא אמונה אונזערע זיידעס האבן געהאט בשעת זיי זענען ארויס פון מצרים און האבן זיך געלאזט גיין אין דעם "גרויסן און שרעקליכן מדבר" (המדבר הגדול והנורא), אַן קיינע צוגרייטונגען, בלויז מיט עטליכע שנעל-געבאקענע מצות! א גאנצע פאלק - מענער און פרויען, יונג און אלט - האבן זיך ארויסגעלאזט אין מדבר, פארלאזנדיג זיך אויפ'ן אויבערשטן.

עס זענען טאקע געווען פיל נסיונות אויף זייער וואנדער-וועג אין מדבר. נאך די וואונדערליכע ניסים פון קריעת ים-סוף, האבן די אידן געוואנדערט דריי טעג אָן קיין וואסער, און ווען זיי זענען שוין געקומען צו אַן ארט וואו עס איז געווען וואסער, איז דאס וואסער געווען ביטער און גיפטיג, אזוי אז מ'האט דעם ארט גערופן מרה (ביטער).

א גוואלדיגע מוסר השכל האבן די אידן האבן געלערנט וואס עס איז השגחה-פרטית, ערשט דאן האבן זיי ריכטיג פארשטאנען, די טובה וואס דער אויבערשטער האט זיי נישט געפירט אין ארץ-ישראל מיט דעם קורצן וועג דורך דעם לאנד פלישתים, וואס מ'האט געקענט דערמיט איינגאנצן אויסמיידן צו וואנדערן דורך א שרעקליכן מדבר, דאן האבן זיי פארשטאנען, אז דאס וואס עס האט זיך זיי געדוכט אלס "אומזיסטע" ליידן, איז געווען א גרויסער חסד פון דעם אויבערשטן.

אלס באלוינונג פאר דעם חסד פון די אידן ווען זיי האבן זיך פארלאזט אויפ'ן אויבערשטן און זענען ארויס אין מדבר, דעם חסד האט דער אויבערשטער קיינמאל נישט פארגעסן (זכרתי לך חסד נעוריך... לכתך אחרי במדבר). און טאקע דא אין מדבר האט דער אויבערשטער געגעבן די אידן די גרעסטע מתנות (וממדבר מתנה), ווי אונזערע חכמים באמערקן אויפ'ן פסוק, מי זאת עולה מן המדבר - די גאנצע דערהויבונג (עלי') פון אידישן פאלק איז געווען אין מדבר און פון מדבר: אין מדבר האבן די אידן באקומען די תורה, דעם משכן, סנהדרין, כהונה, מלכות - אלע העכסטע און שענסטע מתנות האבן די אידן באקומען אין מדבר.

**וואס איז א מדבר?**

יעדער וואס איז באקאנט מיט דער געשיכטע פון הגר און ישמעאל, וועט באלד ענטפערן: א מדבר איז אַן ארט, וואו עס איז נישטא קיין וואסער, און ס'איז נישטא קיין שפייז, און דאס איז א וויסטער מדבר, א וויסטעניש, פוסט און פארלאזט.

דאס מיינט אבער נישט, אז עס איז גאר קיין לעבן נישטא אין מדבר, עס זענען פארהאן פלאנצונגען און לעבעדיגע באשעפענישן וועלכע זענען ספעציעל צוגעפאסט צום מדבר, און וואוינען דארטן שטענדיג (ווי מיר וועלן באלד זען).

א מדבר איז נישט דורכאויס זאמד, בלויז א זעקסטל טייל פון סאהארא - דער גרעסטער מדבר אין דער וועלט - איז זאמדיג. דאס איבעריגע איז הארטע, שטיינערדיגע ערד, און עס פעלן נישט קיין בערג און בערגלעך אינעם מדבר.

דער גרעסטער מדבר אין דער וועלט איז דער דערמאנטער סאהארא, וואס ציט זיך פאר דער גאנצער ברייט פון צפון-אפריקע, פון דעם רויטן ים (ים-סוף) ביז דעם אטלאנטישן אקעאן. "סאהארא" באדייט אין אראביש "מדבר", דער דאזיגער מדבר נעמט ארום א שטח פון דריי-א-האלב מיליאן קוואדראט מייל! דאס איז מיט א מיליאן קוואדראט מייל גרעסער ווי די פאראייניגטע שטאטן, עס איז א שרעקליכער מדבר, וואו קיין לעבן קען כמעט נישט עקזיסטירן. מענטשן זענען געשטארבן אין סאהארא בלויז אכט שעה נאכדעם ווי זיי זענען געבליבן אָן וואסער.

**ים, יבשה, און וויסטעניש**

ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן ים און יבשה, א גרויסער מדבר, אויך אין דרום-אמעריקע, דרום אפריקע, און אין פארשידענע טיילן פון אזיע זענען פארהאן גרויסע מדבריות.

אבער וואס אייגנטליך איז א מדבר?

וויסנשאפטלער האבן באשלאסן אנצורופן "מדבר" אזעלכע ערטער, וואו די טעמפעראטור איז זייער הויך און וואו עס פאלט דורכשניטלעך ווייניגער ווי צען אינטשעס רעגן במשך פון א גאנץ יאר.

פארוואס איז אין א מדבר אזוי הייס? דאס איז ווייל אין א מדבר איז די לופט טרוקן און ריין, אזוי אז די שטראלן פון דער זון גייען דורך מיט זייער גאנצן ברען און פארוואנדלען דעם זאמד-באדן אדער שטיינערדיגן באדן אין א קאלער-אויוון. אין א מיטל זומער-טאג אין דעם "טויטן-טאל" פון קאליפארניע, קען די היץ דערגרייכן ביז אריבער הונדערט דרייסיג גראד (פארנהייט). און דער באדן קען דערביי דערגרייכן הונדערט און אכציג גראד!

**די סכנה פון די אומדערטרעגליכע היץ**

א מענטש וואס געפינט זיך אין א מדבר אפילו בלויז עטליכע שעה, שפירט ווי ער וואלט געווען אין א הייסן אויוון. דער קערפער פארלירט פיל וואסער דורך שוויצן, אבער צוליב דער טרוקנקייט פון דער לופט וועט ער נישט פילן די פייכטקייט פון שוויס אויפ'ן קערפער, ווייל דאס וועפט גלייך אויס, דאס שאפט א סכנה פאר די וואס וויסן נישט דערפון און נעמען זיך נישט מיט גענוג וואסער ווען זיי לאזן זיך ארויס אויף א שפאציר אין א מדבר.

צוזאמען מיט'ן שוויס פארלירט דער קערפער אויך זאלץ, וואס דאס ברענגט קאפ שווינדל און היץ-קראנקהייט.

ביינאכט ווערט אבער גאנץ קאלט אין מדבר, ווייל צוליב דעם טאקע וואס די לופט איז טרוקן און קלאר, ווערט די היץ לייכט אויסגעוועפט, אזוי אז באלד ווי די זון גייט אונטער, דערפילט מען א שטארקע קעלט. דערמיט דערקלערט זיך וואס די אראבישע מדבר-וואנדערער (בעדואינער) זענען באדעקט און ארומגעוויקלט מיט פיל קליידער אפילו בייטאג. די קליידער שיצן זיי פון דער זון בייטאג און פון דער קעלט ביינאכט.

עס איז אזוי טרוקן אין מדבר, אז ווען מען וואשט זיך דארט אפ די האנט דארף מען נישט קיין האנטוך זיך אפצואווישן, ווייל איידער מ'קען זיך נאך

אפווישן די הענט און דעם פנים מיט א האנטוך זענען זיי שוין טרוקן פון די שטארקע היץ.

ווען עס שפריצט אמאל א לייכטער רעגן, דערגרייכן נישט די טראפנס צו דער ערד. זיי וועפן שוין אויס אין דער לופטן, און א שטארקער רעגן וואס איז זייער זעלטן אין מדבר, ווערט תיכף איינגעשלונגען אין די טרוקענע זאמד, אדער אויב עס איז א שטיינערנער באדן, פליסט דאס וואסער אראפ אין די נידעריגע לעכער און שאפט קליינע שטחים באוואקסן מיט גראז. דאס וואסער אין אזעלכע לעכער אדער גריבער איז געווענליך זייער געזאלצן און געדיכט מיט מינעראלן, ווייל דאס וואסער זידט אויס פון דער היץ און עס זאמלען זיך אָן פיל מינעראלן און זאלץ.

פארהאן בארימטע "זאלץ טייכן", ווי דער ים המלח אין ארץ ישראל, וואו א מענטש קען זיך אין זיי נישט דערטרענקען, ווייל דאס וואסער איז אזוי געדעכט, ווי א שטארק פעטע זופ. מען פאלט נישט אריין דערין, אפילו מען קען נישט שווימען.

**איז א מדבר א "טויטע" וויסטעניש?**

נישט אלע מדבריות זענען באדעקט מיט זאמד, און נישט אלע מדבריות זענען אינגאנצן "טויטע" וויסטענישן, וואו קיין זאך וואקסט נישט און קיינע באשעפענישן לעבן נישט.

דער סאהארא מדבר און דער אראבישער מדבר, זענען באדעקט מיט ענדלאזע שטרעקעס זאמד, דערקעגן די אמעריקאנער מדבריות האבן גאר ווייניג זאמד, זיי זענען באדעקט מיט א שטיינערדיגן באדן, אבער ווי פוסט און וויסט א מדבר זאל נישט זיין, איז א מדבר ווייט נישט קיין "טויטע" לאנד אָן קיינע סימנים פון לעבן. אויך אין די מדבריות וואקסן פלאנצן, און עס לעבן דארט אויך בעלי-חיים, און דאס איז אויך פון די גרויסע וואונדער וואס דער הייליגער באשעפער האט אריינגעלייגט אין דער נאטור.

אין די זאמדיגע מדבריות זענען פארהאן גרינע "אינזלען", פרוכטבארע ערד, וואו עס וואקסן זאפטיגע טייטלען און פייגן, אדאנק די פרישע קוואלן וואסער וועלכע פליסן נעבן דעם. א וואנדערער דורכ'ן מדבר איז זיך ממש מחי' ווען ער קומט צו אזא "גן-עדן" אינמיטן מדבר, וואו ער געפינט שפרודלדיגע וואסער, פרוכט, און שאטן.

אזא סארט פלאץ קען מען לייכט דערקענען פונדערווייטנס. ווייל דער מדבר איז דאך פוסט, זעט מען פונדערווייטנס א הויכן טייטל בוים, ווייסט מען אז מען דארף זיך ציען אהין, און דארטן וועט מען האבן וואס צו טרינקען און וואס צו עסן.

ווי דערמאנט איז א רעגן אין מדבר זייער זעלטן, און ווען עס רעגנט שוין יא דארט, ווערט עס תיכף איינגעשלונגען אין די טרוקענע זאמד, לאמיר נעמען - למשל דעם אראבישן מדבר, עס קען דורכגיין פינף יאר אדער מער און עס זאל נישט פאלן קיין רעגן. דאס לאנד איז טרוקן און וויסט, אבער אט באווייזט זיך א וואלקן, עס ווערט א שטורעם און עס נעמט אראפפאלן א רעגן. די טראפנס רעגן זאפן זיך שנעל איין, אויף א קורצער צייט. עטליכע טעג אדער א וואך, בלייבט די ערד פייכט, און עס שפראצן ארויס קליינינקע פלאנצן, גרעזעלעך, וועלכע וואקסן שנעל, בליען און ווערן פארטריקנט.

עס געדויערט נישט מער ווי א וואך, און די פלאנצן זענען שוין פארשווינדן. די ערד ווערט ווידער פארטריקנט, א מדבר ווי פריער, אבער אין דער ערד בלייבן די זוימען פון די מדבר-פלאנצן, און קענען ווידער אפליגן באגראבן אין דער ערד אדער אין זאמד גאנצע פינף יאר אדער מער, ביז עס וועט ווידער פאלן א רעגן אויף דעם זעלבן ארט, און ווידער באדעקט זיך די ערד מיט א גרינעם צודעק אויף געציילטע טעג.

האבן מיר דאך געלערנט און חומש, אז משה רבינו האט געפיטערט די שעפסן פון זיין שווער יתרו אין מדבר! נו, פון וואו האט ער דארט גענומען גראז צו פיטערן די שעפסן? עס איז - ווי נישט ווי - יא עפעס געוואקסן.

אין דעם זעלבן מדבר איז פארהאן א גראז, וואס די אראבער רופן עשאב (עשב), וואס איז א באליבטער שפייז פאר זייערע קעמלען. עס איז באקאנט, אז די זוימען פון דעם גראז קענען "שלאפן" אין דער ערד גאנצע צען יאר, ביז זיי ווערן באוואסערט פון רעגן און זיי שפראצן באלד ארויס.

**די קוקטוס'ן, א באהאלטענער אוצר פון וואסער**

אויסער די דאזיגע בוימער און גראזן, וואקסן אין די מדבריות פארשידענע געוויקסן, קוסטן, דערנער און אנדערע פלאנצן, אממייסטן באקאנט איז דער קאקטוס. געוויסע מינים קאקטוס וואקסן זייער גרויס, און זעען אויס ווי גיגאנטישע פארצווייגטע אוגערקעס.

וויאזוי לעבן די דאזיגע קאקטוסן אין א טריקענעם מדבר וואו עס רעגנט נישט?

אויך אויף דעם האט דער באשעפער געזארגט. די דאזיגע פלאנצן האבן א פארשפרייטע נעץווארצלען, וועלכע ציען זיך אויס אונטערערדיש אויף א ווייטע שטרעקע, און זיי זאפן איין יעדן טראפן וואסער וואס פאלט ארום זיי אין א צייט פון רעגן, און פילן אָן די שטאמען מיט וואסער.

עס זענען פארהאן פארשידענע פלאנצן וועלכע זענען צוגעפאסט צו פארשידענע מדבריות, פאראן א פלאנץ, ווי א קלייןביימעלע, וואס רופט זיך "טאמאריסק", וועמענס צווייגן זעען אויס ווי פעדערן, אט דער קוסטארניק האט טיפע ווארצלען, וועלכע דערגרייכן ביז הונדערט פוס אין דער טיפעניש פון דער ערד, צו געפינען וואסער.

אַן אנדער מדבר פלאנץ, דער גיגאנטישער "קאקטוס", וואס וואקסט אין די מדבריות פון מערב-אמעריקע און מעקסיקא, האט ווארצלען וועלכע גייען דווקא נישט טיף, נישט מער ווי א דריי פוס, אבער דערפאר זענען זיי פארשפרייט אויף א שטח פון אריבער הונדערט פיס צו אלע ריכטונגען, ווען עס פאלט א רעגן, כאפן זיי באלד אויף דאס וואסער און פילן אָן דעם גרויסן שטאם פון דעם קאקטוס, וואס רינט ווי א רעזערוואר.

פארהאן א געוויסער מין קאקטוס וואס קען אנטהאלטן אין זיך הונדערטער שיסלען וואסער, וואס יעדע אזא שיסל זאל קענען אנטהאלטן א גאנצער גאלאן.

מאנכע קאקטוסן זענען אזוי גוט געבויט אז זיי קענען איינזאפן וואסער אויף עטליכע יאר. למשל, דער גיגאנטישער "סאגוארא" קאקטוסן קען האלטן דעם אנגעקליבענעם וואסער, און ווערן דאן אויסגעדארט און איינגעפאלן, ביז עס גיט ווידער א שפריץ א רעגן, און א וואנדערער אין מדבר קען זיך אפפרישן מיטן וואסער פון אזא קאקטוס.

אנדערע פלאנצן האבן גאר א טיפן ווארצל, וואס קען דערגרייכן פון זעכציג ביז הונדערט פיס טיף, צו דערגרייכן אונטערערדישע וואסער.

רוב מדבר-פלאנצן האבן גאר ווייניג בלעטער און גאר קליינע בלעטער, אדער בכלל נישט קיין בלעטער, כדי נישט צו פארלירן וואסער דורך די בלעטער. (די געווענליכע ביימער וועפן אויס, דאמפן אויס, זייערע וואסערן דורך די בלעטער).

די מדבר-פלאנצן וואקסן זייער שיטער, ווייט איינער פון צווייטן, ווייל יעדער געוואוקס האט א ווייט-אויסגעשפרייטע נעץ ווארצלען און פארנעמט א גרויסן שטח. רוב מדבר פלאנצן זענען באדעקט מיט שטעכעדיגע נאדלען אדער דערנער, כדי צו זיין געשיצט פון בעלי-חיים, וועלכע וואלטן גערן געפונען שפייז און וואסער אין די דאזיגע פלאנצן.

פארהאן א פלאנץ וואס רופט זיך "ביסנאגא", און האט א צונאמען "מדבר ברונעם". ווען מען שניידט אויס מיט א מעסערל אינמיטן פון דעם פלאנץ ווי א שיסעלע, ווערט עס באלד אנגעפילט מיט וואסער, ווייל אויך דער דאזיגער פלאנץ האט אין זיך שטענדיג א זאפאס וואסער. עס האט שוין פאסירט, אז וואנדערער אין מדבר זענען געשטארבן פון דארשט, ארומגערינגלט מיט אט די פלאנצן, נישט וויסנדיג אז יעדער אזא פלאנץ איז א "שיסעלע וואסער".

עס איז ממש וואונדערלעך, ווי דער באשעפער האט צוגעפאסט די דאזיגע פלאנצן צו די שווערע באדינגונגען פון א טרוקענעם הייסן מדבר.

**נחש, שרף און עקרב**

שווער איז דאס לעבן אויף פאר די בעלי חיים וועלכע וואוינען אין מדבר, אבער אויך זיי האט דער באשעפער באשאפן אזוי, אז זיי זאלן זיך קענען צופאסן צו די שווערע באדינגונגען.

די שווערסטע זאך אין א מדבר איז די היץ, איז די עצה דערצו צו געפינען קילערע ערטער, אונטער פעלזן, אדער איינצוגראבן זיך אונטער דער ערד, וואו עס איז קילער און נישט אזוי טרוקן ווי דער אויבערפלאך, עס זענען אויך פאראן געוויסע בעלי-חיים וועלכע דארפן זיך נישט זארגן צופיל וועגן וואסער.

און פונקט ווי עס זענען פאראן אזעלכע מערקווירדיגע פלאנצן, וועלכע זענען ספעציעל צוגעפאסט צו א מדבר לעבן, אזוי זענען פאראן געוויסע לעבעדיגע באשעפענישן וועלכע האבן באזונדערע אייגנשאפטן צו לעבן אין א מדבר.

מער פון אלעמען איז באקאנט דער קעמל.

די בעדואינער, די ווילדע אראבער, וועלכע וואוינען אין די מדבריות, וואלטן אָן דעם קעמל נישט געקענט לעבן. א קעמל קען זיך אנטרינקען מיט וואסער אויף גאנצע זיבן ביז ניין טעג. א בעדואין קען אזוי ארום דורכמאכן א לאנגען וועג, נישט זארגנדיג פאר זיין קעמל. ער דארף נעמען וואסער בלויז פאר זיך אליין.

דערצו האט דער קעמל א ספעציעלן חוש צו געפינען וואסער, אויב א בעדואין פארבלאנדזשעט אמאל אין מדבר און בלייבט אָן וואסער, דארף ער בלויז לאזן דעם קעמל גיין וואו ער וויל, און דער קעמל וועט אים שוין צופירן צו א וואסער.

ווי שוין דערמאנט פריער אז אזא ארט אין מדבר, וואו עס געפינט זיך א קוואל וואסער, דארט וואקסן פלאנצן און פרוכט, און דער מדבר-וואנדערער איז זיך ממש מחי'.

אין דעם אויסטראלישן מדבר איז פאראן אזא מין זשאבע, וואס קען זיך אויך אנפילן מיט א גרויסן זאפאס וואסער, ווען זי איז פול מיט וואסער איז זי ווי אַן אנגעבלאזענער באלאן.

שלאנגען און עקדיסן פארשטעקן זיך אונטער שטיינער און פעלזן במשך פון די הייסע שעה'ן פון טאג, און קריכן ארויס פון זייערע באהעלטענישן גאנץ פרי און פארנאכט, ווען עס איז שוין קילער. א געוויסער עקדיס גראבט זיך איין אין זאמד. א גאנצע רייע אינזעקטן און שרצים וועלכע לעבן אין מדבר, דארפן בכלל נישט קיין וואסער צו טרינקען און באקומען עס אין זייער שפייז.

אזוי ארום ווערט אויך אין מדבר אנגעהאלטן דער סדר פון דער וועלט, וואו דער צומח לעבט פון דומם, בעלי-חיים לעבן פון צומח, און איין מין בעל-חי שפייזט א צווייטן. עס הערשט א "באלאנס" אין דער נאטור, און אלץ איז אנגעפירט דורך דער ג-טליכער השגחה פרטית, אויף אַן אויסערגעווענליכן און וואונדערליכן אופן.

**"בעדואינער"**

דער מענטש האט זיך אויך צוגעפאסט צום מדבר, דא רעדן מיר וועגן דעם טיפ מענטש, וועמען מען רופט "בעדואינער" די וואנדערדיגע, ווילדע אראבער. זייער קליידונג באשטייט פון דיקע קליידער און פאטשיילעס מיט וועלכע ער וויקלט זיך ארום, אזוי אז בלויז די אויגן און נאז זעען זיך ארויס, דאס שיצט אים סיי פון דער זון בייטאג און סיי פון דער קעלט ביינאכט. ווען עס מאכט זיך א זאמד שטורעם, וואס דאס איז די גרעסטע סכנה אין מדבר, וויקלט ער זיך איינגאנצן ארום אין זיינע בגדים, זעצט זיך אין שאטן פון זיין קעמל און ווארט איבער דעם שטורעם.

**די גרויסע ניסים אין מדבר**

דער מדבר וואס די אידן האבן דורכגעמאכט אין די פערציג יאר איז אויך געווען "א גרויסער און שרעקליכער", ווי די תורה דערציילט אונז, א מדבר אָן וואסער, וואו בלויז שלאנג און יאשערקעס (נחש, שרף ועקרב) האבן געקענט לעבן. פאר מענטשן, וועלכע האבן הונדערטער יארן געלעבט אין א פרוכטבארע לאנד ווי מצרים, וואלט נאטורלעכערווייז געווען אוממעגליך צו איבערלעבן אין א מדבר פערציג טעג, שוין אפגערעדט פון פערציג יאר. איז עס טאקע געווען אַן אומדערהערטע זאך, אז א גאנץ פאלק זאל וואנדערן פערציג יאר אין א מדבר. פארשטייט זיך, אז אָן די שטענדיגע נסים - דער מן, דער באר, די ענני כבוד - וואלטן די אידן נישט געקענט דורכמאכן אזא וועג.

יעדן טאג איז געווען פאר זיי א לערע אין בטחון אין באשעפער. יעדן טאג האט זיי איבערצייגט וועגן דעם באשעפער'ס גרויסער ליבשאפט צום אידישן פאלק, און וויאזוי דער אויבערשטער קען זארגן און שפייזן נישט נאר אַן איינצעלנעם מענטש, נאר עטליכע מיליאן מענטשן. (עס זענען געווען זעקס הונדערט טויזנט בלויז דערוואקסענע מענער, אויסער פרויען און קינדער.)

א איד, וואס האט בטחון אין באשעפער, דארף נישט זארגן וויאזוי דער אויבערשטער וועט אים געבן פרנסה, מען וואנדערט דאך שוין נישט אין א מדבר, מען דארף טאקע טון און ארבעטן, ווייל די תורה האט דאך געזאגט, אז דער אויבערשטער "וועט דיך בענטשן אין אלעס וואס דו וועסט טון" - אבער וויסן דארף מען שטענדיג, אז דער אויבערשטער שיקט שוין אריין די ברכה און הצלחה.

די מידה פון בטחון איז א טייערע מידה, וואס אידן האבן בירושה פון די הייליגע אבות אברהם, יצחק און יעקב און פון די אידן וועלכע האבן דורכגעמאכט פערציג יאר אין מדבר. די מידה פון בטחון האט זיך גוט איינגעקריצט אין דער אידישער נאטור, טראצדעם וואס צוליב פארשידענע סיבות ווערט די מידה פון בטחון אמאל פארטונקלט, און דער מענטש ווערט רחמנא ליצלן אפגעריסן פון געטליכקייט. און דאס לעבן ווערט ווי א טרוקענער מדבר, וואו די געטליכע נשמה דארשט נאך געטליכקייט, ווי א פארבלאנדזשעטער וואנדערער אין מדבר דארשט נאך א טראפן וואסער.

**וואס לערנען מיר דערפון?**

די תורה איז געגעבן געווארן אין מדבר, אין מדבר-סיני. דער אויבערשטער האט נישט געווארט ביז די אידן וועלן אריינגיין קיין ארץ ישראל, אינעם לאנד וואס פליסט מיט מילך און האניג, כדי די אידן זאלן נישט מיינען, אז בלויז אין ארץ ישראל, אין אזא הייליג לאנד, דארף מען היטן די תורה און מצוות. די תורה שטייט העכער פון צייט און ארט - אומעטום און אין אלע צייטן דארף מען לערנען תורה און מקיים זיין די מצוות אפילו אין א מדבר.

עס איז פאראן נאך אַן אנדייטונג אין דעם: די תורה רופט זיך אָן באר מים חיים - א קוואל פון לעבעדיג וואסער, וואסער איז לעבן, אָן וואסער קען קיין לעבן נישט זיין, אָן וואסער ווערט א מדבר, א פוסטקייט, א וויסטעניש און לעבנסלאזיקייט פונקט ווי דאס איז אין פיזישן לעבן, נאכמער איז דאס אזוי אין גייסטיגן לעבן. די תורה רופט זיך אָן תורת חיים, ווייל די תורה איז דער אמת'ער קוואל פון לעבן, נישט נאר אייביג לעבן אויף יענער וועלט, נאר אויך פשוט פשט, אין טאג טעגליכן לעבן אויף דער וועלט. די תורה אין מצוות מאכן פון א מדבר א

# עוֹמְדִין בִּכְלֵי שִׁיר וְאוֹמְרִים שִׁירָה

## ירושלים גרייט זיך צום גרויסן יום-טוב

די ערשטע פרימארגן שטראלן האבן אנגעהויבן אויפוועקן ירושלים. הכנות האבן זיך אנגעזען אין די הויפן פון די הייזער וואס זענען געווען הינטער די מויער. זכריה האט זיך געוואשן זיין הענט און איז געגאנגען דאווענען שחרית. עס איז דא פיל ארבעט היינט, ערב חג הסוכות. די גאסן ווירבלען מיט דורכגייער. אין די זייטן פון די מויערן זעט מען פארמאכטע וועגענער, דארט האבן די עולי רגלים גענעכטיגט איבערנאכט. אנדערע אידן וועלכע זענען שוין פאריגעס יאר געקומען צו גיין, האבן זיך שוין מער-ווייניגער מסדר געווען אין די אכסניות, וואס זענען לעצטענס געעפנט געווארן אין יעדן הויז אין ירושלים. די אפענע טירן האבן איינגעלאדנט די אויסגעמוטשעטע רייזנדע אריינצוקומען טרינקען אביסל און עסן פון די שפייז וואס מ'האט צוגעגרייט.

זכריה איז ארויפגעגאנגען די שטיגן צום בית הכנסת, און ער האט זיך דערמאנט אז היינט ליגט אויף אים אנצופולן דעם גרויסן פאס אין הויף, מיט וואסער. באלד נאכ'ן דאווענען האט ער גענומען די שעפער'ס, און האט זיך געוואנדען דערמיט צום "נחל קדרון", דארט זענען זיך צוזאמגעקומען אסאך חברים, און אלע האבן צוזאמען געשעפט וואסער, פאר די משפחה און פאר די פילע געסט וועלכע זענען געקומען צו גיין אויף יו"ט.

### א שפאציר צום בית המקדש

זכריה איז אריינגעגאנגען אין הויז. א גערוך פון די געקעכץ וואס די מאמע האט צוגעגרייט, האבן זיך פארשפרייט פון די גרויסע שיסלען אויפ'ן טיש. די גרויסע סוכה איז שוין געווען באצירט. זיינע שוועסטער, חנה און מרים, האבן צוגעגרייט דעם טיש פאר די יו"ט'דיגע סעודות. דער דריי-יעריגער יוסי האט זיך ארומגעדרייט אין די שטובער, און גענודזשעט די אנווזענדע.

"זכרי'", בעט אים די מאמע, "אפשר נעמסטו ארויס יוסי'ן אויף א קליינעם שפאציר. ער זוכט וואס צו טון".

זכרי' נעמט אים אָן ביים האנט, און גייט ארויס פון הויז. די גאס איז פול מיט דורכגייער. זכרי' דריקט שטארק צו יוסי'ס האנטעלע, אז ער זאל זיך חס ושלום נישט פארלירן. אידן קויפן איין די ד' מינים, שפייז און אנדערע וויכטיגע צוגעהערן לכבוד יו"ט. זכרי' זעט צווישן די מענטשן אסאך בבליים, אידן וועלכע קומען פון בבל, און רעדן לשון הקודש. ער הערט פון זיי, אז זיי זענען פאריגע וואך אנגעקומען פון בבל, מיט א ארגאניזירטע גרופע. דריי וואכן זענען זיי געגאנגען אויפ'ן וועג, אויסגעשטעלט צו געפערליכע סכנות. נעבן א גרויסע וואגן, איז געשטאנען א קינד אין זיין עלטער. 'ער איז א בבלי, דאס איז זיכער', האט זכרי' געטראכט צו זיך, און איז צוגעגאנגען צו אים מיט א פרייליך פנים.

"שלום עליכם. מיין נאמען איז זכרי' און איך קום פון ירושלים, פון וואו קומסטו?"

די פנים פונעם בבלי האט אויפגעלויכטן: "איך קום פון בבל, ווי פארשטענדליך, און מיין נאמען איז בניהו. איך פריי זיך דיר צו קענען, זכרי'. צי וועסטו קענען מיר אביסל ארומנעמען דא אין ירושלים און באקענען מיט איר. איך בין אזוי איבערגענומען. פאריגעס מאל וואן מיין משפחה איז ארויפגעקומען אהער קיין ירושלים, בין איך נאך געווען צו קליין און מען האט מיר נישט מיטגענומען. עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך בין דא. עס גלייבט זיך מיר שווער אז איך בין טאקע אין ירושלים, און דער בית המקדש געפינט זיך ממש דא נעבן".

"טאקע אזוי", באשטעטיגט זכרי' זיינע רייד. ער גייט מיט אים נענטער צום ביהמ"ק. זיי זעען ווי די כהנים און לויים גרייטן צו דאס ארט, אויפצונעמען צענדליגער טויזנטער מענטשן.

"שטענדיג וואונדער איך זיך", זאגט זכרי' שטילערהייט, "וויאזוי אזא קליינע ארט נעמט אריין אזויפיל מענטשן, און קיינער ווערט נישט צושטיפט. טראכט נאר אריין וויפיל מענטשן זענען געווען היינט אין מארק, רעכן צו די מענטשן וואס זענען דאן געווען אין די בתי כנסיות, די וואס זענען נאך אויפ'ן וועג קיין ירושלים, און די פרויען און טעכטער וועלכע זענען געווען אינדערהיים... אלעס גייט דא אריין!"

צומישט פון וואס ער זעט אלץ, פרעגט בניהו: "וואו שטייען טאקע די מאמעס און די מיידלעך?"

"דו זעסט דארטן די אויבערשטע שטאק, העכער 'עזרת ישראל', דארטן שטייען די פרויען און קוקן ווי מען פרייט זיך. אוי, וואספארא שמחה. מוצאי יו"ט ראשון וועל איך דיר קומען רופן, און צוזאמען מיט אלע חברים וועלן מיר גיין צו שמחת בית השואבה", האט זכרי' צוגעזאגט פאר'ן איבערגענומענעם בניהו, און אלע דריי האבן זיך געאיילט אהיימצוגיין.

### די גרויסע ליכטיגקייט מוצאי יו"ט

מוצאי יו"ט ראשון. די ירושלים'ער גאסן זענען פול מיט אידן אנגעקליידעט יום-טוב'דיג. זכרי' און בניהו האבן געפונען א גוטן ארט פון וואו צו קענען אלעס מיטהאלטן, און זיי האבן געקוקט ווי די יונגע כהנים לויפן ארום אינעם עזרה און גרייטן איר צו צו די גרויסע שמחה. פלוצלינג האט בניהו געזען א יונגע בחור'ל שלעפט אריין א גרויסן קריגל פול מיט אויגל, און הייבט אָן ארויפקריכן אויף א הויכן לייטער.

"וואס טוט ער? עס וועט זיך דא שוין אויסגיסן..." - האט בניהו געשריגן, און געפאכעט מיט זיינע הענט.

"זארג זיך נישט. די יונגע כהנים'לעך האבן אסאך כח. ער גייט ארויף אויף דעם לייטער אנצוצינדען די מנורות. דו זעסט, עס זענען דא פיר אזעלכע מנורות. אלע צינדט מען יעצט אָן". בניהו האט מיט אַן אפענעם מויל נאכגעקוקט איינע פון די בחורים, וועלכע גיסן אריין די אויל אין די ריזיגע גאלדענע מנורה און צינדט זיי אָן. א גרויסע ליכטיגקייט האט באלויכטן דעם גאנצן געגנט.

"איך בין זיכער אז מיין מאמע קלויבט יעצט ארויס ווייצלעך, פאר די ברויט וואס זי וועט מארגן באקן. שטענדיג זאגט זי מיר, אז וואן די מנורה ווערט אנגעצינדען, ווערט אזוי ליכטיג אין שטאט, אז עס איז דאס בעסטע צייט פאר איר צו קלויבן די ווייץ. די מנורות באלייכטן אונזער גאניק ('פארטש'), ממש ווי אינמיטן טאג". בניהו האט נישט געגלייבט וואס ער הערט. דערווייל האבן מענטשן אנגעהויבן אנפולן די זאַלן.

און דאן זענען אנגעקומען די לויים.

שורות שורות פון לויים, מיט זייערע ספעציעלע קליידונג און אין זייערע הענט מוזיקאלישע אינסטרומענטן. עס זענען געווען דארט הונדערטער סארט כלי-זמר: פייפער'ס, טרומפייטער'ס, פידלען, און נאך. זיי זענען געשטאנען אויסגעשטעלט אויף פופצן שטיגן, וואס פירן פון "עזרת נשים" צום "עזרת ישראל". עס איז געגעבן געווארן דער צייכן, מען האט געבלאזן "תקיעה, תרועה, תקיעה", און די לויים האבן אויסגעבראכן אין א געזאנג. בניהו האט געשפירט א ציפ אין הארצן, אויך זכרי' איז געווען זייער איבערגענומען, כאטש ער האט דאס שוין געהערט פיל מאל. מי שלא שמע שירה זו, ווער עס האט נאכנישט געהערט דעם געזאנג, קען דאס ניטאמאל פארשטיין. די לויים האבן געשפילט און געזינגען מיט א וואונדערליכע שטימעס, און דער עולם האט זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ.

## די גדולי הדור טאנצן

די געזאנג און טענץ זענען ארויף ביז צום הימל, וועלכע זענען געווען באלויכטן מיט די ליכטיגקייט פון די מנורות, און דאן האט זיך אנגעהויבן דער הערליכער מעמד. מיט פרייליכע געזאנגען האט מען אויפגענומען אַן עלטערער איד, מיט א לאנגען ווייסן בארד און שטראלענדער צורה.

בניהו האט געצויגן זכרי' ביים ערמל. "ווער איז דער מענטש", האט ער געפרעגט מיט נייגער.

"דו ווייסט נישט? דאס איז דאך דער גדול הדור, רבן שמעון בן גמליאל. באלד וועסטו זען קונצן וואס ער באוויזט. קיינער קען אים נישט נאכמאכן".

בניהו האט געזען ווי מען צינדט אָן די פאקלען. אידן וועלכע זענען געשטאנען אינדרויסן האבן זיך אריינגעשטיפט אינווייניג, צו קענען מיטהאלטן. אנדערע האבן פרובירט צו ווארפן די פאקלען און זיי צוריקכאפן.

עס איז געווארן שטיל. רבן שמעון בן גמליאל האט אנגעהויבן טאנצן אינדערמיט, אינדערצייט וואס די לויים האבן פארשטארקט זייער געזאנג. אזוי טאנצנדיג האט ער ארויפגעווארפן אין די לופט ברענעדיגע פאקלען און זיי צוריקגעכאפט, אנדעם וואס איינס זאל אנרירן ס'אנדערע.

בניהו האט געציילט מיט התרגשות: איינס... צוויי... דריי... פיר... פינף... זעקס... זיבן... אכט! - אכט ברענעדיגע פאקלען אויפאמאל. טאקע א גרויסע זאך. די אידן ארום, וועלכע האבן זיך צוגעקוקט צו דעם הערליכן סצענע, האבן ווייטער געטאנצן און געטאנצן ביז זייערע כוחות האבן זיך אויסגעלאזט.

זכרי' האט געקוקט אויף בניהו מיט זארג, עס האט אויסגעזען ווי ער איז שוין מיד.

"איך האף אז דו ביזט זיך גוט אויסגעשלאפן היינט, ווייל דער סדר היום אין ירושלים אין די חול-המועד סוכות טעג ערמעגליכן נישט קיין שלאף", האט ער אים שטיל אריינגעזאגט אין אויער.

"פון וואס רעדסטו?" - האט אים בניהו צוריגעפרעגט, ווען ער פארדעקט מיט זיין האנט א גרויסע גענעץ.

"דו ווייסט נישט? די דאזיגע טענץ גייען ביז די פרימארגן שיינט אויף, דאן זענען די כהנים מקריב דעם 'תמיד של שחר', און דאס גאנצע פאלק דאווענט שחרית. דערנאך איז מען מקריב דעם 'קרבן מוסף'. נאכ'ן דאווענען גייט מען לערנען אין ביהמ"ד, דערנאך עסט מען א זאטע סעודה, מען קומט צוריק זען ווי דער כהן איז מקריב דעם 'קרבן מנחה', און מען דאווענט מנחה ווי פארשטענדליך. דאן איז מען מקריב דעם 'תמיד של בין הערבים', און באלד דערנאך הייבן זיך פונדאסניי אָן די שמחת בית השואבה טענץ, ביז צומארגנס ווען דער טאג שיינט אויף... איז ווען וועלסטו שלאפן?"

בניהו האט נישט געענטפערט, און זכרי' האט באמערקט אז ער איז פשוט... איינגעשלאפן. אזוי שטייענדיגערהייט האט ער זיך אנגעלענט אויף זיין אקסעל און איינגעדרימלט. זכרי' האט געשמייכלט צו זיך. ס'איז נישט דאס ערשטע מאל ער זעט אזוינס. ער האט געקוקט צום עזרה, און ער האט געזען פיל אידן זענען אנגעלענט איינער אויפ'ן אנדערנס אקסל און מען דרימלט אביסל...

## א ים פון אתרוגים

די פרימארגן האט אויפגעשיינט אין ירושלים. עס איז דער ערשטער טאג פון חול המועד סוכות. פון ערגעצוואו האט מען געהערט א האן קרייען, און פון בית המקדש האט מען געהערט דעם צייכן אנצוהייבן מיט די עבודה.

די כהנים האבן געברענגט וואסער פונעם "מי השילוח" פאר'ן "ניסוך המים". מאסן מענטשן זענען געשטאנען און געדאווענט "הלל", ווען אין זייערע הענט געפינען זיך די ד' מינים. ווי שיין איז געווען דער בילד. בניהו האט זיך אויפגעוועקט דערצו.

זכרי' האט אים געפירט צו א דערנעבנדיגע הויז, זיך אפצוגיסן די הענט. כדי אים צו ערוואכן, האט ער אים דערציילט: "דו ווייסט וואספארא 'יום טוב' מיר האבן געהאט דא פאריגעס יאר? איינער פון די כהנים האט געגאסן די וואסער אזויווי די צדוקים, אויף זיינע פיס, און נישט אויפ'ן מזבח ווי עס שטייט אין די תורה. זיינע חברים די כהנים האבן שוין פונלאנג חושד געווען אז ער איז א צדוקי, און יעצט האט ער זיך דערוואגט - צו אלעמענס אויגן - און אומפארשעמטערהייט געטון דעם שרעקליכן אקט. די אידן פון 'עזרת ישראל' האבן דאס נישט געקענט אראפשלינגען, און ווי אפגעשמועסט צווישן זיך האבן זיי אנגעהויבן ווארפן אויף אים זייערע אתרוגים.

"עס איז אוממעגליך געווען נישט צו רחמנות האבן אויף דעם אומגליקליכן צדוקי, וועלכער איז גוט צוביילט געווארן אויף אלע טיילן פון זיין קערפער, אבער דאס איז געווען זיין שטראף! צומארגנס איז נישט געווען צו באקומען קיינע אתרוגים אין שטאט, און אויך די מזבח איז געווען זייער צושעדיגט. מען האט דאס געדארפט פאררעכטן, כדי צו קענען ווייטער אנגיין מיט'ן מקריב זיין די קרבנות", האט ער געענדיגט אים דערציילן. "קום, מען דארף זיך צואיילן. באלד הייבט מען שוין אָן מוסף. נאכ'ן דאווענען וועסטו קומען צו מיין הויז עסן די יו"ט'דיגע סעודה, אזוינס וואס נאר מיין מאמע קען צושטעלן..."

בניהו שטייט און דאווענט. ער קען זיך נישט גלייבן אז דער בית המקדש איז אזוי נאנט צו אים, און אויך דער אויבערשטער. ער דאווענט אז זיינע עלטערן זאלן ענדיגן זייערע געשעפטן אין בבל, און זאלן שוין ארויפגיין קיין ירושלים. ווי שיין איז דא צו זיין.

ער שפירט נישט אז זכרי' האט שוין געענדיגט דאווענען, און ווייזט אים צו קומען. ער וויל זען נאך און נאך, אנלאדענען אויף זיך שפייז פון קדושה פאר'ן נייעם יאר, וואס ער זאל מיטנעמען מיט זיך קיין בבל.

(מקורות: סוכה נא)

# לפום צערא אגרא

## רבי משה סופר זצ"ל, בעל ה'חתם סופר'

דער היכל הישיבה אינעם שטאט דרעזניטץ אין אונגארן האט געראַוישט. דער ראש-ישיבה, דער הייליגער חת"ם סופר, האט נערוואס געענדיגט זיין שיעור, און זיך אוועקגעזעצט אויף זיין ארט. דער קול התורה האט אנגעפולט דעם היכל. נישט קיין וואונדער אז קיינער האט נישט באמערקט דעם בחור וואס איז אריינגעקומען אינווייניג, צוגעגאנגען צו דעם ראש-ישיבה, און מיט א קווענקלדיגע שטימע האט ער געזאגט: "מיין נאמען איז פינחס לייב. איך וויל לערנען אין דעם ישיבה!" דער חתם-סופר האט אים באטראכט, און געזאגט: "איך וועל זיך פרייען דיר אנצונעמען אין ישיבה, אבער צוערשט דארפסטו מיר זאגן, וואס האסטו ביז יעצט געלערנט? וואס קענסטו?" פינחס לייב האט אראפגעלאזט זיין קאפ. "איך קען גארנישט, איך בין זעכצן יאר אלט, אבער מיין קאפ איז אינגאנצן פארשטאפט, איך כאפ גארנישט אויף." די שטימע פון דעם בחור האט זיך געבעטן, "מיין הארץ זאגט מיר אז דא איז מיין פלאץ, און דווקא דא וועל איך מצליח זיין." דער חתם-סופר האט זיך צוגעהערט צו יעדעס ווארט: "אהא, אויב האסטו אזא שטארקע ווילן, וועסטו מצליח זיין. איך בין זיכער אז דו וועסט נאך אויסוואקסן גאר שיין, און באלייכטן די אויגן פון אידן מיט דיין תורה!"

פינחס לייב איז אנגענומען געווארן, און יעדעס מאל האט ער געלערנט מיט אַן אנדערע בחור, פארשידענע זאכן, כדי צו עפענען זיין מח, אבער די פלאג פון די בחורים איז געווען אומזיסט. זיין קאפ האט זייער שווערליך אויפגעכאפט, און אויך וואס ער האט שוין יא אויפגעכאפט - האט ער גאר שנעל פארגעסן. דער ראש-ישיבה האט אבער נישט אויפגעגעבן, ער האט מחזק געווען די חברים אנצוגיין מיט די לימודים, און ער האט צוגעזאגט אז דער פינחס לייב וועט נאך אויסוואקסן א גדול בישראל.

עס זענען אריבער עטליכע יאר, דער חתם-סופר האט זיך אריבערגעצויגן קיין מאטעסדארף וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב, און אויך דארט האט ער געעפנט א ישיבה פאר מצויינים, צווישן זיי זענען אויך געווען עטליכע בחורים וועלכע זענען אריבער מיט אים פון דרעזניטץ. פינחס לייב האט זיך אויך צוגעשטעלט. ער האט זייער געוואלט לערנען, און ער האט געשפירט אז אויב וועט ער זען נעבן דעם חתם-סופר, וועט ער נאך מצליח זיין. דער ראש-ישיבה האט אים צוגעשטעלט א בחור, אַן עילוי, מאיר אייזנשטעטער, וועלכער איז שפעטער געווארן א גרויסער רב אין אונגארן. דער חתם-סופר האט באשלאסן אז ער איז דער וואס וועט קענען לערנען מיט פינחס לייב, ביז ער וועט אויסוואקסן א גרויסער תלמיד חכם.

א שעה נאך א שעה, א טאג נאך א טאג, זענען ביידע געזעסן. מאיר האט זיך כמעט מייאש געווען ווען ער האט געזען ווי פינחס לייב כאפט גארנישט אויף, אבער דאך האט ער ממשיך געווען. און אט, איין טאג האט זיך געשפאלטן די אייזערנע מויער וואס איז געשטאנען צווישן דעם מח פון פינחס לייב און די הייליגע תורה. פלוצלינג האט ער אנגעהויבן אויפצוכאפן! ער האט געלערנט חומש, איז אריבער צו גמרא, און פון איר צו די ספרים פון די ראשונים און ספרי הלכה. די טעג זענען אריבער, און פינחס לייב איז געשטיגן, ביז ער איז געווארן איינער פון די חשוב'סטע תלמידים פונעם חתם-סופר. ווען דער חתם-סופר האט זיך אריבערגעצויגן קיין פרעשבורג, איז פינחס לייב, און זיין שותף דער גאון, אויך מיטגעגאנגען מיט אים, און האבן דארט ווייטער געשטיגן.

איין טאג האט זיך געהערט א שטארקע זעץ אין דער היכל הישיבה אין פרעשבורג. פינחס לייב איז פלוצלינג אוועקגעפאלן, אינמיטן לערנען. די דאקטוירים וועלכע זענען אלארמירט געווארן צו דער ישיבה האבן נישט געוואוסט וואס צו זאגן, זיי האבן מייעץ געווען די בחורים צו דאווענען, ווייל זיי האבן נישט קיין וועג וויאזוי אים צו העלפן. עס איז אריבער א צייט, און פינחס האט אנגעהויבן ווייזן צייכענעס פון לעבן. ער האט זיך ערוועקט, און די דאקטוירים האבן אראפגעלייגט זיין קערפער אין איינע פון די צימערן. פינחס לייב האט זיך טאקע אויפגעוועקט, אבער פון טאג צו טאג איז ער געווארן שוואכער און שוואכער, און זיין קרענק האט זיך געשטארקט. די דאקטוירים האבן זיך מייאש געווען. "דער מצב איז זייער ביטער, איר זאלט וויסן אז זיינע טעג זענען געציילטע," האבן זיי געזאגט מיט צער.

די בחורים זענען געשטאנען און געדאוונט ארום זיין בעט, ווען פלוצלינג איז דער חתם-סופר אריינגעקומען און זיך אוועקגעזעצט נעבן פינחס לייב. "גייט ארויס פונעם צימער," האט ער זיי געזאגט. נאר דער איבערגעבליבענער חברותא, מאיר, איז פארבליבן אינווייניג. "פינחס לייב, דו הערסט מיר?" האט דער חתם-סופר געפרעגט. פינחס לייב האט געענטפערט מיט א שוואכע שטימע אז יא, ער הערט. "צי קענסטו זען?" יא, פינחס לייב האט געזען. און ווידער, נאך עטליכע מינוט, האט דער חתם-סופר געפרעגט: "יעצט זעסטו אויך?" און פינחס לייב האט געענטפערט: "יא, אויך יעצט זע איך." דער סצענע האט זיך איבערגע'חזר'ט יעדע פאר מינוט, און נאך די זיבעטע מאל האט פלוצלינג פאסירט דער נס: פון מינוט צו מינוט האט דער קראנקער אנגעהויבן זיך צו ערהוילן, און זיין מצב האט זיך פארבעסערט. עס זענען אריבער עטליכע טעג, און פינחס לייב האט זיך אינגאנצן ערהוילט. ער האט זיך אומגעקערט צו דער ישיבה און אינאיינעם מיט מאיר ווייטער זיך געפלאגט אין לערנען, ווען זייער הערליכע קול תורה הילכט אפ אינעם גאנצן היכל.

מאיר האט זייער געוואלט פארשטיין וואס ס'איז געווען דער שמועס צווישן דעם חתם-סופר און פינחס לייב. פארוואס האט זיין רבי אים געפרעגט זיבן מאל צי ער זעט. "מארגן וועל איך אריינגיין צו דעם ראש-ישיבה נעמען פון אים דעם ברכה 'ברוך רופא חולים'," האט אים פינחס לייב געענטפערט, "וועסט מיר קענען באגלייטן און הערן, אפשר וועט דער רבי אונז דערציילן."

"וואס האסטו טאקע געזען ווען איך האב דיר געפרעגט די דאזיגע שאלות?" האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט.

"דער רבי האט מיר געפרעגט צי איך זע," האט פינחס לייב געענטפערט, "איך בין געלעגן און ממש גע'גוסס'ט, און דאן האב איך געזען ווי אין חלום אַן עלטערער מאן, מיט א געהויבענעם געשטאלט, איז אריינגעקומען אין צימער און זיך געשטעלט נעבן מיר. אין יענער מינוט האט דער רב מיר געפרעגט צי איך זע, און איך האב געענטפערט אז יא, איך זע אים. דאן האב איך געזען נאך א מענטש אריינגעקומען און זיך שטעלן צו דעם לינקן זייט פונעם ערשטן. עטליכע מינוט נאכדעם איז אריינגעקומען א דריטער מאן, און דערנאך א פערטער, א פינפטער, זעקסטער און זיבעטער. יעדעס מאל וואס נאך א מענטש איז אריינגעקומען, האט מיר דער רב געפרעגט צי איך זע, און איך האב געענטפערט אז יא. ווען אלע זענען געשטאנען ארום מיר, האבן די דריי אויף מיין רעכטע זייט זיך אנגעהויבן מתווכח זיין מיט די דריי וואס זענען געשטאנען צו מיין לינקע זייט. טייל האבן מיר דן געווען לכף זכות און טייל לכף חוב, ביז ענדליך איז דער זיבעטער אריינגעקומען און אנגעהויבן מאכן א פשרה צווישן ביידע זייטן. ווען דער זיבעטער מאן האט געזען אז עס איז נישטא קיין באשלוס, האט ער פלוצלינג געוויזן אויף אונזער רבי'ן און געזאגט: 'דער זכות פון דעם רב איז גרויס, ווייל ער שטעלט אוועק תלמידי חכמים, און אין זיין זכות וועט דער תלמיד געזונט ווערן.' און טאקע אין יענער מינוט איז די קרענק גרינגער געווארן און צוביסלעך האב איך אנגעהויבן שפירן גרינגער."

"יא," האט אים דער חתם-סופר געענטפערט, "זאלסט וויסן אז די דריי מענטשן וואס זענען געשטאנען אויף דיין רעכטע זייט, זענען געווען די דריי אבות. און די דריי וואס זענען געשטאנען אויף דיין לינקע זייט זענען געווען משה, אהרן און דוד. דער זיבעטער איז געווען אליהו הנביא."

יארן שפעטער האט דער חתם-סופר גערעדט דערוועגן און געזאגט: "פינחס לייב האט זוכה געווען דערצו, צוליב זיין גרויסע צער און חשק צום לערנען - אויך אין די יארן וואס ער האט נישט געקענט, דעריבער האט ער זוכה געווען צו וואקסן אין תורה און אויך בלייבן ביים לעבן."

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

וּבִזְכוּת צֵאתִי מִבֵּיתִי הַחוּצָה וְדֶרֶךְ מִצְוֹתֶיךָ אָרוּצָה, יֵחָשֵׁב לִי זֹאת כְּאִלּוּ הִרְחַקְתִּי נְדוֹד

# דער איד אין גלות

## לרגל דעם יום-טוב סוכות, ווען כלל ישראל וואנדערט ארויס צו די סוכות, א קורצע ארייַנבליק צו דעם אידעלע אין גלות, וואס וואנדערט שוין טויזנטער יארן

**א בליק אויפ'ן גלות איד, וואס ווערט צעטרעטן אונטער די שטיוול פון די הערשער, וואס דארף מיט זיין אפגעריבענעם קול זינגען מה יפית ביים פריץ, אבער מיט דעם אלעם ברעכט זיין גייסט נישט אונטער, און טיילמאל געלונגט אים אפצוטון דעם גוי, ווי מען זאגט, אויף טערקיש.**

אין די טעג וואס מיר וואנדערן ארויס צו די סוכות, דערמאנט זיך אונז דער גלות אין וועלכע מיר געפונען זיך, און עס שווימען ארויף פאר די אויגן מעשה'לעך אויף וועלכע מיר זענען אויפגעצויגן געווארן, ווי דער איד איז אין אלע דורות געווען דער וואס האט זיך געבויגן פאר גוי, מאשקע מיט'ן פריץ, די אומצאליגע דעלעגאציעס פון רבנים און שתדלנים וואס זענען געגאנגען שתדל'ען אין די קעניגליכע הויפן פאר זייערע ברידער, צי גאר די נאציס ימ"ש וואס נאך איידער זיי האבן דורכגעפירט זייערע נידעריגע רציחות, האבן זיי דערנידערט דעם איד אויף גאר א ביליגע אופן.

אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר דורכלויפן א טייל פון די אלע מעשה'לעך, און זיך נענטער באקענען מיט'ן גלות איד, דער וואס ווערט צעטרעטן אונטער די שטיוול פון די הערשער, דער וואס דארף מיט זיין אפגעריבענעם קול זינגען "מה יפית" ביים פריץ, אבער מיט דעם אלעם ברעכט זיין גייסט נישט אונטער, און טיילמאל געלונגט אים אפצוטון דעם גוי, ווי מען זאגט, אויף טערקיש.

לאמיר אבער פריער כאפן א בליק אויף די סיסטעם וויאזוי די אייראפעאישע לענדער זענען אמאל געפירט געווארן צו פארשטיין וויאזוי אידן האבן אזויפיל געליטן.

ביז פאר עטליכע הונדערט יאר צוריק זענען פילע אייראפעאישע לענדער געפירט געווארן אויף א סיסטעם אז עס זענען געווען פילע קלענערע און גרעסערע פריצים וואס האבן געהאט אייגענע דערפער אדער אפילו שטעט וואס איז געווען זייער אייגנטום, און די וועלכע האבן געוואוינט אין די דערפער זענען געווען אונטער די פולשטענדיגע הערשאפט פונעם פריץ און האבן געדארפט נאכטאנצן אלע זיינע קאפריזן און משוגעת'ן. די פריצים פלעגן זיך צוזאמנעמען און ערוויילן א קעניג וואס זאל פירן דאס לאנד, און די פריצים האבן אים געצאלט שטייערן און זענען געווען אונטערגעווארפן אונטער זיין הערשאפט נאר ביי ענינים בנוגע דאס גאנצע לאנד, אבער האבן נישט געדארפט אפגעבן קיין דין וחשבון אויף זייערע מעשים. אפילו אין די שפעטערע יארן ווען עס האט שוין עקזיסטירט א געריכט וואס האט אפיציעל געקענט משפט'ן אויך פריצים, האבן זיי נאכאלץ געקענט טון כטוב בעיניהם און קיינער האט זיי למעשה נישט געקענט זאגן קיין ווארט.

יעדע פריץ, אויך דער וואס האט בלויז פארמאגט א קליין דערפל, האט זיך אויפגעטון מיט א קליין קרעטשמע, און דער עיקר א קרעטשמער א איד, א 'מאשקע'. די אידן פלעגן זיך אנליידן פון די פריצים געבראטענע צרות, די סיבה אבער פארוואס די אידן פלעגן נאכאלץ דינגען קרעטשמעס איז געווען וויל אין די פאר הונדערט יאר וואס אידן האבן געוואוינט אין אייראפע זענען זיי אממערסטענס נישט געווען ערלויבט זיך צו באשעפטיגן מיט ערד-ארבעט, וואס איז געווען דער עיקר ארבעט וואס די פויערן פלעגן טון. דערפאר האבן זיך אידן אריינגעלייגט אין אלע אנדערע זאכן פון וואו מען קען ציען חיונא, און איינע פון די זאכן וואס איז געווען זייער אנגענומען איז געווען דער פאך פון זיין א קרעטשמער.

(אגב, איז באקאנט אז דער הייליגער ר"ר אלימלך מליזענסק זי"ע האט אמאל געוואלט פארבאטן די אידן פון וואוינען איינזאם איזאלירט אין גויאישע דערפער אן קיין מנין, וויל דאס וויילן אזוי לאנג צווישן די ביליגע נידעריגע פויערן האט געמאכט אז די קינדער פון די אידן זענען אויסגעוואקסן פוסטע ליידיג-גייערס און ניטאמאל געקענט דאוונען פון א סידור. אבער דער הייליגער ראפשיצער האט מיט זיין חכמה גע'פועל'ט ביי אים אז ער זאל נאכלאזן וויל די אידן וואס פארן ארום פון שטאט צו שטאט וועלן נישט האבן וואו זיך אפצושטעלן פאר א גלעזל משקה.)

ליינענדיג וויאזוי עס איז אמאל צוגעגאנגען, פארשטייען מיר בעסער וויאזוי עס האט געקענט געשען אז דער קרעטשמער איז אלעמאל געווען דער פריצ'ס קרבן אויף וועמען ער האט אויסגעגאבן זיין כעס. ער האט נאר געדארפט טרעפן עפעס אן אויסרייד, און אמאל אפילו דאס אויך נישט, און האט געקענט הייסן זיינע באדינער אריינשמייסן דעם מאשקע.

עס דערמאנט זיך א מעשה'לע פון יענער פריץ וואס האט נישט געקענט איינשלאפן איין נאכט, ער האט זיך געדרייט אהער און אהין אבער עס איז נישט געגאנגען. ער האט געזוכט עפעס א פארוויילונג, ביז ער האט געטראפן אן איינפאל. ער איז ארויס פון בעט, געהייסן די באדינער איינשפאנען די פערד און וואגן, און מען פארט. דער וואגן שטעלט זיך אפ ביים הויז פונעם אידישן קרעטשמער, וואו אלע זענען שוין לאנג געשלאפן. דער באדינער זעצט אויפ'ן טיר, וועקט אויף דעם איד, און הייסט אים צוגרייטן א רייכע מאלצייט פאר'ן 'הונגעריגן' פריץ.

דער איד, א פארשלאפענער, טוט וואס מען הייסט אים און ביז עטליכע מינוטן איז דער פריץ געזיצן ביים טיש און געגעסן מיט א פולע מויל. אבער נישט פאר דעם האט ער זיך ארויסגעשלעפט פון בעט. ער געבט א קוק אויפ'ן פולן טיש, ער זוכט אהער און אהין,

"וואס הייסט דו האסט נישט צוגעגרייט קיין טאקאי וויין? דו ווייסט אז כ'האב עס זייער ליב!" זידט ארויס צווישן זיינע ציינער.

דער איד שטייט דארט ווייס ווי דער וואנט. ער הייבט זיך אן צו אנטשולדיגן אז עס איז שפעט אויפדערנאכט און ער האט נישט געוואוסט אז דער פריץ קומט, אבער דער פריץ וויל פון גארנישט הערן. ער געבט א וואונק פאר'ן באדינער. דער באדינער כאפט אים, לייגט אים אויפ'ן באנק און הייבט אים אן אריינצושמייסן. דער איד שרייט פון יסורים און דער פריץ שטייט אינדרזייט און קוועלט. אזא פארוויילונג. נאך עטליכע מינוט ווען דער פריץ האט באשלאסן אז דער איד האט שוין געכאפט גענוג שמיץ פאר זיין 'עולה', האט מען אים אפגעלאזט.

דער פריץ גייט ארויס, אבער ער איז נאכנישט זאט. ער וויל אריבער גיין צום צווייטן קרעטשמע. דער איד שיקט שנעל א שליח צום צווייטן ווארענען אז ער זאל צוגרייטן א סעודה און ער זאל זען אז למען השם זאל נישט פעלן דארט קיין טאקאי ווייך.

דער צווייטער איד האט זיך געגרייט ווי עס דארף צו זיין, און ווען דער פריץ איז אנגעקומען האט אים שוין אפגעווארט א פיינעם סעודה. דער פריץ האט זיך געזעצט עסן, און דא האט ער זיך ארומגעקוקט און געפרעגט פארוואס עס פעלט פון טיש פראנצויזישע קעז. און דארט האט זיך אפגעשפילט די זעלבע מעשה ווי ביי די פריערדיגע קרעטשמע.

ווען דער איד האט געזען אז דער פריץ גרייט זיך צו גיין צום דריטער, האט ער יענעם שנעל געלאזט וויסן וואס עס גייט פאר און אז ער זאל זען צו שאפן פראנצויזישע קעז, ווייל דער פריץ איז יעצט זייער אין די גוסטע פון די קעז.

ווען דער פריץ איז אנגעקומען צום הויז האט אים אפגעווארט א ליידיגע טיש. דער פריץ האט געשוימט פאר כעס, אבער ער האט זיך איינגעהאלטן און מיט א געמאכטע רואיגקייט געפרעגט דעם איד פארוואס ער האט אים נישט עפעס צוגעגרייט צו עסן.

דער איד האט אים געענטפערט: "פריץ לעבן, איך ווייס דאך דער אמת אז דו דארפסט נישט קיין טאקאי ווייך, און נישט קיין פראנצויזישע קעז, דו ווילסט זען ווי מען שמייסט מיר, נו פארוואס זאל איך אנגרייטן א סעודה. ווילסט מיר שמייסן? שמייס!"

דער פריץ האט זיך ביטער פארשעמט פונעם שארפן ענטפער און פארלאזט דאס הויז.

די מעשה שפיגלט אונז אפ סיי ווי די פריצים האבן זיך געלאזט וואוילגיין אויפ'ן חשבון פון זייערע מאשקעס, און סיי ווי זיי זענען נישט אייביג שולדיג געבליבן.

עס זענען דא אומצאליגע ערציילונגען וואו די פאקטן חזר'ן איבער איינמאל און נאכאמאל, ווי דער קרעטשמער האט נישט געהאט צו באצאלן און דער פריץ איז אריינגעפאלן אין א ווילדע כעס און אריינגעשליידערט דעם איד אין טורמע, און די אלע מעשיות זענען באוואוסט אז עס איז פשוט א שאד זיך אפצושטעלן ביי דעם, נאר נאך איין זיסע מעשה וואס ווערט דערציילט איבער א וועט צווישן צוויי פריצים.

די פריצים פלעגן כסדר אפרעכטן באלן, גרויסע מאלצייטן וואו מען פלעגט הוליען און שיכור'ן. דאן פלעגן זיי דערציילן די נייעס וואס עס גייט אין זייער דארף. איז געווען אמאל ביי אזא מאלצייט האט א פריץ שטאלצירט אז זיין מאשקע איז אזוי געטריי צו אים אז וואס ער וועט אים זאגן וועט ער אויספירן.

די צוויי פריצים זענען צוזאמען אריבער צום קרעטשמער אינדערהיים, זיי קומען אריין און דער איד שטייט און דאווענט. דער פריץ רעדט צו אים און ער מאכט זיך נישט וויסנדיג. דער פריץ הייבט שוין אן שרייען, זיך שעמענדיג פונעם צווייטן פריץ, ביז דער איד האט אויסגעטרעטן. דער פריץ האט זיך געבייזערט אויף אים היתכן ער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט. האט דער איד אים געגעבן צו פארשטיין אז ער האט גדאווענט פאר'ן מלך מלכי המלכים. ביז דער פריץ האט זיך בארואיגט. דאן איז אבער איינגעפאלן פאר'ן פריץ א געדאנק. ער האט געברענגט פאר'ן איד א בער און געהייסן דעם איד אז ער זאל לערנען דעם בער נישט מער און נישט ווייניגער נאר צו דאווענען אין א סידור...

בלית ברירה האט דער איד אנגענומען דעם באפעל, זיין פריץ דארף דאך געווינען דעם וועט.

ער האט גענומען דעם בער און אים דערלאנגט אן אפענע בוך מיט גאר דיקע בלעטער. דער ערשטע זייט איז געווען אנגעשמירט מיט האניג, און דער בער האט אנטדעקט דעם סוד און אפגעלעקט דעם האניג. דערנאך האט דער איד געוויזן פאר'ן בער, אז ער קען איבערמישן דעם בלעטל און דארט איז דא נאך האניג. אזוי איז אדורך עטליכע טעג און דער בער האט זיך צוגעוואוינט צו האלטן דעם ביכל ביים מויל, מישן די בלעטער און טרעפן וואו עס איז דא האניג.

נאך עטליכע טעג האט דער איד אריבערגעטראגן דעם בער צום פריץ אין פאלאץ. ער האט אים געגעבן דעם בוך, אבער דאסמאל האט עס נישט געהאט קיין האניג. דער בער האט גענומען דעם בוך, געגעבן א לעק, ס'נישטא קיין האניג. ער האט געגעבן א ברים, געשאקלט דעם קאפ בייזערהייט און איבערגעמישט, און איבעראל האט ער געברומט נישט טרעפנדיג קיין האניג, און דער פריץ איז געשטאנען ערשטוינט ווי דער איד האט באוויזן אויסצולערנען דעם בער דאווענען...

אבער נאך די אלע זיסע מעשיות האבן אידן קיינמאל נישט געלעקט קיין האניג, אויב זיי האבן נישט געשמאכט ביים פריץ, האבן זיי אויך געליטן אין די גרויסע שטעט פון די אלע גזירות וואס די קעניגן פלעגן ארויסגעבן. אמאל דוקא צו דערנידערן די אידן, ווי דארפן טראגן לאטאס וואס האט געצייגט אז מען איז א איד, צי וועגן די לבוש, אמאל איבער די חינוך, און נאך פארשידנס אויף וואס מען האט כסדר געדארפט גיין שתדל'ען אין קעניגליכע פאלאץ, אדער ביי אזעלכע וואס האבן געהאט א שטארקע השפעה אין פאלאץ.

דארט אין די ערטער האבן זיך אידן באנוצט מיט די מיטלען וואס יעקב האט געניצט צו זיין ברודער עשיו, 'דורן', מען פלעגט שמירן אומגעהויערע סומעס, סיי פאר שוחד אונטער'ן טיש און אפילו אלץ אפיציעלע שוחד, כדי אזוי צו מבטל זיין די גזירות וואס די קעניגן האבן געמאכט, אפטמאל טאקע פאר די סיבה אז די אידן זאלן שתדל'ען און צאלן שוחד. אנדערע האבן עס יא געטון

סתם פאר רשעות ווייל די שנאת ישראל האט זיי געברענט אין די הויט, און ווי א גלגל החוזר האט זיך יעדע מאל אפגעשפילט דאס זעלבע. דער קעניג האט געוואלט ארויסגעבן א גזירה, די אידן זענען געווען געווארן, זיי האבן שנעל צוזאמגעשטעלט א דעלעגאציע און געגאנגען צום קעניג, זיך געבוקט פאר אים, געוויינט געשריגן, מסביר געווען, און צום סוף האבן זיי פילמאל גע'פועל'ט.

מען דערציילט אז עס איז אמאל געווען א קעניג פון וועמענ'ס גזירות די אידן האבן זיך פיל אנגעליטן. כסדר האט ער פראבירט ארויסצוגעבן נאך און נאך פרישע גזירות, אבער די אידן זענען געקומען און גע'שתדל'ט און ס'איז זיי אייביג געלונגען מבטל צו זיין די גזירה. די כעס האט אים געברענט, ס'גייט אים נישט. האט ער באשלאסן אז פון יעצט און ווייטער, ווען ער געבט ארויס א גזירה, וויל ער נישט זען קיין איד פאר די אויגן.

נו, וואס טוט מען? דער אידישער שתדלן האט איינגעגעבן א ביטע אז ער וויל אן אודיענץ ביים קעניג. ווי פארשטענדליך האט מען אים אפגעזאגט. דער איד האט געבעטן אז מען זאל איבערגעבן פאר'ן קעניג אז ער וויל בלויז זאגן פיר ווערטער. דער קעניג איז נייגעריג געווארן און מען האט אים אריינגעלאזט.

דער איד בייגט זיך פאר'ן קעניג און זאגט: "ויאמר ד' אל השטן."

דער קעניג הערט די אומפארשטענדליכע ווערטער, עפעס כאפט ער אויף די ווארט 'שטן', און פארלאנגט צו וויסן וואס דאס באדייט.

דער איד איז מסביר: "ווען איך בין אנגעקומען און געהערט אז דער קעניג וויל נישט רעדן צו די אידן האב איך זיך דערמאנט דעם פסוק. די פסוק זאגט אונז אז דער האר פון די וועלט האט גערעדט צו די נידעריגסטע פון די באשעפענישן, דעם שטן. און איך האב געטראכט צו מיר אז אויב דער באשעפער קען רעדן צום שטן, מעג אויך דער קעניג רעדן צו זיינע בירגער, די אידן!..."

די ווערטער האבן עושה רושם געווען און דער איד האט אויסגע'פועל'ט זיינס.

אויך אין די שפעטערע יארן ווען די וועלט איז שוין געווארן מער ציוויליזירט, די קעניגרייכן זענען צעפאלן, און די אידן האבן שוין נישט געדארפט ארומלויפן שתדל'ען אין די פאלאצן, זענען אידן אייביג געווען צווייטע קלאס בירגער, אייביג אונטער'ן גוי, אין געוויסע לענדער זענען אפילו געווען צייטן ווען א איד האט געדארפט אראפנעמען דאס היטל ווען ער האט נאר געזען א גוי. אויך ווען די וועלט האט איינגעזען אז אנטיסעמיטיזם איז א זאך וואס באלאנגט פאר'ן מיטל-אלטער און נישט פאר די פארגעשריטענע וועלט, איז דער איד אייביג געבליבן דער דערנידערטער.

עס האט אויסגעקוקט ווי דער גוי האט אלץ געפילט טיף אין הארצן דעם אמת אז דער איד איז העכער פונעם ביליגן גוי, און כדי צו דערשטיקן די געפילן האט ער אלץ געזוכט אויף יעדע אופן צו דערנידערן דעם איד און אים מאכן פאר א גארנישט.

זיך רוקנדיג מיט די יארן קומען מיר צו די חורבן וואס די חיות אין געשטאלט פון מענטשן, די נאציס ימ"ש האבן געברענגט אויפ'ן אידענטום. אויך דארט אויפ'ן וועג צו לייזן דעם 'אידן פראגע' זענען זיי געווען פארנומען ארויסצוגעבן די טרויעריג-בארימטע נירנבורג געזעצן וועלכע זענען אפיציעל געווען געצילט קעגן די אידן, און האט אריינגענומען אזעלכע געזעצן, ווי א איד טאר נישט זיין דער אייגנטומער פון א געשעפט, נאר ער דארף אריינעמען א שותף וואס אין זיינע אדערן פליסן 'ריינע' דייטשע בלוט, און אנדערע פארשידענע געזעצן וואס זענען געווען געמאכט אז דער איד זאל שטענדיג זיין נידעריגער פונעם גוי, און זיך חלילה נישט הייבן דעם קאפ.

ווען די נאציס ימ"ש האבן איינגענומען פוילן, אוקריינא, און אזוי ווייטער, און די דייטשן זענען נאך געווען פארנומען מיט'ן בויען די גאז-קאמערן, איידער דער מארד-מאשין האט אנגעהויבן ארבעטן אין פולן קראפט, זענען זיי שוין געווען פארנומען מאכן שפאס פון די אידן. אנגעהויבן ביים רייסן און אינגאנצן אפשניידן בערד ר"ל, אדער נעמען די רבנים און פני העיר און זיי געבן שטרויענע בעזימעס אז זיי זאלן שטיין און דינען אלץ גאסן קערער. די פאלאקן פלעגן שטיין אינדרויסט און זיך צוקוקן מיט הנאה ווי די ראבינערס מיט די לאנגע בערד מוטשען זיך צו קערן די גאסן און האבן געלאכט פון זיי. די דייטשן פלעגן כאפן בילדער און עס אריינשטעלן אין די גרויסע דייטשע טאג צייטונגען.

איינמאל האט זיך געמאכט אז איינע פון די קערער האט געזען ווי א פאלאק שטייט און לאכט פון אים. ער האט באשלאסן אים אנצולערנען. ער געבט אים א שריי: "משה'לע, מאך זיך נאריש, פארשטעל זיך נישט ווי קיין גוי, קום נעם א בעזים און שטעל זיך צו!" דער פאלאק האט נישט פארשטאנען קיין איין ווארט. אבער דער דייטש האט אויפגעכאפט א ווארט, האט ער געפרעגט דעם איד: "ווארים זי זאגן?" האט דער איד געוויזן אויפ'ן פאלאק אז ער איז אמת'דיג א איד און ער דרייט זיך אויס פון דער ארבעט. דער דייטש האט געכאפט דעם פאלאק, אים דערלאנגט אפאר גוטע שלעק פאר'ן זיך 'פארשטעלן', און אים דערלאנגט א בעזים אז ער זאל זיך צושטעלן קערן די גאסן...

אבער אויך אין די אלע ביטערע צייטן, ווען דער איד איז צעדרוקט געווארן, איז דער פינטעלע איד קיינמאל נישט פארלאשן געווארן, נצח ישראל לא ישקר, נאר ערשט דאן האט זיך ארויסגעוויזן דאס איידלקייט פונעם עם הנבחר. ווי מען דערציילט אויף איינע פון גרויסע רבנים וועלכע איז געווען אין לאגער בשעת'ן קריג און די דייטשן זענען אים דערגאנגען אויף טריט און שריט. האט אים א דייטש אמאל געפרעגט צי יעצט ווען דאס אידיש פאלק איז צעשטויסן און צעשלאגן, האלט ער נאכאלץ אז די אידן זענען דער עם הנבחר. האט ער אים געענטפערט: "ערשט יעצט ווען איך זע ווי נידעריג די פארגעשריטענע דייטשע פאלק פירט זיך אויף, ערשטע יעצט זע איך איין ווי אן עם הנבחר מיר זענען!"

# דער צדיק נסתר

## דער צדיק נסתר

צום טשערנאבלער מגיד איז אמאל געקומען א חסיד מיט'ן בקשה אז דער מגיד זאל אים אנווייזן א ריכטיגן שידוך פאר זיין בת-יחידה. אבער יעדעס מאל האט אים דער צדיק אפגעשטופט: "עס איז נישט דא וואס זיך צו איילן, עס איז נאך דא אסאך צייט." אין אנהייב איז דער חסיד געווען רואיג טראכטנדיג אז ס'איז טאקע נאכנישט שפעט ווייל די מיידל איז נאך יונג, און ס'איז נאכנישט דא פארוואס זיך צו איילן, אבער שפעטער ווען עטליכע יארן זענען דורך און די מיידל האט שוין אנגעהויבן עלטער ווערן, האט ער אנגעהויבן זיך זארגן וואס דא וועט זיין.

איינמאל האט דער חסיד באשלאסן אז ס'איז נישט קיין תכלית מער, און ער איז אריין צום טשערנאבלער מגיד, און אים געזאגט אז ער קען נישט צוקוקן ווי זיין טאכטער עלטערט זיך, דער רבי מוז אים העלפן. דער צדיק הערנדיג זיין זארג האט זיך צושמייכלט און אנגערופן: "איר האט נישט וואס צו זארגן, דער שידוך איז שוין באשערט פון הימל, כ'ווייס אפילו ווער דער חתן איז, ער איז א חשוב'ער בחור, איינס פון די ל"ו צדיקים, אבער ער וויל נאכנישט חתונה האבן, איך מיטשע אים כסדר אז ער זאל שוין וועלן חתונה האבן, איר דארפט זיך נישט זארגן ווייל נאך אביסל וועט ער שוין אינגאנצן מסכים זיין חתונה צו האבן."

הערנדיג אזעלכע קלארע רייד, האט דער חסיד זיך בארואיגט אויף א שטיק צייט. אבער ווען עטליכע חדשים זענען אדורך איז ער ווידער געווארן אנגעצויגן, ווענלדיג וויסן ווער דער חתן איז. יענע יאר איז ער געפארן קיין טשערנאביל אויף ראש-השנה, און דער מגיד האט אים גערופן און געזאגט: גרייט זיך אן ארויסצופארן אין וועג צוזאמען מיט דיין טאכטער צו יענעם קליינעם דערפל וואו דו וועסט זיין אויף סוכות, זאלסט טרעפן וואו איינצושטיין דארט און האבן א סוכה, זאלסט לאדענען צו דיין סוכה ר' יוסל'ע וואס ער וועט זיין דיין איידעם, נאר אזוי וועל איך קענען פועל'ן ביי אים חתונה צו האבן.

דער חסיד האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. אנקומענדיג האט ער זיך געבויעט א סוכה, די שטאטס-מענטשן האבן געזען ווי דער חסיד איז געקומען מיט זיין טאכטער האבן זיי פארשטאנען אז ער זוכט א שידוך פאר איר, דערפאר זענען זיי געקומען אנטראגן אלע חשוב'ע שידוכים פאר איר, אבער ער האט אלעס אפגעזאגט ווייל ער זוכט נאר איינעם מיט'ן נאמען ר' יוסל'ע ווייל אזוי האט אים זיין רבי געהייסן.

די שדכנים האבן אים געזאגט אז דער איינציגסטער יוסל'ע וואס זיי קענען איז אדער דער אלטער בעל עגלה פון שטאט, אדער יוסל וואס העלפט דעם שמש פון בית-המדרש וואס ער איז אן עלטערער בחור און א גרויסער עם-הארץ, און א גרויסער בטלן. דער חסיד איז געווארן זייער צובראכן, ווייל ער האט פארשטאנען אז מסתמא האט דער רבי געמיינט דעם צווייטן יוסל, און ער האט אבער נישט פארשטאנען פארוואס עס קומט אים אזא עם-הארץ פאר אן איידעם.

אזוי גייענדיג צום בית-המדרש זיך צו באקענען אביסל מיט דעם יוסל'ע, און ער האט געטראפן יוסל'ע וואשן די פאדלאגע פון בית-המדרש, ווען ער האט געפרעגט איינעם וואו דער בחור שלאפט, האט יענער געענטפערט אז ער שלאפט אונטער די בענק פון בית-המדרש. נאך וואס ער האט געענדיגט רייניגן דעם בית המדרש, האט זיך יוסל'ע געזעצט שאקלען ביי א ספר, וואס ווען דער חסיד איז צוגעגאנגען נאנט האט ער באמערקט אז דער ספר איז גאר איבערגעדרייט פארקערט. בשעת'ן דאווענען איז אים געווארן שווארץ פאר די אויגן זעענדיג ווי יוסל'ע שאקלט זיך און זאגט נישט קיין איין ווארט פונעם דאווענען.

דער חסיד איז געווען זייער צובראכן, אבער ער האט זיך געשטארקט אין די ווערטער פון זיין רבי'ן. סוכות ביינאכט טראכט ער צו זיך, 'דער יוסל'ע איז דאך אזא רחמנות קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים, וועל איך גיין צו אים און אים כאטש איינלאדענען צו מיין סוכה.' אזוי איז ער צוריקגעגאנגען צום שול אים אויפזוכן. אנקומענדיג דארט זעט ער ווי אלע ליכט זענען פארלאשן, נאר דער נר-תמיד ברענט און ער הערט ארויס א קול פון שול ווי איינער דאווענט הויך מיט גרויס התלהבות, ער עפנט אויף שטיל די טיר און זעט אז דאס איז נישט קיין צווייטער נאר דער יוסל'ע וואס האט זיך פריער געמאכט ווי אזא עם-הארץ. דער חסיד האט זיך געשטעלט ביי א ווינקל און געווארט ביז יוסל'ע וועט ענדיגן דאווענען.

יוסל'ע האט געענדיגט דאווענען און נישט באמערקט ווי דער חסיד שטייט דארט. יוסל'ע שפאצירט ארויס פון שול און דער חסיד שפאצירט אונטער אים מיט שטילע טריט. ער זעט ווי דער יוסל'ע קערט זיך צום דערנעבנדיגן וואלד. ווען יוסל'ע איז אנגעקומען צו א גרויסן פלאץ און זיך אפגעשטעלט, איז דער חסיד שנעל געלאפן זיך באהאלטן אונטער א בוים. פלוצלינג האט זיך אנטפלעקט פאר אים א גרויסן סוכה וואס האט מורא'דיג געשיינט און געלאכטן.

יוסל'ע איז אריין אין יענעם סוכה, און דער חסיד האט פרובירט אריינצוקוקן אינווייניג, און ער זעט ווי עס זיצן דארט עלטערע אידן וואס זייערע פנימ'ער שיינען ווי דער שיין פון די זון, און זיי זענען באצירט מיט שניי-ווייסע בערד און זיי רעדן דברי תורה.

דער חסיד איז כמעט פאר'חלש'ט געווארן פון פחד, און ער איז שנעל אהיימגעלאפן, פארשטייענדיג אז דעם ר' יוסל האט דער צדיק געמיינט. צומארגענס אינדערפרי ביים דאווענען שחרית, האט דער חסיד אפגעקויפט מפטיר און געהייסן אז מ'זאל אויפרופן ר' יוסל. דער יוסל האט זיך געמאכט ווי ער קען אפילו נישט מאכן די ברכה אויף די תורה, אבער דער חסיד האט זיך באלד דערנענטערט צו אים און געזאגט שטילערהייט: "יוסל דו האסט שוין גארנישט וואס צו באהאלטן פון מיר, איך ווייס אלעס, איך האב אייך אפילו נעכטן געזען זיצן אין דער סוכה מיט..."

ר' יוסל זעענדיג אז ס'איז געקומען דער צייט וואס ער דארף שוין נתגלה ווערן, האט ער זיך גענומען מאכן א ברכה הויעך אויפ'ן קול מיט א געוואלדיגן ברען און התלהבות. די גאנצע בית-המדרש איז פארווינדערט געווארן. נאכ'ן דאווענען האט דער חסיד איינגעלאדנט דעם ר' יוסל צו זיין סוכה. נאכ'ן סעודה פרעגט דער חסיד וואס ער זאגט צום שידוך, רופט זיך אן ר' יוסל: "אויב דאס איז וואס דער טשערנאבלער מגיד האט פאר מיר אויסגעוועלט, איז דאס זיכער גוט פאר מיר." און דער שידוך איז טאקע געווארן, און דער גאנצער שטאט האט זיך געוואונדערט, ווייל זיי זענען יעצט געוואויר

# מעשה בצדוקי אחד

## ווער איז דער צדוקי וואס האט פארשוועכט דעם מצוה פון 'ניסוך המים'?

ינאי המלך איז געווען אַן אפשטאמיגער פון די גלאררייכע חשמונאים פאמיליע. ער איז געווען דער זון פון יוחנן כהן גדול, יוחנן איז געווען א זון פון שמעון בן מתתיהו כהן גדול. די חשמונאים קינדער וועלכע זענען געווען כהנים גדולים זענען אויך געזעצן אויפ'ן טראן פון די אידישע מלוכה און זיי זענען געווען פאקטישע קעניגן, זיי האבן געהאט אסאך פון די ספעציעלע דינים וועלכע גייען אָן ביי קעניגן.

ווען די לעצטע דורות פון די חשמונאים האבן אפגענויגט פון די תורה'דיגע וועג, זענען זיי שוין נישט געווען די פאקטישע כהנים גדולים. זיי האבן זיך אפגעגעבן מיט מלחמות און איינמאנען שטייערן, עס האט זיי נישט אינטערעסירט די עבודה אין בית המקדש. בלויז יום טוב פלעגן די קעניגן זיך באווייזן אין בית מקדש. זיי האבן נישט געוואלט ארויסלאזן אזא געלעגנהייט פון באקומען כבוד אין בית המקדש.

שוין וואכן פריער זענען אלע וועגן פול געווען מיט טויזנטער רייזענדע פון יהודה און גליל און פון די ארומיגע לענדער ווי סוריא, מצרים און בבל. אויף אלע בערגלעך ארום ירושלים זענען געווען אויפגעשטעלט געצעלטן אין וועלכע עס האט זיך אויפגעהאלטן דער ריזיגער ציבור. ווען די מאסן וועלכע זענען געקומען עולה רגל זיין האבן באלאגערט דאס בית המקדש זענען די קעניגן געקומען אין בית המקדש טון די עבודה. די כהונה גדולה איז געווען ביי זיי א סימבאלישער שטאלץ, נישט א פאקטישע באשעפטיגונג.

ינאי'ס טאטע יוחנן איז אויף די עלטער גענצליך פארדארבן געווארן און האט זיך ספיציעל פאראייניגט מיט די צדוקים אין א מלחמה אנטקעגן די חכמים מיט זייערע אנהענגער, די פרושים. יוחנן האט נישט געפאלגט דעם אנזאג פון דעם אב בית דין נתאי הארבלי אין מסכת אבות: אל תתחבר לרשע. ער האט זיך גע'חבר'ט מיט די צדוקי'שע עלעמענטן און דער געמיינער אלעזר בן פועירה איז געווען זיין עצה געבער.

דער נשיא יהושע בן פרחיה איז אנטלאפן קיין מצרים. יוחננ'ס זון אריסטרובלוס האט חתונה געהאט מיט שלומית, די שוועסטער פון שמעון בן שטח. דער שידוך איז פארגעקומען ווען יוחנן האט זיך נאך פאררעכנט אלס אַן אנהענגער פון די חכמים. ווען יוחנן איז געשטארבן האט זיין זון אריסטרובלוס איבערגענומען די מלוכה. אריסטרובלוס איז געווען א צדוקי און זיינע מעשים האבן אים נישט געברענגט קיין כבוד. נאך א יאר איז אריסטרובלוס געשטארבן, פול מיט חרטה אויף זיינע מעשים.

נאכ'ן טויט פון אריסטרובלוס איז זיין ברודער ינאי געווארן קעניג. אזוי ווי אריסטרובלוס האט נישט געהאט קיין קינדער האט ינאי מייבם געווען שלומית, זיין פארשטארבענעם ברודער'ס ווייב. א כהן גדול טאר נישט חתונה האבן מיט אַן אלמנה. ינאי האט אבער חתונה געהאט מיט שלומית נאך איידער ער האט אנגעטון די שמונה בגדים, ער איז דאן נאך געווען א כהן הדיוט און ער האט געמעגט חתונה האכן מיט אַן אלמנה.

ינאי איז יעצט געווארן שמעון בן שטח'ס שוואגער. אזוי ווי שמעונ'ס רבי יהושע בן פרחיה איז דאן געווען אַן אנטלאפענער אין די מצרי'שע שטאט אלכסנדריה, איז שמעון געווען דער גרעסטער חכם אין ארץ ישראל. די פאלגענדע פאסירונג האט געברענגט אז שמעון בן שטח האט געמוזט זיך אויסבאהאלטן פון ינאי המלך.

אין ירושלמי (ברכות ז:) ווערט דערציילט: דריי הונדערט ארעמע נזירים זענען ארויפגעקומען קיין ירושלים. זיי האבן נישט געהאט קיין געלט צו קויפן די קרבנות וואס א נזיר איז מחויב מקריב צו זיין. שמעון בן שטח האט מיט זיין לומדות געטראפן א פתח חרטה פאר הונדערט און פופציג נזירים. איז שמעון געקומען צו ינאי המלך און אים געזאגט: "עס זענען דא דריי הונדערט ארעמע נזירים וואס יעדער פון זיי דארף דריי קרבנות. סך הכל דארף מען ניין הונדערט בהמות. גיב דו העלפט, און איך וועל געבן די אנדערע העלפט." האט אים ינאי געגעבן געלט פאר פיר הונדערט און פופציג בהמות, גענוג פאר הונדערט און פופציג נזירים, מיט'ן חשבון אז שמעון בן שטח וועט באצאלן פאר די אנדערע הונדערט און פופציג.

ינאי האט נישט געוואוסט אז שמעון מיט זיין כח התורה האט די אנדערע הונדערט און פופציג נזירים מתיר געווען זייער נזירות.

שפעטער איז ינאי געוואויר געווארן די אנדערע העלפט מעשה, איז ער געווארן בייז אויף שמעון בן שטח און שמעון האט זיך געמוזט באהאלטן ביי זיין שוועסטער די מלכה שלומית.

שמעון בן שטח האט נישט בא'גנב'עט ינאי, דאס געלט וואס ינאי האט אים געגעבן איז געווען פון די פילע צדקה און הקדש קאסעס וועלכע זענען געשטאנען ספעציעל פאר דעם צוועק צו באצאלן קרבנות פאר ארעמעלייט. די מאדערנע מלוכה האט געלייגט די הענט אויף די אלע קאסעס, און שמעון האט פשוט, מיט א טריק, ארויסבאקומען פון ינאי דאס געלט וואס האט געהערט די נזירים.

ינאי איז שוין געווען דער דריטער צדוק'ישער קעניג, און ער האט זיך שוין לכתחילה געפירט ווי א צדוקי. רבא זאגט (ברכות כט'): "ינאי רשע מעיקרו," ינאי איז פון שטענדיג אָן געווען א רשע. די צדוקים האכן נישט געדינט עבורה זרה, זיי האבן נאר געטון וואס זייער הארץ האט געגלוסט. אבער דארט וואו זיי האבן נישט געהאט עפעס א ספעציעלן אינטערעס האבן זיי זיך נישט געשלאגן מיט די פרושים.

עס איז א פאלשע ווערסיע פון די מאדערנע שרייבער כאילו די צדוקים האבן געגלייבט בלויז אין תורה שבכתב אבער נישט אין תורה שבעל פה. די צדוקים האבן נישט געהאט קיינע פרינציפן, זיי זענען געווען פשוט'ע פראָסטאַקעס, מה שקורין "ווואוילע יונגען", וועלכע האבן געטון וואס זייער הארץ גלוסט. זיי האבן מיט "שיטות" גאר קיין שייכות נישט געהאט. פון צייט צו צייט האבן זיי זיך ארויסגעשטעלט אנטקעגן די חכמים ביי געוויסע דינים, ווייל לויט זייער פאליטיק האט זיי יעצט אזוי געלוינט. דער מהלך איז קלאר צו יעדן וואס גייט נאך די מקורות פון חז"ל לגבי די היסטאריע פון יענע תקופה. און אזוי פארשטייט זיך פונעם לשון הרמב"ם ז"ל אין זיין פירוש המשנה, אבות פרק א' משנה ג'.

די גמרא אין מסכת ברכות דערציילט: דער קעניג ינאי האט געמאכט א סעודה. ביים סוף פון די סעודה איז נישט געווען ווער עס זאל בענטשן, ווייל אלע חכמים זענען אנטלאפן צוליב די רדיפות אנטקעגן זיי. האט שלומית געזאגט ינאי'ן אז זי וועט ברענגען א חכם וועלכער זאל בענטשן, און זי האט פארלאנגט ינאי זאל צוזאגן אז ער וועט נישט טשעפען דעם חכם. שלומית האט ארויסגעברענגט איר ברודער שמעון בן שטח פון זיין באהעלטעניש, ינאי האט געזעצט שמעון צווישן אים און די מלכה, און ער האט געזאגט צו שמעון: "זעסט וואספארא כבוד איך גיב דיר?" האט שמעון געענטפערט: "נישט דו גיבסט מיר כבוד, די תורה וואס איך האב געלערנט גיבט מיר כבוד."

ינאי המלך האט מכבד געווען שמעון צו בענטשן. האט שמעון געזאגט: "איך האב דאך גארנישט געגעסן, זאל איך זאגן ברוך שאכל ינאי וחבריו משלו?" (געלויבט איז דער באשעפער וואס האט געגעבן צו עסן ינאי'ן מיט זיינע חברים?) האט מען געגעבן שמעון א כוס וויין צו טרינקען און דערנאך האט ער געבענטשט.

פון די מעשה זעען מיר אז ביי ינאי'ס סעודה האט מען געבענטשט, דאס הייסט אז אויבנאויף איז ער נאך געגאנגען בדרכי התורה.

רבי אביגדור מילער ז"ל, דער באוואוסטער בעל השקפה און מחבר פון א צאל היסטאריע ביכער, מערקט אָן אויף די מעשה די מיאוס'ע צדוקי'שע התנהגות. נאכ'ן שלום מאכן מיט שמעון בן שטח צוליב דעם וואס עס האט געפאסט דעם קעניג אז א חכם בתורה זאל בענטשן, האט ער אבער נישט געפינען פאר וויכטיג מכבד צו זיין דעם חכם שמעון בן שטח מיט עפעס צו עסן. שמעון האט געמוזט מרמז זיין אז לויט די הלכה קען ער נישט בענטשן ביז ער עסט נישט עפעס.

נאך די מעשה האבן זיך די באציאונגען פון ינאי מיט די חכמים עטוואס בארואיגט. די רדיפות האבן נאכגעלאזט, די בתי מדרשים האבן זיך צוריקגעעפנט, און די חכמים האבן געלערנט מיט זייערע תלמידים. שמעון בן שטח האט אויסגענוצט די געלעגנהייט צוריקצורופן זיין רבי דעם אלטן נשיא יהושע בן פרחיה פון זיין גלות אין מצרים. די גמרא (סוטה מז) דערציילט אז שמעון בן שטח האט געשריבן א בריוו צו יהושע בן פרחיה: "פון מיר ירושלים עיר הקודש, צו דיר אלכסנדריה של מצרים מיין שוועסטער. מיין מאן זיצט ביי דיר און איך זיץ א פארפוסטעטע?" ווען יהושע בן פרחיה האט באקומען דעם בריוו האט ער געזאגט: "זעט אויס אז עס איז שלום אין ארץ ישראל."

ווען יהושע בן פרחיה איז נפטר געווארן, איז זיין תלמיד שמעון בן שטח געווארן נשיא און יהודה בן טבאי איז געווארן אב בית דין.

צוביסלעך האבן די חכמים אין שפיץ פון שמעון בן שטח צוריק איבערגענומען די סנהדרין. אין מגילת תענית (א ברייתא וועלכע איז עלטער פון די משנה און ווערט פיל געברענגט אין ש"ס) שטייט אז שמעון האט צוביסלעך ארויסגערוקט די צדוקים פון די סנהדרין. ווען איינער פון די צדוקים האט געזאגט א דין און יענער האט נישט געקענט ברענגען א ראיה פון די תורה, האט אים שמעון ארויסגעשיקט פון די סנהדרין און אים ערזעצט מיט איינעם פון די יונגע תלמידי חכמים. כ"ח טבת איז באשטימט געווארן אלס א טאג וואס מען טאר אין אים נישט פאסטן אדער מספיד זיין, ווייל יענעם טאג זענען ענדליך די סנהדרין גענצליך געווארן באפרייט געווארן פון דעם צדוקי'שן גייסט.

אין יענע תקופה האט די תורה אנגעהויבן בליען. די גמרא (בבא בחרא כ"א) דערציילט די וואונדערליכע מעשים פון יהושע בן גמלא: צום גוטן זאל געדענקט ווערן יהושע בן גמלא, וואס ווען נישט ער וואלט די תורה פארגעסן געווארן ביי אידן. אמאליגע צייטן, יעדעס קינד וואס האט געהאט א טאטע האט זיין טאטע מיט אים

געלערנט תורה. אבער א קינד וואס האט נישט געהאט א טאטע האט נישט געלערנט קיין תורה. האט מען מתקן געווען אז מען זאל זעצן מלמדים אין ירושלים, אזויווי עס שטייט כי מציון תצא תורה. (תוספות ערקלערט אז דאס לערנען אין ירושלים האט געהאט א שטארקע השפעה אויף די יראת שמים פון די תלמידים, צוזעענדיג מיט וואספארא קדושה די כהנים טוען די עבודה אין בית המקדש.)

ווער עס האט נישט געהאט א טאטן וואס זאל אים ארויפפירן קיין ירושלים האט נישט געלערנט. האט מען מתקן געווען חדרים אין יערער געגנט. די קינדער זענען געקומען לערנען ווען זיי זענען אלט געווען א זעכצן-זיבעצן יאר, און ווען דער רבי האט זיך געבייזערט אויף א קינד, האט אים דאס קינד איבערגעלאזט. ביז עס איז געקומען יהושע בן גמלא און מתקן געווען אז מען זאל מאכן חדרים אין יעדע שטאט, און מען זאל אהינברענגען די קינדער שוין ביי די זעקס אדער זיבן יאר.

פאראן חוקרים וואס זאגן אז דאס איז געווען דער שפעטערדיגער יהושע בן גמלא וועלכער איז געווען כהן גדול פיר יאר פאר'ן חורבן. דאס קען אבער נישט זיין. ווייל אין דעם תוהו ובוהו מצב פון פאר'ן חורבן איז נישט מעגליך געווען איינצופירן אזא ריזן פראיעקט. דאס איז פשוט ביי יעדן וואס ווייסט אביסל וואס דער מצב אין ארץ ישראל איז געווען הארט פאר'ן חורבן בית שני.

אין ירושלמי (כתובות) ווערט די תקנה אויסגערעכנט צווישן די דריי זאכן וואס שמעון בן שטח האט מתקן געווען. די תקנה איז אלזא געווען א פראדוקט פוןביידע: דער נשיא שמעון בן שטח, צוזאמען מיט יהושע בן גמלא.

די משנה (יבמות סא') פסק'נט אז א כהן הדיוט וואס האט מקדש געווען אַן אלמנה און איז דערנאך געווארן א כהן גדול, מעג מיט איר נאכדעם חתונה האבן. דערציילט די משנה אז אזא מעשה איז געשען ביי יהושע בן גמלא, ער האט מקדש געווען די אלמנה מרתא בת בייתוס און דער קעניג האט אים באשטימט צו זיין כהן גדול. רב יוסף זאגט אויף דעם: "א בונד זעען מיר דא. צוויי קב דינרים האט די רייכע מרתא אריינגעטראגן צו ינאי המלך, אז ער זאל מאכן איר מאן יהושע בן גמלא כהן גדול."

כאטש ינאי האט אליין געהייסן "כהן גדול" איז דאס געווען כמעט בלויז א סימבאלישער טיטל, נישט א פאקטישער פאסטן, ווי מיר האבן אויבן ערקלערט.

יהושע בן גמלא ווערט אויך דערמאנט אין די משנה (יומא ל"ו). לגבי דעם גורל פון די צוויי ציגן אין יום כיפור זאגט די משנה: די גורלות זענען געווען אין א האלצערנעם קעסטל. בן גמלא האט געלאזט מאכן א גאלדערנעם קעסטל דערפאר, און מען דערמאנט דאס אלס א לויב צו אים.

תוספות (בבא בתרא כ"א) ערקלערט אז יהושע בן גמלא איז געווען א צדיק. פונדעסטוועגן זאגט רב יוסף (יבמות) "א בונד זעען מיר דא" לגבי יהושע'ס כהונה גדולה. דאס איז ווייל עס זענען געווען אנדערע כהנים וועלכע זענען געווען מער ראוי פון אים, נאר יהושע בן גמלא איז געווארן כהן גדול צוליב די גרויסע סומע וואס זיין כלה, די גביר'טע מרתא, האט אריינגעטראגן צו ינאי המלך.

אין די תקופה האט דאס תורה לעבן געשפרודלט אין ארץ ישראל. די בתי מדרשים זענען געווען פול, און אלע ווינקלעך האבן אפגעהילכט די קולות פון די קליינע קינדער ווי זיי לערנען תורה. די געזעצן פון די תורה האבן ווידעראמאל געפירט דאס לאנד און די סנהדרין איז ווידער געווארן א הויך גייסטישע אויטאריטעט וועלכע האט דאס פאלק געגעבן דעם טאן. די צדוקים האבן זיך די גאנצע צייט נישט געכאפט אויף די ענדערונג וואס איז צוביסלעך צושטאנד געקומען. פלוצים האבן זיי זיך דערזען מיט א פאלק וואס איז געבויט אויף די פרינציפן פון די תורה, און מיט א סנהדרין וועלכע איז באשטאנען פון די חכמי התורה אלס א יסודות'דיגע טייל צו דעם טויש.

דער מכה בפטיש וואס האט נאכאמאל אויפגעוועקט פון שלאף דאס געמיינקייט פון דעם צדוקי'שן הערשער ינאי המלך, איז געווען א מעשה וואס די גמרא (סנהדרין י"ט) דערציילט: ינאי'ס א קנעכט האט גע'הרג'עט א מענטש. האט שמעון בן שטח געזאגט צו די חכמים: "לאמיר אים דן זיין." האט מען געשיקט צו ינאי: "דיין קנעכט מיט דיר צוזאמען זאלן קומען זיך שטעלן צום בית דין, ווי עס שטייט: 'וְהוּעַד בִּבְעָלָיו,' ווען אַן אקס הרג'עט א מענטש."

איז ינאי געקומען צום בית דין און האט זיך אוועקגעזעצט. האט אים שמעון געזאגט: "שטיי אויף, ווי דער דין איז. און וויסן זאלסטו אז דו שטייסט יעצט פאר'ן באשעפער." האט ינאי המלך געזאגט צו שמעון: "איך וועל פאלגן וואס דיינע חברים זאגן, אבער איך וועל נישט פאלגן דיר." האט זיך שמעון אויסגעדרייט צו די דיינים פון די רעכטע זייט, האבן זיי פארשטעקט זייער פנים צו דער ערד ווייל זיי האבן מורא געהאט פון ינאי. דאס זעלבע איז געשען ווען ער האט זיך אויסגעדרייט צו די דיינים אויף די לינקע זייט. האט שמעון זיך אנגערופן צו די דיינים: "איר זענט בעלי מחשבות (- אז איר טראכט וואס צו זאגן און איר האט מורא פונעם קעניג צו זאגן דעם אמת)? זאל קומען דער אייבערשטער, דער גרויסער בעל מחשבות, און אייך באצאלן." איז תיכף געקומען גבריאל המלאך און גע'הרג'עט אלע דיינים.

ינאי'ס רעזשים האט געזוכט א געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אין די חכמים מיט זייערע אנהענגער, די פרושים. דער פייל איז געפאלן אויף דעם געהויבענעם חג האסיף. דער יום טוב סוכות פלעגט זיך אויסצייכענען מיט די פרייד פון שמחת בית השואבה. דאס וואסער גיסן אויפ'ן מזבח יעדן טאג וועלכע איז א הלכה למשה מסיני, פלעגט מען פראווען מיט אַן אויסטערלישן פרייליכקייט. מען האט מקיים געווען דעם "ושאבתם מים בששון" מיט די גרעסטע פראכט און שיינקייט. די שמחה האט דורכגעבראכן אלע גרעניצן.

אגאנצע נאכט האבן הונדערטער טויזנטער אידן געטאנצט און זיך געפריידט מיט'ן יום טוב. די חכמי התורה זענען געווען דער צענטערפונקט פון די פייערונגען, ארום זיי האט זיך געהויבן דער גאנצער המון. א פייערליכקייט האט באהערשט אלע "הרים סביב לה", די בערג וועלכע האבן ארומגערינגעלט די הימלדיגע שטאט האבן מיטגעטאנצט און זיך געפריידט אז זיי זענען דאסמאל אויף "וה' סביב לעמו", גאנץ ירושלים איז באלויכטן געווען פון די ריזיגע קאנעס מיט אויל וועלכע האבן געלויכטן אין די עזרה. ביים עלות השחר איז מען אראפ צום שילוח קוואל און אנגעשעפט וואסער אריינצוגיסן אין דעם ספעציעלן לאך אויפ'ן מזבח. פון אונטער דעם מזבח האט זיך דער לאך געצויגן נאטורליך ביז'ן תהום (סוכה פרק החליל).

מען האט באגלייט דאס וואסער מיט טענץ און פויקן. מען האט געשאלט מיט שופרות און געבלאזן מיט טראמפייטער. די פאראדעס פון שמחת בית השואבה פלעגן זיין א בריליאנטע קייט פון כבוד צו די תורה מיט אירע לערנער.

די שפעטערדיגע חשמונאים קעניגן פלעגן זעלטן זיך באווייזן אין בית המקדש, אבער אין יום טוב סוכות פלעגן זיי מאכן זיכער צו קומען טון די עבודה מיט די שמונה בגדים. זיי האבן נישט געוואלט פארפאסן אזא געלעגנהייט ווען אלע אידן זאלן זיי אפגעבן כבוד.

ינאי המלך איז אנגעקומען באגלייט מיט פיל גוי'אישע זעלנער צום וואסער גיסן אין יו"ט סוכות. ער איז ארויף אויפ'ן מזבח און אנשטאט אריינגיסן דאס וואסער אין דעם ספעציעלן לאך וואס איז געווען אויפ'ן מזבח פאר דעם צוועק, האט ער דאס ארויפגעגאסן אויף זיינע פיס. ער האט מיט דעם געוויזן אז ער לאכט אפ פון די גאנצע שמחה וואס די פרושים פייערן מיט אזא געהויבנקייט.

אזויווי ווי דער ריזיגער פארזאמלטער ציבור האט דאס דערזען, האבן זיי נישט געקענט איינהאלטן אין זיך זייער כעס אויפ'ן חילול התורה והמקדש. זיי האבן באווארפן דעם צדוקי'שן כהן גדול מיט זייערע אתרוגים, אזש ביז דער מזבח איז פגום געווארן און מען האט דאס געמוזט פאררעכטן (סוכה מ"ח).

די גמרא אין סוכה דערציילט אז די מעשה איז פארגעקומען "בצדוקי אחד", מיט א געוויסן צדוקי. די גמרא האט אפגעשוינט דעם כבוד פון די חשמונאים פאמיליע און דערציילט נישט אז דאס איז פארגעקומען מיט ינאי המלך. ביי חז"ל איז געווען זייער טייער דאס מסירת נפש פון די דינאסטיע'ס גרינדער. מען האט נאך גוט געדענקט וויאזוי די חשמונאים האבן אוועקגעגעבן זייער לעצטן טראפן בלוט אין זייער קאמף אנטקעגן דעם מתיונ'ישן שמד און יוני'שער קולטור.

דער אידישער היסטאריקער יוסיפון זאגט אבער אויס דעם סוד, אז דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי ינאי המלך, אַן אור-אייניקל פון דעם פארהייליגטן מתתיהו כהן גדול. יוסיפון איז ממשיך אז דאס פאלק האט אויסגעשריגן צו ינאי: "בן שביה! ביסט א געפאנגענע קינד!" זיי האבן אים דערמאנט דעם אלטן שם רע אז זיין באבע, זיין פאטער יוחנן כהן גדול'ס ווייב, איז געווען א געפאנגענע אין די שטאט מודיעין. ווען מען וואלט געקענט קלאר מאכן אז דער שם רע איז אמת, דאן וואלט דאך ינאי פסול געווען צו טון די עבודה. ווייל די הלכה איז אז קינדער פון א פרוי וועלכע איז געווען געפאנגען ביי גוים מעג נישט דינען אין בית המקדש. כאטש דאס איז א דרבננ'דיגער דין, וואלט אבער כלל ישראל נישט צוגעלאזט אזא איינעם אויפ'ן מזבח.

ווי נאר דאס איז געשען, האט ינאי זיך געמאכט כאילו א רעוואלט האט דא אויסגעבראכן און זיינע געדינגענע זעלנער האבן אנגעהויבן שלאגן דעם ציבור. ביים סוף פון די געשלעג זענען געווען זעקס טויזנט הרוגים פון די פרושים.

ינאי האט דא געוואלט אז די פרושים זאלן זיין קעגן אים, כדי ער זאל האבן א תירוץ ארויסצוגיין אין מלחמה. ער האט ספעציעל אנגעגרייט גוי'אישע זעלנער וועלכע זאלן אנהייבן הרג'ענען ווי נאר דער מכלומר'שטער ווידערשפעניגונג ברעכט אויס. פאר וועלכע אנדערע סיבה האט ער דען מיטגעברענגט מיט זיך א ריזיגע מאסע זעלנער ווען ער קומט אין בית המקדש? אויסער זייערע לולבים און אתרוגים האבן די אידן נישט געהאט קיין שום געווער, דער קעניג האט נישט געהאט קיין שום סיבה פון זיי מורא צו האבן.

עס האט זיך יעצט אנגעהויבן א תקופה פון רודפ'ן די חכמים מיט זייערע אנהענגער. די חכמים זענען אלע אנטלאפן פון ארץ ישראל און ינאי האט איינגעשטעלט א טעראריסטישן רעזשים וועלכער האט אומגעברענגט אלע וועלכע האבן זיך געוואגט ארויסצושטעלן אנטקעגן זיין צדוקי'שן גוי'אישן געדאנקען גאנג.

אין עלטער פון זעקס און פערציג יאר איז ינאי המלך קראנק געווארן. יוסיפון שרייבט דאס צו צו זיין צוגעבינדענהייט צום טרינקען און אנדערע שעדליכע געוואוינהייטן. דריי יאר האט ינאי אפגעקרענקט, אין עלטער פון ניין און פערציג יאר איז ער געשטארבן.



קרעדיט: דער איד

# באהאלטן אינעם סוכה און געראטעוועט פונעם דייטש ימ"ש

**א דראמאטישע אטעם פארכאפנדע געשיכטע וויאזוי א גרופע אידישע פארטיזאנער האבן זיך געראטעוועט פונעם דייטש אין הושענא רבה דורכ'ן זיך באהאלטן אינעם סוכה | הושענא שלש שעות**

א מאטאר-ביציקל איז געפארן צווישן די ביימער, דער מאטאר האט געמאכט א גערודער, די רעדער האבן צעמאלן די קליינע בערגלעך אויף דער ערד, דער מענטש וואס האט עס געטריבן האט שווער געקענט טרעפן די וועגן צווישן די ביימער אין וואלד. ווילדע גראזן האבן באדעקט די וועגן צווישן די ביימער, און ער האט זיך געוואקלט מיט זיין מאטאר ביציקל און זיך אנגעשטרענגט נישט צו פארלירן דעם גלייכגעוויכט. די ערשטע רעגנס פון מאנאט סעפטעמבער האבן שוין נאס געמאכט דעם וואלד, און דער מאטאר ביציקל האט געדארפט איבערשפרינגען די קליינע קאלוזשעס מיט וואסער וואס האבן זיך געמאכט.

דער וואלד איז געווען פארטונקלט טראץ דעם וואס ס'איז געווען אינמיטן טאג. די זון שטראלן האבן זיך אפגעשטעלט ביי די שפיצן פון די געדיכטע ביימער, און נישט אנגעקומען ביז אונטן, און נישט אויסגעטרוקנט די וואסערן. די ביימער זענען געווען באדעקט מיט פרישע גרינע בלעטער, דאקעגן דער מאטאר ביציקל איז געווען שווארץ און פארשטויבט. א שטארקע דייטשע מאטאר ביציקל איז עס געווען, און אויך דער מענטש וואס איז געפארן דערויף איז געווען אנגעטאן מיט שווארצע מונדירן פון אן עס.עס. אפיציר, פון די ספעציעלע איינהייטן, וואס זייער סימבאל איז געווען א קאפ-שארבן. ער האט געהאט אויפן קאפ א העלמעט, אויף זיינע אויגן האט ער געהאט גרויסעברילן, און זיינע פיס האבן אנגעהאט שווארצע שטיוול.

אויף איין בוים איז געזעסן איינער וואס האט באמערקט דעם מאטאר-ביציקל וואס זוכט זיין וועג. ער האט געווארט אויף אים. ער מיט זיינע חברים אויף די אנדערע ביימער זענען געווען באוואפנט מיט רוסישע ביקסן און מיט א דייטשע מאשין געוועהר. זיי האבן געוואוסט אז דער "עס. עס.ניק" דארף אנקומען מיט זיין מאטאר ביציקל, און זעענדיג אז ער פארזוימט זיך האבן זיי נישט געוואוסט צי זיי זאלן שוין אראפגיין פון בוים אדערווארטן...

"אט קומט ער," האט איינער אויף די ביימער זיך אנגערופן צום צווייטן, און דער דריטער צום פערטן, ביז צום קאמאנדיר, וועלכער האט זיך אנגערופן: ברוך השם, איך האב מיך שוין געזארגט אז עפעס האט מיט אים פאסירט"...

הערשל איז אראפ פון בוים. ער האט געענדיגט זיין 'שיפט', און געבליבן קוקן ווי דער מענטש אויף דעם מאטאר ביציקל שטעלט זיך אפ, פירט דעם מאטאר ביציקל אונטער א בוים, און באדעקט אים מיט בלעטער. דער הערשל, א יונגיטשקער וואס מ'האט אים גערופן הערשעלע, האט געשלעפט זיין פארוואונדעטע פיס, און האט געזען ווי דער מענטש מיט די שווארצע מונדירן נעמט ארויס פון זיין מאנטל א גרויסע פאפיר. ער האט נישט געהערט אלעס וואס ער האט געזאגט פארן קאמאנדיר, נאר דריי ווערטער זענען געבליבן איינגעקריצט אין זיין מח: "די דייטשן וועלן אנגרייפן מארגן".

הערשל האט זיך געאיילט צו זיין טאטן, דערציילן וואס ער האט ערשט געהערט. אין דעם לאגער האבן אלע געקענט זיין טאטן מיטן נאמען "פראָיקע", אבער אמאל אונטער אנדערע אומשטענדן און אן אנדערן פלאנעט, איז ער געווען באקאנט מיט אן אנדערן נאמען. א מער בכבוד'יגער, מעגליך אדמו"ר אדער הגאון.

## דער געיעג

די מעלדונג האט זיך פארשפרייט אין דעם לאגער ווי א פייער אין וואלד פון דערנער. ס'איז נישט אזא גוטער משל, ווייל אין די וועלדער זענען נישט געווען קיין דערנער נאר געדיכטע ביימער, און דער לאגער איז געווען ארומגענומען מיט טיפע זינקעדיגע בלאטעס, אבער דאך, עס זענען אריבער בלויז עטליכע מינוט פון ווען דער מאן מיט די עס.עס. מונדירן האט געברענגט די ביטערע בשורה, און שוין האבן אלע קאמאנדירן, נישט נאר הערשל מיט זיין טאטן פראָיקע, געוואוסט אז די סכנה דערנענטערט זיך צו די באהעלטעניש. א ציטער האט יעדן ארומגענומען. די עלטערע

זענען געווען פארלוירן. דאס איז דאס ערשטע מאל זינט זיי זענען אנטלאפן צו די וועלדער, וואס דער טויט שרעק - פון וואס זיי זענען אנטלאפן איבערלאזנדיג עלטערן און אפילו פיצלעך קינדער אין די געטאס - איז ווידער געשטאנען פאר זייערע אויגן.

און אויב איר האט נישט געוואוסט ביז איצט, דאן זאלט איר וויסן, אז אין די ריזיגע שטחים פון די פאלסיע וועלדער, וואו מ'האט נישט געקענט אדורכגיין, האבן זיך באהאלטן טויזנטער אידן, וואס א גרויסער טייל פון זיי זענען געווען פארטיזאנער, און פארשטייט זיך, אז אויך פילע נישט אידישע פארטיזאנער זענען דארט געווען, פשוט ווייל זיי זענען אנטלאפן פון דעם טויט.

טויזנטער אידן האבן זיך דארט פארזאמלט, א טייל זענען געווען זעלבסטשטענדיג, אָן די שוץ פון פארטיזאנער, און א טייל - ווי דער לאגער פון הערשל און זיין טאטע - זענען געווען אונטער'ן שוץ פון אידישע פארטיזאנען, וועלכע זענען געווען באוואפנט מיט ביקסן און אויסגעשולטע קעמפער, וועלכע האבן בעיקר געהאט די אויפגאבע צו ראטעווען אידן, אבער פון מאל צו מאל האבן זיי אויך דורכגעפירט געוואגטע קאמאנדא אקציעס קעגן די דייטשן אויסער די וועלדער.

די אידן וואס האבן געטראפן שוץ אין דעם לאגער פון די משפחות, האבן באוויזן צו אנטלויפן פון די געטאס, אבער נישט אלע האבן באוויזן זיך צו ראטעווען אין די וועלדער. א טייל אומגליקליכע זענען געכאפט געווארן אין דעם נעץ וואס ארטיגע מלשינים האבן אויסגעשפרייט, און זענען אומגעקומען אויפן פלאץ.

צוביסלעך האבן זיך די לאגערן אנגעפילט מיט פליטים. זיי האבן געטראפן די לאגערן אזוי ווי א איד באמערקט א צווייטן איד סיי וואו אויף דער וועלט. צווישן די וואס זענען געקומען אין וואלד, זענען געווען אזעלכע וואס האבן זיך באהאלטן שוין עטליכע חדשים, און זיי האבן געמיינט אז זיי זענען אנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה. אבער איצט איז זייער וועלט ווידער חרוב געווארן. די דייטשן זענען געוואויר געווארן וואו זיי באהאלטן זיך, און זיי ווילן זיי ליקווידירן.

ביז די מינוט וואס דער מאטאר ביציקל איז געקומען, האבן זיי די פארטיזאנער באשיצט, און אויך צוגעשטעלט פאר זיי עסן און לעבנס מיטלען. און אויך די פארטיזאנער האבן באקומען אדאנק זיי, א געפיל פון א שטוב מיט א משפחה.

דאס לעבן אין די לאגערן האבן געהאט פארשידענע תקופות. במשך פילע חדשים האבן זיי די דייטשן צורה געלאזט. און דאן האט מען אפילו אויפגעשטעלט אין די לאגערן מיטלען צו באקן ברויט, ווען זיי האבן דערווישט אביסל מעל. מ'האט אויפגעשטעלט שולן, און צומאל איז דער מצב געווארן ערגער, ווען גוי'אישע פארטיזאנער זענען געקומען אין וואלד, און האבן פארלאנגט פון די אידן אז זיי זאלן פריי מאכן דאס פלאץ. בדרך כלל, האט מען זיך נישט געלאזט פון זיי, און זיי האבן זיך אויך נישט געזוכט קיין צרות מיט די אידישע פארטיזאנער. אבער אזא סכנה ווי איצט האבן זיי נאך נישט געהאט; א דייטשע אטאקע אום עצם יום הושענא רבה.

"די דייטשן קומען," האבן די מאמעס געזאגט פאר זייערע קינדער. "מ'דארף זיך גרייטן צו אנטלויפן," האבן די עלטערע געזאגט, אבער נישט געוואוסט וואוהין. סגר עליהם היער. צו די בלאטעס האט מען נישט געקענט אנטלויפן, ווייל זיי זענען געווען טיפער ווי די הויך פון א מענטש. דערפאר האבן זיי געווארט צו הערן, וואס עס האבן צו זאגן די מענטשן מיט די געווער. אבער מ'האט דערווייל גארנישט געהערט פון זיי, און ס'איז שוין באלד מיטאג.

די ידיעה וואס דער מאן אויף דעם מאטאר ביציקל האט געברענגט, האט אויסגעקוקט צו זיין ריכטיג. עס זענען אבער געווען אין דעם לאגער אזעלכע אפטימיסטן, וועלכע האבן גע'טענה'ט אז די ידיעה איז נישט ריכטיג, ס'איז בלויז א שמועה. אבער די קאמאנדירן האבן געוואוסט דעם אמת אז די אינפארמאציע וואס דער מאן האט געברענגט איז קראנט און באגלייבט. און ס'איז זיי איבערגעבליבן נאך 12 שעה צו נעמען א באשלוס וואס מ'טוט דא, צי מ'אנטלויפט אדער בלייבט מען צו קעמפן פאר'ן לעבן.



די חדר יונגלעך אין נאוואראדאק

## די באראטונג

אין יענע אומשטענדן האבן די דייטשן נישט געוואלט שיקן צו דעם ארט קיין פליגערס וואס זאל באאבאכטן דעם מצב פון אויבן, ווייל די פליגערס האבן געהאט וויכטיגערע אויפגאבעס אין אנדערע פראנטן, און אזוי אויך אויב די פליגערס וועלן פארן נידריג, קען מען נאך שיסן אויף זיי, אויב די פארטיזאנער האבן טאקע ביקסן.

צו די עס.עס. אייניהייט וואס איז געווען ממונה אויף יענעם ראיאן, זענען געקומען גוי'אישע מוסרים, וועלכע האבן געזאגט אז זיי ווייסן פונקטליך וואו די אידישע פארטיזאנער באהאלטן זיך. דער גענעראל פון דעם ראיאן האט געהייסן צוזאמשטעלן א גרופע סאלדאטן, און זיי געבן די אויפגאבע צו פארניכטן אלע אידן וואס באהאלטן זיך אין וואלד. ער האט באשלאסן אז טאנקען און אנדערע שווערע מאשינען, זאלן זיך נישט באטייליגן אין די אקציע, ווייל זיי וועלן פארזונקען ווערן אין די בלאטעס, נאר פיס-גייער און סאלדאטן אויף פערד, מיט מאשין געווער זאלן אהין גיין. די אקציע וועט זיך אנהייבן צופרי. די סאלדאטן וועלן זיך ארייַנלאזן אין וואלד אין די פארטאגס

פארזעצונג אויף זייט 14

שעה'ן, צום ארט וואו די פארטיזאנער באהאלטן זיך, און כדי צו מאכן ווייך די קעגנערשאפט פון די "אידישע שווינען" האט ער געהייסן דערנענטערן קאנאנען ביז צום וואלד, און זיי זאלן באהאגלען דעם ארט מיט הארמאטן, און דערנאך וועט זיך אנהייבן די אקציע דורך די פיס-גייער וואס וועט נעמען מאקסימום דריי שעה, גענוג און נאך צו צעשמעטערן דעם גאנצן ארט.

גרישא, דער הויפט קאמאנדיר פון די פארטיזאנער אין דעם ארטיגן וואלד, וועלכער איז נישט קיין אנדערער ווי גרשון אבראמאוויטש, דער זון פון דעם באקאנטן קארלינער סטאָלער, וועלכער איז געווען דער מומחה צו מאכן די מעבל אין די שולן אין די געגנט, האט איינגעזאמלט די קלענערע קאמאנדירן, און האט זיי אויסגעמאלן א פלאן אויפן פאפיר, און געזאגט: "אונזער מזל איז, אז מיר קענען דעם וואלד בעסער ווי די דייטשע סאלדאטן".

גרישא האט פארגעשטעלט זיין פלאן; מ'זאל איבערראשן די נאצישע חיות, און אויסנוצן די איבערראשונג צו הרג'ענען פון זיי וואס מער, און נישט נעמען קיין געפאנגענע. ער האט אנגעוויזן וואו מ'זאל מאכן די 'אַמבושן' און וואו עס זאלן שטיין די באוואכטער. ער האט אויך אויסגעשטעלט א שורה פארטיזאנער ארום דעם לאגער, אין פאל וואס די דייטשן וועלן זיך אריינברעכן. ער האט אויך צעטיילט געווער פאר די יונגע מענטשן פון זייער זאפאס.

אלע אנדערע, האט דער קאמאנדיר געזאגט, וועלן מוזן פארלאזן דעם לאגער נאך די נאכט, כדי זיי זאלן נישט געשעדיגט ווערן פון די באמבאדירונגען און נישט שטערן אין די מלחמה. גרישא איז געווען א יונגער מענטש. ער איז נאך נישט אלט געווען 23 יאר, אבער די צוויי יאר וואס ער האט געוויילט אין וואלד מיט די פארטיזאנער, און אויך דורך הילף פון די רוסישע סאלדאטן, האבן אים געגעבן אן אויבערהאנט איבער די דייטשע סאלדאטן וואס זענען ערשט געקומען צום וואלד. זיי זענען טאקע געווען געשולטע סאלדאטן, און אכזריות'דיג, אבער גלייכצייטיג אויך בעלי גאוה און געוואוינט צו באקוועמליכקייט. ער האט געוואוסט אז צוליב זייער איילעניש און ענטוזיאזם צו הרג'ענען אידן, וועלן זיי זיך פארלירן ווען זיי וועלן זיך פארפלאנטערן אין וואלד.

דאס לעבן אין וואלד, אונטער'ן שאטן פון פחד, האבן אויסגעלערנט גרישא'ן, אז נאר איינער וואס קען טראכטן אפאר טריט פאראויס, וועט זיך קענען ראטעווען פון די סכנה. ער האט שוין באצייטנס באשטימט א שטח, ווייט עטליכע קילאמעטער פון דעם ארט וואו זיי זענען, וואו די ציווילע בירגער וועלן זיך קענען דערווייל באהאלטן.

ער האט געהאפט, אז אפילו אויב ער מיט זיינע חברים וועלן נישט קענען באוויזן צו הרג'ענען די דייטשן, וועלן די אנדערע קענען ראטעווען זייער לעבן. אבער זיכער איז דאס נישט געווען. די בעסטע זאך וועט זיין אז זיי זאלן קענען באזיגן די דייטשן און זיי פארטרייבן פון וואלד. עס איז זיכער אז די דייטשן וועלן נישט אראפשלינגען א דורכפאל און שיקן אנדערע סאלדאטן קעגן זיי, ביז זיי וועלן ליקווידירן די אידן, אבער חיי שעה איז אויך געלעבט. און אפשר ביז דערווייל וועלן זיי קענען טרעפן אן אנדערן מקום מקלט.

ביי די ענדע פון די אינסטרוקציעס, האט גרישא אפגעשמועסט, אז ווען ס'וועט ווערן טונקל, וועלן די ציווילע מענטשן גיין צום ארט וואס ער האט צוגעגרייט, און זיך באהאלטן. און דארט וועט זיך אויך געפינען א דאקטאר וואס וועט דינען אלס אן ערשטע הילף פאר די פארוואונדעטע.

"גרישא, ווארט, גיי נישט אוועק, ס'איז דא א פראבלעם," האט געזאגט שלום לעווין, איינער פון די קאמאנדירן. "מ'קען נישט אוועקפירן אלע 200 מענטשן וואס קעמפן נישט. די אלטע וועלן נישט קענען מאכן דעם וועג ביינאכט. אויך די שוואכע פרויען און אוודאי נישט די קינדער, און די יתומים וואס האבן נישט ווער ס'זאל זיי באגלייטן".

"דאס איז א פראבלעם," האט גרישא געגעבן א קרעכץ, "דו ביסט גערעכט." און ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ. "איך האב נישט געטראכט פון זיי, איך האב פארגעסן אז מיר זענען נישט קיין געהעריגע פארטיזאנען. מיר זענען אידן. אונזער עיקר אויפגאבע איז נישט צו קעמפן קעגן די דייטשן – נאר צו ראטעווען אידן". גרישא איז געווען א סארט קאמאנדיר, וואס האט אנערקענט ווען ער האט געמאכט א טעות.

"איך מיין אז ס'איז כדאי צו רעדן מיט זיי," האט זיך אנגערופן דוד טענענבאום, "עס איז פאראן צווישן זיי אויך רבנים און זיי וועלן באשליסן וואס צו טון. זיי האבן א דעת תורה".

"נו לאמיר גיין," האט גרישא געזאגט, "דו וועסט וויסן וויאזוי צו רעדן מיט זיי. אבער מ'טאר נישט אננעמען א באשלוס וואס וועט שטעלן אין סכנה די מענטשן. אז זיי זאלן בלייבן דא איז אוממעגליך ווייל זיי וועלן באהאגלען דעם שטח מיט הארמאטן, און די ביימער וועלן נישט קענען באשיצן פון די באמבעס".



דער געטא אין נאוואראדאק

## די אטאקע אויף דעם ארבעט-לאגער

הערשל האט אונטערגעהינקט דעם וועג פון דעם קאמענד צענטער ביז צום קליינעם מאגאזין, וואו עס האט געוואוינט זיין טאטע מיט נאך צען אידן.

הערשל'ס טאטע איז געווען פון די

פארזעצונג אויף זייט 16

לעצטע וואס האבן זיך אנגעשלאסן אין דעם לאגער. דאס איז געווען מיט א האלבע יאר פריער, און פון דעמאלט איז הערשל געווארן א הינקעדיגער. ער האט זיך צוגעוואוינט דערצו, אבער נישט געקענט לויפן. ער האט נאר געקענט אבזערווירן און ווארענען קעגן א שונא וואס דערנענטערט זיך, ווייל ער האט געהאט גענייטע אויגן און אויערן.

איין טאג זענען געקומען דריי אידן אין וואלד, זיי זענען געווען אויסגעמוטשעט, צען טעג האבן זיי זיך געדרייט אין וואלד, ביז ווען זיי האבן געטראפן צוויי אידן וואס רעדן אידיש. די שומרים פון דעם לאגער האבן זיי באגעגנט די ערשטע.

"פון וואו קומען אידן?" האבן זיי די שומרים געפרעגט.

"פון נאווארדאק." האבן די דריי געענטפערט אויפאיינמאל.

"אבער אין נאווארדאק זענען שוין נישטא קיין אידן," האבן די שומרים געזאגט, ווען זיי זענען חושד אז אפשר זענען זיי גאר שפיאנען וואס די נאציס האבן געצווינגען צו גיין זוכן אידן.

"דו דערציילסט אונז?!" האבן זיי געזאגט, ווידער כמעט צוזאמען, "מיר האבן איבערגעלעבט די רציחות, אבער ביי די גרויסע אקציע דעם 7־טן אויגוסט 942' האבן זיי אונז געכאפט. מיר זענען געווען צוויי טויזנט אידן, און זיי האבן אונז גענומען אין וואלד און גענומען שיסן אויף די מענטשן. אבער הקב"ה האט נישט געוואלט אז מיר זאלן שטארבן. פלוצים איז עמיצער געקומען, און געהייסן פאר די סאלדאטן מ'זאל ארויסנעמען פופציג מענער. מיר זענען געווען צווישן זיי. מ'האט אונז אריבערגעפירט אין אן ארבעטס לאגער נישט ווייט פון נאווארדאק. דאס איז געווען אן ארבעטס לאגער וואס דער ארטיגער דייטשער מושל האט פאר זיך אויפגעשטעלט. ס'האט אים אויסגעפעלט ארבייטערס אנשטאט די וואס זענען געשטארבן פון הונגער. זיי זענען געשטארבן ווי די פליגן, ווייל זיי האבן נישט באקומען קיין עסן. מיט צען טעג צוריק זענען מיר אנטלאפן, און איצט ווילן מיר באפרייען די אלע וואס זענען דארט געבליבן. די וואַך איז דארט נישט צו שטארק. די מענטשן זענען מיד און קראנק. זיי קענען אפילו נישט טראכטן פון אנטלויפן. אונזער מזל איז געווען, אז מיר זענען געווען נייע, מיר האבן נאך געהאט כח צו אנטלויפן".

אין אנהייב האט גרישא נישט געוואלט בכלל פארהאנדלען מיט זיי, ער האט גע'טענה'ט, אז ער דארף זיך זארגן פאר די מענטשן וואס זענען שוין דא, און נישט זוכן פרישע. תפסת מרובה לא תפסת.

אבער די דריי האבן זיך שטארק געבעטן צו אים און געזאגט: "דער לאגער איז נישט באוואכט דורך דייטשן, נאר דורך אוקראינער קאלאבאראנטן, דער צוים ארום דעם לאגער איז נישט שטארק, די אוקראינער טרינקען זיך אן ביינאכט, און זענען נישט וואַך, מ'קען זיך גרינג אן עצה געבן מיט זיי".

גרישא האט זיך ענדליך געלאזט איבעררעדן, און ס'איז אים איינגעפאלן א פלאן.

ער האט צוזאמגערופן זיינע קעמפער, און געזאגט: "מיר פלאנען צו ראטעווען 100 אידן פון דעם ארבעטס לאגער קוסמירסקי. זיי ארבעטן אין א סטאלערײ וואס פאבריצירט האלצערנע פלאטעס פאר די דייטשן. איך דארף האבן וואלונטירן".

עטליכע הענט האבן זיך אויפגעהויבן.

"איין מינוט," האט גרישא געזאגט "איך זוך קודם א וואלונטיר וואס קען רעדן די אוקראינישע שפראך ווי אן אוקראינער. ער וועט דארפן קומען צו די לאגער פארשטעלט ווי א דארפס מאן, און בעטן פון די שומרים זיי זאלן אים פארקויפן אונטערן טיש עטליכע האלצערנע פלאטעס. און ביז דערוויל וועט ער אויסנוצן די געלעגנהייט און מודיע זיין פאר די אידן זיי זאלן זיין גרייט ביינאכט, און דאן אינמיטן די נאכט, ווען די שומרים וועלן זיין גוט אנגעטרונקען אדער פארשלאפן, וועלן ארויסגיין עטליכע פון די צוואנגס־ארבייטערט מיט זייערע זעג און אפזעגן א שטיקל פונעם צוים, און אלע אנדערע וועלן דאן קענען אנטלויפן. מיר וועלן זיי אפווארטן און זיי מיטנעמען מיט אונז. אויף דעם לאגער היטן צען אוקראינער, צוואנציג פון אונזערע מענטשן וועלן אריינגיין ביינאכט און אומברענגען אלע אוקראינער וועכטער".

פינף טעג שפעטער איז דער פלאן דורכגעפירט געווארן מיט הצלחה. דאס אנטלויפן איז געלונגען. הערשל איז אויך געווען איינער פון די וואס האבן באוואכט די אקציע. די אוקראינער זענען געווארן איבעררראשט. זיי האבן טאקע גענומען שיסן, אבער מ'האט זיי אלע אומגעברענגט. הערשל איז געווען דער איינציגער וואס איז פארוואונדעט געווארן ביי די אקציע. "איך בין אפילו גרייט געווען אוועקצוגעבן דאס לעבן," האט ער שפעטער געזאגט, "איך האב דאך באפרייט מיין טאטן. איך האב בשעת מעשה גארנישט געוואוסט אז ער איז געבליבן לעבן און געפינט זיך אין דעם קליינעם ארבעטס לאגער. און ער האט אויך געמיינט אז איך בין שוין אומגעקומען דורך די רוצחים!"

פון דעמאלט אן האט הערשל געשלעפט זיין פיס. און אזוי זענען צוגעקומען אין וואלד נאך פילע אידישע פליטים, וואס די פארטיזאנער האבן זיך געדארפט זארגן פאר זיי.

## אין זכות פון די סוכה

דער וויצע קאמאנדיר פון דעם לאגער דוד טענענבאום פון מינסק, איז געווען א זון פון א משפחה מיוחסת אין זיין שטאט, פון וועמען ס'איז ארויס רבנים און חשוב'ע מגידים. ער האט געלערנט אין די נאווארדאקער ישיבה ביז ווען ער האט זיך אנגעשלאסן אין די טעקסטיל ביזנעס פון זיין משפחה. די נאציס האבן אין דעם געטא וואס זיי האבן אויפגעשטעלט אין שטאט, איינגעשפאַרט אים, מיט זיין ווייב און זיין טאכטער און זיין גאנצע משפחה, צוזאמען מיט אלע אידן אין שטאט, און פון דעם געטא האבן זיי גענומען איבער הונדערט טויזנט מענטשן אין עטליכע אקציעס צו די טויט־גריבער אויסער די שטאט. די אידן האבן געמוזט אליין אויסגראבן די גרויסע גריבער, און שפעטער האט מען זיי אויסגעשאסן אין די גריבער. דער געטא האט עקזיסטירט ביז ראש השנה שנת תש"ד, און די וואס זענען איבערגעבליבן זענען פארטריבן געווארן צו די פארטיליגונגס לאגערן סאביבאר און צום געטא אין לובלין נעבן מיידאנעק.

צען טויזנט אידן זענען אנטלאפן א דאנק די אידישע אונטערגרונד, צו די וועלדער, אבער נישט אלע האבן באוויזן צו דערלעבן די באפרייאונג. דוד טענענבאום, דער איינציגער איבערגעבליבענער פון זיין פארצווייגטע משפחה, איז אנטלאפן צום וואלד, ווען ס'איז אים נישט געבליבן פאר וועמען צו בלייבן אין געטא.

גרישא דער קאמאנדיר, איז געווען א קעמפער פון געבורט, דוד איז געווען דער פאסיגער סגן; א קלוגער ראטגעבער, און א גלענצענדער פלאנירער, וועלכער האט געקענט פלאנירן די עסן סופליי פאר די נרדפים אין וואלד, פון צווישן די עלטערע אינעם לאגער האט גרישא באשלאסן זיך צו בעראטן מיט ר' אפרים פישל, וואס קיינער האט נישט געוואוסט זיין משפחה נאמען. זיין זון הערשל איז געווען סתם "הערשל", צומאל "הערשעלע". אין וואלד האט מען נישט געפרעגט קיין איבריגע שאלות, מ'האט נישט געקלעטערט אין אלטע וואונדן, מ'האט נישט דערמאנט אלטע זכרונות. הערשל? זאל זיין הערשל.

און אזוי האט אויך געוואלט דער טאטע פון הערשל; צו זיין אומבאקאנט. ער האט

געוואוסט אז דאס לעבן פון א איד אין וואלד, איז גארנישט. "ביי די רוצחים זענען מיר אלע גלייך. מיר זענען דאך נישט קיין מענטשן. מיר האבן נישט קיין עלטערן, קיין קינדער, מיר זענען "קאקארוטשעס". מיר האבן נישט קיין רעכט צו לעבן. ס'איז א וואונדער אז מיר לעבן נאך. אבער מארגן און איבערמארגן ווער ווייסט וואס ס'וועט זיין".

דער ר' אפרים פישל, וועם יעדער האט גערופן פראָיקע, איז געווען א צעבראכענער מענטש. זיינע אויגן וואס האבן געזען פילע רציחות האבן נישט עדות געזאגט ווער ער איז און פון וואו ער קומט. דעריבער האבן אים אלע פארטיזאנער, ווי די מענטשן אין דעם ארבעטס לאגער, בלויז געקענט אלס "פראָיקע", סתם פראָיקע. א אידישער פליט וואס קומט פון ערגעץ וואו. אבער אויף א וואונדערליכן אופן, אן קיין שום סיבה אדער אינפארמאציע, איז פראָיקע געווארן דער גייסטישער פירער פון די לאגער, אויב מ'האט בכלל געקענט דארט טראכטן פון ענינים רוחניים, ווען דער גוף איז צעבראכן און דער יאוש עסט דיך אויף.

און דאן, ווען אלע מענטשן פונעם לאגער שומרי המצוות האבן געדארפט אז איינער זאל זיי געבן אן עצה וואס צו טון, האבן זיי זיך געווענדן צו "פראָיקע" און נישט צו "רבי אפרים פישל", ווי זיין ריכטיגער נאמען איז געווען. מ'האט געזאגט אויף דעם מענטש מיט די צעריסענע קליידער און מיט די גרויסע שיך, אז ער איז געווען אין ימים כתיקונם א דיין אדער אן אב בית דין. אנדערע האבן געזאגט, אז ער איז געווען א ראש ישיבה, און עטליכע האבן געזאגט כמעט מיט א זיכערקייט אז ער איז א זון א יורש פון איינעם פון די גרויסע אדמו"רי גאליציע, א בנש"ק.

דער פראָיקע האט געהאט עפעס א הדרת מלכות, און טראץ די צעריסענע קליידער, זיין אויסגעדארטע געזיכט, און די אימת מות אין זיינע אויגן, האט עפעס געשיינט פון אים, וואס די מענטשן האבן אין דעם געזען א שטארקע אמונה אז ס'וועט זיין גוט. אז אמאל וועט זיך אלעס ענדיגן. הלוואי. און הערשל האט געפאלגט דעם טאטן, און נישט דערציילט ווער ער איז. אבער איינמאל האט ער זיך ארויסגעכאפט, אז זיין טאטע וויל זיך נישט אנטפלעקן ווייל ער האט מורא אז דאס קען ברענגען א חילול השם, אז א מענטש אין זיין מדרגה איז צוגעקומען צו אזא מצב, און מענטשן וועלן פרעגן זו תורה וזו שכרה?

דוד טענענבאום איז געווען פון די איינציגע וואס האט זיך געווענדן צו אים מיט זיין נאמען "רבי אפרים פישל" און גערעדט מיט אים בדרך כבוד, בלשון רבים, "איר". ער האט קיינעם נישט געזאגט פארוואס.

"רבי אפרים פישל," האט ער אים אצינד געזאגט, "מיר דארפן האבן רחמי שמים און קודם כל אייער חכמה".

"איר מיינט צו פרעגן," האט רבי אפרים פישל וואס האט יעדן מכבד געווען כערכו געזאגט, "וואס וועט מען טון מיט די וואס קענען נישט דורכמאכן דעם שווערן וועג?"

"יא, פונקט אזוי, איר האט צוגעטראפן, מיר דארפן אן עצה, וואס מען טוט מיט די וואס וועלן נישט קעמפן, און זענען אויך נישט אומשטאנד אריבערצוגיין צו דעם אנדערן פראוויזארישן פלאץ".

"דאס איז טאקע א פראבלעם." דאס פנים פון פראָיקע איז געווארן ערנסט, אבער פון זיין טאן האט מען געקענט פארשטיין אז ער האט א קלארע לעזונג פאר דעם פראבלעם. די שאלה האט אים נישט איבערראשט, און ער האט שוין אליין אריינגעטראכט דעריין פון צופרי, ווען זיין הערשעלע האט אים געברענגט די שלעכטע נייעס. "פון איין זייט קען מען נישט שטעלן אין סכנה די אנדערע צוליב זיי, ביי אזעלכע פעלער האט שוין רבי עקיבא גע'פסק'נט **חייך וחיי חברך** - אז ווען ס'האנדלט זיך פון דיין לעבן אדער דאס לעבן פון דיינע חברים - **חייך קודמין** - קומט דיין לעבן פריער. אויב למשל גייט מען אין מדבר און מען האט וואסער וואס איז גענוג נאר פאר איין מענטש, איז די הלכה אז דער וואס האט דאס וואסער טרינקט דאס וואסער און דער צווייטער בלייבט דארשטיג".

אויך דוד האט געקענט די הלכה, אבער ס'איז אים קיינמאל נישט איינגעפאלן אז ס'וועט קומען א טאג ווען ער וועט דארפן באשליסן ווער ס'זאל בלייבן לעבן און ווער נישט.

"לויט אייערע ווערטער דארף מען זיי חלילה מפקיר זיין".

ר' אפרים פישל האט נישט געענטפערט. ער האט געשוויגן א לענגערע צייט, און דאן האבן פלוצים אויפגעלאכטן זיינע אויגן. "דו ווייסט דאך אז מארגן איז הושענא רבה?!"

"זיכער ווייס איך, אזא זאך נישט צו וויסן?"

"ריכטיג, מיר האבן נישט קיין ארבעה מינים, אבער עס זענען פארהאן דא סוכות. און דעריבער, ווער ס'וועט נישט קענען אנטלויפן - און איך בין אויך צווישן זיי - וועלן מיר זיצן אין די סוכות ביז נאך די באמבאדירונגען. אויב איר וועט באוויזן צו פארטרייבן די דייטשן, איז דאך גוט, און אויב נישט, דאס וואס ס'וועט פאסירן מיט אלע וועט פאסירן מיט אונז אויך".

"זיי וועלן באמבאדירן דעם גאנצן לאגער," האט דוד צוריק גע'טענה'ט, "און מיר האבן שוין נישט קיין צייט צו גראבן שוץ-גריבער. ווער ס'וועט בלייבן דא איז אחת דתו - -".

ר' אפרים פישל האט זיך אויפגעשטעלט, און זיינע אויגן האבן געבליטשקעט מיט א פעסטקייט, ער האט אויפגעהויבן זיין האנט און געזאגט: "הער מיך אויס, דוד, סוכת דוד הנופלת איז נאך אלץ שטערקער



**אַ סוכה אין פוילן בעפאָר דער קריג**

פארזעצונג אויף זייט 20

ווי סיי וועלכער שעלטער! אין די הושענות פון מארגן זאגן מיר, "הושענה שלש שעות, הושענא". און מיר האבן א מסורה אז דער וואס וועט זיך געפינען אין די סוכה ווען ס'קומט א פורענות אויף דאס אידישע פאלק, וועט גערעטעוועט ווערן. לאמיר זאגן צוזאמען די ווערטער פונעם פייטן, דו וועסט נישט האבן קיין צייט דאס צו זאגן מארגן: קְרֵב תְּשׁוּעוֹת, רֶגֶשׁ תְּשׁוּאוֹת, שָׁלֹשׁ שָׁעוֹת, תָּחִישׁ לִתְשׁוּעוֹת".

דער וויצע קאמאנדיר האט איבערגע'חזר'ט די ווערטער און געבליבן שטיל. "הלוואי זאל דער באשעפער העלפן פאר אונז אלע, מיר זאלן זוכה זיין צו תשועות".

ער האט צוריקגענומען צו זיך דעם ביקס וואס ער האט אראפגעלייגט בשעת ער האט גערעדט צו פראָיקע, געדריקט דעם האנט פונעם רב, און דערנאך געפאלן אויף זיין האלז און געזאגט: "רבי, גיט מיר א ברכה".

ער איז ארויס פון צימער נאכן באקומען א ברכה, פול מיט בטחון. ער איז ארויס צואיילן די וואס האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, אז זיי זאלן זיך אונטעריאגן און זיך נישט פארזוימען. דערנאך האט ער באקוקט די וואפן פון די פארטיזאנער, צי זיי האבן גענוג קוילן און גראנאטן. אויך האט ער באטראכט די מינעס וואס רוסישע פליגער האבן אראפגעלאזט פאר די פארטיזאנער. צו זיין איבערראשונג האט ער באמערקט אז ס'איז פון אמעריקאנער פראדוקציע. און פלוצים האט ער געשפירט אז ער איז נישט אליין אין דעם שרעקליכן קאמף. ער האט זיך בארואיגט, ווייל דער רב, הרב אפרים פישל, האט אין אים אריינגעגאסן א געפיל פון בטחון, און ער האט געטראכט צו זיך "הלואי זאל דער זכות פון די סוכות אויף אונז מגין זיין קעגן די פארשאלטענע רשעים".

## מסירות נפש
## פאר זיין טאטן

סיי ר' אפרים פישל און סיי דער וויצע קאמאנדיר האבן נישט באמערקט אז הערשל האט זיך באהאלטן אונטער א בעט און זיך צוגעהערט צו זייער שמועס. ער האט זיך נישט געאיילט ארויסצוקומען פון זיין באהעלטעניש, ווייל ער איז געווען אויפגעבערויזט. פון איין זייט דארף ער דורכפירן זיין אויפגאבע, אבזערווירן די טריט פון די דייטשן. מער פון דעם האט ער נישט געקענט טון צוליב זיין וואונד אין די פיס וואס האט זיך נישט אויסגעהיילט, אבער ער האט ערפילט א וויכטיגע אויפגאבע מיטן אבזערווירן די טריט פון די דייטשן. ער האט געדארפט דינען אלס די אויגן פון די קעמפער. ער האט אויך געהאלטן א ביקס, און געקענט שיסן אויף די דייטשן פון זיין באהעלטעניש.

אבער פון די אנדערע זייט, איז ער דאך מחוייב אין כיבוד אב! אויב ער וועט געבן א האנט פאר זיין אלטן טאטע, און ער וועט אים פון מאל צו מאל טראגן אויף זיין אקסל, קען ער אים צופירן צו א באהעלטעניש. און אזוי אינמיטן זיין קווענקלעניש, האט ער געטראכט צו זיך, אז אפשר קען א צווייטער ערפילן זיין אויפגאבע צו אבזערווירן די דייטשן, טראץ דעם וואס ער איז געווען פאררעכנט אלס א מומחה אין דעם תפקיד. ער האט געהאט פארשידענע סימנים לויט די בלעטער און די ווינטן, און לויט די קולות פון די פייגלעך, פון וואו דער שונא קומט, דאקעגן אויב ער וועט נישט העלפן פאר זיין טאטן, וועט א צווייטער אים זיכער נישט ארויספירן פון די סכנה.

ער איז נישט געווען איבערצייגט אז דאס זיצן אין סוכה וועט באשיצן די וואס זיצן דערין. נישט ווייל ער האט זיך נישט פארלאזט אויף הקב"ה, נאר ווייל דאס לעבן אין וואלד האט אין אים אריינגעברענגט א געפיל, אז ס'איז זייער שווער זיך צו ראטעווען פון די רשעים. 'די מלחמה וואס מיר קעמפן,' האט ער געטראכט צו זיך מיט צער, 'איז א מלחמה פון יאוש. עס זענען כמעט שוין נישט געבליבן קיין אידן איבער די וועלט. די מידת הדין איז ליידער שולט אויף די אידן, און מ'קען זיך נישט באהאלטן'. און וויבאלד די מחשבות האבן אוועקגעשטויסן זיין אפטימיזם, האט זיך אראפגעלאזט אויף אים א גרויס חשכות. א שרעק האט אים ארומגענומען און ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן.

ווייזט אויס אז ער האט איינגעדרימלט אויף א ווײלע, און ווען ער האט זיך אויפגעכאפט איז עס געווען ווי פון א שלעכטן חלום, א קאלטער שווייס האט אים באגאסן, און זיין גאנצער קערפער האט געציטערט. ער איז ארויסגעקראכן פון אונטער'ן בעט. זיין טאטע איז געווען פארטיפט אין א ספר און ער האט אים נישט געוואלט שטערן. זיין אטעם איז געווארן שווער, און נישט ווילנדיג האט ער ארויסגעלאזט א קרעכץ און זיין טאטע האט אים באמערקט.

"הערשל, וואס טוסטו דא?" האט ער געפרעגט זיין זון.

הערשל: "א גוטן, טאטע, איך האף אז איך שטער דיך נישט".

ר' אפרים: "חלילה, דער מינסקער קאמאנדיר איז דא געווען ביי מיר".

הערשל: "איך ווייס טאטע, איך האב אלעס געהערט".

ר' אפרים: "האסט געהערט?"

הערשל: "יא, אונטער'ן בעט".

ר' אפרים: "ביסט געקומען זיך געזעגענען, און נעמען א ברכה?"

הערשל: "ניין טאטע, נישט געזעגענען זיך בין איך געקומען, נאר איך וויל דיר אנטראגן אז איך וועל דיך ארויספירן פונעם לאגער, די באמבאדירונג וועט זיך אנהייבן צופרי. אויב מיר וועלן נישט אנטלויפן איצט, וועלן מיר נישט קענען טרעפן שוץ".

ר' אפרים: "איך בלייב אין די סוכה".

הערשל: "אין סומכין על הנס, טאטע".

ר' אפרים: "דאס איז נישט קיין נס, ס'איז דער דרך העולם, דער דרך הטבע. די סוכה איז אונזער פעסטונג. כי יצפנני בסוכה".

הערשל: "דו ווילסט מיך בארואיגן, אבער באמת ביסטו אליין נישט זיכער דערמיט"...

ר' אפרים: "א מענטש איז קיינמאל נישט זיכער, אבער ער איז מחוייב צו האבן בטחון אין אויבערשטן, ער איז דער איינציגער משען ומבטח".

הערשל: "זאל איך בלייבן מיט דיר אין די סוכה? איך זאל אכטונג אז די דייטשן זאלן נישט אריינדרינגען דערין"...

ר' אפרים: "אויב דו מיט נאך אנדערע וועלן בלייבן אין לאגער, און נישט טון אייער אויפגאבע, האב איך מורא אז די דייטשן וועלן אנקומען צו אונז".

הערשל: "אבער אפשר וועלן מיר דורכפאלן אזוי ווי די רוסישע מיליטער איז דורכגעפאלן".

ר' אפרים: "דו האסט איצט מורא צו קעמפן קעגן די דייטשן, און ווען איר האט באפאלן דעם לאגער האסטו נישט מורא געהאט?"

הערשל: "מיר האבן אלע מורא, אבער אז ס'איז נישטא קיין ברירה מוז מען קעמפן".

ר' אפרים: "און איצט איז דען יא דא א ברירה?"

הערשל: "איך בין נישט זיכער. איך קען בלייבן מיט דיר אין די סוכה".

ר' אפרים: "אויב דו וועסט נישט גיין מיט די פארטיזאנער וועסטו ווערן פאררעכנט אלס א דעזערטירער. אין א מלחמה האבן די דעזערטירער איין פסק דין; טויט־שטראף דורך זייערע חברים".

הערשל: "דא זענען מיר אלע אידן, אידן האבן רחמנות".

ר' אפרים: "מ'טאר זיי נישט שטעלן אין א נסיון. אין א מלחמה, ביי יעדע מלחמה, ווערן מענטשן פארוואנדלט אין חיות, די וועלט איז באשאפן געווארן פאר שלום און נישט פאר מלחמה. און דערפאר, די וואס גייען מקיים זיין מצוות התורה און הרג'ענען די עיר הנידחת זענען זוכה צו א ספעציעלע ברכה אז דער אויבערשטער גיט זיי רחמים, ווי ס'שטייט אין פסוק, ונתן לך רחמים".

הערשל: "דער זכות פון כיבוד אב וועט מיר

פארזעצונג אויף זייט 22

ביישטיין, איך בין דאך סייווי פארוואונדעט. איך וועל אויך בלייבן אין די סוכה און איך וועל דיך אפהיטן. איך בעט דיך, טאטע".

ר' אפרים: "אם ה' לא ישמר עיר שווא שקד שומר".

הערשל: "דו האסט צוגעזאגט פארן קאמאנדיר אז אין די סוכה וועלן אלע גערעטעוועט ווערן?"

ר' אפרים: "אין סומכין על הנס. דאס מיינט, אז מ'טאר נישט אויסנוצן דעם נס צופיל. ווער ס'קען נישט גיין וועט זוכה זיין צו א נס, אבער דער וואס קען ניצול ווערן אָן א נס, דער קען חלילה געטראפן ווערן פון מידת הדין".

הערשל: "איך דארף גיין קעמפן?"

ר' אפרים: "דו האסט דען אן אנדערע ברירה. ביסט דען נישט געגאנגען מיט זיי ווען איר האט אטאקירט דעם ארבעטס לאגער וואו מיר האבן זיך געפינען?"

הערשל: "דיין זכות האט מגין געווען אויף מיר. פון הימל האט מען געוואלט אז דו זאלסט גערעטעוועט ווערן און איך זאל זיין דער שליח מצוה. און אז איך וועל בלייבן היטן אויף דיר, וועט דער זכות ביישטיין פאר מיר איצט אויך".

ר' אפרים: "מיין קינד, אויף די 'הושענא שלש שעות' דארף איך נישט די הילף פון א שומר בשר ודם!"

הערשל: "ריכטיג. און דו האסט נישט מורא אז איך וועל גע'הרג'עט ווערן אין דעם קאמף? מיר וועלן זיין מעטים אקעגן רבים. זיי זענען געשולטע קעמפער מיט כלי משחית, און מיר זענען שוואך".

ר' אפרים: "ישועת ה' כהרף עין. און איך רעד נישט פון א נס שלא בדרך הטבע. מיר זענען איצט אין דעם יום טוב סוכות. ביום הכפורים, מיט עטליכע טעג צוריק, האט הקב"ה גע'חתמ'עט אונזער גזר דין. אויב דו ביסט געווארן פארשריבן בספר החיים וועט דיר נישט פאסירן קיין שלעכטס. גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי".

הערשל: "און אויב נישט?"

ר' אפרים: "חלילה, חלילה לך".

הערשל: "אבער איך שטעל מיך אליין אריין אין א מקום סכנה".

ר' אפרים: "דו דארפסט פארשטיין מיין קינד, נאר דו ביסט געבליבן פון מיין משפחה. גאנץ אייראפע, און אפשר די גאנצע וועלט איז היינט א מקום סכנה. ס'איז נישט פארהאן אן ארט וואו מ'איז נישט אין א סכנה פון דעם שונא. דאס איז גזירת המקום נישט נאר אויף אונז נאר אויף די גאנצע וועלט, און באזונדערס אויף דעם אידישן פאלק. אבער מיר זענען פארזיכערט פון אויבערשטן, אז ער וועט נישט צולאזן אז מ'זאל דאס גאנצע אידישע פאלק פארניכטן ח"ו".



אידישע פאַרטיזאנער אין די וועלדער נעבן ווילנא

הערשל: "אבער מיר זענען פאריאגט און פארפלאקט".

ר' אפרים: "ריכטיג, מיר זענען נרדפים און נרצחים, ביים שוועל פון טויט. נאך קיינמאל זענען מיר נישט געווען אין אזא מצב. אבער די הבטחה פאר אונזערע אבות אז דאס אידישע פאלק וועט אייביג בלייבן איז א נצחיות, און מיר טארן נישט פארלירן די האפענונג. עס האט זיך אנגעהויבן איצט א ניי יאר, און דער וואס איז גע'חתמ'עט געווארן צו לעבן, די וואס זענען געווארן פארשריבן אין דעם ספר החיים, איז אפילו אויב ער וועט ארויסגיין צו א שווערן קאמף וועט ער בלייבן לעבן. ווייל אזוי איז דער רצון פון דעם החותך חיים לכל חי. און איינער וואס איז צווישן די עוברים בקיצם, איז אויך אויב ער וועט זיך באהאלטן אין בונקער בתוך בונקער, וואו א באמבע קען בכלל נישט אנקומען, וועט אים גארנישט העלפן. שלמה המלך האט שוין געזאגט 'אין שלטון ביום המוות.'"

הערשל איז געפאלן אויפן האלז פון זיין טאטן און געזאגט: "איך גיי, און אפשר וועלן מיר זיך נאך טרעפן, בעזר השם".

ר' אפרים האט ארומגענומען זיין זון, געלייגט די הענט אויף זיין קאפ און געזאגט: "חזק ואמץ, ברכות הורי והורי-הורי יעמדו לך ולזרעך" - דער זכות פון מיינע עלטערן וועלן דיר ביישטיין. ער האט אים געבענטשט מיט ברכת כהנים, און דאס לעצטע ווארט "שלום" האט ער געזאגט הויך און האט עס אויסגעצויגן במשך א לאנגע מינוט. ער האט באגלייט זיין זון ביז ארויס פונעם באראק, ווייל ער האט געוואוסט, אז אויך דאס באגלייטן איז א סארט שמירה מעולה.

## די ענדע פון די מעשה

דער אלטער וואס האט דערציילט די מעשה האט פלוצים געזאגט: "חברים, א דאנק פאר ענק אז איר האט מיך אויסגעהערט. דאס איז דער סיפור. איך האב דאס געהערט פון די בעלי המעשה אליין.

"נו," האב איך געפרעגט, "אבער וואס איז געשען צום סוף?"

"דאס איז שוין אן אנדערע מעשה".

"איך מוז וויסן".

"און ס'אינטערעסירט דיך נישט וואס איז געשען מיט מיר?"

"ס'איז זייער אינטערעסאנט", האב איך געזאגט.

"מער ווי אינטערעסאנט," האט דער אלטער געזאגט, "קודם כל, איך בין בכלל נישט קיין רוסישער, איך בין א 'יעקע', ווי איר רופט אזא איינעם. איך בין אריין אין די מעשה צוליב מיינע עלטערן. זיי זענען געווען הייסע קאמוניסטן, ווי אסאך אידן אין יענע צייטן. דאן האט מען געגלייבט, אז

פארזעצונג אויף זייט 24

נאר דורך א רעוואלוציע פון די ארבייטער, א וועלט-איבערקערעניש וואס וועט חרוב מאכן די וועלט ביז צום יסוד, און דערנאך בויען א נייע וועלט, וועט מען קענען פארזיכערן א בעסערע צוקונפט.

"איך בין נישט געבוירן אין רוסלאנד, איך בין געבוירן געווארן אין בערלין עטליכע יאר פאר די ערשטע וועלט מלחמה. מיינע עלטערן און נאך קאמוניסטן זענען געווען קעגן די מלחמה, אבער זיי האבן געזען דערין א האפענונג, אז אלע אלטע רעזשימען זאלן צוזאמפאלן, אלע ממלכות זאלן ווערן צעבערעקלט, און אזוי האט טאקע פאסירט, אין רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך-אונגארן. אין רוסלאנד האבן די קאמוניסטן איבערגענומען דעם רעזשים, און אין דייטשלאנד האט זיך אנגעהויבן א ראדיקאלע נאציאנאליזם. דאן האבן מיינע עלטערן אימיגרירט קיין רוסלאנד, און זיי זענען נישט געווען די איינציגע, עס זענען מיטגעקומען מיט זיי א גרויסע גרופע פון טיפשים - מיינע נעבעכדיגע עלטערן זאלן מיר מוחל זיין. אבער אין די גרויסע אויסראטונג פון סטאלין זענען מיינע עלטערן פארשיקט געווארן קיין סיביר און זענען נישט צוריק פון דארט. איך בין אויפגעוואקסן געווארן אין א בית יתומים. אבער וויבאלד איך האב מיך אויסגעצייכנט אין די לימודים, האט מען מיך געשיקט צו לערנען אין אן אוניווערזיטעט.

"ווען דייטשלאנד האט אינוואדירט רוסלאנד בין איך געווען א סטודענט דאס דריטע יאר אין מאסקווע. מ'האט מיך געשיקט אלס א נוירס צום פראנט, און ערשט אין מיליטער בין אין און אויך זיי געוואויר געווארן אז איך בין גאר א איד... ס'איז שווער צו זאגן אז איך האב געוואוסט וואס מיינט א איד. נאר ס'איז נישט אזוי געזונט צו זיין א איד אין רוסלאנד און אין דייטשלאנד, אפילו ווען מ'ווייסט גארנישט פון אידישקייט. אונזער באטאליאן איז צעשמעטערט געווארן. די אוקראינער האבן זיך געפריידט צו ווערן געפאנגען, אבער איך מיט נאך סאלדאטן האבן באוויזן צו אנטלויפן. און אזוי זענען מיר אנגעקומען צו די וועלדער פון פאלסיע".

די פילע געסט האבן צוביסלעך פארלאזט די סוכה, אבער איך האב ווייטער געפרעגט שאלות און נישט געקענט אפשטילן מיין נייגער.

"לאמיר צוריקגיין צו וואס ס'האט פאסירט יענעם טאג". דער אלטער האט געבעטן דעם אייניקל אנצוגיסן א גלאז טיי, אפשר די זעקסטע די נאכט, "ביי אונז אין רוסלאנד טרינקט מען אסאך טיי," האט ער זיך אנטשולדיגט. "טראץ דעם וואס מיינע עלטערן האבן געטרינקען נאר קאווע, אבער איך בין דאך א רוסישער. ביי אונז אין רוסלאנד ווען מ'טראגט דיר אן א גלאז טיי, פרעגט מען צי דער חבר וויל דאס מיט א האנטוך אדער אן א האנטוך".

"א האנטוך?! ווי קומט א האנטוך צו טיי?" האב איך געפרעגט.

און דער אלטער, וואס האט פארשטאנען אז איך וועל פרעגן, האט ערקלערט: "טיי מיט א האנטוך מיינט א גאר שטארקע און הייסע טיי. דער האנטוך איז פאר די שווייס, אבער דא אין ארץ ישראל שוויצט מען אויך אן א ווארימע טיי," האט ער זיך צעלאכט. און איך האב פארשטאנען, אז אלס א געלונגענער דערציילער, וויל ער מיך אנציען ביז צום דראמאטישן סוף, האב איך מיטגעארבעט מיט אים.

"איך טרינק טיי נאר ווען איך בין קראנק," האב איך געזאגט. "און דרך אגב, אויב מ'מעג פרעגן, וואס איז געשען ביי יענעם קאמף, אויך דעמאלט האט איר געטרינקען טיי? א האנטוך האט איר זיכער נישט געהאט..."

אה," האט דער אלטער געזאגט, "מיר האבן נישט געטרינקען, אבער מיר האבן געשפירט ווי מיר וואלטן געטרינקען פילע טשייניקס. ס'איז געווען גאר א געלונגענע מלחמה. גרישא, דוד מיט זייערע סאלדאטן האבן באוויזן צו איבערראשן די דייטשן. זיי האבן געשאסן אויף זיי פון אלע זייטן. די אטאקע פון די דייטשן איז דורכגעפאלן, און די דייטשן האבן זיך צוריקגעצויגן פון דארט בבושת פנים".

"טאקע א געלונגענע אקציע," האב איך געזאגט, "אז די צעבראכענע אידעלעך האבן געקענט פארטרייבן און באזיגן אזעלכע געשולטע סאלדאטן, אבער וואס איז געשען פאר די מענטשן אין די סוכה?"

"אהא," האט דער אלטער געזאגט, "זיי זענען געראטעוועט געווארן! די באמבעס זענען בכלל נישט אנגעקומען צו די סוכות!!"

"און וואס איז געשען מיט פראַיקע און הערשל?" האב איך געפרעגט.

"איך ווייס נישט, דאס לעצטע מאל וואס איך האב זיי געזען, איז געווען אין טאג וואס די רויטע ארמיי האט איינגענומען פאלסיע. די אידישע פארטיזאנער האבן זיך אנגעשלאסן אין די רויטע ארמיי, און א טייל פון זיי זענען אנגעקומען אזוי ווי איך, אפילו קיין בערלין".

"און דו אליין, וואס איז געווען דיין חלק אין די גאנצע מעשה?" האב איך געפרעגט, נישט ווייסנדיג פארוואס. אבער דאן האב איך פארשטאנען אז דער אלטער האט אזוי געבויט זיין מעשה, אז אט די שאלה האט געדארפט זיין די לעצטע שאלה.

די בלויע אויגן פון דעם אלטיטשקן האבן געבליטשקעט, ער האט דאן דערנענטערט זיין קאפ צו מיר, און געזאגט: "איך האב אפילו נישט געוואוסט וואס מיינט א סוכה, ביז יענעם טאג".

"איך פארשטיי, אבער דו האסט מיר נישט געענטפערט אויף מיין שאלה, וואו קומסטו אריין אין די גאנצע מעשה? אפשר ביסטו געווען פון די ערשטע הילף וואס האבן אפגעווארט די קעמפער פינף קילאמעטער אוועק?"...

איך האב דאס געזאגט אביסל ציניש, וויל דער אלטער האט שוין אנגעצויגן מיינע נערוון.

אבער ער האט זיך אונטערגעשמייכלט און געזאגט: "זאלסט וויסן אז דאס איז א געהיימער סוד פון ערשטן ראנג, צוליב דעם האב איך באקומען נאך די מלחמה די העכסטע רוסישע אויסצייכענונג, איך בין געווען דער מאן וואס איז געקומען מיט דעם מאטאר ביציקל ווארענען די פארטיזאנער מיט די עס.עס. מונדירן"... ■



**איך בין געווען דער מאן וואס איז געקומען מיט דעם מאטאר ביציקל...**

# יום טוב סוכות
# ביי הייליגע צדיקים

שמחה מיט מסירות נפש! אמאל, אין איינע פון די נעכט פון חול המועד סוכות, זענען די תלמידים פון חזון איש זצ"ל אריין צו איהם כדי מקיים צו זיין די מצוה פון "חייב אדם להקביל פני רבו ברגל".

דער חזון איש איז דעמאלץ זייער שוואך געווען, און איז געלעגן אנגעשפארט אויף זיין בעט, און מיט א שטילע שטימע האט ער געבעטן פון איינער פון די אנוועזנדע צו מאכן "יום-טוב'דיג".

יענער האט אנגעהויבן א ניגון, און אלע האבן זיך ארויסגעלאזט אין א הילכיגן געזאנג. און דאן, פלוצלונג, האט דער הייליגער חזון איש זיך אויפגעטרייסלט פון זיין געלעגער, אראפגעווארפן זיינע שטעק-שיך און זיך גענומען טאנצן אויפ'ן בעט מיט גרויס התלהבות.

נאכ'ן טאנצן, איז דער חזון איש געבליבן ממש אן כוחות, וואס האט קלאר אנגעוויזן ווי שטארק ער האט זיך אנגעשטרענגט מקיים צו זיין די מצוה פון "ושמחת בחגך".

## אפילו א פאלשע שמחה!

אינ'ם הייליגן ספר "ישמח ישראל" ברענגט ער אראפ פונ'ם אלטן אלכסנדר רבי'ן זי"ע, אויפ'ן פסוק "והיית אך שמח", אז די ראשי-תיבות פון אט די ווערטער איז "שוא", דאס הייסט פאלש, ווייל "עס איז בעסער א פאלשע שמחה ווי אַן אמת'ע מרה-שחורה".

## איך פשוט'ע אידן!

הרה"ק רבי לוי יצחק בארדיטשוב'ער זי"ע, פלעגט אריינעמען ביי זיך אין סוכה אלע סארטן געסט, און ווען מ'האט איהם אמאל געפרעגט דערוועגן, האט ער אזוי געענטפערט:

ווען משיח וועט קומען, וועט דאך זיין די ספעציעלע סוכה פון "עורו של לויתן", אבער ביים טיהר וועט זיין א שומר און ער וועט נישט אריינלאזן יעדן. אז איך וועל דארט וועלן אריינגיין, וועט ער מיר פרעגן מיט וואס פארא זכות בין איך ווערד אריינצוגיין.

וועל איך ענטפערן: אויך ביי מיר אין סוכה האב איך נישט מקפיד געווען וועגן די געסט וועלכע קומען אריין, און איך האב יעדן אריינגעלאזט.

"און אזוי", האט דער הייליגער בארדיטשוב'ער אויסגעפיהרט, "וועט מען מיר אריינלאזן דארט צווישן די צדיקים מיט משיח צדקינו".

## בלויז דברי תורה!

דאס פאלגנדע שרייבט דער הייליגער "ראשית חכמה":

מיין רבי, דער הייליגער רמ"ק זי"ע (מחבר פון "תומר דבורה"), האט זיך געפיהרט נישט צו רעדן אין סוכה לענגאויס דעם גאנצן יו"ט סוכות, נאר בלויז דברי תורה, ווייל די מצוה פון סוכה איז גאר הייליג, און א ראיה דערצו איז, אז די ברעטער פון די סוכה טארן נישט באנוצט ווערן גאנץ סוכות..

און אזוי געפינען מיר אז רבי שמעון בר יוחאי זאגט אז די הייליגע אבות קומען צו די סוכה, אזוי ארום אז די סוכה איז גאר הייליג, און דעריבער זאל מען זיך דערווייטערן פון פארברענגען u1494 מיט פוסטע רייד אין די סוכה, נאר מ'זאל מקיים זיין דעם פסוק "וגילו ברעדה", מיט פארכט פאר'ן הייליגן באשעפער.

## נישט ארויסגעגאנגען פון סוכה...

דער הייליגער מהר"ם שיק זצוק"ל האט זיך מחמיר געווען נישט ארויסצוגיין פון זיין סוכה פאר קיין שום זאך. איינמאל איז ער געשטאנען און געווארט צוויי שעה אין סוכה ביז איינער איז אריבערגעגאנגען נאנט צום סוכה, און ער האט איהם געבעטן אז ער זאל איהם ברענגען א געוויסן ספר פון קבלה וואס ער האט געדארפט האבן אצינד.

## וואס מ'טוט נאר - איז א מצוה

אמאל, אין איינע פון די טעג פון סוכות, האט דער בית אהרן פון קארלין זי"ע געזאגט ווי פאלגענד:

"די גרויסקייט פון סוכות איז, מ'איז מקיים א מצוה מיט יעדע זאך, מיט עסן, מיט טרינקען, מיט שלאפן".

## א סוכה אויפ'ן דאך?!

ווען עס איז אנגעקומען דעם הייליגן יו"ט סוכות, האט דער הייליגער צדיק רבי משה פון קאברין זי"ע אנגעזאגט פאר זיינע חסידים אז זיי זאלן זעהן אריינצונעמען געסט אין די סוכה און זיי שיין אויפנעמען, און ער פלעגט דערביי ערקלערן:

עס שטייט אין גמרא אין מסכת עבודה זרה, אז ווען משיח וועט קומען וועט דער אויבערשטער אויספרובן די גויים זאגנדיג אז ער האט א גרינגע מצוה, 'סוכה' איז איהר נאמען, גייט און מאכט יעדער איינער א סוכה - און גלייך וועט יעדער איינער גיין און מאכן א סוכה אויפ'ן דאך פון זיין הויז.

שטעלט זיך דער פראגע - האט דער צדיק ווייטער ערקלערט - פארוואס וועלן זיי מאכן דעם סוכה פונקט אויפ'ן דאך?

נאר דער ענטפער איז, אז זיי וועלן עס מאכן דווקא אויפ'ן דאך, כדי זיכער צו זיין אז קיין גאסט אדער שכן וועט נישט אריינקומען אין די סוכה.

אט דאס - האט דער רבי אויסגעפיהרט - איז ווי א גוי מאכט די מצוה פון סוכה, אבער איהר, טייערע, זאלט זעהן אריינצונעמען געסט ביי זיך אין סוכה.

## דורך אמונה קומט מען צו זייער קדושה

אין ספר אזור אליהו - פונ'ם ווילנער גאון זצוק"ל - ווערט געברענגט:

דורכדעם וואס דער מענטש טוט זיך שטארקן מיט גרויסע אמונה, קען ער צוקומען צו די קדושה פון די הייליגע אושפיזין.

דאס זאגט דער פסוק "כל האזרח בישראל ישבו בסוכות", "ישבו" איז א לשון פון "משיבת נפש", זיך דערקוויקן דאס זעהל, מ'טוט זיך דערקוויקן און אויפגעלעבט ווערן דורכ'ן סוכה וועלכע איז דעם בחינה פון אמונה, "צילא דמהימנותא".

## נישט געקוקט אויפ'ן פרייז!

ווען דער הייליגער אריז"ל האט געקויפט א זאך פון א מצוה, למשל תפילין אדער אן אתרוג, האט ער נישט געקוקט וויפיל ער וועט איהם אפקאסטן, נאר ער פלעגט צאלן אלץ וואס מ'האט פון איהם פארלאנגט ביים ערשטן מאל, און ער פלעגט זאגן פאר'ן פארקויפער, האלטנדיג זיין טייסטער מיט געלט: "דא האסטו געלט, נעם וויפיל דו ווילסט".

## זיך נישט גרויסהאלטן מיט'ן אתרוג..

מ'זאגט נאך פון צדיקים, אז אתר"ג איז די ראשי-תיבות "אל ת'בואני ר'גל ג'אוה", צו ווייזן פאר'ן מענטש, אז ער זאל זיך נישט גרויסהאלטן מיט זיין שיינעם אתרוג וואס ער האט זיך איינגעקויפט לכבוד יו"ט.

## הושענא עליית שבטים!

אמאל הושענא רבא בא ביי די הקפות מיט'ן לולב און אתרוג, האט הרה"ק רבי אלתר פון ז'זיקוב זי"ע הי"ד זיך אפגעשטעלט און אזוי געטייטשט:

הייליגער באשעפער, העלף אונז אז די 'שבטים', די קלעפט (אזוי ווי עס שטייט "חושך שבטו שונא בְּנו") וואס די אידן באקומען רח"ל פון די שלעכטע גוים, זאל ארויפגיין אויבן אין הימל און פועל'ן פאר אונז אז מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן!

## מערן תהלים אין די טעג!

הרה"ק רבי מרדכי פון נאדווארנע זי"ע האט באפוילן, אז אויב מ'וויל לאזן רופן שוהלן אין אנדערע שטעט מיט'ן נאמען "נאדווארנער שטיבל", דאן מוז מען זעהן אויסצוזאגן גאנץ תהלים אום פורים און שמחת תורה, ווייל עס איז גאר חשוב אין הימל דאס וואס מ'זאגט תהלים אין אט די הייליגע טעג.

י. ק. קענזי איילענד

# אושפיזין בסוכות ועוד

## צדקה ערב סוכות

ערב סוכות איז דא א גרויסער ענין עפ"י אר"י הקדוש (פע"ח חג הסוכות פ"ג) צו געבן [א] צדקה (והביאוהו הפוסקים, ראה שע"ת סימן תרכ"ה, מטה אפרים שם סכ"א).

## איינלאדענען די אושפיזין בפה דוקא

עס איז באקאנט וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש אז די הייליגע אושפיזין קומען אין די סוכה [ב].

דער יסוד ושורש העבודה (שער האיתון פי"א) איז מדייק פון זוהר הקדוש אז זיי קומען נאר **אויב מ'לאדענט זיי איין בפה דוקא**, און אפילו א צדיק גמור אויב ער איז נישט מזמין די אושפיזין בפה מלא קומען זיי נישט.

דערפאר דארף מען זיין געווארענט צו זאגן די איינלאדענונג פאר די אושפיזין און נישט נאר ביי די ערשטע סעודה (וואס דעמאלטס האט מען די פרישקייט פון דעם יו"ט..) נאר ביי יעדע סעודה פון יו"ט און חוה"מ.

## צו זיין בשמחה אין די סוכה

דער של"ה הקדוש ברענגט ארויס אז אין זוהר שטייט אז מ'דארף זיך פרייען מיט די אושפיזין (מיט א ליכטיגע פנים) און אוודאי נישט האבן קיין "משהו" כעס.

## לערנען וועגן די אושפיזין

עס ווערט געברענגט צו לערנען יעדן טאג (ביי די סעודה וכדומה) וועגן די אושפיזין [למשל די ערשטע טאג רעדן פון מדת החסד, די מדה פון אברהם אבינו, און אזוי ווייטער] (ראה מטה אפרים סימן תרכ"ה, אלף למטה ס"ק ק"ט) [ג].

## געבן די חלק פון די אושפיזין פאר די ארימעלייט

מ'זעהט אין זוהר הקדוש גאר שארפע ווערטער וועגן דעם גרויסן חיוב צו געבן פאר די ארימעלייט זייער חלק, **דער זוהר זאגט אז די חלק פון די אושפיזין דאס איז דער חלק וואס מ'געבט פאר די ארימעלייט**. און אויב מ'געבט דאס נישט זענען זיי זייער מקפיד רח"ל (יעו"ש בפנים).

ספרים (יסוד ושורש העבודה, פלא יועץ ועוד) ברענגען אז אויב מ'קען נישט איינלאדענען ארימעלייט צו די סעודה, זאל מען אריבערשיקן צו זיי אין שטוב זייער חלק, אדער מ'זאל געבן צדקה פאר יום טוב (און אויב איינער האט פארשפעטיגט קען ער מפריש זיין במחשבה יו"ט און עס שיקן חול המועד צו די גבאי צדקה).

עס איז דא וואס פירן זיך צו געבן עקסטער פאר יעדע סעודה, דאס הייסט מ'שיידט אפ ערב סוכות א סכום געלט פאר די ערשטע סעודה, און א סכום געלט פאר די צווייטע סעודה און אזוי ווייטער (מוזכר שם).

## ווער עס טראגט דער נאמען פון די אושפיזין

איינער וואס האט די זעלבע נאמען פון די אושפיזין, האט א קשר מיט די אושפיזין יענעם טאג, און ער קען ביי זיך מעורר זיין די מדה פון די אושפיזא (ראה תורת אמת [ד] שנת תרכ"ח).

## נישט אריינלאזן א גוי אין די סוכה

די קדושה פון די סוכה איז זייער גרויס [ה], דערפאר איז דא וואס זענען מקפיד נישט אריינצולאזן דארט א גוי (ראה ש"ך עה"ת [ו] פרשת אמור [מובא בכף החיים סימן תרל"ט סק"ו], יסוד יוסף פע"ז, וראה פייט לסוכות).

## אכטונג געבן אויף נטילת ידים סוכות

עס שטייט אין יסוד יוסף אז דאס וואס חז"ל זאגן (ר"ה ט"ז.) אז סוכות איז מען דן אויף די וואסער מיינט אז מען איז דן וויאזוי א מענטש האט זיך געפירט בנוגע נטילת ידים לסעודה און טהרת המקוה. [דערפאר זאל מען אכטונג געבן אין די טעג מער אויף די ענינים כהלכה].

### מקורות והערות

[א] הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע היה נותן בערב סוכות סכומים עצומים לקופת ר"מ בעל הנס, שיוכלו לקיים מצות סוכה כדבעי ולא ירדו גשמים.

[ב] ומובא מספר ברכת אהרן שהרה"ק מקארלין זי"ע אמר "הצדיקים אומרים שרואים את האושפיזין קדישין, ואנו מאמינים אז די אושפיזין זענען דא, און מיר זאגן אז גלויבען איז גרעסער ווי זעהן". וכן ידוע מהנודע ביהודה זצ"ל.

[ג] וראה יסוד ושורש העבודה (שער י"א סופי"ג) שכתב כן בכלליות "עיקר כבודם [של האשפיזין] הוא הלימוד על השלחן, וזמירות ושבחים, ולהנאות עניים ואביונים משלחנו".

[ד] וז"ל התורת אמת (שנת תרכ"ח): "איתא בכתבי האריז"ל אשר כל שם שקורין לאדם יש לו שייכות לזה האיש בפנימיות שרשו, והגם שאנו רואין ששמם כשם הגדולים ואין בהם אף שמץ מנהם, עכ"ז בהפנימיות שלו אם ירצה לעורר אותו ימצא בשרשו אותו כח מקדושת השם שיש לו" עיי"ש עוד.

[ה] הטריסקער מגיד זי"ע אמר פעם "כלי מאוסה אין מכניסין בהסוכה, ואין לך דבר מאוס יותר משקר" (מובא בילקוט מקראי קודש, פתגמין קדישין עס"ה).

[ו] וראה שו"ת מקדש ישראל סימן שנ"ב שנסתפק לענין אם אפשר להניח שפחה לנקות את הסוכה, ויש לדייק קצת דבש"ך עה"ת הנ"ל מבואר דעיקר הקפידא הוא שהשבעה רועים מקפידים ע"ז, ואולי זה דוקא בשעה שנמצאים שם והיינו בעת האכילה, ואין לנו עסק בנסתרות.

וביסוד יוסף משמע דיותר יש להקפיד שלא לדבר עמו בסוכה וכש"כ שלא לאכול עמו שם. ולפלא יש לציין מה שכתב עוד (סוף פע"ה) דיש ליזהר בסוכות שלא להרבות בדיבור עם ערלים כלל (משמע שלא בתוך הסוכה ג"כ) יעו"ש טעמו.

# א סוכה אויף די 25'סטע שטאק




**טייערע לעכטיגע קינדערלעך!**

אונז שטייען יעצט אין די פרייליכע הייליגע יו"ט סוכות וואס מיר זענען אין די שאטן פון דער אויבערשטער, אהה! אזא זכי', איז לאמיר דערציילן א וואונדערליכע מעשה וואס איז דערציילט געווארן פאר די קינדער פון "שומרי הלשון" אין בית המדרש דושינסקיא לאנדאן חול המועד סוכות תשפ"ב.

געווענליך דערציילט מען פון פוילן פון אונגארן פון מאראקא צי פון ארץ ישראל, יעצט אבער גייט מען פארציילן זייער אן אינטערעסאנטע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט אין אמעריקע.

**אין די גרויסע אמעריקע איז דא א שטאט וואס הייסט שיקאגא,** אין שיקאגא איז דא זייער אסאך היימישע אידן היינט, אמאליגע צייטן איז אבער כמעט נישט געווען, נאכן קריג איז שוין יא געווען, ווי למשל דער גרויסער צדיק דער ווייטצענער רב זי"ע (וואס מיר האבן פארציילט פון אים לעצטע יאר פ' כי תבא), אבער אונז גייען יעצט צוריק צו די פריערדיגע צייטן אין שיקאגא, אין די יאר תרמ"ט, 531 יאר צוריק.

די שטאט שיקאגא איז א גרויסע באוואוינטע ביזי שטאט, דארטן איז שוין דעמאלטס אין יענע צייטן געווען הויכע געביידע'ס מיט הויכע שטאקן. אין די גאס מעדיסאן סטריט איז געשטאנען א גרויסע באוואוינטע בילדינג מיט פינף און צוואנציג שטאק, און אין די בילדינג אין מעדיסאן סטריט האט געוואוינט א פוילישער איד מיטן נאמען אפרים, **ר' אפרים איז געווען א פוילישער ערליכער איד וואס ער איז געקומען וואוינען קיין אמעריקע צוליב זיין דחקות און ארימקייט**, אין יענע צייטן זענען אידן כמעט נישט געקומען קיין אמעריקע און ווער עס איז יא געקומען קיין אמעריקע איז געקומען ווייל ער האט געוואלט האבן א פרייע לעבן, א לעבן אן קיין תורה ומצוות, א לעבן אן קיין שום פראבלעמען מיט די גוים, און לעבן אן קיין פראבלעמען מיט קיינעם, לעבן א מענטש פאר זיך להבדיל אזוי ווי א גוי ר"ל.

ווען איינער איז געפארן קיין אמעריקע וואוינען פאר די קריג איז מען געזעסן נאך אים שבעה, מען האט באוויינט דעם קינד וואס איז געפארן קיין אמעריקע, מען האט באוויינט דעם איד, ווייל אמעריקע איז נישט געווען קיין גוטע פלאץ. נאר נאך די מלחמה, נאך די מלחמה זענען געקומען אזעלכע גרויסע צדיקים וואס זיי האבן אויפגעשטעלט אידישקייט, איז אמעריקע געווארן אפילו נאמבער איינס פון אידישקייט אין די גאנצע וועלט.

אבער דער איד ר' אפרים איז געווען אן ערליכער איד, און ער האט געהאט מסירת




מעדיסאן סטריט אין שיקאגא

נפש פאר א מצוה, כאטשיג ער האט זיך אריינגעטון אין ארבעט, ער האט געשוויצט און געארבעט שווער אין אפיסעס צו קענען מאכן אפאר גרינע דאלארן, אבער געלעבט האט ער א אידישע לעבן, **ער האט אפילו נישט איין טאג פארפעלט פון זיינע שיעורים, משניות און גמרא, און אזוי האט ער זיך ממש אוועקגעגעבן פאר יעדע מצוה, ווי א פוילישער ערליכער איד**, אזוי ווי ער וואלט נאך ממש געוואוינט אין פוילן.

עס איז די ערשטע יאר וואס ר' אפרים איז געקומען וואוינען קיין אמעריקע, עס האט זיך געריקט די וואכן און די חדשים, עס דערנענטערט זיך שוין ראש השנה, עס איז געווען עפעס א בית מדרש'ל וואו ער האט געקענט דאווענען. ער געבט זיך א כאפ צום גדלי' א טאג נאך ראש השנה; אוי א סוכה, א סוכה, וואו גיי איך קענען מאכן א סוכה? אין די בילדינג וואו ער האט געוואוינט זענען געווען אזעלכע פארטשע"ס, טעראסעס, אבער איין פארטש איז געווען אונטער די אנדערע פארטש, אזוי איז געגאנגען ביז ארויף, פינף און צוואנציג שטאק איז געווען ביי יענע בילדינג, נאר די העכסטע די פינף און צוואנציג'סטע שטאק איז אונטערן הימל, אה מזל טוב, ער וואוינט דאך אבער נישט דארטן, ער וואוינט אויף די דרייצנ'טע שטאק, נו וואו קען ער מאכן א סוכה, ער דארף אראפנעמען אלע צוועלף פארטשעס העכער זיין קאפ אפשר אזוי וועט ער קענען מאכן א סוכה... עס גייט דאך אבער נישט אזוי, מען קען דאך נישט טון וואס מען וויל אפילו אין אמעריקע, עס איז דאך נישט זיינע פארטשעס עס באלאנגט דאך פאר אנדערע מענטשן.

**ר' אפרים האט זיך ארומגעדרייט ממש אן קיין קאפ; וואס טו איך? וואו גיי איך קענען בויען א סוכה? איך מוז דאך בויען א סוכה!** איך האב נישט קיין איין פלאץ וואו צו בויען מיין סוכה! וואס טוט מען, געוואלד און געשריגן.

ביז ער האט נישט מער און נישט וויניגער מחליט געווען, איך האב א געדאנק, עס גייט זיין זייער א שווערע געדאנק אבער ער גייט עס טון פאר די מצוה פון סוכה. עס איז אים נאך קיינמאל פארדעם נישט איינגעפאלן ארויפצוגיין אלע שטאקן ביז אויבן, **אבער יעצט איז ער ארויפגעגאנגען אלע שטאקן ביז אויבן, ביז די פינף און צוואנציג'סטע שטאק**. ער קומט אן אויבן, ער האט קוים געקענט אטעמען, ער האט געטראכט אפשר איז דא עפעס א הויז דא צו פארדינגען ער זאל קענען דינגען די הויז און האבן א פארטש. אבער ניין, ריין איין דירה איז נישט געשטאנען צום פארדינגען, דארטן האבן געוואוינט אלע נידעריגע גוים, וואס טוט מען?



די ווירבלדיגע געסל מעדיסאן-סטריט
אין שיקאגא פאר 120 יאר צוריק

א איד גיבט זיך אן עצה, ער גייט ארויף אויפן דאך פון די פינף און צוואנציג שטאקיגע בילדינג אין שיקאגא, און טראכט אפשר דא אויפן דאך וועל איך קענען מאכן א סוכה. ער קוקט ארום אויפן דאך, עס ווערט אים זייער נישט גוט, ער זעט אז אויפן דאך איז דא פיל מיט אזעלכע בודקעלעך וואס מענטשן האבן זיך געבויעט, איינער וואשט דארט זיינע וועש, דער צווייטער האלט דארטן זיינע רענצלעך מיט זיינע אלטע משלוח מנות'ן פון צען יאר צוריק, און עס ליגן דארטן קליידער מיט זאכן, דער הענגט אויף זיינע וועש דארטן, ער האט קיינמאל נישט געוואוסט פון די גאנצע זאך אויפן דאך ווייל ער איז קיינמאל נישט ארויפגעגאנגען, ער וואוינט נישט אין די הויכע שטאקן, די מענטשן פון די הויכע שטאקן זיי האבן דארטן געהאלטן זייערע זאכן.

ער טראכט וואס טו איך? **איך האב דאך נישט קיין ז' על ז' טפחים איבעריג פלאץ וואו איך קען מאכן א סוכה דא**, עס איז א גרויסע דאך אבער מיט אסאך בודקעלעך מיט אסאך זאכן דארטן.

אזוי קוקט ער זיך ארום, ווען פלוצלינג זעט ער אז ממש ביים עק פון די דאך איז דא א בארג פון אלטע שאפעס מיט קליידער מיט שמוץ, עס טוט זיך דארטן, דער עולם לייגט דארטן זייערע מיסט, מען ווארפט דארט אלע שמוץ. האט ער געטראכט צו זיך איך האב א פלאן, עס וועט מיר טאקע זיין א מורא'דיגע מסירת נפש, יעצט וועל איך דארפן אראפטראגן יעדע ביסל שמוץ פינף און צוואנציג שטאק, עס גייט נישט אז מען גיבט עס א ווארף אראפ, אז ער וועט אראפווארפן קליידער וועט מען מיינען אז עס רעגנט קליידער, משיח איז שוין געקומען... מען קען עס נישט אראפווארפן, מען דארף גיין מיט יעדע זאך אויף די פלייצע זיך אראפשלעפן אלע פינף און צוואנציג שטאק. ענק ווייסן וויפיל טרעפן פינף און צוואנציג שטאק איז, א חשבון פון ארום צוויי הונדערט און פופציג טרעפ, און נאכדעם צוריק ארויף און נאכדעם צוריק אראפ, עס וועט נעמען זייער א לאנגע צייט, ער וועט ענדיגן לכאורה חנוכה אראפנעמען אלע שמוץ, וואס טוט מען דא?

קודם האט ער מחליט געווען זאל זיין וואס זאל זיין, ער גייט צום בעל הבית פון די גרויסע בילדינג, דער גרויסער עושר, א גוי מיט אן אויסגעקראכענע קאפ וואס גלאנצט ווי די שיך.. ער גייט צו דעם גוי, זיינע גלעזער ליגן אים אויפן שפיץ נאז, ער האט געהאט זיין אפיס דארטן אונטן, און ער פרעגט אים, סי"ר, איך בין געווען היינט דא אויפן דאך, איך האב געזען וואס טוט זיך דארטן, איך וואלט געוואלט דינגען דארטן אזא קליינע פלאץ וואו איך זאל קענען בויען מיין סוכה.

וואס ווילסטו בויען? - פרעגט אים דער גוי.

איך וויל בויען אזא בודקעלע פאר מיינע רעליגיעזע זאכן.

ווייטער מיט דיינע רעליגיעזע זאכן, אפרים איך האב דיך שוין געזאגט "**דא איז אמעריקע**", ביסט דער איינציגסטער איד אין אמעריקע וואס איך זע מיט די רעליגיעזע זאכן, די רעליגיעזע זאכן האט מען איבערגעלאזט אין פוילן אדער אויפן ים, דא איז אמעריקע.

ר' אפרים בלייבט אים אבער נישט שולדיג: יא, אבער דארפסט רעספעקטן מיין רעליגיע ווייל "**דא איז אמעריקע**" און עס איז א פרייע וועלט און מען קען זיין א איד אויב מען וויל זיין א איד און "**איך וויל זיין א איד**", דאס בין איך געבוירן און אזוי וועל איך שטארבן.

איך האב גארנישט געזאגט, זאגט דער בעל הבית. נו וואס ווילסטו, נו?

איך וויל דינגען א פלאץ אויפן דאך. זאגט אפרים.

זאגט אים דער בעה"ב, עס איז נישט דא קיין פלאץ, עס איז שוין דא אן אווע"ר-בוקינ"ג פון פלאץ, די אלע פלעצער זענען שוין באשטעלט, מען האט עס שוין געדינגען איינער פאר א יאר איינער פאר צוויי יאר, איך קען דיך שטעלן אויף די ליסטע.

יא, אבער חשוב'ער בעל



די וואלקן-קראצער געביידעס אין שיקאגא – גייט שוין צוריק איבער 100 יאר

הבית, עס איז דא דארטן אזא גאנצע בארג פון שמוץ ביים עק.

אה ווילסט דינגען די פלאץ פון די שמוץ, הא הא הא הא קענסט עס דינגען, אבער מיט א תנאי, אז דו טראגסט אראפ אלע שמוץ, איך ווארט שוין לאנג איינער זאל דאס דינגען און איינער זאל עס רייניגן.

פיין, יא, איך בין גרייט, איך בין גרייט, העכסטנס וועל איך נעמען אפאר ציגאנער'ס אפאר נידעריגע גוים פאר אפאר צענט, און פאר יעדע זאק פון שמוץ וועלן זיי באקומען דריי צענט - דריי צענט איז אזוי ווי היינט א דאלער - איך וועל מיך אן עצה געבן, זאג מיר נאר דיין פרייז, זאגט אפרים פאר דער בעל הבית.

די בעל הבית טראכט, נארמאל נעם איך דריי דאלער א חודש (אין היינטיגע געלט 001 דאלער), אבער ווייל עס איז דא אסאך שמוץ וועל איך נעמען נאר צוויי דאלער.

אפרים טראכט צו זיך, צוויי דאלער איז אסאך געלט, אבער וואס טוט מען נישט פאר א מצוה, איך וועל עס דינגען קודם פאר די חודש. **ווייסטו וואס, איך דינג עס שוין פאר די גאנצע יאר**, א גאנצע יאר, זאל עס זיין מיין פלאץ אזוי קען איך צונעמען מיין סוכה ווען איך וויל און מען וועט נישט קלאפן אויף מיין טיר ווען גייסטו שוין צונעמען דיין סוכה... איך גיי עס קענען צונעמען פרשת קרח ווען איך וויל און קיין דאגות.

פיין, זאגט אים דער בעה"ב, א גאנצע יאר צוועלף חדשים איז פיר און צוואנציג דאלער.

אפרים האט געהאט אביסל דאלערס אוועקגעלייגט, און ער האט אוועקגעגעבן זיין געשפארטע געלט צו קענען בויען א סוכה אויפן דאך, א מסירת נפש, א פייערדיגער פוילישער איד. אפרים גייט, ער קלעטערט צוריק ארויף אויפן דאך, ער האט מיטגענומען אפאר גוים פאר דארטן, ער האט זיי געזאגט אז פאר יעדע זאק שמוץ וואס זיי נעמען אראפ גיבט ער זיי דריי צענט. זיי האבן זיך געפריידט און זיי האבן אראפגעשלעפט, איינער אויפן פלייצע איינער אויפן קאפ, דאס האט געגומען דריי פיר טעג.

אבער נאך דריי פיר טעג וואס מען האט שווער געארבעט אוועקצונעמען די שמוץ, מען האט שוין געהאלטן ממש ביים סוף האט זיך אנטדעקט אויף יענע פלאץ אונטער די שמוץ פיל מיט בערזלעך, מען האט געעפענט איין בערזל, געלט, די אנדערע בערזל, צירונגען, מען האט געזען יא יא יא דארט ליגט באהאלטן אוצרות, גאלדענע זילבערנע כלים אין אזעלכע אלטע צוקוועטשטע זעק ווייל עס איז געווען פיל מיט א בארג פון שמוץ שוין אפאר שטאק הויעך באלד, און מען האט אנטדעקט א ריזיגע אוצר פון דיאמאנטן, פערל שטיינער, גאלד און זילבער, א משונה'דיגע אוצר, אפרים האט נישט



אידישע געשעפטן אין מעדיסאן-סטריט אין שיקאגא - 120 יאר צוריק


א פוילישער איד גייענדיג מיט א שמחה מיט די ד' מינים סוכות


הויכע געביידעס אין שיקאגא פאר 120 יאר צוריק


הויכע אפארטמענט געביידעס אין שיקאגא

געוואלט אז די פאליציי זאל זיך אריינמישן אבער פאליציי איז געוואויר געווארן.

פאליציי קומען אריבער, זיי שלעפן זיך ארויף אלע שטאקן, און זיי שאצן אפ דעם אוצר, **זיי האבן געזען אז עס ליגט דארטן אן אוצר פון שווערע הונדערטער טויזנטער דאלארן, וואס אין היינטיגע צייטן איז עס מיליאנען דאלערס.**

אפרים ווייסט נישט וואו זיך אהין צו טון, און דער פאליציי אפיציר זאגט אים, העי אפרים דאס איז זיכער נישט דיינס, אונז מוזן עס דורכקוקן, דאס איז זיכער פון א באנדע פארברעכער'ס וואס זיי פלעגן האלטן דא זייערע רויב, עס קען נישט זיין פון איין מענטש אליינס, דאס איז א גרויסע גרויסע אוצר, אונז האבן נאך קיינמאל נישט געפינען אזא גרויסע אוצר.

די פאליציי האבן זיך אראפגעשלעפט מיט די גאנצע אוצר אלע טרעפן און זיי זענען אריבערגעגאנגען צו די פאליציי סטאנציע אין זייערע סטעישאן און זיי האבן אלעס אוועקגעלייגט און זיי האבן אנגעהויבן דורכקוקן אלע מיני גניבות וואס זענען געווען אלס אין די געגנט.

**ביז זיי זענען דערגאנגען אז פאר דרייסיג יאר צוריק - דאס מיינט פון היינט איז עס שוין 561 יאר צוריק - וואס דאס איז אין יאר תרי"ט** האט מען געכאפט א באנדע נידעריגע גוים וואס זענען געווען געפערליכע רויבערס, מאפיאנערן, און די פאליציי האט זיך נישט געקענט מיט זיי קיין עצה געבן. איינמאל איז פארגעקומען שיסערייען צווישן זיי מיט די פאליציי, **עס איז געגאנגען אהין און צוריק ביז עס האט זיך געענדיגט מיט א מכת בכורות, די גאנצע באנדע איז גע'הרג'עט געווארן.** מען האט דעמאלט דורכגעקוקט אלע זייערע קעשענעס אלע זייערע פלעצער וואו זיי האבן געוואוינט, האבן זיי געזען אפגעשריבן צווישן די זאכן אז זיי האבן ערגעץ אן אוצר א סטארידז"ש א פלאץ וואו קיינער ווייסט נישט וואו דאס איז, וואס דארטן טוען זיי באהאלטן זייערע אלע זאכן וואס זיי ווילן באהאלטן, אלע אוצרות ליגן דארטן טיף באגראבן און קיינער וועט עס מער נישט האבן.

יעצט האט זיך די פאליציי געכאפט אז יענע יאר האט מען קוים געהאט אויפגעבויט די בילדינג, די גרויסע עלעגאנטישע פינף און צוואנציג שטאקעדיגע בילדינג אויף מעדיסאן סטריט אין שיקאגא און אויף די דאך איז קיינער קיינמאל נישט אנגעקומען, זיי פלעגן קומען צו די שטילקייט פון די נאכט, ארויפגיין אלע טרעפן, און דארטן באהאלטן יעדע נאכט נאך אוצרות וואס זיי האבן בא'גנב'עט ביז מען האט זיי געכאפט, און ווען מען האט זיי גע'הרג'עט האבן זיי מיטגענומען די סוד מיט זיך אין קבר און קיינער האט נישט געוויסט, און יעצט איז עס אנטדעקט געווארן, דאס איז די אוצרות.

פאליציי האבן קודם גלייך אריינגעלייגט אין אלע צייטונגען אז מען האט געכאפט די אוצרות וואס די באנדיטן פלעגן בא'גנב'ענען פאר דרייסיג יאר צוריק, און ווער עס איז געקומען דעמאלט זאגן אז מען האט אים בא'גנב'עט קען יעצט אריבערקומען צו די פאליציי סטאנציע וואו עס איז דא אויסגעלייגט אויף א ריזיגע טיש אלע אוצרות, ווער עס קען געבן סימנים באקומט זיינע זאכן און ער קען עס אהיימנעמען.

אפרים טראכט צו זיך, שוין זאל זיין וואס זאל זיין, איך האב געטון מיינס, איך האב א סוכה וואס דאס איז די גרעסטע אוצר, עס גייט מיך גארנישט אן.

**אפרים האט געפראוועט די יום טוב סוכות אויפן דאך אויף יענע פלאץ וואו עס איז שוין געווען ריין מיט א מורא'דיגע שמחה,** ממש אז מיר קענען זיך נישט פארשטעלן, ער האט געזינגען, ער האט געשפירט אסאך מאל ווען ער האט ארויפגעקוקט אז ער איז אזוי נאנט צום אויבערשטן אזוי הויעך אז די וואלקן נעמט אים ארויף צוזאמען און ער טראגט אים אין ירושלים עיר הקודש צו די בית המקדש. אפרים האט געפראוועט מיט זיינע קינדער מיט א מורא'דיגע שמחה, ער האט פארגעסן וועגן די אוצרות צי עס איז יא זיינס צי עס איז נישט זיינס, ער האט זיך געפריידט מיט די מצוה ממש אה אזא מצוה קען איך טון מיט אזא מסירת נפש, עס האט מיך געקאסט אזויפיל געלט ב"ה.

עס איז דורכגעגאנגען די הייליגע יום טוב, עס רוקט זיך די פאר וואכן, און די פאליציי האבן יעדן טאג געהאט נאך אלטע פארקראכטע מענטשן וואס זיי האבן פאר דרייסיג יאר צוריק פארלוירן זייערע דיאמאנטן מיט זייערע צירונגען מיט זייערע זילבער, דריי פערטל פון די מענטשן האבן דאך שוין נישט געלעבט, נאר די וואס האבן נאך יא געלעבט און האבן נאך געדענקט די סימנים זענען געקומען.

**אכציג פראצענט איז געבליבן אויפן טיש ביי די פאליציי סטאנציע** און עס איז נישט גענומען געווארן ווייל מען האט זיך נישט געמאלדן. צוואנציג פראצענט פון די אוצר איז יא געגאנגען פאר מענטשן וואס זענען געקומען מיט די ריכטיגע סימנים.

עס איז געווען חנוכה צייט, אפרים פראוועט די יום טוב מיט א מורא'דיגע שמחה, אינמיטן באקומט ער א ידיעה פון די פאליציי אז יעצט איז די לעצטע צוויי דריי טעג און אויב מען מעלדט זיך נישט איז די אוצר זיינס!

אפרים האט זיך מורא'דיג שטארק געפריידט, אבער פלוצלינג הערט ער א קלאפ אויפן טיר. ער זעט אז ביי זיין טיר שטייט דער בעל הבית.

דער בעה"ב רופט זיך אן צו אים: איך האב געהערט אז דו האסט באקומען א בשורה פון די פאליציי אז נאך אפאר טעג איז די אוצר דיינס, **איך האב פאר דיר נייעס, דאס איז מיין בילדינג און מען האט עס געטראפן ביי מיר, און די אוצר איז מיינס.**

**אנטשולדיגט בעל הבית טייערער, אבער אונז האבן דאך געמאכט א קאנטראקט אונז האבן עס אפילו אפגעשריבן אויף פאפיר,** איך האב באצאלט פאר די גאנצע יאר, עס קען נישט גיין אזוי, אויב אז דו האלסט אז עס איז דיינס וועלן אונז זיך מוזן אויס'טענה'ן פארנט פון א ריכטער, מען וועט גיין צו א שופט.

ערלעדיגט איך גיי צו א שופט.

אבער וואס דער שופט וועט זאגן וועסטו מוזן אננעמען.

יא, יא, עס איז נישט די ערשטע געריכט וואס איך האב, איך האב יעדע וואך קאורט"ס מיט אנדערע מענטשן, דו ווייסט דאך איך בין זייער א נארמאלער מענטש. (א נארמאלער מענטש האט נישט יעדע וואך מיט אנדערע א קאור"ט, אפשר איין מאל אין צען יאר...) איך האב נישט קיין שום פראבלעם צו גיין צו די קאורט, יא יא.

מען האט אפגעשמועסט א טאג ווען מען וועט גיין צום געריכט.

די פאליציי האט צוריקגעברענגט די גאנצע אוצר צו ר' אפרים, ער האט גענומען די אוצר און איז אריבערגעגאנגען צום שופט צוזאמען מיטן בעל הבית.

דער שופט געבט א קלאפ מיט זיין האמערל און פרעגט וואס גייט דא פאר? וואס איז היינט די געריכט?

דער בעל הבית דער גוי רופט זיך אן, איך האב פאר אים פארדינגען א פלאץ און בשעת מען האט אוועקגענומען די שמוץ האט מען געטראפן אן אוצר, די באקאנטע אוצר יא יא יא די אוצר וואס


פאליציי אין שיקאגא פאר 130 יאר צוריק


א סוכה אין לעמבערג 120 יאר צוריק


שטעלט אייך פאָר א סוכה אויף דעם דאך פון דעם גיגאנטישן הויכן בערקלי'י בילדינג



מעדיסאן סטריט אין שיקאגא אין א פארנומענע טאג - 135 יאר צוריק

די גאנצע שטאט און די גאנצע אמעריקע רעדט וועגן דעם, אויף די דאך פון די פינף און צוואנציג שטאקיגע בילדינג. און דאס איז דאך מיין בילדינג, און אז עס איז מיין בילדינג איז עס מיין אוצר.

וואס טענה'סטו ר' אפרים? פרעגט דער דזשארדזש.

אפרים זאגט, עס איז טאקע זיין בילדינג איך האב נישט אפגעקויפט די בילדינג **אבער איך האב אפגעדינגען די פלאץ, און דא האב איך די פאפיר,** און ער ווייזט די פאפיר מיט די אונטערשריפט פון דער בעל הבית.

דער בעל הבית זאגט, יא איך האב טאקע גע'חתמ'עט, אבער די בילדינג איז מיינס און די אוצר איז אויך מיינס, איך האב אים נאר פארדינגען די פלאץ צו בויען זיין סוכה, איך האב נישט פארדינגען די אוצרות וואס איז דא דארטן.

אפרים טענה'ט אבער צוריק, דו האסט מיך עס פארדינגען אפילו פאר ביליגער ווייל עס איז דא דארטן שמוץ און דו האסט זיך מיט מיר אויסגענומען אז איך מוז אלעס אראפנעמען, אלע שמוץ איז מיינס, און וואס ליגט אין די שמוץ? אז מען טרעפט אין איינעמ'ס הויזן דארטן אויך אלטע באנקנאטן מיט אלטע געלטער איז עס אויך מיינס, און דאס איז געלעגן דארטן אלעס באגראבן.

דער שופט הערט אפרים'ס טענה און ער הערט דעם גוי'ס טענה, ער רוקט אראפ זיין גלעזער און ער זאגט פאר דעם גוי דער בעה"ב: די בילדינג איז דיינס, יא, גע'פסק'נט, די בילדינג איז דיינס, די שמוץ געהערט אבער פאר ר' אפרים ווייל ער האט אפגעדינגען די פלאץ, **און ער האט**



סוכות אין די גאסן פון דער אלטע היים

**דיר באצאלט פאר דעם פיר און צוואנציג דאלער פאר די יאר, די פלאץ איז זיינס די אוצר איז זיינס!!** ענק קענען אהיימגיין.

דער בעה"ב האט זיך געמוזט בייגן פארן שופט, איך נעם עס אן, איך האב עס דערלייגט, שוין וואס זאל איך טון, מארגן וועל איך האבן אן אנדערע געריכט דארט וועל איך געווינען מסתמא, יא...

און אפרים האט געדאנקט דעם אויבערשטן פאר די ריזיגע אוצר וואס ער האט דא באקומען, מען רעדט פון שווערע טויזנטער'ס אין יענע צייטן ער האט געקענט בויען אזעלכע פינף און צוואנציג שטאקיגע בנינים יעדע וואך פאר די נעקסטע 5 יאר.. אזויפיל געלט איז דאס געווען, ער איז געווארן א גרויסער עושר.

וויאזוי האט ער באקומען זיין עשירות קינדערלעך? ווייל ער האט געהאט מסירת נפש צו בויען א סוכה, עס האט אים געקאסט אזויפיל געלט, **ער האט געהאט מסירת נפש האט ער עס באקומען, ער האט גארנישט דערלייגט,** אמאל זעט מען גלייך און אמאל זעט מען אביסל שפעטער און אמאל זעט מען עס יארן שפעטער, אבער שאדן האט מען נישט אויף קיין מצוה.

**זאל דער אויבערשטער העלפן אונז אלע זאלן מקיים די מצוות אזוי ווי עס דארף צו זיין, און דער באשעפער וועט אונז שוין באצאלן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט אוצרות זהב וכסף, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו זיצן אין די סוכה פון די הויט פון דעם לויתן מיט אלע צדיקים וואס וועלן אויפשטיין תחיית המתים אינאיינעם, בקרוב ממש במהרה בימינו אמן.**



א סוכה אין בערלין 90 יאר צוריק



ציילט נאר אפ די סוכות  אין אונגערישע הייזער אין מאה שערים-ירושלים






# א שיינעם אתרוג

**טייערע לעכטיגע קינדערלעך!**

אזוי ווי עס דערנענטערט זיך שוין די הייליגע און די פריילעכסטע יום טוב, דער יום טוב סוכות איז דא זייער א שווערע מצוה צו מקיים זיין ווייל עס איז דא א מצוה פון זיבן טעג זיין פרייליך והיית אך שמח, נישט דא אזא יום טוב וואס מען דארף זיבן טעג זיין פרייליך והיית אך שמח, דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מען זאל עס קענען מקיים זיין פריילעכקייט און מען זאל א גאנץ יאר קענען מקיים זיין דער מצוה צו זיין א גאנץ יאר פרייליך ווייל עס שטייט עבדו את ד' בשמחה אלעמאל ווען מען דינט דער אויבערשטער דארף עס זיין פריילעכערהייט, פריילעכערהייט מיינט נישט אלעמאל א שמייכל, עס מיינט נאר אז א מענטש איז צופרידן און א מענטש איז אין א גוטע מוט, און פרייליך מיינט נישט צולאזט פרייליך מיינט גוט-מוטיג און גוטהארציג און א פריילעכע געמוט א גוטע הארץ און דאס מאכט פרייליך א מענטש און דאס מאכט פרייליך אנדערע, אזוי ווי עס קומט שוין די טעג דארף מען שוין ענק פארציילן א שטיקל מעשה, און אזוי ווי מען בויעט דאך שוין דעם סוכה און מען ארבעט שוין פאר סוכות דארף מען שוין וויסן אביסל אן השגה פון סוכות, לאמיר זעהן א מורא'דיגע מעשה:

*

**דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע** האט געהאט זייער א הייליגע און א חשוב'ע מנהג, אונז אלע זענען מקיים דער מנהג אויך, אבער ער האט זיך ספעציעל אוועקגעגעבן פארן מנהג פון "נוי סוכה".

דער הייליגער ראפשיצער רב איז וואכן און חדשים פאר סוכות געזעצן און אויסגעשניצט פון האלץ, אויסגעשניטן פון פאפיר און געפארבט געמאכט הערליכע טאוולעך פאר זיין סוכה, שיינע שטערנס פאר זיין סוכה מורא'דיגע בליטשקעדיג און גלאנציג, און מורא'דיג שיין, ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר דער מצוה פון נוי סוכה מורא'דיג שטארק.

די סכך האט ער נישט גערופן אפאר בחורים אדער שכנים זאלן איהם צוהעלפן נאר ער אליינס איז ארויפגעקראכן און אליינס געלייגט יעדע סכך, ער האט נישט געלאזט אפילו מען זאל איהם צוהעלפן און אויך אויב ער האט געזעהן אז די סוכה איז נאכנישט אינגאנצן באצירט נאכנישט גענוג שיין איז ער געלאפן און געקויפט נאך זאכן ער האט אפילו אויסגענוצט זיין גאנצע געלט פאר נוי סוכה, ער איז נישט געווען קיין עושר, אבער ער איז געווען א שטיקל רבי ער האט געהאט חסידים זיי האבן געברענגט אביסל געלט דאס גאנצע געלט האט ער געקענט אפילו אויסנוצן פאר נוי סוכה, ער האט זיך אוועקגעגעבן מיט א מסירות נפש פאר נוי סוכה.

אזוי ווי די הייליגע ראפשיצער רב גרייט זיך טאקע צו דער גרויסער מצוה פון סוכה דער גרויסע שמחה פון סוכה ער איז שוין צוגעגרייט מיט ד' מינים אלעס איז שוין געווען גרייט עס איז ערב סוכות, אלעס גלאנצט די גאנצע סוכה אלעס איז דא איין זאך פעלט, עס איז ערב סוכות אינדערפרי דער ראפשיצער רב שטעלט זיך אוועק ביי די שוועל פון די סוכה ביי די טיר פון די סוכה און זיין רעביצין איז דארט געווען, און ער זאגט פאר זיין פרוי דו זעעסט דאך איך האב אויפגעשטעלט די סוכה מיט מיין לעצט געבליבענע געלט, איך האב אויסגעצירט דער סוכה מיט די שענסטע נוי סוכה און יעצט בין איך געבליבן ליידיג אן קיין געלט, אפילו קיין גראשן האב איך נישט, א גראשן איז געווען די קלענסטע געלט, א פעני, זיין חשוב'ע רביצין האט גארנישט געקענט ענטפערן דערויף, זי האט געשוויגן, זי האט געוואלט גיין קאכן פאר יום טוב ברענגן ווייל אלע זאכן וואס מען דארף האבן אויפ'ן טיש פיש פלייש עס איז דאך א מורא'דיגע מצוה שמחת יום טוב זי קען גארנישט צוגרייטן פאר יום טוב עס איז נישטא קיין געלט זי האט געהאפט אז עס איז נאך דא עפעס געלט, אבער יעצט האט זי אליינס געהערט פון דער ראפשיצער רב אז עס איז נישט דא קיין געלט.

דער רב איז זיך אוועקגעגאנגען אין בית מדרש ער האט געלערנט אין געדאווענט אזוי איז דורכגעגאנגען זיין גאנצע טאג אין בית המדרש ערב סוכות ער איז אין בית מדרש.

זיין חשוב'ע רעבעצין האט געדאווענט צום אויבערשטער, דו ביסט דאך דער מפרנס לכל דו גיבסט דאך פאר יעדעם צו עסן פאר יעדע חי' פאר יעדע בהמה פאר יעדע מענטש און וואס זענען אונז אנדערש אונז דארפן דאך האבן א שמחת יום טוב, קוק ווי א שיינע סוכה מיין חשוב'ע מיין דער גרויסע רבי האט צוגעגרייט אלעס פאר דער סוכה, נו, ווי קען מען האבן א שמחה אז מען וועט נישט האבן קיין סעודה אזוי ווי עס דארף צו זיין.

אזוי נאכמיטאג איז עס געווען ווען בשעת זי דאווענט צום אויבערשטער קלאפט אריין צו איהר אין שטוב א מענטש, און זי מאכט אויף דעם טיהר, ווער איז דא? א איד! זי זעהט

דער גאסט און זי זעהט אויף איהם אז ער איז א נישט א איד פון דאהי, א פוילישע איז ער אדער א גאליציאנער איד, ער איז א פרעמדע.

דער גאסט לייגט אראפ זיינע פעקלעך און ער פרעגט דעם רביצין וואו איז דער רב? פרעגט זי וואס דארפסטו האבן דעם רב יעצט? איך וועל אייך זאגן איך קום פשוט פון זייער א ווייטע וועג איך קום פון וויען איך דארף פארן קיין לעמבערג א ווייטע וועג און אזוי ווי היינט איז ערב סוכות און איך מוז דאך דא בלייבן איך בין אויפן וועג איך קען נישט פארן ווייטער וויל איך פרעגן דעם רב צי איך קען דא איינשטיין אויף יום טוב.

אהו! זאגט דער רעבעצין אוודאי איר וועט זיין ביי אונז זייער אן אנגענעמע גאסט עס איז זייער חשוב ביי אונז אבער עס טוט מיר זייער ווי אייך צו זאגן אז אונז זענען זייער גרויסע ארימעלייט אונז האבן גארנישט קיין געלט און גארנישט צוגעגרייט אפילו קיין סעודת יום טוב עס איז שוין ערב יום טוב עטליכע שעה צום זמן און אונז האבן נאך גארנישט, דער רב האט אויסגענוצט דאס גאנצע געלט איינצוקויפן און צו מאכן הערליכע נוי סוכה צו באצירן און צו מאכן הערליך שיין די סוכה, ווי אזוי עס זעהט אויס וועלן מיר מוזן יוצא זיין די מצוה פון סעודות יום טוב מיט אן אלטן שטיקל ברויט מיט א קליין ביסל הערינג וואס אונז האבן נאך, און איהר גלייבט מיך נישט איר ווילט זעהן ווי שיין דער סוכה איז און ווי ליידיג מיין קאך איז קומט אריין וועל איך אייך ווייזן.

דער רביצין האט גלייך אריינגערופן דעם גאסט און געוויזן די סוכה קוקט ווי א שיינע סוכה דער רב האט געמאכט! און דער גאסט שטייט און ער שטוינט ער האט נישט געקענט גלייבן וואס ער זעהט אזעלכע הערליכע זאכן וואס דער רב אליינס געבט זיך אוועק פון זיין הייליגע צייט פון לערנען און דינען דעם אויבערשטער צו באצירן דעם סוכה, פארוואס? ווייל אין דעם ליגט אויך עבודת ד' עס איז אויך זייער א הייליגע זאך.

**קינדער עטס זאלט וויסן באצירן די סוכה איז עבודת ד' יא! דער הייליגער ראפשיצער רב דער גרויסע צדיק דער הייליגער ראפשיצער רב האט זיך אוועקגעגעבן אינגאנצן פון זיין צייט און זיין גאנצע געלט צו באצירן די סוכה עס זאל זיין שיין אזוי ווי עס פאסט פאר דעם הייליגן יום טוב סוכות.**

אזוי ווי דער גאסט שטוינט און זעהט דעם סוכה לייגט ער אריין זיין הענט און זיין קעשענע און ער נעמט ארויס א זעקעלע פון געלט און ער זאגט דעם רעבעצין דא האט איהר א זעקעלע געלט גייטס שנעל און כאפט נאך ווי לאנג די געשעפטן זענען אפן און קויפט איין לכבוד יום טוב אז עס זאל זיין א שמחת יום טוב ווי עס דארף צו זיין.




דער רביצין האט זיך אזוי געפריידט און זיך באדאנקט פאר אים, ווייסט, איר זענט אראפגעקומען ממש ווי א מלאך פון הימל איך ווייס נישט ווי אזוי אונז וואלטן געקענט אויסהאלטן!

די רביצין האט גענומען דאס געלט גלייך ארויסגעלאפן זי האט נאך געכאפט די געשעפטן, איינע פון די געשעפטן איז שוין געווען פארמאכט, איז זי אריבערגעלאפן צו יענעם אין שטוב, יענער האט געזען אז די רביצין דארף עפעס האבן, איז ער גלייך צוריקגעלאפן אין געשעפט און אויפגעמאכט,



**דער הייליגער ראפשיצער רב האט אויסגעשניצט פון האלץ  שיינע נוי סוכה**

און זי האט איינגעקויפט פרישע חלות ווין פיש אלס וואס מען דארף האבן, גרינצייגן פרוכט פלייש און זי האט אויפגעקאכט א גוטע קאמפאט און זי האט צוגעגרייט אלעס פאר דעם גרויסן יום טוב אזוי ווי עס דארף צו זיין, עס איז געווען פון די געשמאקסטע מאכלים, עס איז אריינגעקומען א ברכה אין די צייט און אין עטליכע שעה האט זי גרייט געמאכט דעם יום טובדיגע סעודה, מורא'דיג!

דער גאסט איז גלייך אוועק געגאנגען פון דארט ווי נאר ער האט איבערגעגעבן דאס געלט, געגאנגען אין בית מדרש זיך אראפגעזעצט אביסל לערנען.

דער רב זיצט א גאנץ נאכמיטאג אין בית מדרש ער זיצט און לערנט, ער ווייסט אפילו נישט וואס איז געווען ביי איהם אין שטוב וואס טוט זיך ביי אים אין שטוב, דער רב איז שוין געווען אנגעטוהן יום טוב'דיג ער איז שוין געווען גרייט, ער איז נישט געקומען א האלבע שעה פארן דאווענען געזאגט שיר השירים, ער איז געקומען זעקס זיבן שעה פארן דאווענען ער האט זיך אנגעטוהן שבת'דיג יום טוב'דיג און אזוי איז ער געגאנגען אין בית מדרש און אזוי האט ער געלערנט און זיין פלאן איז געווען אהיימצוקומען נאכן דאווענען מעריב יום טוב ביינאכט.

עס איז געווארן פארנאכטס די הייליגע יום טוב איז אנגעקומען דער גאסט איז געגאנגען אין בית מדרש דאווענען, דאס דאווענען איז געווען א מורא'דיגע דאווענען מיט'ן הייליגן ראפשיצער רב, נאכן דאווענען האט ער זיך געשטיפט צוזאמען מיט יעדעם איינעם, צו גיין צום רב און זאגן א גוט יום טוב שלו' עליכם, ער האט געבעטן דעם רב אז ער וויל עסן ביים רב די סעודה, דער רב זאגט איהם אנטשולדיגט מיר, עס טוט מיר זייער לייד וויל איך ווייס אז מיין רעבעצין האט גארנישט צוגעגרייט לכבוד יום טוב איך האב איר קיין געלט נישט איבערגעלאזט און זי האט למעשה גארנישט צוגעגרייט לכבוד יום טוב.

רופט זיך אן דער גאסט, רבי וואס איר וועט עסן וועל איך אויך עסן אבי מען נעמט מיך אריין אין די סוכה.

דער רבי האט דאס געהערט דער רבי האט נישט געטראכט איך האב אזא קליין שטיקל ברויט צוטיילן דאס אויך פאר א גאסט? נאר דער רבי האט געזאגט פיין, לאמיר גיין, און דער רבי מיטן גאסט לאזן זיך אויפן וועג אהיים.

דער הייליגער ראפשיצער רב איז אנגעקומען צו זיין שטוב ער איז געגאנגען גלייך צו די סוכה ער האט זיך געשטעלט אינדרויסן פון די סוכה ביים טיר פאר'ן

אריינקומען און מיט א טרויעריגע הארץ האט ער זיך אנגערופן סוכה סוכה! איך האב געטוהן דאס מערסטע פון מיינע כוחות אלס וואס איך האב נאר געקענט אויסצוצירן דאס שיינע סוכה וואס שענער און שענער צו מאכן דעם סוכה, איך האב דיך באדעקט מיט אזעלכע פרישע שמעקעדיגע סכך, אבער יעצט איך שעהם זיך פשוט אריינצוגיין אין דיר ווייל איך ווייס אז די רעבעצין האט אפילו נישט צוגעגרייט קיין חלה וואס המוציא צו מאכן אין דער סוכה, און אזוי האט דער רב געענדיגט זיינע ווערטער און ער עפנט אויף דעם טיהר פון די סוכה.

ווי איבערראשט און ערשטוינט איז ער געווארן ווען ער זעהט דעם טיש איז באלויכטן מיט שיינע לעכט די טיש גלאנצט מיט א הערליכע טישטיך, אויפן טיש איז צוגעגרייט פרישע חלות, אלע עסן ליגט אין די סוכה, פרישע וויינען, פיש, פלייש אלעס איז גרייט אויפן טיש און די קינדער זיצן ארום דעם טיש און שיינען פאר שמחה.

דער ראפשיצער רב האט גארנישט געפרעגט ווער עס האט דאס געברענגט ווער עס האט דאס געמאכט, נאר ער האט זיך אנגערופן צו זיין גאסט און ער דרייט זיך אויס צו אים, זעהט איר? דער באשעפער האט אונז נישט פארלאזט! איך בין געווען כמעט זיכער אז די ערשטע סעודה וועל איך יוצא זיין מיט אן אלטע שטיקל ברויט אבער דער רבונו של עולם פארלאזט נישט קיין איד, מן הסתם און עס איז זיכער אז עס איז פון אייער זכות, אזוי האט זיך דער ראפשיצער רב אנגערופן צו דעם איד נישט וויסנדיג אפילו אז יענער איד האט אויסגעלייגט דאס גאנצע געלט.

ווי אזוי הייסט איר? איך האב אייך נאך נישט געפרעגט!

איך וועל אייך זאגן, עס איז אן אינטערסאנטע נאמען און עס איז פונקט א נאמען וואס איז נוגע פאר היינט, מיין נאמען איז אברהם!

אזוי גאר?! אברהם?! פונקט אזוי ווי די אושפיזין פון דעם ערשטן טאג! אברהם אבינו! אט דא האב איך צוגעגרייט א בענקל א הערליכע שיינעם שטוהל וואס דא זיצט אברהם אבינו, נו, קומט זעץ זיך אוועק אויף דעם שטול וואס מען האט צוגעגרייט פאר די אושפיזא פון אברהם.

דער רב האט זיך מורא'דיג געפריידט אז ער האט איינער אברהם מיט אושפיזין ער האט זיך מורא'דיג שטארק געפריידט.

און דער רב האט אנגעהויבן צו ברענען און קאכן און מאכן קידוש, ער האט מכבד געווען דעם גאסט צו מאכן קידוש און עס איז געווען א קידוש דארט עס האט געשפאלטן הימלן און דער לישב בסוכה און דער שהחיינו האט מען געהערט אין דעם גאנצן דארף ראפשיץ

זיי האבן אנגעהויבן מיט די געשמאקע סעודה, זיי האבן געגעסן דאס גאנצע סעודה מיט א מורא'דיגע שמחה.

ווען זיי האבן געענדיגט די סעודה האבן זיי זיך ביידע ארויסגעלאזט אין א טענצל און זיי האבן געלויבט דעם אויבערשטן און געטאנצן ושמחת און אלע פרייליכע ניגונים אויף סוכות מיט א מורא'דיגע התלהבות.

דער ראפשיצער רב האט זייער שטארק געדאנקט דעם אויבערשטן אויף די חסדים וואס ער האט געוויזן פאר איהם און אזוי זענען זיי געטאנצן א גאנצע נאכט, עס איז געווארן כמעט פארטאגס האט זיך דער הייליגער ראפשיצער רב אביסל אראפגעלייגט אין די סוכה וואו ער האט צוגעגרייט דעם בעטל צו מקיים זיין תשבו כעין תדורו אז מען דארף שלאפן אין די סוכה דאס איז אויך א גרויסע מצוה, און ער האט געוויזן פאר'ן גאסט אז ער קען זיך אויך אראפלייגן שלאפן.



**דא האב איך צוגעגרייט א בענקל א הערליכע שיינעם שטוהל וואס דא זיצט אברהם אבינו,**

אינדערפרי דער רב איז אויפגעשטאנען - עס איז מסתמא געווען אפשר א האלבע שעה וואס ער איז געשלאפן - ווייל ער איז אויפגעשטאנען גלייך ווען עס איז געווארן אינדערפרי ווען מען קען שוין מקיים די מצוה פון ד' מינים, גלייך אינדערפרי זריזים מקדימים ער איז אויפגעשטאנען גלייך פארטאגס, און ער האט שנעל געכאפט זיין האנטוך און געלאפן אין מקוה ער האט זיך שוין געוואלט צוגרייטן צו די ד' מינים כאפן א מקוה נאך פארדעם.

און ער לויפט שנעל צו די בעט וואס ער האט געגעבן פאר'ן גאסט אים צו רופן אז ער קען אויך שוין קומען צו מקוה, אבער די בעט איז ליידיג! ער איז געווארן זייער זייער נישט רואיג, ער איז ארויסגעלאפן ער איז אריינגעלאפן אין זיין הויז, נאכאמאל אין די סוכה אהין און אהער אברהם! אברהם! אברהם!!!

ער איז געגאנגען אויפן גאס ער האט אנגעהויבן צו זעהן אביסל מענטשן האט דער רבי געזאגט עס איז דא איינער אברהם ער איז געווען דא נעכטן ער איז געשלאפן ביי מיר ער האט געגעסן ביי מיר די גאנצע נאכט ער איז נישט דא! זיינע פעקלעך זענען שוין אויך נישט געווען אויפן פלאץ, אוה מסתמא איז ער געגאנגען אין מקוה, דער רב איז איהם געגאנגען זוכן אין מקוה ער איז דארט אויך נישט געווען.

אזוי האט מען איהם געזוכט אין גאנצן שטאט אין אלע שוהל'ן אבער מען האט איהם נישט געקענט טרעפן.

**דעמאלט האט דער הייליגער ראפשיצער רב פארשטאנען אז דער גאס איז געווען אברהם אבינו ער אליינס איז געקומען און דער רבי האט פארשטאנען אז אברהם אבינו אליין איז געקומען צו גיין צו זיין סוכה אריין און דעם זכות פון זיין געטריישאפט וואס ער האט געהאט צו זיין סוכה און פאר זיין מסירות נפש וואס ער האט געהאט צו די סוכה.**

פון דעמאלט אן האט דער ראפשיצער רב זיך איינגעפירט א מנהג צו צינדן אסאך לעכט אין די סוכה אלס א זכרון א געדענקענישט פון דעם גרויסן נס אברהם אבינו וואס איז געווען ביי איהם אין די סוכה צוגאסט.

*

**דער הייליגער צמח דוד** טייטשט דאס וואס שטייט אין די **משנה המצטער פטור מן הסוכה**, איינער וואס האט צער פון די סוכה איז ער פטור צו זיצן אין די סוכה, אזוי איז פשוט פשט.

האט דער הייליגער צמח דוד געטייטשט **המצטער** איינער וואס האט צרות, **פטור** קען ער זיך פטר'ן אלע צרות **מן הסוכה** דורכ'ן מקיים מצות סוכה אזוי ווי עס דארף צו זיין.

*

**דער הייליגער צדיק רבי יצחק פון נעשכיז זצ"ל, צדיקים האבן געהאט א ענין צו רעדן פונעם הייליגן נשכיזער און אויב מען האט גערעדט אמאל פון נישט קיין גוטע זאך, און מען וויל ענדיגן מיט א גוטע זאך זאגט מען דער נעשכיזער איז געווען א גוטע איד.**

גייען מיר זעהן א שטיקל ביאגראפיע וואספארא גרויסע צדיק ער איז געווען, ער האט זייער זייער שווער משתדל געווען און געארבעט שווער אז ער זאל קענען באקומען די ד' מינים, ווייל אין זיין שטעטל אין זיין געגענט איז געווען זייער שווער צו באקומען.

יא יא אמאל איז נישט געווען אזוי לייכט ווי היינט, היינט קומען פליגער'ס שיפן פול מיט באקסעס מיט אתרוגים עס איז דא גענוג און נאך, מען קען קויפן פאר די קינדער אפילו

דריי פאר א משפחה, עס איז דא אסאך אסאך סוחרים דארף מען דאנקן דעם אויבערשטן ווייל נישט אלעמאל איז געווען אזוי לייכט.

**דער הייליגער צדיק רבי איצק'ל פון נעשכיז האט א גאנץ יאר אוועקגעלייגט פרוטה אויף א פרוטה ער זאל קענען האבן א ספעציעלע שיינע הערליכע גלאנציגע אתרוג.**

בין כסא לעשור ווערט אנגערופן די טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור, פלעגט ער זיך ארויסלאזן אויפן וועג מיט זיין בייטל געלט זוכנדיג א שיינעם אתרוג.

איינמאל אויפן וועג פארנדיג זוכן א שיינעם אתרוג ער האט טאקע געזעהן ביי דעם סוחר א שיינעם אתרוג אבער עס איז איהם נישט געפאלן, עס איז טאקע געווען שיין און ריין אבער דער אתרוג איז געגאנגען אביסל געבויגן פון אויבן עס איז נישט געווען א שיינעם גידול עס איז נישט געגאנגען אריין און ארויס, ער האט געזוכט א שיינעם הערליכע אתרוג וואס מער מקיים צו זיין די מצוה פון הדר עס שטייט דאך פרי עץ הדר.

אינמיטן וועג הערט ער עפעס א געוויינעריי, און ער האט אנגעהויבן צו גיין מער נאנט צו דער געוויינעריי עס ווערט איהם טאקע העכער און ער קומט שוין אן טאקע זעהט ער דארט עס איז געווען אזא אויסגעפלאסטערטע וועג אבער זייער א האקעדיגע ערד, שטיינערדיג, און ער זעהט דארט ווי א מענטש איז דארט אינמיטן גאס אויף דער ערד און נעבן איהם ליגט א טויטע פערד, און יענע מענטש וויינט בכיות נוראות ער מאכט אזא הספד, **דו ביסט געווען מיין גוטע פערד וואס מיט דיר האב איך געריטן און נעבעך נעבעך וואס איז געשען מיט דיר, אוי רבי איך זעה דער רבי איז מיך געקומען העלפן אפשר קען דער רבי מאכן תחיית המתים אויפן פערד,** און אזוי האט דער איד געוויינט, און דער רבי פרעגט איהם פארוואס וויינסטו אזוי שטארק וואס איז שוין געשען דער פערד איז געשטארבן נו וואס איז? ניין רבי! מיין גאנצע פרנסה איז אז איך בין א בעל עגלה, און יעצט אז מיין פערד איז אפגעשטארבן ווייס איך נישט וואס צו טוהן, פון וואו וועל איך יעצט נעמען פרנסה?! עס קומט דאך יעצט יום כיפור סוכות עס קומט יום טוב פון וואו וועל איך האבן אביסל געלט פאר מיין משפחה, פארוואס זאל איך נישט וויינען?!

דער צדיק דער הייליגער נשכיזער פרעגט איהם, זאג נאר ר' איד בעל עגלה איך האב גרויס מיטלייד מיט אייך וויפיל דארף צו קאסטן א נייע פערד? עס דארף צו קאסטן א פופציג גולדן! ווער וועט מיר דען קענען בארגן אזא גרויסע סכום פון פופציג גילדן? פאר אזא בלוטיגע ארימאן אזא בעל עגלה ווי מיך, קיינער וועט מיך נישט ווילן בארגן אפילו! און אפילו יא, ווייסט דען דער רבי ווי לאנג עס



קען מיך נעמען צוריקצובאצאלן פופציג גולדן ווען מאך איך שוין פופציג גולדן, אפאר חדשים נעמט מיך צו מאכן פופציג גולדן, און אזוי וויינט ער.

דער צדיק טראכט ביי זיך, אה הא! איך דארף זיין אזוי בשמחה, וואס דער אויבערשטער האט מיך צוגעשיקט יעצט א מצוה פון פיקוח נפש איך קען פשוט ראטעווען דעם איד ער האלט ביים אונטערגיין ער בלייבט דא אויף דער ערד ליגן ער וויל דאך נישט אהיים גיין ער וויל בלייבן מיטן פערד, איך מוז מאכן פיקוח נפש פאר דעם איד, דער אויבערשטער האט מיך צוגעשיקט איך בין אויפן וועג צו גיין קויפן אן אתרוג, פיין, איך האב זיך צוזאמען געקליבן געלט א גאנץ יאר צו קענען גיין קויפן א אתרוג, אבער דא איז מיך אונטער געקומען אן אנדערע מצוה, פארדעם גיבט ער זיך א רוף אן **רבונו של עולם דו ווילסט דאך אז איך זאל יעצט אוועקגעבן דאס געלט פאר דעם יוד צו קויפן א פערד, וועט אויסקומען דעמאלט אז די גאנצע וועלט וועט בענטשן סוכות אויף אן אתרוג און איך וועל בענטשן אויף א פערד.**

מיט א גרויסע שמחה נעמט ער ארויס דאס געלט וואס ער האט געהאט צוזאמגעזאמלט און ער ציילט עס אפ און עס איז געלעגן דארט פופציג גולדן פונקטליך, פון דעם האט ער געזעהן אז דאס האט דער אויבערשטער געוואלט פון מיך איך זאל איהם אוועקגעבן ביז דאס לעצטע ביסל געלט, דאס גאנצע צוזאמענגעקליבענע געלט, און ער האט דאס אוועקגעגעבן פאר דעם איד.

דער איד האט זיך אויפגעשטעלט, רבי!! איר זענט א מלאך! איהר זענט אראפגעקומען פון הימל, דער רבי ווייסט וואס איך וואלט געטוהן ווען נישט די רבי, איך וואלט דא אויסגעגאנגען מיט דעם פערד צוזאמען, איך וואלט זיך געטראפן מיט איהם אין גן עדן ווען נישט דאס וואס דער רבי וואלט מיך יעצט געגעבן, איך קען נישט גלייבן אז דער רבי גיבט מיך אוועק דאס גאנצע געלט?!

יא יא רבי איד! גייטס אהיים קויפט שוין א נייע פערד.

ער האט זיך מורא'דיג שטארק באדאנקט פארן רבי'ן, און ער איז גלייך געגאנגען קויפן א נייע פערד, און דער רבי דער הייליגער נעשכיזער האט זיך שוין צוריקגעדרייט, ער בענטשט דעם יאר אויף א פערד, ער האט נישט קיין אתרוג, ער איז בכלל נישט געווען צובראכן, ער איז געווען מורא'דיג פרייליך, יעדער איז מקיים דער יום טוב סוכות דער מצות אתרוג און איך וועל מקיים דעם מצות פערד די מצוה פון צדקה, אויך א גרויסע מצוה, אזוי האט ער זיך מחזק געווען ער איז בכלל נישט געווען צובראכן.

**ווי נאר דער הייליגער צדיק דער נעשכיזער איז אהיים געקומען אָן אַן אתרוג א מינוט נאכדעם קלאפט אריין איינער פון זיינע חסידים און ער זאגט, רבי! דאס יאר האב איך א שיינעם אתרוג פארן רבין, איך גלייב דער רבי האט אזא שיינעם אתרוג נאכנישט געזעהן.**

ער נעמט עס ארויס, דאס איז געווען א שיינע אתרוג א יופי איינס אין דער וועלט וואס דאס האט נאך קיינמאל נישט דער רבי געזעהן וואו ער איז געגאנגען זוכן אן אתרוג האט ער נישט געהאט אזא שיינע אתרוג.

האט דער הייליגער רבי יצחק פון נעשכיזער געזאגט, זעהט מען פון דעם אז ווען מען טוט א מצוה האט מען קיינמאל נישט קיין שאדן.



**דאס יאר האב איך א שיינע אתרוג פארן רבין**

**זאל דער אויבערשטער העלפן אז אונז זאלן זוכה זיין דעם יאר צו זיצן אין דער סוכה וואס איז געמאכט פון די הויט פון דעם לויתן צוזאמען מיט אברהם יצחק יעקב משה אהרן יוסף דוד, און אלע צדיקי וקדושים, און מקיים די מצוה פון עולה רגל זיין צום בית במקדש השלישי במהרה בימינו אמן.**